STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04136

MIT DER TSVEYTER ALIE

Itzhak Ben-Zvi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק בן־צבי

מיט דער צווייטער עליה

(זכרונות)

10

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

קיום

יצחק בן-צבי

מיט דער צווייטער עליה

(זכרונות)

◆

בוענאָס-איירעס
ה׳תשי״ז - 1956

משה פייגענבלום.

איבערזעצט פון העברעאיש:

א. א. פישער

אַרויסגעגעבן מיט דער פינאַנסיעלער מיטהילף פון:

יעקב און אסתר גראַבאָווסקי
פנחס און גיטל גרייוועל (לאַ פלאַטאַ)
משה און נחמה האָניק
משה און חנה זשוראַווליוועקער (לאַ פלאַטאַ)
יעקב און רחל טאָקער
מאיר און נעכע טאָקער
יצחק און תנחום יונאַוויץ און פרויען
נח און בערטאַ כהן
הערשל און בערטאַ לאַזניק
מיכאל און העניאַ לענגער
יוסף און איליאַנאַ פערעלשטיין (לאַ פלאַטאַ)
מאיר און סימע פרענגלער
אליהו און גאָלדע קאַפּלאַנסקי
יחיאל און רחל שוואַנדער

אינהאַלט

הקדמה — מ. רעגאַלסקי 9
פון פּאָלטאַווע ביז ציון 13
דער אָנהייב פון דער פּאַרטיי 28
נאָכן צוריקקומען קיין רוסלאַנד און מיין עליה צום צווייטן מאָל 37
די פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל אין די יאָרן 1904־7 50
די קאָנפערענץ פון די רוסישע פּועלי־ציון אין קראָקע און דער ציוניס־טישער קאָנגרעס אין האַג 65
די דריטע קאָנפערענץ; די גרינדונג פון „השומר" און „החורש" 77
די באַראַטונגען פון פּסח תרס"ח 100
די ראַיאָן־באַראַטונג אין סעדזשעראַ און די פאַרזאַמלונג פון „השומר" אין כפר תבור 116
וועגן דער אַגראַר־פּראַגע 127
אין טערקיי און די רייזע צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַמבורג 132
„האחדות" און אַנדערע פּאַרטיי־אויסגאַבן און די זיבעטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ 154
מיין לערן־צייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל 171
די עמערגענץ־באַראַטונג פון דער פּאַרטיי 183
אין אַמעריקע 198
די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע 224
די באַוועגונג פון פרייוויליקער מאָביליזאַציע און די יידישע לעגיאָנען אין אַמעריקע 239
די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פאַר דער אָרגאַניזאַציע פונעם ישוב 246
הוספות 255

הקדמה

מיט צוויי יאָר צוריק איז דער „קיום“־פאַרלאַג אַרויסגעקומען פאַר דער עפנטלעכקייט, פאַר דעם יידיש־לייענער מיט אַ בוך „נצח ישראל“ אַ זאַמלונג פון וויכטיקע און וואָגיקע אַרטיקלען און עסייען פון דער הויך־באַגאַבטער פעדער פון דעם ראש הממשלה אין ישראל, דוד בן־גוריון.

פאַר די גרויסע און וויכטיקע צילן, וואָס עס האָט זיך געשטעלט דער נייער פאַרלאַג צו קעמפן פאַר דער יידישער גייסטיקער עקזיס־טענץ, פאַרן קיום פון דעם יידישן פאָלק און דעם המשך פון זיין גייס־טיקער שאַפונג, האָט נישט געקאָנט זיין קיין בעסער אויסוואַל, ווי דאָס בוך פון דעם ערשטן פון די קעמפער פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער דער־לייזונג, אַ בוך וואָס אָטעמט מיט מוט און אינספּירירנדיקער גייסטיקער גבורה און דערהויבנקייט.

פאַר די צוויי יאָר, וואָס דער „קיום“ עקזיסטירט, האָט דער פאַר־לאַג אַרויסגעגעבן צען וואָגיקע ביכער. און זיין ע ר ש ט ע ן עטאַפּ פאַרענדיקט ער מיט אַ גרעסערער אַרבעט — „מיט דער צווייטער עליה“, וואָס שטאַמט פון דער פעדער פון אַן ערשט־קלאַסיקער נאַציאָ־נאַלער פיגור, י. בן־צבי, וואָס האָט זוכה געווען צו געווינען די סימפּאַ־טיע, ליבע און אנערקענונג פון דעם גאַנצן פאָלק ישראל און אויסגע־ווילט ווערן אַ ל ס נ ש י א פון ישראל.

אַזוי אַרום האָט דער פאַרלאַג „קיום“ געהאַט די מעגלעכקייט אָנ־צובאָטן דעם יידיש־לייענענדיקן מענטשן וויכטיקע און וואָגיקע ליטע־ראַרישע אַרבעטן, וואָס זענען צו דער זעלבער צייט יידישע געשיכטע דערציילט פון דער ערשטער קוואַל פון די, וועלכע האָבן אַליין גע־מאַכט אָדער מיטגעמאַכט די געשיכטע פון איינער פון די גרויסע, פון דער גרעסטער יידישער היסטאָרישער עפּאָכע.

יצחק בן־צבים בוך איז נישט קיין פּאָעטישע שילדערונג, דאָס איז אַ טרייע באַשרייבונג פון זאַכן, וואָס זענען געשען און פון וועלכע ער איז געווען דער ערלעכער און אמתדיקער כראָניקער און דירעקט־מיט־באַטייליקטער.

אין דער דאָזיקער כראָניק אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די געשיכ־טע פון איינער פון די וויכטיקסטע עפּאָכן אינעם יידישן לעבן, ווען עס איז אַנטשטאַנען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג מיט אירע דערגרייכונגען און דורכפאַלן.

פאַר אונדזערע אויגן וויקלט זיך אויס, ווי אויף אַ פילם־לענטע, די

שטילע און העלדישע עפּאָפּייע פון די, וועלכע האָבן זיך נישט באַפרידיקט מיט פרעדיקן אידעען, נאָר זענען געווען די ראשונים, וועלכע האָבן זיך נישט דערשראָקן פאַר דער ווּיסטקייט פון ארץ־ישראל און זענען אַוועק אין אַט־דעם מדבר־לאַנד, וואָס איז געווען אַמאָל אונדזער היימלאַנד און האָבן שריט נאָך שריט דעראָבערט דאָס לאַנד און האָבן די ווּיסטעני־שן און די טאָלן און די בערג פאַרוואַנדלט אין גרינע לאַנ־קעס און גערטנער.

און גלייכצייטיק מיט דער טיטאַנישער פיזישער אַרבעט און דעם האַרטן געראַנגל מיט דער ווּיסטער נאַטור און דעם עקשנותדיקן ווי־דעראויפבוי האָבן די פּיאָנערן פון דער צווייטער עליה באַשעפטיקט זייערע מוחות מיט דער אויסאַרבעטונג פון פּאַרטיי־פּראָגראַמען און האָבן זיך פאַרנומען מיט טעאָרעטישע פראַגן און פּראָבלעמען.

אין דער ערשטער ריי האָט די פּיאָנערן פון דער צווייטער עליה באַשעפטיקט די פראַגע פון דער רעאַליזירונג פון ציוניזם.

אין דעם פּרט איז זייער אינטערעסאַנט דער שמועס, וואָס בן־צבי האָט פאַרנאָטירט אין זיין געשיכטע אָדער היסטאָרישע כראָניק מיט זיין מיטשמועסער וויטקין.

בן־צבי שרייבט אין איינעם פון זיינע קאַפּיטלען:

„דער גורל ליגט נישט אין די הענט פון סולטאַן און נישט אין די הענט פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, נאָר אין די הענט פון פאָלק אַליין. בלויז די דערוואַכונג פון יונגע כוחות און זייער מאַסן־עליה וועלן אַריינ־ברענגען אַ שטראָם פון נייע כוחות, וועלכע וועלן מיט זייער אַרבעט אויפלעבן די קאָלאָניעס און די שטעט. דאָס איז דער איינציקער וועג, קיין אַנדערער איז נישטאָ. אזוי וועט פאַרבעסערט ווערן די לאַגע פון ציוניזם און עס וועט נעמען אַ סוף צו דער טעריטאָריאַליסטישער ליק־ווידאַציע...“

און ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז די פראַצע, די קרבנות־דיקע אַרבעט פון הייפלעך, פון אידעאַליסטן און טרוימער וועט איין מאָל אין אַ טאָג געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, מיט אַ פולן טריאומף און יצחק בן־צבי, דער שטילער, באַשיידענער מאַן מיט זיין חברטע און לעבנס־באַגלייטערן רחל ינאית וועלן פון זייער הילצערנעם צריף „אַריבערוואַנדערן“ אין פּרעזידענט־„פּאַלאַץ“ און געקרוינט ווערן מיט דעם פּרעזידענט־טיטל...

און נישט ווייניקער וואונדערלעך איז די גאַנצע געשיכטע פון דער צווייטער עליה, וואָס בן־צבי באַשרייבט אונדז, אין זיין אַרבעט „פון פאַלטאַווע קיין ציון“.

עס איז באמת מערקווירדיק, וואָס גראַד אין דרום־רוסלאַנד, ווו מען האָט גערעדט רוסיש, ווו ס'איז נישט געווען קיין יידישע קאָנצענ־טרירונג, ווי דאָס איז דער פאַל מיט פּוילן און ליטע, גראַד פון דרום

האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג געשעפּט אירע כוחות און אירע טוער בראש מיט ב. באָראָכאָוון.

גליקלעך זענען די מענער, וועלכע האָבן זוכה געווען צו דערלעבן די הגשמה פון דעם גרויסן נאַציאָנאַלן יידישן חלום.

און דער טריאומף האָט נישט פאַרשיכורט די מענער פון דער צווייטער עליה. מיט געצוימטן שטאָלץ און ווירדע טראָגן זיי די קרוין פון זייער דערפּאָלג.

דעם פּיאָנער, דעם וווּנדערבאַרן מענטש, קעמפער און בויער שיקט אַלס מתנה דער פאַרלאַג „קיום" זיין בוך פאַריידישט אַלס אויסדרוק פון גרויסער ליבע און פאַרערונג.

מ. רעגאַלסקי

פון פּאָלטאַווע ביז ציון

א.

איך בין געבוירן געוואָרן אין פּאָלטאַווע, אַ קרייז־שטאָט אין אוקראַינע, אָבער מיין פאָטער און די עלטערן פון מיין מוטער שטאַמען פון ליטע, פון ווילנער קרייז; פון דאָרטן האָבן זיי מיטגעבראַכט זייער יידיש־ליטווישע משפחה־טראַדיציע.

מיינע עלטערן האָבן מיך געוואָלט אַריינגעבן אין דער „קלאַסישער" רעגירונגס־גימנאַזיע אין דער שטאָט ווו מיר האָבן געוווינט, אָבער עס איז נישט לייכט געווען פאַר אַ יידן צו דערגרייכן אָט־דעם ציל ביים צאַרישן רע־זשים אין רוסלאַנד. עס זענען אַריבער יאָרן פון צוגרייטונגען; יעדעס יאָר האָב איך מיך געשטעלט צו די עקזאַמענעס אַלס עקסטערן, ביז איך האָב זוכה געווען אָנגענומען צו ווערן אין פינפטן קלאַס. פריער האָב איך געלערנט אין משך פון יאָרן אין פּריוואַטע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, אָנהייבנדיק אין „חדר" און ענדיקנדיק אין אַ „חדר מתוקן" — אַ מין פּריוואַטע האַלב־וועלט־לעכע שולע, וואָס איז געווען מער פּראָגרעסיוו ווי דער „חדר"; אויך אין די טעג פון די צוגרייטונגען צו דער גימנאַזיע האָב איך נישט פאַרנאַכלעסיקט מיינע העברעאישע לימודים. נאָכדעם ווי איך בין אַריינגעקומען אין דער גימנאַזיע, האָב איך פאַרגעזעצט מיט מיינע אייגענע כוחות דאָס לערנען עברית, אויסער די ווענט פון אַ שולע; אין יענער עפּאָכע שטעקט דער אָנ־הייב פון מיין ציוניסטישער דערציאונג.

פּאָלטאַווע — אַ רואיקע שטאָט, איינגעטונקען אין גרינס פון גערטנער און וועלדלעך, וואָס באָדט זיך אין די וואַסערן פון דער וואָרסקלאַ, וואָס פליסן לאַנגזאַם און פאַלן אַריין אין דעם גרויסן טייך דניעפּער — אָט די שטאָט דינט אַלס צענטער פאַר אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער געגנט וואָס איז רייך מיט פּרוכפּעריקע באָדנס. די פּויערים פון דער געגנט זענען אוקראַינער און אוקראַיניש איז זייער רייד־שפּראַך, אָבער די מענטשן פון דעם מיטעלן און העכערן שטאַנד אין דער שטאָט האָבן גערעדט און געטראַכט אויף רוסיש און זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דער קולטור פון דעם פאָלק וואָס האָט גע־הערשט אין דער מלוכה. צווישן די מאַסן האָט נאָך געלעבט די העטמאַנישע טראַדיציע און אין באַגדאַן כמעלניצקי האָבן זיי געזען אַ נאַציאָנאַלן העלד, אָבער אין שטאָט האָט געהערשט אַ קולט פון פעטער דעם גרויסן, וואָס אין זיין אָנדענק זענען אויפגעשטעלט געוואָרן בראָנדזענע מאָנומענטן איןביידע

עקן פון דער שטאָט, און דער ריזיקער שוועדן־קבר האָט באַצייכנט זיין זיג איבער די שוועדן. דער נאָמען פון מאַזעפּאַ (וואָס האָט מורד געווען קעגן פּעטערן) איז געווען אַ סינאָנים פון אַ גראָבן, גרויזאַמען און פאַרעטערישן מענטשן (זיכער האָט געשטעקט אין דעם אין אַ געוויסער מאָס חניפה צו די הערשערס). און דער נאָמען פון קאָטשאָבי — דעם מסור — איז געווען דער־הויבן און פאַרהערלעכט. אָבער צווישן פאָלק האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון האָפענונג באַפרייט צו ווערן פון דעם קאַצאַפּישן יאָך און אויך פון דער מאָסקאָלישער אידעאָלאָגיע.

וועגן אָט־די האָפענונגען האָט מען נישט געהערט אין דרויסן. אין דער גימנאַזיע איז געווען פאַרבאָטן צו רעדן אוקראַיניש, און אַפילו דער נאָמען „אוקראַינע" איז געווען פּסול. האָט מען גערופן יענץ לאַנד מיט דעם נאָמען „קליין־רוסלאַנד" און דאָס פאָלק וואָס האָט דאָרטן געוווינט זענען גערופן געוואָרן „קליין־רוסן". אויך דרוק־זאַכן אויף אוקראַיניש זענען געווען פּסול און מען האָט זיי נישט געטאָרט זען אינערגעץ. אויך אוקראַיניש טעאַטער איז נישט געווען דערלויבט און די אוקראַינישע ליטעראַטור וואָס איז גע־בראַכט געוואָרן פון גאַליציע, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אומלעגאַל און ווער עס האָט געהאַלטן ביי זיך אַזעלכע, איז געווען אויסגעשטעלט אויף אַ האַרבער שטראָף, פּונקט ווי יעדער לייענער פון „אומלעגאַלער" ליטעראַטור.

אין אַ שפּעטערדיקער תקופה, ווען עס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן נייע ווינטן, האָט די רעגירונג דערלויבט אויפצושטעלן אין פּאָלטאַווע אַ מאָנו־מענט פאַר קאָטליאַרעווסקין און אויך דאָס בוך לידער פון טאַראַס שעוו־טשענקאָ איז עפנטלעך דערלויבט געוואָרן.

אויף אַן אַנדער פלאַץ האָב איך באַשריבן אָט־די רואיקע שטאָט, אָן אַ אינדוסטריע און אָן אַ פּראָלעטאַריאַט — ווי עס זענען אין איר דערשינען פאַרשיקטע פונעם צאַר, וועלכע זענען אַהין פאַרשיקט געוואָרן אָפּצוקומען זייער גלות־פּליכט און ווי אַזוי די קאָנצענטרירונג פון אינטעליגענטע כוחות פון דעם סאָרט האָט פאַראורזאַכט אַן אויפברויז צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, סיי דער יידישער און סיי דער אוקראַיניש־רוסישער. איינער נאָך דעם אַנדערן זענען געגרינדעט געוואָרן אומלעגאַלע קרייזן — אַ קרייז פון ס"ד (סאָציאַלע דעמאָקראַטן) און פון ס"ר (סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן), אַ קרייז פון אוקראַינער רעוואָלוציאָנערן, אַן אַנאַרכיסטישער קרייז אאַז"וו. די שטו־דירנדיקע יוגנט — קודם־כל די שילער פון די רעגירונגס־שולן — און גאַנץ באַזונדערס די קינדער פון דעם יידישן מיטלשטאַנד — זענען מיטגעצויגן געוואָרן דורך די נייע אידייען און זענען איינגעשפּאַנט געוואָרן אינעם וואָגן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, לויט אירע פּאַרטייען.

ב.

אויב עס האָט אויסגעפּעלט אין פּאָלטאַווע פונעם 19טן יאָרהונדערט די אויסקריסטאַליזירטע יידישע סביבה פון די צענטערן און שטעטלעך פונעם

ווין־תחום, אויב עס האָט דאָרטן אויסגעפּעלט דער לעבנסשטייגער פון די ייִדישע מאַסן אין די גרויסע שטעט, די וואָלינער חסידות, די פּוילישע פרומ־קייט, די ליטווישע תורה און לומדות האָט דאָרט נישט אויסגעפּעלט דאָס נאַטירלעכע געפיל פונעם פּשוטן ייִדן, וועמען גאָט האָט באַשאָנקען מיט אַ געזונטן חוש, מיט אַ וואָך האַרץ און מיט אַ דערקענטעניש פון זיין מענטש־לעכן ווערט. אָט־די שפּירונגען האָבן געפונען פאַר זיך שפּייז אין דער טראַ־דיציאָנעלער סביבה און אין דער קינדער־דערציאונג פון אַ טייל אויפגעקלער־טע משפחות אין דער שטאָט.

נאָך אין די טעג פון מיין קינדהייט איז מיר אויסגעקומען צו הערן דערציילונגען וועגן דעם נייעם ארץ־ישראל, וואָס הייבט זיך אָן צו בויען, און אָט־די דערציילונגען האָבן ווי געוואָלט דערגאַנצן די דערציילונגען פון תנ״ך און די לעגענדעס פון דעם תלמוד, וועלכע איך האָב געלערנט אין „חדר״. די ביבל און די לעגענדעס, יוסיפון (די געשיכטע פון יוסף פלאַווי־אוס) און די העפטן פון יעב״ץ, זענען געווען ווי איין קייט. די פאָלקס־דער־ציילונגען און די דערציילונגען פון דער תורה, וואָס איך האָב געהערט פון מיין פאַרשטאָרבענער מוטער (קריינע ז״ל) — אפילו ווען זיי זענען דער־ציילט געוואָרן אין רוסיש — אינאיינעם מיט אַנדערע פאָלקסטימלעכע מעשיות, וואָס איך האָב געהערט נאָך אַלס צאַרט קינד — זענען איינגעקריצט געוואָרן אין מיין געדעכעניש אויף מיין גאַנץ לעבן; שפּעטער מיט יאָרן, ווען מיין פאָטער האָט זיך אומגעקערט פון זיין באַזוך אין ארץ־ישראל (אין יאָר 1891), און ווען ער האָט אונדז, קינדער, דערציילט אַלץ וואָס זיינע אויגן האָבן געזען און זיינע אויערן האָבן געהערט, וועגן די רואינען פון ירושלים און וועגן די נייע קאָלאָניעס, וועגן דער פּראַכט פונעם כרמל און דער שיינ־קייט פונעם שרון — זענען יענע זאַכן שוין נישט געווען פאַר אונדז ניי און איבערראַשנדיק, נאָר זיי זענען געווען ווי אַ פאָרזעצונג פון דער לעגענדע וואָס האָט זיך געוועבט, מונדלעך און שריפטלעך, און איז שוין באַקאַנט און נאָענט צום האַרצן.

דער לעבעדיקער בונד צווישן מיין שטאָט און ארץ־ישראל האָט זיך אָנ־געהויבן זינט דעם אָנהייב פון דעם נייעם ישוב. אייניקע פון די פאַלטאַווער זין האָבן זיך גערעכנט צווישן די ערשטע „בילויים״: די נעמען פון אליהו סווערדלאָוו און זיין שוועסטער (גדרה), שמעונוביץ און אַנדערע זענען מיר באַקאַנט געווען אין פאַלטאַווע, אַ סך יאָרן איידער איך האָב זוכה געווען עולה צו זיין דאָס ערשטע מאָל קיין ארץ־ישראל און צו באַקענען זיך פּער־זענלעך מיט די ערשטע בילויים. אַזוי איז מיר אויך באַקאַנט געוואָרן דער נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם שאַליט, אַ פאַלטאַוועער, וועלכער איז גע־וואָרן אַ מוסטער־פּויער אין ראשון לציון און האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אַלס איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אין פלאַנצונגען. נישט ווייניקער פון די אַרבעטער־חלוצים האָט באַאיינפלוסט דאָס האַרץ פון דער יוגנט די עליה — אין אַ שפּעטערדיקער תקופה — פון די לערערס וואָס האָבן גע־

ווירקט צווישן אונדז און פון זייער מויל האָבן מיר איבערגענומען די תורה און די קענטעניש ון וועגן יידישקייט און איר געשיכטע. איך וועל מיך באַנו־גענען צו דערמאָנען בלויז די נעמען פון פינף פון זיי: דער לערער מרדכי קרישעווסקי־אזרחי און ח. ל. זוטא, וועלכער האָט געלערנט אין אונדזער שטאָט פאַר זיין עליה; דער פאַרשטאָרבענער סוס ז״ל, וועלכער איז געווען דאָ אין לאַנד אַ לערער אין ערשטן בילויים־דאָרף, אין גדרה, ר׳ אלכסנדר זיסקינד רבינוביץ און י. יחיאלי. אָט־די לערערס האָבן אויפגעטאָן גרויסע זאַכן, באַאיינפלוסנדיק זייערע תלמידים במשך פון זייער ווירקן אין פּאָל־טאַווע און ווען זיי האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, האָבן זיך נישט געפונען קיין אַנדערע צו פאַרנעמען זייערע פלעצער. אָבער דער פאַקט אַליין פון זייער עליה קיין ארץ ישראל, אינאיינעם מיט זייערע פאַמיליעס, האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אן אומאויסמעקבאַרן איינדרוק אין דעם יידישן ישוב פון אונ־דזער שטאָט בכלל און בפרט צווישן אונדזערע יוגנטלעכע.

ג.

קיין פּראָלעטאַרישע יידישע פּאַרטייען זענען אין פּאָלטאַווע נישט געווען, ווייל עס האָבן דאָרטן איינפאַך געפעלט יידישע אַרבעטער. וועגן דעם „בונד״ האָבן מיר געהערט פון דער ווייטנס, אָבער צווישן אונדז האָט ער זיך נישט באַוויזן. עס זענען געווען קערנדלעך פון רוסישע פּאַרטייען, ווי גע־זאָגט: אוקראַאינער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אאז״וו. די אומלעגאַלע פּרעסע, וואָס האָט צו אונדז דערגרייכט, איז אינגאַנצן געווען פון די קאַנאַלן פון די דערמאָנטע פּאַרטייען. אויך יידיש האָבן מיר כמעט אינגאַנצן נישט געלייענט און אויף אָט־דער שפּראַך איז צו אונדז נישט דער־גאַנגען קיין שום פּראָלעטאַריש־פּאַרטייאישע ליטעראַטור. די יוגנטלעכע וואָס זענען מיטגעצויגן געוואָרן מיט דער רעוואָלוציע, האָבן געהאַט פאַר זיך די ברירה אויסצוקלייבן איינע פון די עקזיסטירנדיקע רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און זיך אָנצושליסן אָן איר. און ווירקלעך איז אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט מיטגעריסן געוואָרן אָן צעגערונגען דורך די רוסישע פּאַרטייען. דאָרטן האָבן זיי געזען דעם וועג צו דער אויסלייזונג פון זייער געבוירן־לאַנד און צו דער פאַרבעסערונג פון דער גאַנצער וועלט. אויך איך האָב מיך אינ־טערעסירט, פּונקט ווי אַנדערע, מיט די טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּראָ־בלעמען פון דער וועלט־אויסבעסערונג. אָבער שטענדיק האָב איך געפילט, אַז די רוסישע פּאָליטישע פּאַרטייען שענקען נישט קיין אויפמערקזאַמקייט, מיט אַ כוונה און מיט גרינגשעצונג, צו דער שטרעבונג פאַר עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק, נישט צו זיין פאַרגאַנגענהייט און אויך נישט צו זיין קעגנ־וואַרט. איך האָב געזען ווי אַ סך פון די יידישע יוגנטלעכע, מיינע חברים וואָס ווערן מיטגעריסן מיט די פּאַרטייען — פאַרלייקענען זייער פאָלק און זיך אַליין. טייל מאָל קומט אָט־די פאַרלייקענונג מיט אויסרעכענונג און באַ־

וווסטזיין, אָבער גרעסטנטיילס אומבאַוווסטזיניק און צוליב דעם פעלן פון געפיל און פאַרשטענדעניש. עס איז געווען אַ שענדלעכער און פאַרשעמנדיקער ספּעקטאַקל פון דעזערציע אין דעם לאַגער פון די שטאַרקערע. פונעם שטאַנדפונקט פון דער פאַרלייקענונג האָב איך נישט געזען קיין דיפערענץ צווישן די יוגנטלעכע וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער פאָלק און האָבן זיך צוגעפּאַסט צום צאַרישן רעזשים, צו דער פּראַוואָסלאַווער קירכע און סביבה, וועלכע הערשן אין דער גימנאַזיע און אויסער איר, בכדי צו געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון די דירעקטאָרן פון דער רעגירונגס־שולע און פון די מאַכטהאָבער, און צווישן יענע וואָס זענען אָפּגעפרעמדט געוואָרן און האָבן זיך אַליין צונישט געמאַכט, בכדי צו געפינען חן אין די אויגן פון זייערע חברים, די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. דער חילוק צווישן זיי איז נאָר געווען וואָס די האָבן געשטרעבט זיך איינצוקויפן אין גנאָד פון דעם היינט מעכטיקן קלאַס און יענע האָבן זיך געלאַשטשעט צו דעם קלאַס וואָס וועט אויפשטייגן צו גרויסקייט מאָרגן; זיי האָבן געהאַט איין וועג־פאַרלייקענונג, פאַראַט כלפּי פּנים און דעגענעראַציע און דעגראַדאַציע כלפּי חוץ; און אָט־דער וועג האָט דערוועקט פון דער קינדהייט אָן אין מיין האַרצן געפילן פון פאַראַכטונג און רעזיסטענץ.

אָט־די אָפּשאַצונג איז זיכער געווען דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר אין מיין לעבן, דער פאַקטאָר וואָס האָט מיך געבראַכט דערצו צו זוכן אַ נייעם קאַנאַל, דורך וועלכן עס זאָלן זיך צונויפגיסן דאָס פּאָזיטיווע וואָס איז פאַראַנען אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג מיט דעם פּאָזיטיוון פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג; דער אומקער קיין ציון און די צונויפזאַמלונג פון די גלותן זאָלן גיין האַנט ביי האַנט מיטן געדאַנק פון דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט פון די קייטן פונעם רעזשים, וועלכער האַלט זיך אויף עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע און אויף טעראָר.

ד.

ווען איך בין געווען אַ שילער פון גימנאַזיע, האָב איך קאָנצענטרירט אַביסל חברים און אינאיינעם האָבן מיר געגרינדעט צווישן דער יוגנט קרייזן צו לערנען יידישע געשיכטע, סאָציאָלאָגיע, די עקאָנאָמישע לאַגע פון אונדזער פאָלק און צו פּערפעקציאָנירן זיך אין דער העברעאישער שפּראַך. גלייכצייטיק האָב איך געגרינדעט אַ קרייז פון אַרבעטער — לערן־ייִנגלעך פון סטאָלאַרעס, טאַפּיצירערס, איינבינדערס, אַביסל אָנגעשטעלטע — און דאָס איז געווען איינע פון די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ קערנדל וואָס איז ווייטער געוואַקסן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוראַער צייט אַרום אין דער אָפּטיילונג פון פּועלי־ציון אין פּאָלטאַווע.

נאָך דער גרינדונג פון אָט־די קרייזלעך (3־1902), וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט קיין פּאַרטייאישן כאַראַקטער, זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות און קלאַנגען וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזעלכע ענלעכע קרייזלעך — ציוניסטן און אַרבעטער צוגלייך — אין פאַרשידענע פלעצער פון רוסלאַנד און פּוילן: באַזונדערס האָבן מיר געהערט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזעלכע קרייזלעך אין אדעס, קיעוו און יעקאַטערינאָסלאַוו, אין שכנות פון אונדז, און באַלד האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט זיי. אָבער די פאַרבינדונג איז געווען זייער אַ שוואַכע: איינמאָל אין דריי אָדער זעקס מאָנאַטן איז אַריבערגע־שמוגלט געוואָרן אַ פּראָקלאַמאַציע, אָדער אויפרוף פון אדעס אָדער יעקאַטע־רינאָסלאַוו און איין מאָל אין יאָר איז אויסגעקומען איינעם פון אונדזער שטאָט צו זיין דאָרטן און ברענגען אונדז אַ מונדלעכן גרוס און אונדז צו לאָזן הערן זיין וואָרט אין אַ באַגרענעצטן, רעדוצירטן קרייז. נאָר אין אָנ־פאַנג פון יאָר 1903, נאָכן פּאָגראָם אין קעשענעוו, זענען פאַרשטאַרקט גע־וואָרן די פאַרבינדונגען צווישן אונדז און די נאָענטע שטעט, צוליב דער איינאָרדענונג פון דער יידישער זעלבסטשוץ.

איך געדענק דעם קעשענעווער פּאָגראָם, פּסח־צייט, אין יאָר ה׳תרס״ג (1903). דאָס איז פאַר אונדז געווען נישט נאָר אַן איבעראַשונג, נאָר אויך אַ וואָרענונג. די פּאָגראָם־כוואַליע פון די אַכציקער יאָרן איז מיר נישט גע־ווען באַקאַנט, אָבער אָט־די געשעענישן זענען אָפּגעהיט געוואָרן אין דער ליטעראַטור און אין זכרון פון דעם פריערדיקן דור און פון מיין מוטער האָב איך געהערט וועגן זיי אַ סך מאָל. לויט דער לאָגיק און דערפאַרונג און לויט די געוווינהייטן פון דער מדינה, האָט מען געדאַרפט דערוואַרטן, אַז דאָס איז בלויז אַן אָנהייב און נייע שטראָמען וואַרטן אויף אונדז. איך געדענק אַ יוגנט־מסיבה פון יענער עפּאָכע, אויף וועלכער אַ גאַסט פון אדעס, וואָס איז אָנגעקומען קיין פּאָלטאַווע, האָט אונדז פאָרגעלייענט ביאַליקס צאָרן־לידער אין אַ רוסישער איבערזעצונג. יענע איבערזעצונג איז געווען אין מאַנו־סקריפּט, מיר דאַכט זיך פון זשאַבאָטינסקין, און מיר האָבן זי פאַרשפּרייט דורך העקטאָגראַפירטע קאָפּיעס. מען קען זיך נישט פאָרשטעלן דעם איינ־דרוק וואָס ביאַליקס לידער האָבן געמאַכט אויף דער יידישער יוגנט. דע־מאָלט איז געבוירן געוואָרן דער באַשלוס וועגן דער זעלבסטשוץ — מיר וועלן נישט דערלויבן מען זאָל אונדז אויסשעכטן ווי די שעפּסן, אָן אַ ווי־דערשטאַנד. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן פיבערהאַפט צו גרייטן. די נישט אָפּי־ציעלע גרופּע פון פּועלי־ציון איז געווען די אָנפירערן און אָרדנערן. די נישט־אָרגאַניזירטע יוגנט האָט געענטפערט אויף אונדזער רוף און אויך די „פּאַר־טייאישע״, וואָס זענען מיטגעשלעפּט געוואָרן פונעם אַסימילאַציע־שטראָם — אויך זיי האָבן נישט געקענט בלייבן שטיין אָן אַ זייט און זענען דערווייל אונדז נאָכגעגאַנגען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אונדז געהאָלפן מיט זייער „איינפלוס״ אויף די באַן־אַרבעטער (קריסטן נאַטירלעך) — דאָס איז דאָס אָרט וואָס איז צוגעגרייט פאַר אומגליקן — און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע

פּראָפּאַגאַנדיסטן זענען אַרויס צו פּראָפּאַגאַנדירן צווישן זיי. מיר האָבן זיך נישט איבעריק פּאַרלאָזט אויפן איינפלוס פון דעם „כוח הדבור" און מיר האָבן אָנגעהויבן צוצוגרייטן געווער און כלים — מעסערס און שטאַבעס און אַדיך שיס-געווער, גרעסטנטיילס קליינע רעוואָלווערן אָן אַ מיליטערישן ווערט. נאַטירלעך זענען אַלע כלים און דעפּאָזיטן געווען אונטער דער אויפזיכט פון אונדזער גרופּע, ווייל פאַר איר איז די זעלבסטשוץ נישט געווען קיין פאַר־בייגייענדיקער צופאַל, נאָר אַ פּערמאַנענטער צושטאַנד. עס האָבן זיך אָנ־געהויבן שטילערהייט אויסער דער שטאָט, אינעם וועלדל פונעם מאָנאַסטיר אויף דרום פון דער שטאָט און אויך אויפן אָפּהאַנג פונעם טייך וואָרסקלאַ, געניטונגען און איבונגען. דאָרטן האָבן מיר אויך איינגעאָרדנט לאַנגע שפּאַ־צירן מיט שיפלעך, וועלכע מיר האָבן געדונגען ביי פּויערים וואָס האָבן גע־כאַפּט פיש אין טייך. מיר האָבן אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט אונדזערס גלייכן אין די נאָענטע גרויסע שטעט, באַזונדערס מיט די יידן פון יעקאַטע־רינאָסלאַוו, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן זיך באַוואָפנען מיט פּאַרטיידי־קונגס-געווער.

די נביאות זענען מקיום געוואָרן: נאָך קעשענעוו זענען פּאָרגעקומען פּאָ־גראָמען אין האָמעל און נאָך אַנדערע ערטער, אָבער ביז פּאָלטאַווע איז דאָס שלעכטס נישט דערגאַנגען — נאָר מינדערוויכטיקע פאַלן האָבן זיך געטראָפן. אָבער אין שטאָט האָט מען געשפּירט, אַז די יידן גרייטן זיך און אויב עס וועלן זיין עקסצעסן — וועלן זיי זיך פּאַרטיידיקן. דערווייל איז אויסגעבראָכן די יאַפּאַנישע מלחמה (1904), עס האָט זיך אָנגעהויבן די מיליטערישע מאָבי־ליזאַציע, די רעגירונג איז געווען איבערגעלאָדן מיט אַרבעט און זי האָט אָפּ־געלייגט אויף אַ שטיקל צייט דעם פּראָגראַם פון די פּאָגראָמען.

אין יענעם יאָר האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַכצן יאָר און בין געווען אַ שילער פונעם זיבעטן קלאַס גימנאַזיע. באַלד האָב איך אָנגעהויבן צו קלייבן געלט. איך האָב מיר געפּו־נען לעקציעס — אין די שעהן ווען איך בין פריי געווען פון מיין לערנען, האָב איך צוגעגרייט שילער פאַר די עקזאַמענעס אין דער גימנאַזיע און איך האָב אַרויסגעהאָלפן אַזעלכע גימנאַזיסטן וואָס זענען געווען הינטערשטעליק אין זייער לערנען. איך האָב באַקומען 25 ביז 30 קאָפּיקעס פאַר אַ שעה און אין פאַרלויף פונעם ווינטער האָב איך אָנגעזאַמלט וואָסערע הונדערט רובל, אַ סומע וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן פולשטענדיק גענוג פאַר אַ שפּאַציר פון דריי חדשים אין ארץ־ישראל.

זומער־צייט פון ה'תרס"ד, ווען עס האָט זיך געענדיקט דאָס לערן־יאָר און איך בין אַריבער אין אַכטן קלאַס, האָב איך באַקומען אַ רעגירונגס־דער־לויבעניש אַרויסצופאָרן אויף וואַקאַציעס קיין אויסלאַנד. איך האָב מיך גע־זעגנט מיט מיינע עלטערן, בין געפאָרן מיטן באַן קיין אדעס און דאָרטן אַרויף אויף אַ רוסישער שיף, וועלכע האָט קורסירט אויף די ברעגן פון מיטללענדישן ים.

ס'איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן דאָס געפיל פון גליק וואָס האָט מיך באַהערשט אין דעם מאָמענט ווען די זשאַנדאַרמען האָבן פֿאַרלאָזט די שיף וואָס האָט געריהרט פֿונעם פּאָרט. מיר האָבן באַטראַכט דעם זיך דערווייטערנ־דיקן ברעג. נעבן מיר איז געשטאַנען אַ יונגער מענטש און האָט אונטערגע־זונגען מיט אַ שטים און אַ ניגון דעם צווייטן פּסוק פון „שיר השירים": עס זענען געווען טעג פון מלחמה־מאָביליזאַציע און מיין שכן האָט באַדאַרפט אויף מאָרגן אַוועקגעשיקט ווערן אויפן ווייטן־מזרח, און איצט, נאָך דעם ווי עס האָט אים אָפּגעגליקט צו אַנטלויפן, האָט ער זיך געזעגנט מיט אַט־דעם געזאַנג פון דעם „פֿאָטערלאַנד". אויסער אים זענען דאָרטן געווען נאָך צוויי־דריי „יאַפּאַנישע פּליכטלינגען" און אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן זיך אָנגע־שלאָסן צו זיי אַביסל יוגנטלעכע וואָס זענען געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל, צווישן זיי אשר אָסטראָווסקי, איינער פון די עלטערע חברים (וואָס גיט זיך אָפּ פּלייסיק מיט זיין אַרבעט ביז צום היינטיקן טאָג), וועלכער איז זיינער־צייט אַנטלאָפן דורך די גרענעצן פון רומעניע און בולגאַריע און אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל איז ער אַרויף אויף אונדזער שיף. מיט דער זעלבער שיף איז אויך גע־פֿאָרן די פֿרוי סאָפיאַ זוואַניגאָראָדסקאַיאַ, איינע פון די פּלאַמפייערדיקע ציוו־ניסטקעס, און מיט איר זיבן קינדער פון די קעשענעווער יתומים, וועמען זי האָט באַגלייט קיין „קרית ספר" פון בעלקינד.

ז.

די רייזע אין לאַנד אַריין מיט דער רוסישער שיף האָט געדויערט צוועלף טעג און זי איז געגאַנגען דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, די דאַרדאַנעלן, סמירנאַ, אַלעקסאַנדרעטאַ, ציפּערן, ביירוט און יפו. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָב איך צום ערשטן מאָל דערקענט דעם פֿאַרשטאָרבענעם יצחק נופך, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ שילער פונעם יורידישן פֿאַקולטעט פון דער טערקישער אוני־ווערזיטעט, אַ טייערער מענטש און אַ געטרייער ציוניסטישער דעלעגאַט ביי די העכסטע מאַכט־אָרגאַנען פון דער טערקישער רעגירונג, כאָטש ער איז נישט געווען געקרוינט מיט אַן אָפיציעלער קרוין פון אַ באַפולמעכטיקטן, אָדער דירעקטאָר פון אַ ביוראָ. „קירלאַנגיג" (באַדייט אויף טערקיש: אַ שוואַלב) — אַזוי פלעגט אונטערשרייבן דער פֿאַרשטאָרבענער זיינע אינטע־רעסאַנטע קאָרעספּאָנדענצן, און אַזוי ווי זיין נאָמען, אַזוי איז ער אַליין גע־ווען — די ערשטע ציוניסטישע שוואַלב אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די ציוניס־טישע באַוועגונג האָט נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די היכע פֿאַר־דינסטן פון י. נופך פאַר דעם ציוניזם אין טערקיי. ער איז געווען דער ער־שטער ציוניסט וואָס איז אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פונעם לעבן פון דעם נאָענטן מזרח, האָט געשעפּט פולע הויפנס פון דעם שטייגער און פון דער קולטור פון דעם מזרח און האָט געוויזן דעם וועג די יונגע כוחות, וואָס זענען געקומען נאָך אים פון ארץ־ישראל און אויך פון חוץ־לארץ. אין דער

צייט ווען די יידישע יוגנט האָט געשטראָמט אין די הונדערטער און אין די טויזנטער קיין אויסלאַנד צו הערן לעקציעס פון די מערב־אייראָפּעאישע פּראָ־פעסאָרן, בכדי צו באַפעסטיקן פאַר זיך אַ זיכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציע, און צווישן זיי זענען אויך געווען גוטע ציוניסטן, איז אָט־דער מענטש געווען דער איינציקער, וואָס האָבנדיק זיך דערוואָרבן אַ העכערע בילדונג אין רוס־לאַנד, האָט ער פון דעם נישט געזוכט צו ציען קיין פאַרדינסטן. נאָר ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַוועקגעזעצט אויף דער שול־באַנק אין אַ ווילד־פרעמדן לאַנד און האָט גענומען לערנען אויף אַ שפּראַך, וועלכע עס האָבן נישט געקענט, נישט ער און נישט זיינע עלטערן. ליבהאָבנדיק ציון און וויסנדיק, אַז דאָס טער־קישע קאָנסטאַנטינאָפּאָל באַשטימט דעם גורל פון אונדזער פאָטערלאַנד — האָט ער פאַרלאָזט זיינע פריינד און זיין קאַריערע און האָט געגעבן פּרעפע־רענץ דעם אָטאָמאַנישן „דאר אלפנון” פאַר אַלע אייראָפּעאישע בילדונגס־פּאַלאַצן.

י. נופך איז געווען מיין וועגווייזער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און איך האָב דעמאָלט נישט געוווסט, און אויך ער האָט נישט געוווסט, אַז אין אַכט יאָר אַרום וועל איך זיך אומקערן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל צו לערנען תורה אין יענעם „קוואַל פון וויסנשאַפטן” (דער אוניווערזיטעט), צו וועלכן ער האָט אונדז געעפנט דעם ערשטן וועג. אָבער דאָס מאָל האָב איך נאָר צופעליק באַ־זוכט דעם „וווין־פּלאַץ פונעם גליק” („דר־סעאדת” — אַזוי האָט מען פּאָע־טיש אָנגערופן די שטאָט), בכדי אַזוי־אַרום אָנצודייטן די גרויסע מאָס פון גליק פון אירע איינוווינערס, וואָס האָבן געהאַט דעם זכות זיך אַרומצודרייען אין דער נאָענט פון דער וווינונג פון דעם „פּאדישאַך”, וואָס פון דאָרטן האָט זיך פאַר מיר אויפגעמאַכט אַן עפענונג, אַזוי גרויס ווי אַ נאָדל־לעכל, צום באַצויבערנדיקן מזרח.

אַזוי ווי אַ לעבעדיקער קאַליידאָסקאָפּ זענען פאַר מיינע אויגן פאַרביי־געגאַנגען די לאַנדשאַפטן פון דעם גאָלדענעם האָרן, פונעם באָספאָר, די דאַר־דאַנעלן, סמירנאַ, די עגעאישע אינדזלען, די ברעגן פון דעם „גרויסן ים” (מיטללענדישער ים), דער גריכישער אינדזל ציפּערן און ביירוט, דער סירי־שער האַפן.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען קיין יפו. ווי נאָר איך בין אויסגעשטיגן, בין איך באַלד געגאַנגען זוכן מיין באַקאַנטן, דעם לערער ח. ל. זוטא. ער האָט געוווינט ביים עק שטאָט, אין נוה־צדק וואָס ביים ענדע פון נוה־שלום, אַ פּלאַץ וואָס איז דעמאָלט געווען כמעט אויסערן ישוב. צוצוקומען אַהין איז מעגלעך געווען נאָר בייטאָג; ווער עס האָט זיך געלאָזט גיין אַהינצו נאָך זון־פאַרגאַנג, האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן...

אויף יענער באַגעגעניש איז פאַר מיר באַקאַנט געוואָרן, אַז דער הער זוטא גרייט זיך צו מאַכן אַ שפּאַציר קיין גליל אין די נאָענטע וואַקאַציע־טעג און איך האָב מיט אים אָפּגערעדט זיך אָנצושליסן צו אים אויף אָט־דעם

שפּאַציר. אין דער צווישן־צייט האָב איך באַשלאָסן אַראָפּצונידערן צו די קאָ־לאָניעס פון יהודה און צו באַזוכן ירושלים.

איך בין אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, איידער עס איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן, און איך בין אַרויסגעגאַנגען צופוס. נישט קענענדיק קיין איין איינציק וואָרט אַראַביש און אָן אַ וועגווייזער אָדער באַגלייטער, האָב איך געווענדעט מיינע טריט אויפן וועג קיין ירושלים.

אייביק וועל איך נישט פאַרגעסן אָט־דעם ערשטן וועג מיינעם אין דעם לאַנד פון די אבות.

איינער אַליין בין איך אַרויסגעגאַנגען פון די אַלטע מערק פון דער אור־אַלטער יפו, וועלכע איז נאָך געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. נאָר די גלעקלעך פון קעמלען האָבן זיך געלאָזט הערן דאָ און דאָרטן צווישן די מאַ־ראַנצן־גערטנער און פאַראיינצלטע אַראַבער האָבן פאַרוווּנדערט געקוקט אויף דעם „פראַנדזישן" בחור וואָס וואַנדערט אַליין איבערן וועג. איך בין פאַר־בייגעגאַנגען „מקווה" (ישראל) און האָב נישט געוווּסט ווהין זיך צו ווענדן בכדי צו דערגרייכן קיין „ראשון" (לציון). מיט אומבאַשרייבלעכע שוועריַ־קייטן האָב איך באַוויזן צו באַקומען אינסטרוקציעס פון אַראַבישע וואַנדע־רער און איך האָב געפונען דעם וועג, ווייל דער שאָסיי קיין ראשון האָט נאָך נישט עקזיסטירט און אויך דער נאָמען „ראשון" איז נאָך אַפילו נישט געווען באַקאַנט צו די זין פון ישמעאל, נאָר „עיון קרא".

ז.

ראשון לציון פון צוריק מיט פופציק יאָר איז דערשינען פאַר מיינע אויגן ווי אַ סימבאָל פון ארץ־ישראל, ווי ארץ־ישראל אַליין. די אויסערלעכקייט פון דעם „יידישן דאָרף" מיט דער גרויסער שול אינמיטן מיט די וויינגערט־נער און דעם וועלדל פון טייטלען — מאַראַנצן־גערטנער זענען נאָך אין יענער צייט נישט געווען — מיט דעם גרויסן וויין־קעלער „דעם צווייטן אין דער וועלט", ווי עס האָבן דעמאָלט געזאָגט די יידישע קינדער וואָס זענען געריטן אויף אייזלען און האָבן גערעדט העברעאיש, מיט דער העברעאישער שולע, מיט „יידישע מאַכט־אָרגאַנען", — דאָס אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט אַ מעכטיקן איינדרוק, וועלכער ווערט נישט אָפּגעווישט.

אָבער אין קעגנזאַץ צו די פּאָזיטיווע זייטן זענען אויך אַרויפגעשווומען אַ סך שאָטן־זייטן: די אַרבעטער און היטערס אין די וויינגערטנער — אַלע אַראַבער; די דינער און דינסטן אין זייערע הייזער, די ניאַנקעס וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די קינדער — זענען אַלע געווען פון סאַראַפאַנד און בית־דגון, און די אַראַבישע שפּראַך האָט געקלונגען אין אַלע ווינקעלעך פון דער קאָלאָניע פיל מער ווי העברעאיש. די היטערס פון די פעלדער זענען נאַטיר־לעך געווען אַראַבער און די עפענדישע זין פון יפו האָבן זיך געפילט ווי די באַלעבאַטים פון דער קאָלאָניע. מען האָט מיר דערציילט, אַז אַ קורצע צייט

פּאָר מיין באַזוך איז פאָרגעקומען אַ מאָרד־פּאַל אין מיטן דער קאָלאָניע: איי־נער פון די יונגינקע עפענדיס פון יפו, וועלכער האָט זיך צעקריגט מיט איי־נעם פון די פויערים, האָט אים געטויט אין מיטן דער קאָלאָניע און איז נאָך דעם רייטנדיק אַנטלאָפן און האָט זיך באַהאַלטן, אָן קיין אָפּהאַלט פון קיינעם.

פון די פויערים פון נס־ציונה האָב איך אויך געהערט וועגן אַן אַרבע־טער־באַוועגונג וואָס האָט עקזיסטירט אין דער צייט פון מיין באַזוך — דאָס איז געווען די אַלטע אָרגאַניזאַציע „הסתדרות הישנה״, אַזוי ווי מען האָט זי שפּעטער גערופן, וועלכע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלס ציל צו פאַרפּולקאָ־מען אירע מיטגלידער און זיי אַוועקצושטעלן אויפן באָדן. אָבער, לויט מען האָט מיר איבערגעגעבן, האָבן זיך דער גרעסטער טייל פון אירע חברים צעשפּרייט אויף אַלע זייטן, נאָך די ענדערונגען וואָס זענען אריינגעפירט גע־וואָרן דורך דער יק״א: אַ טייל זענען אַריבער אין דער שטאָט, אַנדערע זע־נען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און נאָר אַ קליינער חלק האָט זיך באַזעצט אין נס־ציונה און אויף אַנדערע ערטער. איינער, אָדער צוויי, וועלכע איך האָב דאָרט באַגעגנט, זענען פאַרבליבן אויפן אָרט און זענען געוואָרן קליינע לאַנד־ווירטן. אויך אין די ווייַן־קעלערן האָבן געאַרבעט אַ צאָל אַרבעטער, אָבער אויסער זיי איז כמעט נישט געווען אַנצוזען דאָס פּנים פון אַ יידישן אַרבע־טער אין דער גאַנצער קאָלאָניע (וועגן די איינצלנע עולים, וועלכע זענען אינגיכן אָנגעקומען, וועל איך נאָך רעדן).

אָבער דעם שווערסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער פאַקט, אַז די מערהייט פון די פויערים מיט וועמען איך האָב געשמועסט, האָבן זיך אַנטוישט אין ציוניזם און זענען מיטגעריסן געוואָרן דורכן אוגאַנדישן טערי־טאָריאַליזם. מיין באַזוך איז אויסגעפאַלן אַ יאָר נאָכן אוגאַנדאַ־קאָנגרעס, ווען די בעסטע פון די רוסישע ציוניסטן האָבן געקעמפט מיט אַלע זייערע כוחות קעגן דער אוגאַנדיסטישער ליקווידאַציע. איך בין געווען זיכער פון פאַרויס, אַז אין ארץ־ישראל וועל איך געפינען אַ מעכטיקע ציוניסטישע פעס־טונג און דאָרטן וועל איך שעפּן כוח און מוט צו קעמפן קעגן טעריטאָריאַ־ליזם. און אָט אַזאַ הארץ־ווייטיק: אָט־די חלוצים, די טרעגער פון דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע, דווקא זיי זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון אומגלויבן. דער געמיט־צושטאַנד פון די לאַנדווירטן פון ראשון און רחובות, וועלכע האָבן זיך מיאש געווען פון ציון און האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן מעבר לים, האָט געעפנט מיינע אויגן צו זען — דעמאָלט האָב איך אַביסל דער־קענט די אייגנשאַפטן פון די קאָלאָניסטן פונעם ערשטן דור.

פון ראשון־לציון בין איך געגאַנגען צופוס קיין וואַדי חנין (נס ציונה) און קיין רחובות, קיין עקרון און די אויסגראַבונגען פון גזר, קיין גדרה און באר טוביה; און די טעג זענען געווען ברענענדיקע, סוף תמוז. דעמאָלט איז מיך באַפאַלן דער פיבער און איך האָב מיך געלייגט אין בעט אַריין. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם ארץ־ישראלדיקן קדחת. עט־לעכע טעג האָב איך מיך געוואַלגערט אין גרויס היץ אין ראשון־לציון, ביז

איך האָב געמוזט, לויטן באַפעל פונעם דאָקטער, „אומבייטן די לופט". איך בין אויפגעשטיגן קיין ירושלים.

דאָ איז דאָס פּלאַץ צו דערמאָנען, אַז אין די קאָלאָניעס פון יהודה האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע שוואַלבן פון דער צווייטער עליה. אין די וויינגערטנער פון ראשון האָב איך מיך געטראָפן מיט די צוויי ברידער ישראל און אליעזר שוחט פון גראָדנע. ביידע זענען געקומען אין לאַנד אַריין מיט אַ חלוצישן צוועק און באַוווסטזיין, כאָטש דער נאָמען „חלוץ" איז נאָך דער־מאָלט נישט געווען אָנגענומען. איינער פון זיי האָט פאַרלאָזט זיין שטעלע און אַרבעט און דער צווייטער זיין לערן־באַנק און זיי האָבן פאַרביטן די פּע־דערס אויף גראָב־אייזנס און אויף שוץ־געווער.

ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט האָב איך געטראָפן אַ גאַנצע גרופּע פון האָמעלער עולים, וועלכע זענען געקומען נאָכן פּאָגראָם און די טעג פון זעלבסטשוץ. איך האָב זיי געפונען ביי דער אַרבעט, ביים בוי פון דעם כאַן פון סעדזשערא, וועמענס פונדאַמענטן זיי האָבן געלייגט. צו יענער גרופּע האָבן באַלאַנגט יחזקאל חנקין ז"ל און די חברה חיה שרה; צו יענער צייט זענען זיי געווען אין פּתח־תקוה.

צען טעג האָב איך פאַרבראַכט אין ירושלים. איך האָב געזען דעם כותל המערבי און דעם הר הבית, די היילן פון די כהנים און די קברים פון די קיניגן און נביאים. דעמאָלט איז נאָך דער אַלטער ישוב גרעסטנטיילס געווען איינגעשלאָסן אין דער אַלטער שטאָט און פון די אויסערלעכע שכונות גע־דענק איך נחלת שבעה און מאה שערים; די גאַסן פון די בוכאַרער און מחנה יהודה זענען געווען ווייטע און אָפּגעזונדערטע טיילן פונעם ישוב. זכרון משה איז נאָך נישט אויפגעבויט געוואָרן; די לעמל־שולע האָט זיך דערהויבן צווישן די פעלדזן, אַן איינזאַמע אין יענער צייט. „השקפה" — די צייטונג פון בן־יהודה פלעגט דערשיינען איין מאָל אין וואָך און אַלס קעגנשטיק איז דערשינען די אָרטאָדאָקסישע וואָכנשריפט „החבצלת". יענעם זומער האָט בן־יהודה אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ ביילאַגע צו זיין צייטשריפט, אויך איין מאָל אַ וואָך (אויסער דער נאָרמאַלער וואָכנשריפט); אָט־די ביילאַגע האָט ער איבערגעגעבן אין רשות פונעם פאַראיין פון די יוגנטלעכע פון ירושלים, דער גרעסטער טייל פון זיי ספרדים און נאָר אַ קליינע צאָל אשכנזים פון די זין פונעם אַלטן ישוב. איך האָב מיך געטראָפן מיט יענע יוגנטלעכע, געבוירענע אין ירושלים. איך האָב אָנגעטראָפן ביי זיי אַ שטרעבונג אויפצולעבן די שפּראַך און צו דערווערבן אַביסל בילדונג, אָבער זיי האָבן נישט אַרויסגע־וויזן קיין שום אינטערעס צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וועלכע זענען שוין אַרויפגעשווומען צווישן דעם וועלט־יידנטום אין די מערב־לענדער; קיין שום נייגונג צו זעלבסט־טעטיקייט האָב איך ביי זיי נישט געזען, דאָס זענען גע־ווען די שילער פון בן־יהודה, וועלכער איז, ביי זיין גאַנצער גרויסקייט און איבערגעבנקייט פאַר דער אויפלעבונג פון אונדזער שפּראַך און פון איר דער־ווערבונג דורך אונדזער פאָלק, געווען דערווייטערט פון די סאָציאַלע פראַגן.

אַזוי איז געווען ער און אַזוי זענען געווען זיינע תלמידים: רבי לא שנה — חייה מנין?

צווישן די נייע אויפטוען קען איך באַצייכענען, אויסער די „השקפה" און דער שולע „עזרא" פון „חכי"ח", די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אָדער די „ביבליאָטעק פון חזנוביץ", ווי מען איז דעמאָלט געווען געוווינט צו זאָגן. דאָרטן פלעגן זיך פאַרזאַמלען ישיבה־בחורים, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך בילדונג, און זיי האָבן גלייענט אַן אויסלענדישע צייטונג, אָדער אַריינגע־קוקט אין אַ בוך. העברעאיש האָט מען בלויז ווייניק געהערט אין די גאַסן פון ירושלים; הויפטזעכלעך האָבן זיך מיט דעם באַנוצט די ספרדים אין זייערע געשעפטן מיט די אשכנזים, און אַביסל האָבן אויף דער שפּראַך גערעדט די שילער פון די שולן. די צאָל פון יענע וואָס האָבן איינגעפירט דאָס העברע־אישע רעדן אין זייערע פאַמיליעס, איז דעמאָלט געווען ווייניקער פון צען אין גאַנצן לאַנד, שוין אַריינגערעכנט אויך די קאָלאָניעס.

ח.

איך האָב באַזוכט די געגנט פון ירושלים, דעם הר הזיתים (אָליוון־באַרג), דער מוטער רחלס קבר און די טייכן פון שלמה, חברון און דעם קבר פון שמואל הנביא און צום סוף האָב איך זיך געזעגנט מיט דער הייליקער שטאָט און האָב זיך אומגעקערט מיטן דיליזשאַנס קיין יפו. פון דאָרטן בין איך געפאָרן מיט זוטאַן, דורך פתח־תקוה און קלקיליה, קיין זכרון יעקב. דאָרטן האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין האָטעל גראַף און אויף צו מאָרגנס זענען מיר אָנגעקומען קיין חיפה.

אין דער קליינער חיפה האָבן מיר געפונען אַ הייפל פון ספרדישע משפחות און איינציקע אשכנזים, דער גרעסטער טייל פון זיי פאַרספרדישטע, וואָס האָבן געטראָגן תרבושים. איך בין אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ פון כרמל און האָב באַזוכט די הייל פון אליהו; דאָס אויסזען פון דער לאַנדשאַפט האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק — אייביק וועל איך אים נישט פאַרגעסן.

פון חיפה זענען מיר געפאָרן מיטן דיליזשאַנס קיין נצרת, דעם זיץ־פּלאַץ פון דעם ייק"א־באַאַמטנטום. דער עמק איז געווען וויסט און פאַרלאָזן. דאָרטן האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דעם נאָמען פון יהושע חנקין, דעם מענטשן וואָס האָט געפּרוווט אויסלייזן דעם עמק און עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. ער האָט בלויז פאַרלוירן זיין געלט. און דאָס וואָס עס איז געווען דעמאָלט לייכט צו פאַרווירקלעכן מיט אַביסל אָנשטרענגונגען און מיט רעלאַטיוו נישט פיל געלט, האָט שפּעטער געקאָסט אַ גרויס פאַר־מעגן. נישט איין מאָל און נישט צוויי מאָל האָבן מיר באַצאָלט אַ טייערן פּרייז פאַר אונדזער קורצזיכטיקייט.

פון די קאָלאָניעס פון אונטערשטן גליל האָב איך באַזוכט סעדזשערא,

מסחה, יבנאל און מלחמיה. עס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון מיין באַזוך אין מסחה (דאָס איז כפר תבור). דאָרט האָב איך מיך געטראָפן מיט צוויי יונגע לערערס, איינער איז געווען דער פאַרשטאַרבענער י ו ס ף וו י ט ק י ן און דער צווייטער א. ק אַ מ אַ ר אָ וו (דער זון פון אַ לאַנדוווירט פון נס־ציונה). מיר זענען אַרויפגעשטיגן אויפן שפּיץ פון באַרג תבור, און אין דער צייט פון דעם שפּאַציר האָבן מיר געשמועסט וועגן דער פראַגע פון אַלע פראַגעס, וועגן דעם ישוב און וועגן זיין צוקונפט, וואָס איז אָפּהענגיק פון גורל. און דער גורל ליגט נישט אין די הענט פון טערקיי און פון דעם סולטאַן, אויך נישט אין די הענט פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס נאָר — אין די הענט פון דעם פאָלק אַליין. בלויז די דערוואַכונג פון די יונ־גע כוחות און זייער מאַסנהאַפטע עליה אין לאַנד אַריין וועלן אַריינברענגען אַ שטראָם פון נייע כוחות, וועלכע וועלן מיט זייער אַרבעט אויפלעבן די קאָלאָניעס און די שטעט. דאָס איז דער איינציקער וועג און קיין אַנדערער איז נישטאָ פאַראַנען. אויף אַזאַ אופן וועט פאַרבעסערט ווערן די לאַגע פונעם ציוניזם און עס וועט געמאַכט ווערן אַן ענדע צו דער טעריטאָריאַליסטישער ליקווידאַציע.

די יסודות פון די ווערטער זענען אינגיכן פראַקלאַמירט געוואָרן דורך אוסישקינען.

טבריה איז געווען דער לעצטער פונקט וווהין מיר האָבן געקענט דער־גרייכן מיט אַ וואָגן. צום אויבערשטן גליל קען מען בלויז דערגרייכן רייטנ־דיק. האָבן מיר געדונגען פערד און מויל־אייזלען און געריטן אויף זיי לענג־אויס דעם מערבדיקן ברעג פון כנרת ביז צו די בערג פון צפת. מיט דער סטעזשקע צווישן די בערג זענען מיר אַרויפגעשטיגן צום שפּיץ, אויף וועלכן עס איז אויפגעבויט צפת.

אַט־דער רייט־שפּאַציר צווישן די געצאַקטע פעלדזן פון דעם באַרג כנען און פון דאָרט קיין עין־זיתים וואָס איז נאָך געשטאַנען גאַנץ, און ווידער אַמאָל מיטן אָפּהאַנג קיין ראש־פינה און פון דאָרטן קיין משמר הירדן, מי־מרום און יסוד־המעלה, צו דער גאַנצער געגנט פון עמק־עיון און דער נייער מתולה — האָט געעפנט פאַר מיר ברייטע האָריזאָנטן און האָט מיר גע־האָלפן דערוווערבן נייע באַגריפן וועגן דעם לאַנד און זיין צוקונפט. איך האָב זיך אומגעקערט קיין טבריה און פון דאָרטן מיט אַ וואָגן קיין חיפה און יפו. דאָרטן האָב איך געפונען בריוו פון מיין היים, פון רוסלאַנד. די קורצע צייט איז פאַרגאַנגען, די וואַקאַציע־טעג האָבן זיך געענדיקט — איך האָב געמוזט זיך אומקערן צו מיין אַרבעט און צו מיין לערנען אין דעם פרעמדן לאַנד.

ווידער אַמאָל האָב איך מיך געטראָגן צוועלף טעג אויף די כוואַליעס פון דעם ים אויף אַ רוסישער שיף, וואָס איז געפאָרן קיין צפון. אָבער מיינע גע־דאַנקען און פאַנטאַזיעס האָבן מיך צוריקגעטראָגן צו די „בלויע ברעגן" פון דעם פאָטערלאַנד, וועלכע זענען געבליבן הינטער מיר.

מיין באַזוך אין לאַנד איז געווען אַן אַנטשיידנדיקער שריט אין מיין

לעבן. אויב פאַר מיר, ווי פאַר דער מערהייט פון מיינע חברים, איז פאַר דעם געווען אַ פּראָבלעם „ארץ־ישראל, אָדער אַ טעריטאָריע", אַ טייל פון אונדזער טעאָרעטישער פּראָגראַם, טאַקע אַ הויפּטטייל, אָבער בלויז איינער פון די טיילן צווישן אַלע איבעריקע, און דאָס זענען: די פראַגן פון „גלות", „שפּראַך", פּאָליטישער קאַמף, היסטאָרישער מאַטעריאַליזם קעגנאיבער דעם אידעאַליזם אאז"וו, — איז איצט געוואָרן פאַר מיר אָט־דער טייל דער ערשטער לאָגישער מאָטיוו, דער פונדאַמענט פון די פונדאַמענטן, אויף וועלכן עס וועט אויפגעבויט ווערן דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער (אָדער פּועלי־ציוניסטישער, ווי מיר האָבן דעמאָלט געזאָגט) בנין, אָן וועלכן עס האָט נישט קיין שום ווערט קיין שום אַנדער טייל, אַ גרויסער אָדער אַ קליינער, אַ וויכטיקער אָדער אַן אומוויכטיקער, אַ ציוניסטישער אָדער אַ סאָציאַליסטישער, פון אונדזער פּראָגראַם.

נאָך מיין אומקערן זיך האָב איך געהאַט אייניקע געשפּרעכן מיט חברים און איך האָב אויך רעפערירט וועגן מיינע איינדרוקן אין אַ ברייטערן קרייז. אָבער דער חבר וועלכער האָט געפונען אַ באַזונדערן אינטערעס אין דעם און האָט טיפער געפאָרשט און געפרעגט, איז געווען דוב באָראָכאָוו. אין יענעם מאָמענט איז באָראָכאָוו געשטאַנען אויפן שייד־וועג צווישן ציוניזם און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. מיינע געשפּרעכן מיט אים זענען פאָרגעקומען סוף חודש אלול תרס"ד. מיר האָבן גערעדט וועגן דער יוגנט־עליה מיטן צוועק פון אַרבעט, אין גייסט פון די ווערטער וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אויפן באַרג תבור. עס איז מעגלעך, אַז אָט־די געשפּרעכן אונדזערע האָבן איבערגעבויגן די וואָגשאָל אין דער נשמה פון באָראָכאָוון און האָבן אים געבראַכט צום באַשלוס זיך איבערצוגעבן צו דער אַרבעט פאַר ציון. יעדנפאַלס האָט ער זיך אַ קורצע צייט נאָך דעם פאַרשטענדיקט מיט אוסישקינען אין אדעס און איז אַרויסגעפאָרן אויף זיין גרויסער פּראָפּאַגאַנדע־רייזע (ווינטער פון יאָר ה'תרס"ה) — אויף וועלכער ער האָט אויסגעקעמפט דעם קאַמף פונעם ציוניזם מיט דער „פּראָלעטאַרישער" און סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַסימילאַציע און ער האָט געוווּנען טויזנטער נפשות פאַרן ציוניזם צווישן דער סאָציאַליסטישער יוגנט אין דער לענג און ברייט פון אוקראַינע, ליטע און פוילן.

דעמאָלט זענען דערשינען זיינע צוויי אָריגינעלע אַרטיקלען, וועלכע עפענען אַ נייע תקופה אין ציוניסטישן סאָציאַליזם: „די קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם" און „צו דער פראַגע פון ציון און אַ טעריטאָריע" — וואָס ביידע זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף רוסיש אין „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן" (דאָס יידישע לעבן).

דער אָנהייב פון דער פּאַרטיי *)

פורים 1921 זענען געוואָרן פופצן יאָר זינט דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פּועלי־ציון אין רוסלאַנד. ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען אונדזערע חברים, וועלכע זענען אינאיינעם מיט מיר געשטאַנען ביים וויגעלע פונעם סאָציאַליסטישן ציוניזם און אונדזערע נייע חברים, עטוואָס פון די אויפטוען פון יענע טעג, די נאָענטע און לעבעדיקע פאַרגאַנגענהייט אין אונדזער קעגנוואַרט.

מען דאַרף אונטערשיידן צווישן דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָדער דעם פּועלי־ציוניזם, און דער פּאַרטיי וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „פּועלי־ציון". די באַוועגונג איז געווען אַ סך פריער פון דער פּאַרטיי. פאַרשידענע פאַראיינען מיט ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע טענדענצן זענען אויפגעקומען אין מזרח־אייראָפּע און אין די „מערב־קאָלאָניעס", דהיינו צווישן די תלמידים אָדער פּאָליטישע אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די שטעט פון מערב־אייראָפּע. צווישן די פאַראיינען פון דעם מין וועלן מיר אָנרופן די „החרות", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר ד״ר נחמן סירקין אין בערלין; די „התחיה" (אויף רוסיש: „וואָזראָזשדעניע"), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ גרופּע יוגנטלעכע וואָס זענען שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען „סיימאָוועצעס" אָדער י״ס (יידישע סאָציאַליסטן). אָט־די פאַראיינען זענען נאָך געגרינדעט געוואָרן ביים ענדע פון די ניינציקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט און די ערשטע יאָרן פונעם 20סטן יאָרהונדערט. פאַראייניזאַמטע פאַראיינען מיטן נאָמען „פּועלי־ציון" אָדער „סאָציאַליסטישע ציוניסטן" זענען אויפגעקומען אין רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, אַמעריקע און אויך אין ארץ־ישראל אַ קורצע צייט איידער ס'איז פאַראייניקט געוואָרן די אַלגעמיינע פּאַרטיי פּועלי־ציון אין רוסלאַנד. איך וועל דאָ דערמאָנען די פּועלי־ציון פון מינסק, האָמעל, אדעס, יעקאַטערינאָסלאַוו, קיעוו, דווינסק.

*) אָט־דאָס קאַפּיטל „דער אָנהייב פון דער פּאַרטיי" איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין קונטרס ע״ה אין יאָר 1921 אונטערן נאָמען: „צום יובל פון פּאַרטיי פּועלי־ציון אין רוסלאַנד" ביי דער געלעגנהייט ווען עס זענען געוואָרן פופצן יאָר זינט דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער „יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פּועלי־ציון" אין רוסלאַנד. איך פאַרעפנטלעך עס נאָכאַמאָל אין דער זעלבער פאָרם, בלויז מיט קליינע אויסבעסערונגען.

אָבער אָט־די פּאַראײַנען און גרופּן האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעקריס־טאַליזירט און זיי האָבן נאָך נישט געהאַט אויפגעקלערט פאַר זיך אַליין זייער וועג.

דורך פינף פונדאַמענטאַלע זאַכן זענען צעטיילט געוואָרן די פּועלי־ציון ביים אָנהייב פון זייער גרינדונג: דורך זייער באַציאונג צום פּאָליטישן כאַ־ראַקטער פון דער באַוועגונג; צו דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם; דורך דער פּראָבלעם „ציון און אַ טעריטאָריע“; דורך דער פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך (העברעאיש אָדער יידיש) און דורך דער באַטייליקונג אין דעם ציו־ניסטישן קאָנגרעס.

אין אָנהייב איז עס געווען בלויז אַ ווירטשאַפטלעכע און פּראָפעסיאָ־נעלע באַוועגונג, און זי האָט זיך נישט געשטעלט קיין שום פּאָליטישע צילן, וועלכע זאָלן זי אָפּטיילן פון די איבעריקע ריכטונגען אין ציוניזם. אָבער די באַוועגונג איז אין אַ קורצער צייט אַרום אַריבערגעגאַנגען איבער דער „ריי־נער ווירטשאַפטלעכער“ תקופה. דעמאָלט האָבן זיך די פּועלי־ציון צעטיילט אין דער פראַגע פון דער באַטייליקונג פונעם יידישן אַרבעטער אין דעם פּאָ־ליטישן באַפרייאונגס־קאַמף פונעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, אויף צווי ריכ־טונגען, אויף „אָנהענגער פונעם פּאָליטישן קאַמף“ און אויף זיינע קעגנער. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע האָבן זיך אין דער ערשטער ריי גערעכנט די „מינסקער“ פּועלי־ציון, וועלכע זענען געבליבן געטריי צו דער „נישט־אַריינ־מישונג“ אין דער פּאָליטיק אַלס כלל און פּרינציפּ. אין קעגנטייל זענען די פּאַראײַנען פון קיעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, פּוילן און אַזוי ווייטער געווען אָנ־הענגער פון אַ קלאָרער פּראָגראַם, וואָס נעמט אַריין צווישן אירע פּאַראַגראַפן דעם פּאָליטישן קאַמף מיט דער רוסישער צאַרישער רעגירונג.

צווייטנס, איז געוואָרן אַ ריס אויפן אידעאָלאָגישן געביט צוליב דער אויסטייטשונג פון דער סאָציאַליסטישער שיטה. די יידישע אינטעליגענץ, וואָס איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין די גרויסע שטעט, האָט זיך צו־גענויגט צו דער ריינער מאַרקסיסטישער לערע פון די ס״ד מער ווי צו דער לערע פון מיכאַילאָווסקי אָדער קראָפּאָטקין, די אבות פונעם סאָציאַלן אי־דעאַליזם. און מער פון דער אינטעליגענץ איז דער אַרבעטער געווען פרעמד צום דאָרף און צו דער לערע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס איז באַ־גרינדעט געוואָרן בעיקר אויף די אינטערעסן פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער. די לערע פון מאַרקסן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף ווירט־שאַפטלעכע דערשיינונגען, וועלכע זענען קלאָר פאַרן אויג פון דעם גרויס־שטאָטישן מענטשן, איז פיל נאָענטער געווען צום הארצן און צום מוח פון דעם יידישן אַרבעטער. עס איז אַלזאָ נישט קיין וווּנדער וואָס דער גרעסטער טייל פון די פּועלי־ציון האָבן זיך צוגענויגט צו די וועגן פון די ס״ד און צו דער שיטה פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. דער אונטערשייד צווישן „פּועלי־ציון“ און „בונד“ איז נישט געווען צוליב דער לערע פון מאַרקס. פּועלי־ציון האָבן זיך געבייזערט צוליב דער בלינדקייט פונעם „בונד“ און צוליב

זיין דעגענעראַציע, צוליב זיין צושטימונג אַוועקצושטעלן די יידן, אין נאַ־ציאָנאַלן זינען, נידעריקער פון אַלע אַנדערע פעלקער. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם, איבערנעמענדיק דעם מאַרקסיזם, האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט בלויז מיטן קלאַסן־מאָמענט און האָט געפאָדערט אַ לייזונג פאַר דער נאַ־ציאָנאַלער פראַגע; און ווען ער האָט דאָס נישט געפונען אין דער לערע פון די ס״ד, האָט ער זיך נישט דערשראָקן פאַרן „אַפּיקורסישן" געדאַנק, אַז די אידעאָלאָגיע וואָס געפינט נישט קיין לייזונג פאַר דער נאַציאָנאַלער פראַגע, נייטיקט זיך אַליין אין אַ גרינטלעכער איבערבעסערונג. אַ טייל פון די פּועלי־ציון האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעקערט פונעם וועג פון די ס״ד און האָט זיך צו־גענויגט צו די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן באַשטימט פאַר דער נאַציאָנאַלער פראַגע אַ באַזונדערן אָפּטייל, נישט לויטן דרך פונעם אָרטאָ־דאָקסישן מאַרקסיזם. דאָס איז געווען די סיימיסטישע פאַרטיי, וועלכע איז צום סוף אַריין אין אַ פעדעראַטיון בונד מיט דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָ־לוציאָנערער פאַרטיי. אָבער דער הויפּט־שטראָם פון די פּועלי־ציון האָט זיך געשטאַרקט איבער אָט־דעם פעלער אויף אַן אַנדערן וועג — דערגאַנצנדיק די קלאַסן־שיטה דורך דער נאַציאָנאַלער לערע. אָט־די שיטה וואָס איז אויס־געאַרבעט געוואָרן דורך באָראָכאָוון אין זיין אַרבעט „די קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע" אָדער „די קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע" איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַלס פונדאַמענט פאַר דער סאָציאַליס־טיש־נאַציאָנאַלער אַנשויאונג פון די מאַרקסיסטישע פּועלי־ציון. אין דער שיטה פון באָראָכאָוו איז געפונען געוואָרן די דערגאַנצונג און די אויסבעסע־רונג פאַר דעם באַזישן פעלער פונעם מאַרקסיזם. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אויך די אוקראַינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן די זעלבע איבערגענומען פון באָראָכאָוון, נאָך דעם ווי ער האָט רעפערירט וועגן די יסודות פון זיין שיטה פאַר זיינע פירערס ווען זיי זענען צוזאַמען געווען פאַרשפאַרט אין דער תפיסה פון פּאָלטאַווע אין 1906. אויך קאַוטסקי האָט זי אָנגענומען אויף דער עלטער, וואָסערע צען יאָר נאָך דער פאַרעפנטלעכונג, נישט דערמאָנענדיק איר יידישן אָפּשטאַם און איר פאָטער און איניציאַטאָר — דב בער באָראָכאָוו.

אָבער אין יענער עפּאָכע, וועגן וועלכער מיר רעדן, האָט זיך פאַרשפּרייט אָט־די אידעאָלאָגישע מלחמה אינעם לאַגער פון די פּועלי־ציון, צווישן די אָנהענגער פון דעםווירטשאַפטלעכן מאַטעריאַליזם און פון דעם גייסטיקן אידעאַליזם, אַלס אידייען־קאַמף וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג צווישן די ס״ד און ס״ר.

די גרונט־פּראָבלעם פון דער מחלוקת, וועלכע האָט צום סוף פאַראור־זאַכט אַ פולשטענדיקן פונאַנדערגאַנג צווישן די צוויי ריכטונגען, איז געווען דאָס פּראָבלעם „ציון און אַ טעריטאָריע" צו וועלכן מיר וועלן זיך נאָך אומ־קערן. פון איר זענען געוואָרן אויך קאָנסעקווענצן פאַר די צוויי לעצטע פּראָ־בלעמען, צוליב וועלכע עס זענען פונאַנדערגעטיילט געווען די פּועלי־ציון און די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, און דאָס זענען: די באַטייליקונג, אָדער נישט־

באַטייליקונג אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און די פראַגע פון יידיש און העברעאיש. דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די פרינציפּיעלע קעגנערשאַפט צו דעם ציוניסטישן קאָנגרעס איז געקומען אַלס קאָנסעקווענץ פון דער אוגאַנדע־פּראָבלעם און דעם אַרויסטריט פון די טעריטאָריאַליסטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די שפּראַכן־פראַגע האָט אַריינגעבראַכט אַ שווערע צעטיילונג צווישן די פאַראייַנען פון פּועלי־ציון. עס איז אינטערעסאַנט, אַז דווקא די קאָנסערוואַטיווע מינסקער זענען געווען דעצידירטע אָנהענגער פון יידיש, ווען די דרומדיקע, די יעקאַטערינאָסלאַווער און די פּאָלטאַווער זענען געווען אָנהענגער פון די רעכטן פון העברעאיש. אין יענער צייט איז דאָס פּראָבלעם געשטאַנען אָפן, אָבער די מערהייט פון דער פּאַרטיי איז געווען גענייגט צו יידיש.

אין יענע טעג האָבן זיך געטראָפן צווישן דער באַוועגונג ציוניסטן, פּאָליטישע קעמפער און טעריטאָריאַליסטן, קעגנער פון דער פּאָליטישער מלחמה (אַ שטייגער די מינסקער), און פּאַרקערט: אין קיעוו, צום ביישפּיל, האָבן זיך פּועלי־ציון צעטיילט אין צוויי לאַגערן: אין „רויטע" (פּאָליטישע קעמפער) און „בלויע" (אַזעלכע וואָס אָנערקענען נישט דעם פּאָליטישן קאַמף), אין אדעס — אַלגעמיינע מאַטעריאַליסטן און סאָציאַלע אידעאַליסטן אאַז"וו; אין פּוילן און אין אוקראַינע — חסידים פון יידיש און חסידים פון העברעאיש. אין גרעסטן טייל פון די פּלעצער האָבן עקזיסטירט „געמישטע" פּאַראייַנען, האַלב ציוניסטן און האַלב טעריטאָריאַליסטן און ענלעכע געזעלשאַפטלעכע אנדרוגענעסן. אַלץ איז געווען פאַרנאַנדערגעמישט און די צעמישונג איז נישט איבערגעריסן געוואָרן און האָט זיך נישט געענדיקט ביז עס איז געקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון אין רוסלאַנד און זי האָט געלייזט דאָס הויפּט־פּראָבלעם, די צענטראַלע פראַגע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט אַלע איבעריקע פראַגן, דאָס איז די פראַגע פון דער „רעאַליזאַציע", דאָס הייסט — די פ אַ ר ו ו י ר ק ל עכ ו נ ג פ ו נ ע ם צ י ו נ י ז ם מ י ט ד י כ ו ח ו ת פ ו נ ע ם א ר ב ע ט ע ר ־ ק ל אַ ס א ו ן א י ן ד י א י נ ט ע ר ע ס ן פ ו ן ד ע ם ז ע ל ב ן. איר לייזונג איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר ד ב ב ע ר ב אָ ר אָ כ אָ ו ו.

די לייזונג איז נאַטירלעך נישט געקומען פּלוצים. אין משך פון אַ סך יאָרן האָבן מיט איר געקעמפט און זיך אָנגעשלאָגן אין איר די גרינדער פון דער באַוועגונג. דאָס איז געווען די תקופה פון כאַאָס און פון מעשה־בראשית, די צייט פון שטורמישע דיסקוסיעס און פאַרטיזאַנישע אידייען־קאַמפּן, אַ מלחמה וואָס האָט פאַרשלונגען אַ סך כוח און ענערגיע פוןביידע צדדים און זי האָט פאַראורזאַכט אַ סך געפאַלענע, גייסטיקע געפאַלענע און דערשלאָגענע און פאַרמאַטערטע אין די טיפענישן פון זייערע נשמות, וועלכע זענען אַנטלאָפן פונעם פראָנט און האָבן זיך באַהאַלטן אין די ווינקעלעך און אייניקע זענען אַריבערגעגאַנגען אין דעם לאַגער פון אונדזערע קעגנער און פיינט.

דער הויפּט־קאַמף האָט זיך פאַרשפּרייט אַרום דעם פּראָבלעם צ י ו ן און ט ע ר י ט אָ ר י ע. אָט־דער קאַמף, וועלכער איז אויסגעבראָכן אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג צוליב דעם אוגאַנדע־פאָרשלאַג און אין דער פאָרם האָט ער זיך באַוויזן אינעם בירגערלעכן ציוניזם, האָט אָנגענומען אין דעם אַרבעטער־לאַגער אַ מער פּרינציפּיעלע פאָרם און גלייכצייטיק אויך אַן איינפאַכערע. נישט ציון און אוגאַנדע, נאָר — ציון און טעריטאָריע. און דווקא צוליב דעם איז אָט־דער קאַמף צווישן אונדז געווען שווערער ווי אין די בירגערלעכע קרייזן. די מערהייט פון די אינטעליגענטע כוחות וואָס האָבן אָנגעפירט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, זענען טיף באַאיינפלוסט געוואָרן פון די פּרינציפּן וואָס האָבן געהערשט אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און זיי האָבן אַריינגעפירט אין אָט־דעם קאַמף אַ קעגנערישן גייסט צו יעדער יידישער טראַדיציע, צו אַלע היסטאָריש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון, וועלכע זענען געווען אַ געווער אין די הענט פונעם גרעסטן טייל פון די אַלגעמיין־ציוניסטישע רעדנער און שרייבער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר ארץ־ישראל.

דער אַרבעטער־קלאַס, וואָס שטרעבט זיך צו באַפרייען פונעם יאָך פונעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, איז פאַרפּליכטעט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אויך די קייטן פון די טראַדיציעס, וועלכע בינדן אים צו צו דער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט — איז געווען זייער באַגרינדונג. אינעם טעריטאָריאַליזם האָבן זיי געזען אַן אויסוועג פון דער עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַלער ענגשאַפט אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די פאָלקס־מאַסן, אַ רעאַלע ענגשאַפט וואָס האָט פאַרפּליכטעט צו געפינען אַ דרינגענדיקע לייזונג. אַזוי ווי די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן נישט געהאַט קיין האָפענונג געהאָלפן צו ווערן אויף זייערע ווינערטער, מוזן זיי זוכן זייער רעטונג אין אַ געאָרדנטער אויסוואַנדערונג. פון דאַנען האָט זיך גענומען דער געדאַנק צו קאָנצענטרירן דעם אויסוואַנדערונגס־שטראָם און אים אַריינצוגיסן אין אַ באַזונדערער טעריטאָריע. די שרעקלעכעווירקלעכקייט האָט געהאָלפן צו אָט־דעם געדאַנקען־גאַנג. די פּאָגראָמען אין קעשענעוו און אין האָמעל און די פאַרפאָלגונגען מצד דער צאַרישער רעגירונג האָבן אַרויסגערופן אַ גייסט־צושטאַנד פון פאַרצווייפלונג און האָבן פאַרשטאַרקט די אויסוואַנדערונגס־כוואַליע. דאָס שלאַג־וואָרט „שנעלע הילף" איז געווען בכוח צו דערווערבן פאַר זיך די הערצער און אָפּצושטויסן יעדע אַנדערע שיטה, וועלכע האָט גענומען צו הילף באַווייזן, געשעפטע פון דער לאָגיק און דערפאַרונג. דער טעריטאָריאַליזם איז געגאַנגען מיטן שטראָם און דער ציוניזם — קעגן דעם שטראָם. און אויב אַזוי איז געווען אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג — מכל שכן צווישן די אַרבעטער. די מערהייט פון דער באַוועגונג האָט זיך צוגענויגט צו סתם טעריטאָריאַליזם און בלויז אַ קליינע צאָל האָט זיך איינגעשפּאַרט און איז געבליבן געטריי צו זייער הויפּט־אידעאַל, דעם „ציוניזם פון ציון".

דער ענדגילטיקער ריס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פונעם זיבעטן

ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, ענדע זומער ה׳תרס״ה. די טעריטאָריאַליסטן האָבן פאַרלאָזט דעם קאָנגרעס און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע בכלל, און האָבן געשאַפן פאַר זיך אַן אייגענע טריבונע — די אָרגאַניזאַציע יט״א. די סאָציאַליסטן צווישן זיי האָבן זיך פאַראייניקט באַזונדער אין דער פאַרטיי פון ציוניסטן סאָציאַליסטן — צ. ס. אָדער ס. ס., אָדער, אַזוי ווי זיי האָבן זיך גערופן אין אַמעריקע (מיט אַ מער פאַסיקן נאָמען): פאַרטיי פון די סאָ־ציאַליסטישע טעריטאָריאַליסטן (ס. ט.). פון דעמאָלט אָן איז דער נאָמען פועלי־ציון רעזערווירט געוואָרן פאַר די סאָציאַליסטן וואָס זענען געבליבן געטריי צו ציון.

נאָך פאַר דעם לעצטן ריס האָט זיך אָנגעהויבן צו וועבן צווישן די פועלי־ציון אַ נייער געדאַנק, וועלכער האָט באַגרינדעט דעם „פּאַלעסטינער״ ציו־ניזם נישט ווי אַ זאַך וואָס איז קעגן דעם טעריטאָריאַליזם, נאָר פאַרקערט, ווי אַזאַ וואָס באַהעפט זיך מיט אים. ציון איז נישט מער ווי די פאַרווירקלע־כונג פונעם טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק, ווי זיין איינציקע מעגלעכע פאַר־ווירקלעכונג, ווי דער טעריטאָריאַליזם מיט דער ה׳ הידיעה. נאָר דער ציוניזם איז אַ רעאַלער טעריטאָריאַליזם; יעדער טעריטאָריאַליזם אויסער אים איז אַבסטראַקט און ווייט פון דער ווירקלעכקייט. אונדזער שטרעבונג קיין ציון איז אַ שטרעבונג אויפצושטעלן אונדזער פאָלק אויף טעריטאָריאַליסטישע יסודות אין דעם איינציקן לאַנד וווּ עס האָט געזען אַ טעריטאָריאַליסטיש לעבן אין אַמאָליקע צייטן. אָט־דער געדאַנק, וואָס זעט אויס אַזוי באַנאַל און אָפּ־געדראָשן אין אונדזער צייט, איז געווען אָריגינעל און ניי אין יענער צייט. מיר דאַרפן געדענקען, אַז **דעמאָלט האָט געפעלט דער עיקר אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג — עס האָט געפעלט דער יידישער אַרבעטער וואָס לעבט אין ארץ־ישראל.** צוליב פּינקטלעכקייט דאַרף איך זאָגן, אַז די נייע עליה פון אַרבעטער האָט זיך אין דער פּראַקטיק אָנגעהויבן קורץ פאַר דעם, און ווען איך האָב באַזוכט צום ערשטן מאָל ארץ־ישראל, זומער ה׳תרס״ד, האָבן איך שוין אָנגעטראָפן די ערשטע חלוצים פון פועלי־ציון פון קעשענעוו, האָמעל און גראָדנע וואָס האָבן געאַרבעט מיטן רידל אין סעדזשערא און אין די ווייַנגערטנער פון יהודה; און אָנהויבנדיק פונעם יאָר תרס״ה זענען די גרינדער פון דער רוסישער פאַרטיי געשטאַנען אין קאָרעספּאָנדענץ מיט די פועלי־ציון אין ארץ־ישראל. אָבער יענץ הייפעלע אַרבעטער האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַרוואָרצלט אין לאַנד, זיין שטים איז כמעט צו אונדז נישט דערגאַנגען און נישט ווייניק דרייסט־קייט און העזה האָט זיך געפאָדערט, אַז די גרינדער פון דער פאַרטיי פועלי־ציון זאָלן פּראָקלאַמירן אין יענעם מאָמענט דעם יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל אַלס טרעגער פונעם ציוניזם. דער „פּראָגנאָסטישער״ געדאַנק (פּראָג־נאָז — מיינט פאָרויסזעאונג), וועלכער האָט פאָרויסגעזען די געשעענישן,

איז פאַרויסגעגאַנגען פאַר דער ווירקלעכקייט, און פאַר דעם פאַרדינט ער גע־לויבט צו ווערן!

אַט־אַזוי איז אויפגעקומען די באַנייטע פועלי־ציוניסטישע באַוועגונג אין ווּעמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען באָראָכאָוו.

די כוחות פון פועלי־ציון האָבן זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אַרום אַר־דענען, די פאַראייניגען פון וויטעבסק און יעקאַטערינאָסלאָוו האָבן געציילט טויזנטער חברים, די פועלי־ציון פון פוילן האָבן אויסגעשפּרייט זייער נעץ איבער זייער גאַנצן לאַנד, זיי האָבן געשאַפן אַ באַזונדערן פאַרבאַנד, אָבער גאַנץ באַזונדערס פאַרשפּרייט האָט זיך דער פועלי־ציוניזם אין דרום, אין די געגנטן פון פאָלטאַווע און קרים, אין ראָסטאָוו און אין אוקראַינע.

דער קאַמף מיט דעם סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם האָט געדינט ווי אַן ערשטער שטויס צו דער קאָנצענטראַציע פון די פועלי־ציון און צו זייער פאַראייניקונג אין איין קערפּערשאַפט. אָבער אין גיכן האָט די באַוועגונג באַ־קומען אַ נייעם שטויס, אַ שטאַרקערן און אַ טיפערן ווי פון דעם צו ציון קעג־נערישן טעריטאָריאַליזם — דהיינו פון דער סיימיסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף טעריטאָריעלער פּאַסיוויטעט און גלייכגילטיקייט. דער סיי־מיזם האָט נישט פאַרלייקנט בעצם דעם ציוניזם, ווי זיינער־צייט דער בונד, נאָר ער האָט אָפּגעשטופּט דאָס פּראָבלעם און אויך זיין לייזונג אין דער צוקונפט.

אין קעגנזאַץ צום טעריטאָריאַליסטישן סאָציאַליזם האָט זיך דער סיי־מיזם אויפגעהויבן קעגן די פועלי־ציון נישט פון דרויסן, נאָר ווי אַן אינע־ווייניקסטער לויערער. אָן דער שפּיץ פון אָט־דער באַוועגונג איז געשטאַנען אַ קליינע גרופּע פון געבילדעטע „פיינע בחורים" וועלכע האָבן געהאַט געניג צייט אויסצושפּינען אַ שיינע און גלאַנצפולע טעאָריע, וועלכע האָט איינגע־זאַפּט אין זיך און סינטעטיזירט די לערע פונעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און דעם געדאַנק פון דער בונדיסטישער אויטאָנאָמיע, האָט אָביסל אויסגע־ברייטערט איר האַריזאָנט דורך אַ פּראָגראַם פון פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע אויף נאַציאָנאַל־פּאָליטישע יסודות און האָט באַצירט אָט־דאָס אַלעס מיט אומפּרוכטבאַרע ווערטער וועגן „ציוניזם פאַר דער צוקונפט". מיט אָט־דעם מירטן־בוקעט זענען געקומען די באַשאַפער פון דעם סיימיזם אין דער יידי־שער גאַס אריין און זענען לייכט אַריינגעדרונגען אין די רייען פון די (פּאַ־לעסטינער) פועלי־ציון דווקא, וועלכע זענען געווען ווי אַ צעשטערטע פעס־טונג. אין די אַנדערע פּאַרטייען, ווי די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (ס. ס.), בונד אאַז"וו האָבן זיי נאַטירלעך אַפילו נישט געקענט שטעלן קיין פוס. קודם־כל האָט זיך זיי איינגעגעבן צו געווינען אַ קליינעם טייל פון די אָנפירערס פון די גרויסע אָרגאַניזאַציעס (וויטעבסק, יעקאַטערינאָסלאַוו) און מיט זייער הילף האָבן זיי זיך דורכגעבראָכן אַ שטעג צו די אָרגאַניזירטע מאַסן. זייער צאָל איז געוואַקסן און איז פלוצים געשטיגן צו טויזנטער און דאָס איז גע־ווען אַ וווּנדער אויף דער יידישער גאַס. קיינמאָל איז נישט געשאַפן געוואָרן קיין פּאַרטיי אַזוי שנעל און לייכט. אָבער די וואָס זענען געשטאַנען נאָענט

צו דער זאַך האָבן געוווסט, אַז די רייען פון די סיימיסטן האָבן זיך אָנגעפילט נאָך צוליבן חורבן פון די פועלי־ציון. דער פּאַראַט פון אַ סך מענטשן פון דער באַוועגונג האָט זיי געהאָלפן אויסצוברייטערן זייער איינפלוס אויף די מאַסן פון די חברים און זיי אָפּצונאַרן, זאָגנדיק, אַז דער סיימיזם איז נישט מער ווי די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון דעם פועלי־ציוניזם. מענטשן ווי מ. לעווו־קאָווסקי (איינער פון די פאַרדאַמער פונעם ציוניזם היינט) און זייערס גלייכן האָבן זיך איינפאַך באַנוצט מיט דער אַלטער „פירמע" (אַזוי ווי עס האָבן זיך באַנוצט אין אונדזערע טעג, אין די יאָרן 1918־20 די מענטשן פון מפ"ס מיטן נאָמען פועלי־ציון), בכדי אַריינצוטאָן אין איר נייעם אינהאַלט, וואָס איז קעגנעריש צו דעם גאַנצן מהות פון דעם פועלי־ציוניזם. דער דערמאָנ־טער לעווקאָווסקי האָט אויפגעטאָן נאָך אַ גרעסערע זאַך — ער האָט איבער־געגעבן דאָס געלט וואָס איז באַשטימט פאַר די באַדערפענישן פון דער פּאַר־טיי פועלי־ציון צו דער נייער פּאַרטיי און זי האָט זיך באַנוצט מיט יענע סו־מעס פאַרן קאַמף מיטן סאָציאַליסטישן ציוניזם.

צוויי סיבות זענען שולדיק געווען אין אָט־דער ירידה פון אונדזער באַ־וועגונג: א) די אינעווייניקסטע אָרגאַניזאַציאָנעלע טיילונגען אין דער פּאַ־לעסטינער פּאַרטיי; ב) דאָס פעלן פון אַן ארץ־ישראלדיקער לעבעדיקער טאַט, וועלכע זאָל אַנטשיידן אין די מיינונגס־פאַרשידנהייטן און דינע פּלפּולים, וואָס האָבן געהערשט אין אונדזער לאַגער.

דער קלאַפּ, וואָס עס האָבן באַקומען די פועלי־ציון פון די סיימיסטן, האָט מיט זיך אויך געבראַכט די אָרגאַניזאַציאָנעלע רפואה און ער האָט פאַר־אורזאַכט די פאַראייניקונג פון די איבערגעבליבענע כוחות און די איבערגרו־פּירונג פון דער פּאַרטיי. צוויי מאָל איז נגזר געוואָרן אויף די פועלי־ציון צו פאַרלירן דעם גרעסטן טייל פון זייערע מיטגלידער, איין מאָל דורך די טערי־טאָריאַליסטן און דאָס צווייטע מאָל דורך די סיימיסטן, ביז זיי האָבן גע־מאַכט דעם אַנטשיידנדיקן שריט — די פאַראייניקונג פון די פּאַלעסטינער פועלי־ציון אין איין פּאַרטיי.

פאַר דער אַלגעמיינער ערשטער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען די קאָנ־פערענץ פון דעם פּאָלטאַוועער קרייז (דעצעמבער 1905), איינער פון וועמענס איינאָרדענער עס איז געווען דער מחבר פון אָט־די שורות. אויף יענער קאָנ־פערענץ איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט אויך פאַר דער נייער פּראָ־גראַם פון פועלי־ציון (וועלכע איז דערנאָך אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך באַ־ראַכאָוון אין „אונדזער פּלאַטפאָרם") און אויך פון דעם נייעם אָרגאַניזאַציאָ־נעלן געבוי. באַלד נאָך דער קאָנפערענץ פון פּאָלטאַווע איז אויסגעבראָכן דער קאַמף צווישן פועלי־ציון און די סיימיסטן. דער שווערסטער קאַמף איז אויס־געבראָכן אין בערדיטשעוו און אויף דער פועלי־ציוניסטישער קאָנפערענץ פון דער דרום־מערבדיקער געגנט. דאָ האָבן זיך געטראָפן פּאַרטרעטער פון ביידע ריכטונגען — די פּאַלעסטינער פועלי־ציון און די סיימיסטן — און זיי האָבן געפירט אַן אידעאָלאָגישע מלחמה אין משך פון גאַנצע דריי וואָכן. צום

סוף האָט זיך דער דרום־מערבדיקער געגנט געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן. אַזעלכע מלחמות זענען אויך פאָרגעקומען אויף פאַרשידענע ערטער אין ליטע און אין דרום. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו קעמפן מיט די סיימיסטן אין קרים און צו באַפעסטיקן די קליינע גרופּע פון פּועלי־ציון אויף דעם טאַורישן האַלב־אינדזל. צו אונדז האָט זיך אָנגעשלאָסן די פּאַרטיי פּועלי־ציון אין פּוילן, וועלכע איז בעסער אָרגאַניזירט געווען פון די אַנדערע טיילן אין דער באַוועגונג און האָט די גאַנצע צייט נישט דערלויבט די סיימיסטן צו שטעלן ביי זיך אַ פוס. מיט פאַראייניקטע כוחות זענען מיר צוגעטראָטן איינצואָרדענען די אַלגעמיינע פּאַרטיי און מיר האָבן פאַררופן אַ גרינדונגס־קאָנפערענץ. פאַר דעם האָבן זיך געטראָפן די דעלעגאַטן פון פאַרשידענע געגנטן אויף אַ פאָר־באַראַטונג און דערנאָך איז געקומען די ערשטע אַלגעמיינע קאָנפערענץ, פּורים ה׳תרס״ו אין פּאָלטאַווע.

נאָכן צוריקקומען קיין רוסלאַנד און מיין עליה צום צווייטן מאָל

מיין ערשטע רייזע קיין ארץ־ישראל, זומער תרס״ד, וועלכע איך האָב באַשריבן אין דעם קאַפּיטל „פון פּאָלטאַווע ביז ציון״, האָט געהאַט אַלס צוועק בלויז אַ באַזוך, אָבער מיין עליה צום צווייטן מאָל, אין יאָר תרס״ז (1907), איז שוין געווען מיטן צוועק זיך צו באַזעצן אויף שטענדיק.

צום ערשטן מאָל בין איך געפאָרן, ווען איך בין אַלט געווען 19 יאָר, פון אייגענעם אימפּולס און נישט האָבנדיק קיין רעאַלע פאַרבינדונגען מיט קיין שום באַשטימטער ריכטונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ס'איז ריכטיק, אַז מיין גערדאַנקען־גאַנג איז שוין דעמאָלט געווען גערינכטעט צום סאָציאַליס־טישן ציוניזם, אָבער אין יענער צייט איז אַט־די ריכטונג נאָך נישט געווען אויסקריסטאַליזירט ווי אַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג, ווי אַ פּאַרטיי. בלויז פאַראיינצלטע קעמערלעך פון פּועלי־ציון האָבן עקזיסטירט אין פאַרשידענע שטעט אין דער צעשפּרייטונג פונעם רוסישן גלות. און אַט־די קעמערלעך זענען געווען פאַרשידן און אָפּגעזונדערט איינס פונעם אַנדערן סיי דורך זייע־רע אָנשויאונגען, סיי לויט זייער טעטיקייטס־פּראָגראַם. בלויז עטלעכע הויפּט־אידייען וואָס זענען געווען געמיינזאַם פאַר אַלעמען האָבן זיי דערנענטערט צווישן זיך און זענען פאַר זיי געווען אַ מאָס פון פאַראייניקונג. אָבער אויך אין גרונט־ענינים, אין גאָר וויכטיקע אַפילו, זענען אויפגעקומען צווישן זיי מיינונגס־פאַרשידנקייטן, למשל אין דער שפּראַכן־פראַגע; אין דער פראַגע פון זייער באַציאונג צום פּאָליטישן קאַמף אין רוסלאַנד (עס זענען אויך גע־ווען עקזאַמיסטן — הויפּטזעכלעך די מינסקער — וואָס האָבן פאַרלייקנט דעם פּאָליטישן פראָנט, אָבער די מערהייט זענען געווען זיינע אָנהענגער). און אויך אין די אידעאָלאָגישע פראַגן (די באַציאונג צום מאַרקסיזם, צו דער שיטה פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם אאַז״וו). אַט־די אַלע קעמערלעך זענען געווען, ווי געזאָגט, איינזאַם און אָפּגעריסן איינס פונעם אַנדערן, און אָן אָרגאַנישן צונויפבונד צווישן זיך. עס איז אַ פאַקט, אַז די ערשטע פאַראיינען פון די פּועלי־ציון זענען אַרויסגעשפּראָצט פון זיך אַליין ווי פעלד־געוויקסן און כמעט אָן קיין שום פאַרבינדונג צווישן זיך. איך וועל דאָ דערמאָנען בלויז עטלעכע פון זיי: אין מינסק און ווילנע, גראָדנע און האָמעל, אין וואַר־שע, לאָדזש און אין די איבעריקע שטעט פון פּוילן און ליטע; און אין דרום — אין אדעס, קיעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, ראָסטאָוו, אין די שטעט פון קרים

און אַפּילו אין צענטראַל־רוסלאַנד. יעדער פאַראיין האָט פאַרמאָגט זיין באַזונדערע פאַרב און סטיל. יעדער פאַראיין איז געווען ווי אַ „קליינע וועלט“, וואָס האָט געהאַט זיין אייגענע „געשיכטע“. עס איז אַ שאָד וואָס די דערינערונגען פון יענע טעג ווערן וויינִיקער און פאַרשווינדן. עס איז די פליכט פון אַלע יענע וואָס זענען געווען עדות און שותפים פון דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג און ביי וועמען עס זענען פאַרבליבן שריפטלעכע אָדער מינדלעכע זכרונות וועגן איר געשיכטע און וועגן דער געשיכטע פון די פאַראיינען פון די איינצלנע שטעט, זיי זאָלן זיך באַמיען זיי צו פאַרשרייבן אויפן פּאַפּיר, בכדי עס זאָל איבערבלייבן אַן אָנדענק פון אָט־דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט פון וועלכער עס איז גאָרנישט פאַרבליבן אין לעבן, נאָך דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג וועלכע איז געשען דעם אייראָפּעאישן גלות דורך די נאַציס.

און דאָ דאַרף באַמערקט ווערן: אַזוי ווי אָט־דאָס קאַפּיטל איז באַשטימט פאַר דעם אָנהייב פון דער באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָב איך דאָ נישט דערמאָנט די באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע, ענגלאַנד און מערב־אייראָפּע, וואָס אויך דאָרטן, האָט זיך די באַוועגונג אָנגעהויבן טאַקע אין דער זעלבער צייט.

גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע אין אונדזער וועלט אין יאָר תרס״ז. זינט מיין ערשטער רייזע אין יאָר תרס״ד, האָט די פּאַרטיי פּועלי־ציון אין רוסלאַנד באַוויזן זיך צו זאַמלען און צו פאַראייניקן אין איין לאַנד־קערפּערשאַפט, וועלכע האָט אַריינגענומען אין זיך אַלע צעוואָרפענע אָפּטיילונגען איבער דעם גוואַלדיקן שטח פון רוסלאַנד: אין אוקראַינע, בעסאַראַביע, פּוילן, ליטע, ווייס־רוסלאַנד, קרים און דאָס אינערלעכע רוסלאַנד. די לאַנד־פּאַרטיי פּועלי־ציון איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער ערשטער דעלעגאַטן־קאָנפערענץ אין פּאָלטאַווע, אין חודש אדר תרס״ו (1906). אַלס יסוד פון איר אָנשויאונג, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַן אידעאָלאָגישע „פּלאַטפאָרם“ און אַ באַזונדערע פּאָליטישע פּראָגראַם, דאָס הייסט איין איינציקע אָנשויאונג און אַן איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע־פאָרם, וועלכע איז פונדאַמענטירט געוואָרן אויף אַ פעסטער דיסציפּלין, אויף דעם זעלבן שטייגער ווי די איבעריקע פּאַרטייען אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. אויף אָט־דער תקופה האָב איך מיך שוין אָפּגעשטעלט אין די קאַפּיטלען „פון פּאָלטאַווע ביז ציון“ און „דער אָנהויב פון דער פּאַרטיי“ און אין דער איינלייטונג צו די „געקליבענע שריפטן“ פון באָראָכאָוו אויף העברעאיש, דעריבער וועל איך מיך דאָ נישט פאַרהאַלטן לענגער ביי דעם.

איך וויל דאָ דערציילן וועגן איין געשעעניש אין מיין לעבן, וועגן וועלכער איך דערמאָן מיך יעדעס מאָל ווען איך קער זיך אום אין מיינע געדאַנקען צו יענער עפּאָכע, דער גרינדונגס־עפּאָכע פון דער פּאַרטיי.

די זאַך איז פאָרגעקומען אין סאַמע ברען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אין די טעג פון אָקטאָבער 1905 (חשון תרס״ו). אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זענען אַרויס פון דעם אונטערגרונט און זענען צום ערשטן מאָל

דערשינענע עפנטלעך מיט זייערע פענער און לאָזונגען. אַ גיגאַנטישע פאָלקס־פאַרזאַמלונג איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ „ספּאָנטאַנעם" אופן; אין די פילע טויזנטער האָבן געשטראָמט רוסן, אוקראַינער און יידן אָן אָפּהאַלט און אומגעשטערט צו דעם ברייטן פּלאַץ נעבן דעם נייעם טעאַטער אין פּאָל־טאַווע, מיין שטאָט. רעדנער פון אַלע שטראָמונגען און פּאַרטייען זענען אַרויס רעדן צום פאָלק; פאַרטרעטער פון דער „איסקרא" (סאָציאַל־דעמאָקראַטן), פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און פון דער אוקראַינישער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך צווישן די רעדנערס פון די „אַלגעמיינע" פּאַרטייען האָבן נישט געפעלט קיין יידן, אָבער זיי זע־נען נישט דערשינען אַלס יידן נאָר אַלס רוסן, אָדער אוקראַינער. מיר, די פּועלי־ציון, האָבן געפאָדערט עס זאָל געגעבן ווערן פּלאַץ אויך פאַר אַ יידישן רעדנער, וועלכער זאָל רעדן אין נאָמען פון די יידן. אונדזער בקשה איז דער־פילט געוואָרן און אין נאָמען פון דער פּאַרטיי האָב איך גערעדט צו אַ מאַסע פון צענדליקער טויזנטער נפשות, נאַטירלעך אויף רוסיש. איך האָב גערעדט ווי אַ ייד — וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן דער באַטייליקונג פון די יידן און וועגן אונדזער שטרעבונג אויך צו קענען לעבן ווי אַ פרייע פאָלק אין ציון. אין דער צייט וואָס איך האָב גערעדט פונעם טעאַטער־באַלקאָן איז גע־שטאַנען פאַר די אויגן פון מיין גייסט די לעבעדיקע געשטאַלט פון דער היי־ליקער שטאָט ירושלים, מיט אירע רואינען, אַ פאַרלאָזטע פון אירע קינדער, פּונקט אַזוי ווי איך האָב זי געזען מיט מיינע אויגן מיט אַ יאָר פריער, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באַזוכט דאָס לאַנד, זומער ה׳תרס״ד. אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך אַליין געפרעגט: צ ו ו ו ע מ ע ן ר ע ד א י ך? צי וועלן מיך פאַרשטיין אָט־די צוהערער מיינע דאָ אין פּאָלטאַווע, וועלן זיי מיר גלויבן? זענען טאַקע מיר יידן אמתדיקע שותפים צו דער רעוואָלוציע און צו דעם זיג? וועט אָט־די רעוואָלוציע, וואָס זאָגט אָן אויסלייזונג פאַר די רוסן, ברענגען אויך די געהאָפטע אויסלייזונג פאַר אונדז יידן? פאַרוואָס גע־פין איך מיך דאָ און נישט דאָרטן? פאַרוואָס געפינען מיר זיך אַלע דאָ און נישט דאָרטן? און נאָך דעם ווי אָט־די פראַגן האָבן זיך אויפגעהויבן פאַר מיר, האָב איך מיך מער נישט געקענט באַפרייען פון זיי און ווען איך האָב פאַרענדיקט מיינע ווערטער, האָב איך געטראַכט נישט וועגן אָט־דער דע־מאָנסטראַציע און וועגן דעם זיג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר וועגן א ו נ ד ז ע ר י ר ו ש ל י ם. אין יענעם מאָמענט האָב איך קאַטעגאָריש באַשלאָסן, אַז מיין פּלאַץ איז אין ארץ־ישראל און איך מוז עולה זיין אַהין און אָפּגעבן מיין לעבן פאַר איר אויפבוי, און וואָס פריער.

די דערינערונג פון יענעם מיטינג איז אויפגעקומען אין מיין מוח נישט איינמאָל אין מיין לעבן, און גאַנץ באַזונדערס אין די טעג ווען עס איז גע־פייערט געוואָרן די ערשטע טערקישע רעוואָלוציע אין תמוז תרס״ח, ווען די איינוווינער פון ירושלים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די טויזנטער אינעם הויף פון „קשלה" (ווינטער־קאַזאַרמעס) ביים דוד־טורעם, און דאָרט האָב איך

געהאַט מיין צווייטן אויפטריט פאַר אַ געמישטן פובליקום, אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער — דאָסמאָל נישט אין פּאָלטאַווע נאָר טאַקע ממש אין ירושלים.

אין משך פון דעם יאָר וואָס איז פאַרגאַנגען זינט דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי ביז מיין רייזע אין לאַנד אַריין, האָבן אונדזער יונגע פּאַרטיי אין רוסלאַנד געטראָפן האַרבע אומגליקן: באַלד נאָך דער אַלגעמיינער קאָנ־פערענץ אין פּאָלטאַווע האָט די צאַרישע פּאָליציי אויפגעדעקט די שפורן פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי און זי האָט אַרעסטירט דעם חבר בער באָראָכאָוו און נאָך אַ געוויסע צאָל פון צווישן די דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ. עס איז אמת, אַז דאָסמאָל האָט זיך איינגעגעבן באָראָכאָוון צו באַפרייען, אָבער שפּעטער מיט 4־5 מאָנאַטן האָט אונדז געטראָפן אַ נייער מכשול, וועלכער איז געווען פיל שווערער און ערנסטער פונעם ערשטן. די פּאָליציי האָט אויפגעדעקט אונדזער אָרגאַניזאַציע פון זעלבסט־שוץ אין פּאָל־טאַווע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די פּועלי־ציון און איז געווען קאָנצענטרירט אין מיינע הענט, ווי אויך דעם דינאַמיט־דעפּאָזיט, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין דער ערד, אין אונדזער שייער, אין הויף פון אונדזער הויז. אָט־די שטאָפן, דעם דינאַמיט און דעם ניטראָ־גליצערין האָב איך זיי־נער־צייט געבראַכט פון יעקאַטערינאָסלאַוו אין די טעג פון די פּאָגראָמען און איך האָב זיי אָפּגעהיט אויף צו קענען פאַרטיידיקן זיך קעגן די פּאָגראָמען, צו וועלכע מען האָט זיך געגרייט אויך אין פּאָלטאַווע. און ווידעראַמאָל זע־נען אַרעסטירט געוואָרן אַ צאָל מנהיגים פון דער פּאַרטיי, צווישן זיי — באָראָכאָוו. אויך מיך, מיינע עלטערן און די מיטגלידער פון מיין משפּחה האָט געטראָפן דאָס שלעכטס. בלויז צופעליק האָט זיך מיר איינגעגעבן זיך אַרויסצודרייען פון די הענט פון דער פּאָליציי, אָבער אַלע מיינע משפּחה־מיטגלידער זענען אַרעסטירט און איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט און שפּעטער מיט צוויי יאָר זענען זיי פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר *).

איך בין אַריבערגעפאָרן אויף אַ שטיקל צייט קיין ווילנע און צוזאַמען מיט עטלעכע חברים, וועלכע זענען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער באַ־וועגונג און האָבן זיך דאָרטן קאָנצענטרירט, האָבן מיר באַשלאָסן איבערצו־פירן דעם צענטער פון אוקראַינע קיין ווילנע. דאָרטן האָבן מיר אָנגעהויבן אַ ליטעראַרישע און פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט. אויסער מיר זע־נען דעמאָלט געווען אין ווילנע די פאָלגנדיקע מיטגלידער פונעם צענטראַל־

*) וועגן „די זעלבסטשוץ אין פּאָלטאַווע און די הויז־זוכונג ביי די עלטערן פון יצחק בן־צבי דעם 27סטן און 28סטן יולי 1906” איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אָפיציעלער דאָ־קומענט, וועלכן עס האָט אויפגעדעקט ד״ר ביכאָווסקי נאָך דער רעוואָלוציע אין די אַרכיוון פון דער צאַרישער רעגירונג. זע „ידיעות פונעם אַרכיוו פון דער אַרבעטער־באַוועגונג”, תל־אביב תרצ״ה, זייט 14 און ווייטער.

קאָמיטעט: צבי כאשין, רחל ינאית און י. זרובבל. פון די איבעריקע מיטגלי־דער פון דער צענטראַלע איז באַראַכאָוו געווען אַרעסטירט אין פּאָלטאַווע; ניסן לוריה איז אַ קורצע צייט געווען אין ווילנע און האָט זיך אומגעקערט קיין קיעוו; פ. מענטשיקאָווסקי איז געווען אין קרים און קיבין אין האָמעל.

ביים אָנהייב פון דער טעטיקייט, ווען באַראַכאָוו האָט זיך נאָך געפונען אין אַרעסט, האָט ער אונדז צוגעשטעלט ליטעראַרישן מאַטעריאַל און נאָכדעם ווי עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן אים צו באַפרייען אויף קויציע, איז ער אומלעגאַל אַריבער קיין מינסק און פון דאָרטן האָט ער צוגעפּאַסט זיין טע־טיקייט צו אונדזער צענטער אין ווילנע. פון צווישן די חברים וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער אַדמיניסטראַטיווער און טעכנישער אַרבעט, וועל איך בלויז דערמאָנען צוויי: שמואל האָפמאַן פון פּאָלטאַווע און שלמה שולמאַן פון פוילן. אין דער ליטעראַרישער אַרבעט, באַזונדערס אין די איבערזעצונ־גען אויף יידיש, האָט זיך באַטייליקט דעמאָלט אויך זלמן רובאַשאָוו, וועל־כער איז נאָך געווען אויף דער גרענעץ פון בחורשאַפט. אין ווילנע האָבן מיר געגרינדעט די צענטראַלע צייטונגען פון דער פּאַרטיי. די נייקייט פון אונ־דזער אויפטו איז באַשטאַנען אין דער שפּראַך: אַנשטאָט אַ פּרעסע אויף רו־סיש האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן צייטונגען און דערנאָך אויך בראָשורן אין דער שפּראַך אויף וועלכער עס האָבן גערעדט די רוסישע יידן — אויף יידיש. די ערשטע צייטונג האָט געהייסן „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק". מיר האָבן באַוויזן אַרויסצוגעבן דריי נומערן: דעם ערשטן ט"ו שבט, דעם צווייטן כ"ט שבט און דעם דריטן כ"ז אדר תרס"ז. נאָכן דערשיינען פונעם דריטן נומער האָט די רעגירונג איבערגעריסן דאָס דערשיינען פון דער צײ־טונג, וועלכע האָט אין אירע אויגן אויסגעזען צו זיין געפערלעך צוליב רע־וואָלוציאָנערישקייט, און די פּאַראַנטוואָרטלעכע חברים זענען אַרעסטירט גע־וואָרן. אָבער די פּאַרטיי האָט פאַרגעזעצט איר טעטיקייט און האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ נייער צייטונג, דעם „פּאָרווערטס", וועלכע מיר האָבן באַוויזן אַרויסצוגעבן בלויז דריי נומערן, דער לעצטער פון זיי י"ט באב ה'תרס"ז. דערנאָך איז אויך די צייטונג געשלאָסן געוואָרן דורך דער פּאָלי־ציי און איז מער נישט באַנייט געוואָרן *).

---

*) די ערשטע פּאַרטיי־צייטונג „יעווריסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ" (כראָניק פון די יידישע אַרבעטער) איז דערשינען אין פּאָלטאַווע דורכן צענטער פון דער פּאַרטיי און איז געשלאָסן געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג נאָכן דריטן נומער. נאָך דעם האָבן מיר פאַרגעזעצט אַרויסצוגעבן דעם „מאַלאָט" (האַמער) אין סימפעראָפּאָל, קרים, אונטער דער רע־דאַקציע פון פעליקס מענטשיקאָווסקי, פון וועלכן עס זענען אַרויס בלויז צוויי נומערן. אין אַט־די צוויי צייטונגען אויף רוסיש זענען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן קאָרעספּאָנדענצן פון ארץ ישראל. אַ באַזונדערן פּלאַץ האָט פאַרנומען די צייטונג „דאָס יידישע אַרבעטער־וואָרט", וואָס איז אומלעגאַל דערשינען אין פוילן דורך דער אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו (דער נומער 1); דער צווייטער נומער איז דערשינען דורך דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע און דער

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז אין די צוויי פריער דערמאָנטע צייטונ־גען, ווי אויך אין די צייטונגען אויף רוסיש וואָס זענען געווען פאַר זיי, זע־נען פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן קאָרעספּאָנדענצן פון ארץ־ישראל: אין „פּראָלעטאַרישער געדאַנק״ (נומער דריי) איז אָפּגעדרוקט גע־וואָרן די פּלאַטפאָרמע פון פועלי־ציון אין ארץ־ישראל, וועלכע איז אויסגע־אַרבעט געוואָרן אויף דער באַראַטונג אין רמלה, דעם 18טן ביז 20סטן תשרי תרס״ז, און אויך דער פאַרשלאָג פון אַ פּראָגראַם וואָס איז אָנגענומען גע־וואָרן אויף דער דעלעגאַטן־באַראַטונג אין יפו דעם 19טן ביז 22סטן טבת תרס״ז (איך וועל מיך נאָך אומקערן צו דעם ווייטער). אויך אין „פאָר־ווערטס״ זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן קאָרעספּאָנדענצן וועגן דעם וואָס עס איז געטאָן געוואָרן אין לאַנד. די צייטונג האָט אַזוי אַרום געשאַפן דעם ערשטן קאָנטאַקט צווישן די חלוצים פון דער פאַרטיי אין לאַנד און צווישן זייערע חברים אין רוסישן גלות.

אויסער די צייטונגען, האָבן מיר געגרינדעט אַ באַזונדערן פאַרלאַג מיטן נאָמען „דער האַמער״, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי בראָשורן (אויף יידיש) און ביכער אויף פּאַרטייאישע, פּאָליטישע, סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע טעמעס, וועגן צייט־פראַגן און פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען, צווישן אַנדערע: „קלאַסן־אינטערעסן און דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם״ פון ב. באָראָכאָוו. אָט־די ביכער האָבן געבראַכט נוצן ביים אידעאָלאָגישן און פּאָ־ליטישן צוזאַמענשלוס פון די פּאַרטיי־חברים, וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבער דער ברייט פון דעם גרויסן רוסלאַנד. אויסער דער ליטעראַרישער טע־טיקייט האָבן מיר זיך אויך פאַרנומען מיט פּאַרטייאיש־אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען און קאָנפערענצן און מיר האָבן איינגעאָרדנט רעפעראַטן און באַזוכן אין פאַרשידענע פּלעצער, בכדי צו פאַר־זיכערן אַן איינהייטלעכע פּאָליטישע ליניע און אָרגאַניזאַציאָנעלע צוזעקמע־סיקייט.

אין משך פון יענער גאַנצער עפּאָכע, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָ־מען „די עפּאָכע פון ווילנע״, בין איך אינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין די ענינים פון דער פּאַרטיי. אַלס מיטגליד פון דעם אויסגעקליבענעם צענטראַל־קאָמיטעט, האָב איך מיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן אַלס רע־פערענט, אָרגאַניזאַטאָר און מדריך. גלייכצייטיק האָב איך מיך פאַרנומען מיט דער צייטונג אַלס מיטגליד פון דער רעדאַקציע און האָב מיך אָפּגעגעבן אויך מיט ספּעציעלער ליטעראַרישער אַרבעט.

אין דער ווילנער פּעריאָדע האָב איך פאַרעפנטלעכט מיין ערשטע וויסנ־שאַפטלעכע אויספאָרשונג וועגן „די יידישע אומוואַנדערונגען״. דאָס איז גע־

לעצטער נומער דורך דער פּאַרטיי (אָן דעם צוגאָב אין קעפּל „דער פּוילישער פאַרבאַנד״, אַזוי ווי אין די ערשטע נומערן).

וועגן אַ פּרווו צו דערקלערן לויט דעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן מעטאָד די געשיכטע פון אונדזער פאָלק אין גלות ווי אַ קייט פון וואַנדערונגען פון לאַנד צו לאַנד און פון פאָלק צו פאָלק, וואַנדערונגען פון אַ פאָלק אָן אַ פאָטערלאַנד. אָט־יענע אַרבעט האָב איך געשריבן אויף רוסיש און איז איבערזעצט געוואָרן פונעם אָריגינאַל דורכן חבר זלמן רובאַשאָוו. ער פלעגט קומען אין מיין צימער אין ווילנע און דאָרטן האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט דער מלאכה פון שרייבן. פאָלגנדער איז געווען דער סדר פון אונדזער אַרבעט: איך בין געזעסן ביי מיין טיש און האָב געשריבן דעם אָריגינאַל, און ער איז געזעסן נעבן מיר, ביי אַ צווייטן טיש, און האָט איבערגעזעצט די זאַכן, אַזוי ווי זיי האָבן זיך איינגעגעבן, פונעם אָריגינאַל אויף יידיש. איך געדענק אַז אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג זענען מיר געזעסן אין יענעם צימער נישט אַרויסגייענדיק צוליב דער מורא פאַר אַ „גוט אויג“, פון דער צאַרישער פאָליציי.

דער אָנהייב פון דעם אַרטיקל (די איינלייטונג און דאָס ערשטע קאַפּיטל) איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם ערשטן נומער פון דער צייטונג „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק“ (זייט 20 ביז 39), דאָס צווייטע קאַפּיטל אין דעם צווייטן נומער פון יענער צייטונג (זייט 32 ביז 43), די דריטע פאָרזעצונג אין „פאָרווערטס“ (זייט 1 ביז 11) און די פערטע פאָרזעצונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די זומער־חדשים תרס״ז אין „דער יידישער אַרבעטער“ אין גאַליציע. אָבער די ענדע איז נאָך נישט דערשינען און זי איז באַהאַלטן ביי מיר אין מאַנוסקריפּט.

באַלד נאָך יענעם דערמאָנטן מכשול אין פּאָלטאַווע, נאָך דעם ווי איך האָב באַוויזן זיך אַרויסצודרייען פון די פאָליצייאישע הענט, בין איך געפאָרן קיין מינסק צו דער ראַיאָן־באַראַטונג (עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט חברים־דעלעגאַטן פונעם ראַיאָן ווילנע־מינסק), ווו איך האָב געהאַלטן אַ פאָרטראָג און זיך באַטייליקט אין די דעבאַטן. אָט־די קאָנפערענץ איז לעצטנס באַשריבן געוואָרן מיט העלע און געטרייע פאַרבן דורך דעם חבר זלמן שזר (רובאַשאָוו) אין זיין בוך „כוכבי־בוקר“ (מאָרגן־שטערן). איך געדענק נאָך די געשטאַלט פון אונדזער חבר יוסף אייזענשטאַט, דעם עלטסטן פון אונדזער חברה. ער איז געווען פון די וועטעראַנען פון דער פאַראייניקונג „מענשעוויקן“, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער לאַנדעס־פּאַרטיי, און איז אויך אַרעסטירט געוואָרן און געזעסן אייניקע חדשים אין תפיסה. דאָס איז דעמאָלט געווען אָן איינציק־אַרטיקע דערשיינונג, אַ ציוניסטישער וועטעראַן, פון וואָסערע פּופּציק יאָר, זאָל זיך אָנשליסן אין אַ באַוועגונג פון „יינגלעך“, ווי עס איז דעמאָלט געווען אונדזער באַוועגונג. מיט זיין אָנשליסונג האָט ער פאַרשטאַרקט אין אונדז דעם גלויבן אין זיך זעלבסט און אין אונדזערע כוחות.

נאָך דער ראַיאָן־באַראַטונג פון מינסק בין איך געפאָרן קיין ווילנע און פון דאָרטן קיין לאָדזש, מיטן צוועק זיך צו באַטייליקן אין דער זיצונג פון די חברים פונעם פוילישן פאַרבאַנד, און פון דאָרטן קיין אויסלאַנד, בכדי צו־

צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער גרינדונג פון אַ „ליגע" — אַ וועלט־פאַרבאַנד פון סטודענטן, און בכדי צו געווינען פאַר אונדזער באַוועגונג די „סטודענטי־שע פאַראיינען" אין אויסלאַנד, וועמענס מיטגלידער זענען נאָך געווען אומ־אַנטשלאָסן און זיי האָבן ערשט געזוכט וועלכן וועג אויסצוקלייבן פאַר זיך צווישן דער באַוועגונג פון די ארץ־ישראלדיקע פועלי־ציון, צווישן די סיי־מיסטן, אָדער צווישן די ס. ס. צוערשט האָב איך באַזוכט מאַנהיים אין דייטש־לאַנד. דאָרטן האָב איך רעפערירט וועגן אונדזער באַוועגונג. איך האָב דע־באַטירט מיט די סיימיסטן און איך האָב אָרגאַניזירט אַ גרופּע סטודענטן אַרום אונדזער פּאַן. איך האָב אויך באַזוכט וואָרמס — אָבער איך האָב דאָרטן נישט אָנגעטראָפן קיין שום „באַוועגונג". בשעת איך האָב באַזוכט די ריינישע שטעט, האָב איך דאָרטן געזען רעשטן פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן פון די טעג פון די קרייצצוגן, ווי דעם בית־מדרש פון רש"י אין וואָרמס. פון דאָרטן בין איך געפאָרן קיין בערן אין דער שווייץ און אויך דאָרטן האָב איך רעפע־רירט וועגן אונדזער באַוועגונג, האָב אָרגאַניזירט קרייזן אין פאָרם פון אַ „ליגע" פאַר פועלי־ציון און האָב דעבאַטירט מיט די סיימיסטן. און פון בערן בין איך געפאָרן קיין עסטרייך — קיין ווין. דאָרטן האָב איך מיך צוערשט פאַרבונדן מיטן חבר ש. קאַפּלאַנסקי און דורך זיין פאַרמיטלונג מיט די חברים אין גאַליציע. אויף מיין צוריקוועג קיין רוסלאַנד האָב איך זיך אַ געוויסע צייט פאַרהאַלטן אין קראָקע און דאָרטן האָב איך צום ערשטן מאָל זיך באַ־קענט פון דער נאָענט, פנים אל פנים, מיט דעם גאַליציאַנער יידנטום און מיט אונדזערע חברים צווישן אים. דורך אָט־דער רייזע מיינער האָבן זיך געשאַפן אָרגאַנישע פאַרבינדונגען צווישן אונז און צווישן אונדזערע חברים פון יענער זייט גרענעץ און עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן צו אַן איינ־הייטלעכער ציוניסטישער טעטיקייט פון דעם יידישן אַרבעטער אויף אַן איינ־טערלענדישן מאַסשטאַב — מיטן צוועק צו פאַרווירקלעכן זיין הויפּטציל אַלס יידישער אַרבעטער־קלאַס, וואָס שטאַטלעכע גרענעצן און מלוכהשע פונאַנ־דערטיילונגען קענען נישט צעטרייסלען זיין נאַטירלעכע נאַציאָנאַלע איינ־הייט.

איך האָב זיך אומגעקערט קיין ווילנע און פאַרגעזעצט מיין טעטיקייט, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך אַרעסטירט געוואָרן דורך דער פּאָ־ליציי אינעם הויף וו עס האָט געוווינט מיין זיידע: ער האָט מיך באַגלייט ווען איך בין אַריסגעגאַנגען פון זיין צימער און האָט געזען פונדערווייטנס, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די געהיים־אַגענטן, נישט קענענ־דיק מיר געבן קיין הילף. איך האָב מורא געהאַט, אַז די פּאָליציי האָט מיך געכאַפּט צוליב דעם ענין פון פּאָלטאַווע, אָבער גאַר באַלד האָב איך זיך אי־בערצייגט, אַז עס איז נישטאָ קיין שום יסוד פאַר מיין מורא: די אורזאַכן פון דעם אַרעסט זענען געווען גאַנץ אַנדערע. דער פּאָליציי האָט זיך נישט איינגעגעבן מיך צו אידענטיפיצירן מיט אַן אַנדערן חבר פון דער צענטראַלע פון דער פּאַרטיי, וועמען מען האָט געזוכט צוליב דעם ענין פון פּאָלטאַווע.

נאָך דעם ווי איך בין אָפּגעזעסן אַ חודש צייט, האָט זיך איינגעגעבן מיך צו באַפרייען פון דעם אַרעסט, מיט דער הילף פון איבערגעגעבענע חברים, און איך האָב מיך אומגעקערט צו מיין פּאַרטיי־אַרבעט אין ווילנע. איך האָב באַ־קומען אַ זיכערן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון מושאל (אַ צקע זאַיקע), און איך האָב ווידער פאַרלאָזט ווילנע, דאָסמאָל בין איך געפאָרן צו דער ראַיאָן־באַ־ראַטונג פון דער פּאַרטיי אין קעשענעוו. איך האָב פאַרגעטראָגן דאָרטן וועגן דעם וועג פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. צוליב אַ גליקלעכן צופאַל האָב איך אַנטדעקט אין דער צייט פון מיין לעצטן באַזוך אין אַמעריקע דעם תמצית פון דעם פאָרטראַג, וועלכער איז זיינער־צייט פאַרשריבן געוואָרן דורך איינעם פון די דעלעגאַטן צו דער באַראַטונג, דורכן חבר נח גאַרקער, וועמען איך בין שולדיק אַ דאַנק דערפאַר וואָס ער האָט עס מיר איבערגעגעבן. איך האָב באַזוכט אויך אדעס. איך האָב מיך אומגעקערט קיין ווילנע און אין אַ געוויסער צייט אַרום בין איך געפאָרן צו דער ראַיאָן־באַראַטונג אין גראָד־נע, וועלכע איז זיך צונויפגעקומען מיטן צוועק אויפצוקלערן אונדזער פּאָלי־טישן פּראָגראַם, אין אַנבאַטראַכט פון די וואַלן צו דער רוסישער דעפּוטאַטן־קאַמער. דאָרטן בין איך ווידער אַרעסטירט געוואָרן און די געפאַר האָט אויס־געוויזן צו זיין ערנסטער ווי ביים פריערדיקן אַרעסט. איך בין פאָטאָגראַפירט געוואָרן און מיין בילד מיט מיינע פינגער־אָפּדרוקן זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע שטעט צום צוועק פון אידענטיפיקאַציע. אָבער אויך דאָס מאָל האָט זיך דער פּאָליציי נישט איינגעגעבן מיך צו אידענטיפיצירן. אין דער תפיסה האָב איך מיך באַגעגנט מיטן חבר י. טאַבענקין און דאָרטן האָבן מיר זיך באַקענט צום ערשטן מאָל: איך בין אַרעסטירט געוואָרן ביים אָנהייב פון דער באַראַטונג און טאַבענקין ביי איר ענדע, און דעריבער האָב איך געקענט באַקומען פון אים אַ דעטאַלירטן און אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם גאַנג פון דער באַראַטונג.

צום סוף בין איך באַפרייט געוואָרן אַדאַנק דער אָנשטרענגונג פון חברים און דער קויציע פון בצלאל יפה און איך האָב מיך אומגעקערט קיין ווילנע. אינצווישן איז אויך בער באָראָכאָוו באַפרייט געוואָרן פונעם אַרעסט אין פּאָלטאַווע אויף דער קויציע פון אונדזערע פריינד, וועלכע האָבן אַריינגע־טראָגן טויזנט רובל. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרלירן דאָס געלט און באָראָ־כאָוו האָט אין געהיים פאַרלאָזט פּאָלטאַווע. אין אָנפאַנג איז ער געקומען קיין מינסק און איך מיט די איבעריקע מיטגלידער פון דער צענטראַלע זענען אויך געפאָרן אַהין, בכדי מיט אים זיך צו באַגעגענען און צו באַראָטן וועגן וויכ־טיקע פּאַרטיי־ענינים. איך האָב מיט אים פאַרבראַכט וואָסערע צוויי וואָכן. נאָכדעם האָב איך זיך אומגעקערט קיין ווילנע. אָבער דאָרטן זענען די זאַכן געוואָרן זייער באַלעסטיקנדיק. די פּאָליציי האָט זיך געיאָגט נאָך אונדז אָן אויפהער און יעדע נאַכט האָט זי דורכגעפירט זוכונגען. איך בין געצוווּנגען געוואָרן אָנצוהייבן אַן אונטערגרונטס־לעבן און צו בייטן יעדע נאַכט דאָס פּלאַץ ווו איך האָב גענעכטיקט, אויס מורא ווידער אַרעסטירט צו ווערן. און

עס איז נישט מער ווי אַ צופאַל, אָדער דאָס גליק וואָס האָט מיר צוגעשפּילט, איך זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער געהיים־פּאָליציי וואָס האָט געהיט מיינע שפּורן. ס׳איז געווען קלאָר, אַז עס איז נישט פאַראַנען קיין גרויסע האָפענונג זיך אַרויסצודרייען פון זייערע הענט. אָט־די לאַגע האָט פאַרשנעלערט די דורכפירונג פון מיין פריערדיקן באַשלוס סוף־כל־סוף עולה צו זיין אין לאַנד אַריין.

דער פּאַלעסטיניזם איז געווען אַ צענטראַלער הויפּט־מאָמענט אין אונ־דזער גאַנצער טעטיקייט און אונדזער גאַנצע דערשיינונג האָט געטראָגן אויף זיך און גאַנץ באַזונדערס אונטערגעשטראָכן דעם ארץ־ישראלדיקן כאַראַק־טער פון אונדזער באַוועגונג. דאָס איז דאָך געווען דער באַזונדערער פּונקט וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען וואָס האָבן געווירקט אויף דער יידישער גאַס. אונדזער גאַנצע אָרגאַניזאַציע איז דערשינען בלויז צוליב דעם קאַמף מיט שונאים פון ציון, אַזעלכע ווי דער „בונד“ און די יידישע מיטגלידער פון די „אַלגעמיינע“ פּאַרטייען, ווי אויך מיט די אומאַנטשלאָסענע — מיט די סיימיסטן און די מענטשן פון ס. ס.

עס איז נאַטירלעך, אַז דאָס עליה־פּראָבלעם קיין ארץ־ישראל איז ביי אונדז באַהאַנדלט געוואָרן נישט בלויז פּרינציפּיעל און אידעאָלאָגיש. מיר האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען די עליה, אין די אַלגעמיינע ראַמען פון אונדזערע אָנשויאונגען, ווי אַ סטיכישן פּראָצעס, ווי אַ געצוווּנגענע זאַך, און אונדזער אויפגאַבע אין אָט־דעם פּראָצעס — ענלעך ווי אונדזער אויפגאַבע אין דעם קלאַסן־קאַמף — האָבן מיר געזען אין דעם אַריינצוברענגען יסודות פון דער־קענטעניש און אָרגאַניזאַציע, בכדי אים צו ריכטן אין דער פּאַסנדיקסטער פאָרם צו דער פאַרשטאַרקונג פון די פּאָזיציעס און דער פאַרבעסערונג פון די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל. מיר האָבן געוווּסט, אַז בכדי צו באַאיינפלוסן אָט־דעם פּראָצעס, מוזן מיר קענען לערנען אויף אַ גרינטלעכן אופן די לאָקאַלע באַדינגונגען און דעריבער האָבן מיר פלייסיק אָנגעהאַלטן די באַציאונגען מיט אונדזערע חברים, די מענטשן פון דער באַ־וועגונג, וועלכע זענען עולה געווען אין לאַנד אַריין פאַר אונדז, מיט דער אַרבעטס־פּאַן אין זייערע הענט און אויך מיט יענע וואָס האָבן זיך געגרייט עולה צו זיין.

אין יענעם יאָר איז אויפגעקומען דאָס פּראָבלעם וועגן אָרגאַניזירן אַן עליה־באַוועגונג אין לאַנד אַריין צוליב אַרבעט. די ערשטע גרופּן האָבן זיך געפעדערט און זענען עולה געווען, גאָר צוערשט די מענטשן פון האָמעל, וואָס זענען געווען פאַרבונדן אידעאָלאָגיש און אָרגאַניזאַציאָנעל מיט די פּועלי־ציון פון מינסק. זייער עליה איז פאָרגעקומען באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין האָמעל (אלול תרס״ג), און זיי זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין חנוכה תרס״ד. נאָך זיי זענען געקומען חברים פון גראָדנע און פוילן, פון קיעוו, יע־קאַטערינאָסלאַוו און אָדעס, פון קעשענעוו און ראָסטאָוו. וועגן דעם אַלעמען האָב איך מיך שוין אָפּגעשטעלט אויף אַנדערע פּלעצער. אין יענער עפּאָכע,

דאָס הייסט ווען אונדזער באַוועגונג האָט זיך אויסקריסטאַליזירט צו אַ באַזונדערער פּאַרטיי, זענען יעדעס מאָל אויפגעקומען קליינע גרופּן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל עולה צו זיין אין לאַנד אַריין, אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן ווי אַרבעטער, און זיי האָבן זיך אַליין אָנגערופן מיטן נאָמען „פּיאָנערן". איינע פון די פּיאָנערישע גרופּן איז געשאַפן געוואָרן אין יענע טעג, אין יאָר 1906, אין וואַרשע און נאָך איינע אין לאָדזש. אָט־די גרופּן זענען עולה געווען אין לאַנד לויט אויסגעאַרבעטע פּלענער. אויך פון אַנדערע ערטער אין רוסלאַנד זענען אָנגעקומען גרופּן פון חברים. פראַגמענטן און קאָרעספּאָנדענצן וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע פון יענער עפּאָכע זאָגן עדות וועגן דעם און זיי לייקענען אָפּ די געפּעלשטע מיינונגען וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן זיינער־צייט, אַז די פּועלי־ציון זענען כלומרשט געווען קעגן דער עליה. די פאַקטן זאָגן עדות וועגן דעם קעגנטייל פון דעם: אַלע חלוצישע פּאַראיינען פון יענער עפּאָכע שטאַמען פון די רייען פון פּועלי־ציון. איך וועל דאָ דערמאָנען דעם נאָמען פון אליהו (פּיניע) ווייגאָדסקי, וועלכער איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון אָט־דער באַוועגונג אין לאָדזש און פון די ערשטע עולים אין לאַנד אַריין. דער חבר פּיניע איז געקומען קיין ווילנע, בכדי זיך צו באַראַטן וועגן דער אָרגאַניזירונג פון אָט־דער באַוועגונג מיט דער צענטראַלע פון דער פּאַרטיי. די מיטגלידער פון דער צענטראַלע האָבן זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צו דער זאַך און האָבן געשטאַרקט זיין מוט און דעם מוט פון די איבעריקע חברים פאַר דער איניציאַטיוו. דאָס איז געווען אין ווינטער תרס"ז (ענדע פון יאָר 1906). נאָכדעם האָט זיך פּיניע באַטייליקט, אַלס מיטגליד פון די פּועלי־ציון, אין דעם כינוס פון די „ביליים החדשים" (די נייע בילויים) אין אדעס אַלס „באַאָבאַכטער".

ווי איך האָב שוין אויבן אָנגעוויזן, איז געשטאַנען די צענטראַלע אין ווילנע אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער קליינער פּאַרטיי פּועלי־ציון, וואָס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אין לאַנד. שטענדיק ווען עס איז עולה געווען אַ חבר פון אונדזער פּאַרטיי פון רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל, פלעגט ער באַקומען אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו, מיטן צוועק אָפיציעל אַריבערגעפירט צו ווערן פון זיין אָפּטיילונג צו דער פּאַרטיי פּועלי־ציון אין לאַנד. אַזעלכע צייגענישן, וואָס האָבן זיך אויפגעהיטן אין מיין באַזיץ, האָב איך איבערגעגעבן דעם אַרבעטס־אַרכיוו פון דער הסתדרות.

פונקט אַזוי ווי מיר אין רוסלאַנד האָבן זיך אינטערעסירט מיט אונדזערע חברים וואָס זענען עולה געווען אין לאַנד אַריין און מיט אַלץ וואָס האָט מיט זיי געטראָפן, פונקט אַזוי האָט די פּאַרטיי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין לאַנד, באַטראַכט די רוסישע פּאַרטיי ווי איר רעזערוו־אַרמיי, פון וועלכער זי האָט געשעפּט די נייטיקע פאַר איר נייע מענטשלעכע כוחות. און נישט נאָר מענטשלעכע כוחות, נאָר אויך די הויפּט־געדאַנקען. יאָ, עס איז גענוג צו בלעטערן אין „מצע רמלה" (תשרי תרס"ז) בכדי זיך צו איבערצייגן, אַז פאַר די אויגן פון אירע אויטאָרן און רעדאַקטאָרן האָט געשוועבט

די פּראָגראַם, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אייניקע חדשים פאַר דעם אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון אין רוסלאַנד, אין פּאָלטאַווע (אדר תרס״ו). „מצע רמלה״ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינער־צייט אינאיינעם מיט דער פּאַרטיי־פּראָגראַם וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון 19טן ביזן 22סטן טבת תרס״ח, אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק״ נומער 3. און אויף עברית — דורך ד. קלעי — אין „אסופות״, תל־אביב, שבט תש״ה. און אויך אין דעם בוך „העליה השניה״ פון חבר ד. קלעי.

צווישן די גרינדער פון דער רוסישער פּאַרטיי, בין איך געווען דער איינציקער מיטגליד, וועלכער האָט געקענט דאָס לאַנד נישט נאָר פון דער ליטעראַטור, נאָר אויך דורך פּערזענלעכן קאָנטאַקט און אומדירעקטער באָאָבאַכטונג, אין דער צייט פון מיין ערשטן קורצן באַזוך אין יאָר תרס״ד. עס איז געווען פאַר מיר קלאָר, אַז אָן עליה און אַרבעט אין לאַנד האָט אויך נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אונדזער באַוועגונג אין גלות. נאַטירלעך האָב איך מיך באַמיט איינצופלאַנצן דאָס באַוווסטזיין וועגן דער וויכטיקייט פון דעם רעאַלן ארץ־ישראל אויך אין די הערצער פון מיינע חברים, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט מיר גענומען אויף זיך די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו אָרגאַניזירן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין גלות אונטער דער פאָן פון דעם אַרבעטנדיקן ציון. איך האָב געטאָן דאָס בעסטע וואָס איך האָב געקענט, אָבער איך האָב נישט געפונען קיין פולע באַפרידיקונג אין סתם אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע. אין מיין האַרצן איז שטאַרקער געוואָרן די באַדערפעניש אָנצוקניפּן אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט אונדזער חלוצישער אַרמיי, וועלכע האָט געפירט אַ מענטשלעכן קאַמף אויף זיינע ערשטע דעראָבערונגס־פּאָזיציעס אין לאַנד, און צו פאַרשטאַרקן זיינע פאַרבינדונגען מיט אונדזער באַוועגונג. עס איז נישט מעגלעך זיך צו באַנוגענען אין פאַרלויף פון חדשים און יאָרן בלויז מיט פּרינציפּן און מיט ווערטער גלאַט אין דער וועלט אַריין וועגן דער וויכטיקייט און דער באַדייטונג פון ארץ־ישראל אין אונדזער באַוועגונג. אַלע ווערטער וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין פּוסטע פראַזן, אויב זיי וועלן נישט באַגלייט ווערן דורך טאַטן. ביי מיר אין האַרצן און אין די הערצער פון אַ סך חברים, סיי צווישן די וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג און סיי צווישן די וואָס האָבן זיך געפונען אין די רייען, איז באַשאַפן געוואָרן דאָס געפיל, אַז עס איז שוין געקומען די שעה איבערצוזעצן אונדזערע רייד וועגן פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל אויף דער שפּראַך פון מעשים.

אין יענער צייט זענען זייער פאַרשווערט געוואָרן די לעגאַלע אַרבעטסבאַדינגונגען אין רוסלאַנד. די רעגירונג האָט זיך נאָך אונדז געיאָגט און האָט אונדז פאַרפאָלגט. די שטראָפן, זוכונגען און אַרעסטן האָבן זיך געמערט יעדן טאָג. איך האָב געזען, אַז איך וועל גוט טאָן, אויב איך וועל מער נישט אָפּלייגן מיין עליה אין לאַנד אַריין. דעם 15טן אדר תרס״ז, ווען עס איז געוואָרן אַ יאָר זינט דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי, האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע חברים אין דער צענטראַלע פון דער פּאַרטיי און האָב פאַרלאָזט ווילנע,

בכדי עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. פון דעמאָלט אָן האָב איך רוסלאַנד מער נישט געזען. אויפן וועג בין איך דורכגעפאָרן וואַרשע און לאָדזש און זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג אין ווין. לערך אַ יאָר נאָך דעם ווי איך האָב פאַר־לאָזט רוסלאַנד, האָבן נאָכגעפאָלגט מיינע שפורן נאָך עטלעכע מיטגלידער פון דער צענטראַלע. די ערשטע עולה צו זיין איז געווען רחל ינאית — אין פרילינג תרס״ח. צוויי יאָר נאָך איר איז געקומען י. זרובבל און אַ געוויסע צייט שפעטער אויך אלכסנדר כאשין (צבי אַווערבוך). אַלע דריי האָבן באַ־לאַנגט צו דער פאַרטיי־צענטראַלע אין רוסלאַנד. מיר האָבן געמאַכט פיל אָנ־שטרענגונגען אַריבערצוברענגען צו אונדז אויך ב. באָראָכאָוון, און ער האָט עס טאַקע געוואָלט, אָבער עס זענען געווען אָפּהאַלטן „פונעם הימל״ און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. מען קען אַלזאָ זאָגן, אַז אין משך פון גצייילטע יאָרן זענען עולה געווען, איינס נאָכן אַנדערן, דער גרעסטער טייל פון די ערשטע וואַך־פאָסטנס, וואָס האָבן געגרינדעט די פאַרטיי פועלי־ציון אין רוסלאַנד. אָבער איך וויל מיך אומקערן צו מיינע זכרונות:

ווי געזאָגט, בין איך אַרויסגעפאָרן האַלב אדר ה׳תרס״ז און זיך פאַר־זאַמט אין וועג לערך אַ חודש צייט, לענגער ווי געוויינלעך. דער מאָטיוו פון דעם איז געווען וואָס איך האָב זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג אין ווין, ווו איך האָב זיך באַטייליקט אינאיינעם מיט חבר ש. קאַפּלאַנסקי אין אַ באַ־שטימטער טעטיקייט, וועלכע איז אויף אונדז אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך די פאַרטייען פועלי־ציון: צו פאַרפאַסן און רעדאַגירן אונדזער ערשטן מע־מאָראַנדום צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אָט־דער מעמאָראַנדום איז צוגעגרייט און באַאַרבעט געוואָרן דורך דעם חבר ש. קאַפּלאַנסקי און אין זיין רעדאַקציע האָב איך זיך אויך באַטייליקט. דער מעמאָראַנדום איז איבערגע־געבן געוואָרן צו דער ביוראָ פונעם אינטערנאַציאָנאַל דורך די רוסישע, עסט־רייכישע און אַמעריקאַנער פאַרטייען פון פועלי־ציון. דער נוסח פונעם מע־מאָראַנדום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „לע פעופל״ (פון 9טן יוני 1907), דעם אָרגאַן פונעם אינטערנאַציאָנאַל אין פאַריז, ביי אונדז אין ווילנער „פאָר־ווערטס״ (פון ג׳ אב, נומער 2, זייט 38 ביז 42) און אין „אָנפאַנג״ אין ארץ־ישראל (נומער 2 פון ט״ו באב, זייט 4 ביז 9 און אין מיין אַרטיקל „קאַ־פּלאַנסקי דער בן־ששים״ אין „דבר״ פון 3טן מערץ 1944). פון ווין בין איך געפאָרן קיין טריעסט און פון דאָרטן מיט דער שיף קיין יפו. צוליב פאַר־שידענע מאָטיוון האָב איך געלאַנדעט אין ביירוט און האָב זיך אומגעקערט קיין פאָרט־סאַיד, בכדי צו פאַרשאַפן אַ טערקישע „תזכרה״. דערנאָך בין איך צוריקגעפאָרן קיין יפו און אויסגעשטיגן אויפן ברעג פון ארץ־ישראל דעם ערשטן טאָג פסח תרס״ז.

די פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל אין די יאָרן 1907־1904

קומענדיק אין לאַנד, נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר פון מיין ערשטן באַזוך, האָב איך דערזען אַ גרויסע ענדערונג. ביי מיין ערשטן באַזוך אין לאַנד אין 1904, איז די צאָל אַרבעטער, וועלכע זענען געקומען פון גלות, געווען זייער אַ קליינע, מען האָט זיי געקענט ציילן אויף די פינגער. און איצטער האָב איך פאַר זיך דערזען כמעט אַ באַוועגונג, און נישט איין שטרעמונג, נאָר צוויי שטרעמונגען און צוויי אָרגאַניזאַציעס: „פועלי־ציון" און „הפּועל־הצעיר", אויסער דעם אַ באַדייטנדע צאָל אומפּאַרטייאישע אַרבעטער. אין די קאָלאָניעס האָבן זיך געפונען אַ 300־200 נייע אַרבעטער, בעיקר — אין פּתח־תקוה, ראשון־לציון, רחובות און נס־ציונה, אויך אין חדרה און אין זכרון־יעקב האָבן זיך געפונען יידישע אַרבעטער און זיי האָבן דערגרייכט ביז די קאָלאָניעס פון אונטערשטן גליל; עטלעכע צענדליקער אַרבעטער האָבן זיך איינגעאָרדנט אין יפו און אין ירושלים, צו זיין האָבן זיך אָנגעשלאָסן יוגנטלעכע, געבוירענע אין ארץ־ישראל, פון די אשכנזים, ספרדים און מזרח־עדות, ספּעציעל פון די ירושלימער און יפוער יידן. איינצלנע אַרבעטער האָבן זיך באַזעצט אויך אין חיפה, עס האָבן זיך אויך געשאַפן קליינע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן באַשעפטיקט אַביסל פון די איינגעוואַנדערטע. דאָס אַלץ איז געווען אַ נייע דערשיינונג, וואָס איז אַנשטאַנען אַדאַנק דער נייער עליה — „די צווייטע עליה" — אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר. די צאָל פון יעדער פּאַרטיי איז באַשטאַנען, בערך, פון אַ 200־150 מענטשן, יעדע שיף, וואָס איז געקומען פון אָדעס אָדער טריעסט, האָט געבראַכט נייע חברים. דאַקעגן, האָט יעדע שיף, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פון יפו, צוריקגעפירט אַ צאָל אַנטוישטע איינוואַנדערער, וועלכע האָבן נישט געפונען זייער וועג אין לאַנד און האָבן זיך דאָ נישט געקענט צופּאַסן. מען דאַרף אָננעמען די צאָל פון 500־400 מענטשן, אין דאָרף און אין שטאָט, ווי אַ מער־ווייניק באַשטימטע צאָל פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין יענער ערשטער צייט *).

*) אינעם ערשטן בריוו פון ארץ־ישראל, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם ערשטן נומער פון דער „יידישער אַרבעטער כראָניק" (פון 24־15 פעברואַר 1906, זייט 5) איז אָנגעגעבן די צאָל אַרבעטער (ד"ה אָרגאַניזירטע) — 550 מיטגלידער, פון זיי האָבן אַ

קומענדיק אין לאַנד האָב איך געפונען די חלוצים פון די דריי גרופעס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט אין אָנהייב פון דער צווייטער עליה — די האָמלער עולים, די ראָסטאָווער רעשטלעך און די פלאָנסקער.

די האָמלער גרופע — 13־14 חברים, זענען געקומען צוזאַמען, אין אַן אָרגאַניזירטע גרופע, באַלד נאָכן האָמלער פּאָגראָם, וועלכער איז פאָרגעקומען אין אלול 1903. אַלע, אָדער דער גרעסטער טייל פון זיי, האָט געהערט צו דער „פּועלי־ציון״־אָרגאַניזאַציע, פון פאַר דער שאַפונג פון דער לאַנדס־פּאַרטיי (זיי האָבן געהערט צו דער מינסקער שולע, וועלכע איז געווען דער יסוד פאַר די ליטווישע „פּועלי־ציון״ — אין ווילנע, גראָדנע, דווינסק, האָמעל אאַז״וו), און זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דער זעלבסטשוץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער פּאַרטיי. אויך דער נאָמען פון דער „זעלבסטשוץ״ זאָגט עדות וועגן איר אינערלעכער פאַרבינדונג מיט ציון: „ג. צ.״, וואָס מיינט „גבורי ציון״. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט געפּרוווט צו שאַפן אַן אָרגאַניזירטע זעלבסטשוץ. אין דער צייט פון די קישעניעווער פּאָגראָמען, פּסח 1903, האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין יידישע זעלבסטשוץ, און שוין סוף זומער 1903 האָבן זיך יידן פאַרטיידיקן קעגן די אָנגרייפנדיקע פּאָגראָמשטשיקעס מיט העק און רעוואָלווערן.

דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פון דער גרופע, די צענטראַלע פיגור אויך אין דער זעלבסטשוץ, איז געווען יחזקאל חנקין (וועלכער האָט זיך שפּעטער גערופן אין העברעאיש: חנני). אין די רייזע־באַשרייבונגען פון בלאַנקהאָרן און אהרוני פון דער געגנט ים־המלח פיגורירט ער אונטערן נאָמען „ברזלי״.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז נאָכן דערשיינען פון די האָמלער אַלס די אָרגאַניזירטע זעלבסטשוץ־גרופע, וואָס איז אַבסאָלוט פאַרווערט געווען אינעם רעזשים פון צאַרישן רוסלאַנד, זענען צוגעקומען ספּעציעלע באַגרינדונגען פאַר צוויילן זייער אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל, אָבער עס איז אַ טעות צו טראַכטן, אַז דער איינציקער אַרגומענט פאַר זייער אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל איז געווען דער פּאָגראָם און די פּאָליציי־פאַרפאָלגונגען. זייער עצם־אָרגאַנירונג אין אַ ציוניסטישער זעלבסטשוץ־גרופע, און שפּעטער, אין אַ חלוצישער גרופע פאַר עליה, איז געקומען אין אַ גרויסער מאָס, און אפשר אין אַן אַנטשיידענער מאָס, ווי אַ שטאַרקע רעאַקציע קעגן די ליקווידאַציע־פּרוון,

200 געהערט צו דער אַלטער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, און 350 צו די נייע אָרגאַניזאַציעס. אין דער פייערונג פון ערשטן מאַי, וואָס איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך די „פּועלי־ציון״ אין ראשון־לציון אין דעם זעלבן יאָר — האָבן זיך באַטייליקט 50 מענטשן (לויטן צווייטן בריוו, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „מאָלאָט״ (האַמער), נומער איינס, זעמזעלבן יאָר).

וועלכע האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער פאָרם פון אוגאַנדיזם און טעריטאָריאַליזם. דווקא די דאָזיקע ליקווידאַציע־פּרווון האָבן אויפגעוועקט צווישן די ערשטע חלוצים פון דער צווייטער עליה דעם ווילן צו פאַרווירקלעכן פּ אַ ק ט י ש אויף זיך גופא דעם ציוניזם און אַדורכפירן דעם געדאַנק מיט אייגענע כוחות, דורך עליה קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט צו אַרבעטן און בויען.

מיר האָט דערציילט ישראל שוחט, אַז אויך די גראָדנער „פּועלי־ציון" (וועלכע האָבן געהערט צום מינסקער לינקן פליגל) האָבן געפּרוווט שאַפן אַ חלוצישע גרופּע, ווי עס האָבן געטאָן די האָמלער, אָבער די זאַך האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, און נאָר איינצלנע זענען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דער ערשטער פון זיי געווען אברהם קריניצא, וועלכער האָט זיך געלאָזט אין וועג נאָך די האָמלער, באַלד נאָך אים איז אויך אָפּגעפאָרן סעדיה פּז פון מינסק, און אַ יאָר שפּעטער — אַלעקסאַנדער זייד *) און נאָך חברים פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע. די גרעסטע טייל פון די דאָזיקע חלוצים האָבן אין יענער צייט געאַרבעט ביי פיזישע אַרבעטן און גלייכצייטיק זיך פאַרנומען מיט שמירה. זיי האָבן געהערט צו די גרינדער פון „השומר" און צו זיינע בויער.

די דאָזיקע עליה איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי. די אָרטיקע „פּועלי־ציון"־אָרגאַניזאַציעס האָבן צוגעהאָלפן דער עליה פון זייערע „פּיאָנערן" און זיי האָבן מאַסנווייז באַגלייט די עולים קיין ארץ־ישראל. דער חבר י ה ו ד ה ז ע ל ד י ן, וועלכער איז אָנגעקומען אין לאַנד דעם 18טן יאַנואַר 1906, דערציילט צווישן אַנדערע: „די גאַנצע מינסקער „פּועלי־ציון"־אָרגאַניזאַציע האָט געוווסט וועגן אונדזער אָפּפאָר אין לאַנד, און כמעט אַלע אירע חברים און חברטעס (אַן ערך 250 מענטשן) האָבן אונדז באַגלייט צו דער באַן־סטאַציע, זיי האָבן זיך מיט אונדז געזעגנט מיט געזאַנג און מיט גרויס באַגייסטערונג. קיין געלט־אונטערשטיצונג האָבן מיר פון זיי נישט באַקומען, מיר האָבן עס אויך נישט געוואָגט צו פאַרלאַנגען פון זיי, ווייל מיר האָבן געוווסט אַז קיין געלט האָבן זיי נישט, אָבער מ אָ ר אַ ל י ש ע ה י ל ף האָבן מיר יאָ באַקומען, און זיי האָבן שטענדיק אונטערגעשטראָכן, אַז מיר טוען אַ ווי כ ט י ק ע ז אַ ך". דער אָנהייב פון זעלדינס אַרבעט אין לאַנד איז געווען אין די פּרדסים פון וואַדי־חנין, רחובות, זכרון יעקב און חדרה, ער האָט אויך געאַרבעט אין די ירושלימער שטיינהאַקערייען און ביי צייטווייליקער אַרבעט אין יפו, און שפּעטער אין סעדזשערער קאָלעקטיוו. צווישן די נעמען פון קאָלעקטיוו, דערמאָנט ער די נעמען פון סעדיה פּז און

---

*) אַלעקסאַנדער זייד — 1886—1938. פון די ערשטע חברים פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. אין ארץ־ישראל פון 1904. פון די ערשטע שומרים אין לאַנד. געפאַלן פון אַראַבישער קויל. אויף זיין נאָמען — גבעות זייד.

מענדל פּאָרטוגאַלי, צבי בעקער און מאיר הזנאָוויטש, פּיין און משה גבעוני (יוזאָווקער), ישראל גלעדי, בן־צור (מינקאָוויטש) און שפרה שטורמאַן.

די האָמלער זענען נישט געווען די איינציקע. אַ סך יונגע מענטשן זענען געקומען אין דער דאָזיקער תקופה, און צווישן זיי יידישע זעלנער, וועלכע זענען אין רוסלאַנד מאָביליזירט געוואָרן צו דער מלחמה מיט יאַפּאַן. אָבער די זענען געקומען צופעליק, און נאָר איינצלנע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג און אַריינגעטראָטן אין דער אָרגאַניזאַציע פון די נייע עולים. זיי האָבן זיך געפּרוווט איינאָרדענען ביי אַרבעט אין די קאָלאָניעס פון יהודה, שומרון און אויך אין גליל.

אַ ספּעציעל אייגנאַרטיק אָרט האָט פאַרנומען מיכאל האַלפערן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ חבר פון „פּועלי־ציון". איך וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז ער האָט געהערט אין לאַנד אָרגאַניזאַציאָנעל צו דער „פּאַרטיי" אָדער צום „השומר". דער דאָזיקער מענטש האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר וויכטיק אַזעלכע „קלייניקייטן", ווי אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנגעהעריקייט, פּאַרטייאישע דיסציפּלין אָדער שטייערן־אָפּצאָל, אָבער זיין פּערזענלעכע השפּעה אויף די פּאַרטיי־חברים און אויף די „השומר"־גרינדער איז געווען זייער אַ שטאַרקע. זיין נאָמען איז געווען באַקאַנט נאָך אין דער צייט פון דער באַוועגונג און פון דער זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד אין יאָר פון דער רעוואָלוציע (1905). זיין ענטוזיאַסטישער כאַראַקטער, זיין לעבנסשטייגער, וואָס האָט אויסגעזען מאָדנע אין די אויגן פון אַנדערע, זיין גליענדע פאַנטאַזיע — דאָס אַלץ האָבן אים צוגעגעבן לעגענדאַרישן גלאַנץ אין די אויגן פון דער יוגנט. ער האָט באַזוכט ארץ־ישראל עטלעכע מאָל נאָך אין דער תקופה פון דער ערשטער עליה. און שוין אין 1903 אין ווילנע, האָט זייד געהערט פון אים וועגן דעם מצב אין לאַנד. אין ארץ־ישראל זענען אַרומגעגאַנגען דערציילונגען און לעגענדעס וועגן זיינע ערשטע באַזוכן. ער איז געווען אַ זון פון רייכע עלטערן אין ווילנע. פון אָנהייב איז ער געוואָרן אַ קאָלאָניסט אין נס־ציונה און ער איז אויך געווען אַן אויפזעער אויפן גוט וואָס האָט געהערט צו זיין פאָטער. מען דערציילט וועגן אים, אַז אין יענער צייט האָט ער אָרגאַניזירט אַ שטרייק פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין זיין טאַטנס פּרדס, ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די שטרייקנדע און דעמאָנסטרירט אין זייער שפּיץ אויף אַ ווייס פערד מיט אַ רויטער פאָן אין איין האַנט און מיט אַ שווערד אין דער אַנדערער.

ביי מיין ערשטן באַזוך אין לאַנד (זומער 1904) האָב איך שוין דאָ געפונען די ברידער אליעזר און ישראל שוחט פון גראָדנע און די האָמלער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין רחובות און אין פּתח־תקוה, און אייניקע פון זיי — אויך אין סעדזשעראַ. זיי האָבן דאָ געאַרבעט ביים גראָבן די יסודות פון „חאַן". אין יענער צייט איז שוין געמאַכט געוואָרן דער פּרווו צו גרינדן דעם ערשטן קערן פון דער פּאַרטיי און צו שאַפן פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד. צו דעם דאָזיקן קערן האָבן זיך אָנגעשלאָסן חברים, וועלכע

זענען געקומען פון דרום־רוסלאַנד: פון בעסאַראַביע, אָדעס, אוקראַינע און קאַווקאַז. יעדנפאַלס דאַרף מען דעם ערשטן שטראָם פון עליה פאַררעכענען אויפן חשבון פון ל י ט ע.

דערווייל איז אויסגעבראָכן די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע, אין אָקטאָבער 1905, און מיט איר — אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען אויף יידן, ספּעציעל אין די דרום־שטעט. די פּאָגראָמען אין ראָסטאָוו האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אכזריותדיקייט. אויך דאָ איז געווען טעטיק די זעלבסטשוץ, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך „פּועלי־ציון". נאָך די פּאָגראָמען האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קערן פון צווישן די זעלבסטשוץ־אָנטיילנעמער, פון די וועלכע האָבן שוין לאַנג געחלומט איבערצופאָרן קיין ארץ־ישראל. דער לעצטער שטויס איז געגעבן געוואָרן דורכן מאָרד פונעם סטודענט אַ ג ו ז, איינער פון די אַרטיקע פּועלי־ציון־פירער, וועלכער איז געפאַלן פון די הענט פון די רוצחים־פּאָגראָמשטשיקעס. די ראָסטאָווער חלוצים האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אַנדער שיכט, אַ נישט־גלייכע צו דער וואָס איז אָפּגעפאָרן פון ליטע. די העבּרעאישע שפּראַך איז זיי געווען פרעמד, אויך יידיש רעדן איז זיי אָנגעקומען שווער. די שפּראַך מיט וועלכער זיי האָבן זיך באַנוצט איז געווען רוסיש, און די אידעאָלאָגיע, וועלכע זיי האָבן מיטגעפירט מיט זיך האָט געטראָגן דעם סטעמפּל פון דער רעוואָלוציע פון 1905. זייער ציוניזם איז אַרויסגעדרונגען מער פון געפיל, ווי פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, און דעריבער איז ער געווען אויבערפלעכלעך, אָן טיפע וואָרצלען. אויך זייער סאָציאַליזם, ווי עס האָבן מיר איבערגעגעבן די חברים, וועלכע האָבן זיי געקענט פון דער נאָענט, איז אין אַ גרויסער מאָס, געקומען פון געפיל און נישט פון באַוווסטזיין אָדער פון ערנסטע שטודיעס פון די מקורות פונעם סאָציאַליסטישן ווערק. זיי זענען געווען ענלעך צו „חסידים", וואָס די אמונה אין סאָציאַליזם האָט פאַרטרעטן דאָס אָרט פון זייערע ידיעות. נאָר איינצלנע צווישן זיי זענען געווען „אינטעליגענטן" מיט אַ סאָציאַליסטישע בילדונג. אָבער די גרעסטע טייל איז געווען אַרבעטס־מענטשן, און די סאָציאַליסטישע לערער האָבן זיי גענומען פון פאָלקס־בראָשורן." דאַקעגן דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז קומענדיק אין לאַנד האָבן זיי זיך גלייך גענומען צו אַרבעט, אין די קאָלאָניעס און אין די שטעט (אין קלײנע ווערקשטאַטן אין יפו). זייער השפּעה אויף די אַרבעטער האָבן זיי זיך דערוואָרבן, ווי מען האָט מיר דערציילט, מיט זייער פריילעכקייט, לידער און גוטער חברשער באַציאונג.

די ראָסטאָווער חלוצים זענען געקומען אין ווינטער 1906, אַ גרופּע פון 30 חברים, צווישן זיי אויך עטלעכע חברטעס. זיי זענען געווען פאַראייניקט און דעריבער האָבן זיי באַווירקט מיט זייער השפּעה די פריערדיקע עולים, וועלכע זענען געווען ווייניק, צעשפּרייט און צעשפּליטערט. די ראָסטאָווער האָבן דעראָבערט די העגעמאָניע אין דער פּאַרטיי אין יהודה, פּינקטלעכער — אין יפו און אין די נאָענטע קאָלאָניעס, ווו זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט, אָבער זיי האָבן זיך נישט איינגעוואָרצלט אין לעבן פונעם לאַנד. עס האָט זיך

געדאַכט, ווי זיי וואָלטן פאָרגעזעצט דאָ זייער פּאַרטייאיש לעבן אין ראָסטאָוו. כאַראַקטעריסטיש אין דעם פאַל איז אַ בריוו, וועלכן עס האָט געשיקט איי־נער פון דער דאָזיקער גרופּע, אָדער אירער אַ סימפּאַטיקער צו דער פּועלי־ציוניסטישער רוסישער צייטונג „מאַלאָט" (האַמער), וואָס איז דערשינען אין סימפּעראָפּאָל. דער שרייבער שטרייכט אונטער די וויכטיקייט פון אָרגאַני־זירן „די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס", און ער דערציילט וועגן דער קולטורעלער טעטיקייט, וועלכע ווערט געמאַכט אין ירושלים מיט דער הילף פון דעם ביסל „זשאַרגאָנישער" ליטעראַטור, וואָס געפינט זיך ביי די חברים. ער גיט צו, אַז די אָרטיקע אַרבעטער זענען ספרדים און אשכנזים, אָבער נישט די און נישט די קענען רוסיש. „און דעריבער נייטיקן מיר זיך אין „זשאַרגאָ־נישער ליטעראַטור"... *).

פון די נעמען פון דער ראָסטאָווער גרופּע זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון: יהודה, חיים (אָדער מישאַ) קאַרסאַנסקי, בן־ציון רוחימאָוויטש (געבליבן אין לאַנד), אברהם סאָבראַנ־סקי, צילאַ לעווי (אין לאַנד). דער גרעסטער טייל האָט פאַר־לאָזן דאָס לאַנד, נאָר איינצלנע זענען פאַרבליבן, און קומענדיק אין לאַנד האָב איך געפונען נאָר זייערע רעשטלעך.

אַנדערש פון די ראָסטאָווער זענען געווען די פּלאָנסקער עולים. דאָס איז געווען אַ יונגע עליה פון באַוווסטזיניקע ציוניסטן. זייער עליה האָט זיך אָנ־געהויבן סוף 1905, אָדער אין אָנהייב 1905. מיט זייער קומען האָט מען דאָס ערשטע מאָל דערהערט אינעם אַרבעטער־לאַגער די קלאַנגען פון דער העברעאישער שפּראַך — אָנשטאָט דעם יידיש, וואָס עס האָבן מיט זיך גע־בראַכט די ליטווישע חלוצים, און אָנשטאָט דעם רוסיש פון די ראָסטאָ־ווער עולים. לכתחילה האָבן זיך די פּלאָנסקער נישט אָנגעשלאָסן אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. די ערשטע פון זיי, ש. צמח און אַנדע־רע, וועלכע האָבן געהערט צו „התחיה", זענען געוואָרן די גרינדער פון „הפּועל־הצעיר". אָבער נאָך די ערשטע זענען געקומען חברים פון פּועלי־ציון: דוד בן־גוריון, אברהם לעווקאָוויטש, יחזקאל בית־הלחמי, רחל נעלקין (בית הלחמי) און נאָך חברים. מען האָט מיר דערציילט, אַז בן־גוריון האָט אַרויסגערופן אַ גרויס וווּנדער אין די אַרבעטער־רייען מיט זיין העברעאיש רעדן. היתכן — אַ „פּועלי־ציון"־חבר און גלייכצייטיק אַ העברעאישער פאַנאַטיקער? צווישן די דאָזיקע צוויי קעגנזאַצן, צווישן די ראָסטאָווער און קרימער, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אויף דער רוסישער קולטור פון איין זייט, און צווישן די פּלאָנס־קער, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אויף דער העברעאישער קולטור פון דער אַנדערער זייט, האָט זיך אויך געפונען אַ בריק, וואָס האָט פאַרבונדן — דאָס

*) „מאַלאָט", נומער 3, יוני 1906, זייט 29.

זענען געווען די ליטווישע עולים, און אין אַ געוויסער מאָס, אויך די אוקראַינישע עולים. נישט מיט איין מאָל און נישט אַזוי לייכט האָבן זיך פאַראייניקט די דאָזיקע טיילן אין איין מחנה. עס איז אַדורך אַ יאָר און נאָך מער, אין וועלכן עס זענען געמאַכט געוואָרן די ערשטע פּרווון פאַר אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע, און נאָר אין אָנהייב פון 1906 האָבן זיך פאַראייניקט די פאַרשידענע פונקטן אין איין אייגהייטלעכער פועלי־ציון־פּאַרטיי.

די אַרבעטער־עליה האָט בעיקר געשעפּט אירע כוחות פון רוסלאַנד און פּוילן (אויך די לעצטע האָט געגומען אירע כוחות פון רוסלאַנד). אָבער אויך די עסטרייכישע גאַליציע האָט געשיקט אירע כוחות קיין ארץ־ישראל. צווישן די גאַליציאַנער עולים זענען אין דער ערשטער צייט געווען חברים, וועלכע האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין דער פּאַרטיי. בעתן גרינדן די ערשטע קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיווע קבוצה אין מרחביה, האָבן זיך אין איר אָנגעשלאָסן נייע חברים פון גאַליציע, און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, האָט זיך פאַרשטאַרקט דער פרישער עליה־שטראָם פון דאָרט (דער חבר ערדשטיין און נאָך). דער קאָנטאַקט צווישן דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל און צווישן דער גאַליציאַנער באַוועגונג האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט דורך דער צייטונג „יידישער אַרבעטער“, וועלכע איז אין איר צייט, נאָך דעם ווי עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די פּאַרטייאישע פּרעסע אין רוסלאַנד, פאַרבליבן דער איינציקער פועלי־ציון־אָרגאַן אין מזרח־אייראָפּע. מיר האָבן זיך מיט איר באַנוצט, כדי פאַרעפנטלעכן דאָרט ווענן מצב אין לאַנד און אין דער באַוועגונג, בעת מיר זענען געבליבן אָן אַ צייטונג און אָן אַנדערן פּאַרטייאישן געדרוקטן מאַטעריאַל אין ארץ־ישראל.

די צווייטע פּאַרטייאישע צייטונג, וועלכע איז געווען אָנגענומען ביי אונדז איז געווען דער „יידישער קעמפער“ פון דער ווייטער אַמעריקע. פון איר האָבן מיר זיך דערוווסט וואָס עס טוט זיך אין דער אַמעריקאַנישער באַוועגונג און דאָרטן האָבן זיך געדרוקט, פון צייט צו צייט, קאָרעספּאָנדענציעס און ידיעות פון ארץ־ישראל. אָבער נאָר איינצלנע חברים זענען פון דאָרט געקומען אין לאַנד, עטלעכע פון זיי זענען געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג נאָך פון יענער זייט ים. איך געדענק דעם אינזשיניער אַבֿרהם גאָלדמאַן, וועלכער איז געווען דער ערשטער, וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין דער אַרבעט אַלס אינזשיניער און ער האָט געבויט דעם שאָסיי פון שכם און עפולה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דער רעגירונג. אין איינעם פון אונדזערע לאַנגע אויספלוגן, וואָס מיר האָבן געמאַכט צופוס אין גליל, האָבן מיר געפונען גאָלדמאַנען אין אַ געצעלט אויפן פעלד. אין דעם טאָג האָט געדרעגנט, און ער האָט אונדז איינגעלאַדן אָפּצורוען זיך אין זיין הויז אין עין־גנים (דזשענין), ווו ער האָט געלעבט איינזאַם לאַנגע חדשים. איך געדענק זיין אַרטיקל אין „האחדות“ וועגן האָדעווען שעפּסן אין לאַנד — „אַ שעפּס אָדער אַ פּרדס?“ ווען ער איז געקומען אין לאַנד האָט ער געפּרווט צו גרינדן אַ פּאַראַלעלע סאָציאַליסטישע „פועלי־ציון“־פּאַרטיי (אין וועלכער עס האָט זיך

אַנגעשלאָסן חיים רודניק, וועלכער איז געקומען פון אַרגענטינע), אָבער דער פּרוּוו האָט זיך נישט איינגעגעבן, און נאָך אַ געוויסער צייט, איז ער צוריק אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי.

אין אַ שפּעטערדיקער תקופה זענען געקומען קיין ארץ־ישראל נאָך עטלעכע חברים. מיר וועלן דערמאָנען דעם חבר י ש ר א ל ק ל יי ן, אַ פּיאָנער פון דער עמק־הירדן־קאָלאָניזאַציע, וועלכער איז געפאַלן פון אַראַבישע רוצחישע הענט אין יאָר 1917. אין זיין צייט האָט זיך געגרינדעט דער פּאַראיין „שיל״ה" — (ראשי תיבות: שובה ישראל לארץ האבות, — קערט זיך אום קינדער פון ישראל אין לאַנד פון די אבות) דורך י ה ו ש ע און ש ו ש נ ה ב ו כ מ י ל. דער ציל פונעם פּאַראיין איז געווען — וועקן אַ פאָלקס־באַוועגונג צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל און כדי אויסצואיבן אַ דרוק אויף די רייכע פילאַנטראָפּישע חברות ווי יק״א צו קאָנצענטרירן זייער טעטיקייט אין ארץ־ישראל, און זיי שטעלן אונטער אַ געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל.

פון די אַמעריקאַנער וויל איך נאָך דערמאָנען די חברים ר אָ ז אָ ווסקי און ק. מ ר מ ר, וועלכער איז אין זיין צייט געווען פון די ערשטע פון די פּועלי־ציון אין ענגלאַנד, קומענדיק אין לאַנד האָט ער זיך לייכט צוגעפּאַסט צו די מנהגים און לעבנסשטייגער פון די מענטשן פון דער צווייטער עליה. פּונקט ווי מיר האָט ער געוואַנדערט צופוס אין די בערג און טאָלן, געפיבערט און געשלאָפן אויף ראַגאַזשעס און געגעסן „פּיטעס" און אָליוון. ער איז פאַרבליבן אין לאַנד אַ גאַנץ יאָר, ער האָט געהאַלטן עפנטלעכע רעפעראַטן, אין יידיש און אין אַ שיינעם העברעאיש, אויף דער טעמע „אליהו הנביא און קלאַסן־קאַמף" און אויף אַנדערע תנכישע טעמעס. אַ גרויסער שאָד, וואָס נאָך עטלעכע יאָר איז אין אים פאַרגעקומען אַן ענדערונג און אים פאַרפירט אויף פרעמדע וועגן, צום סוף האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאַנער יעווסעקציע.

פון דער תקופה פאַר 1906, זענען מיר באַקאַנט צוויי פּרוּוון צו שאַפן אַ פּאַרטייאישן קערן. סוף זומער 1905, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פּתח־תקוה, אינעם באַראַק פון יחזקאל און חיה־שרה חנקין, אַרבעטער פון דער צווייטער עליה, אָבער זיי האָבן זיך נישט פאַראייניקט אין איין פּאַרטיי. נ אָ ר ז י ך ג ע ש פּ אַ ל ט ן א י ן צ ו וי י ל אַ ג ע ר ן, פאַרשידן אין זייערע אידעאָלאָגישע טענדענצן — די „פּועלי־ציון"־טענדענצן פון איין זייט, און „הפועל־הצעיר" פון דער אַנדערער. די עצם־אָרגאַניזירונג פון די פּאַרטייען איז געקומען שפּעטער: „הפּועל־הצעיר" — אין אָקטאָבער 1905, און „פּועלי־ציון" אין מיטן נאָוועמבער. די אידעאָלאָגישע אונטערשידן זענען בעיקר געווען אין דער פראַגע פון „אַרבעטס־דעראָבערונג" און אינעם „שאַפן אַ קלאַס". לויט אַלעקסאַנדער כרמון (שמואל סלושטש) איז דעמאָלט אויסגעוויילט געוואָרן אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון „פּועלי־ציון" (ראשון־לציון), און לויט דער אויפפאָדערונג פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט איז חבר ש. סלושטש אַוועקגעפאָרן

קיין ירושלים, כדי דאָרט צו גרינדן אַן אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע *).

קומענדיק אין יפו האָב איך זיך באַלד דערוווסט, אַז נישט נאָר צוויי פּאַרטייען עקזיסטירן ביי די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, נאָר עס זענען אויך פאַראַן אין שטאָט צוויי האָטעלן, אין וועלכע עס קוואַרטירן זיך איין די עולים: ביידע, איינער נעבן דעם אַנדערן און ביידע ענלעך צווישן זיך. איינער האָט געהערט צו ספּעקטאָרן און דער צווייטער צו חיים ברוך. דער אונטערשיד צווישן זיי — אינעם ערשטן זענען איינגעשטאַנען די פּועלי־ציון און אין צווייטן דער „הפּועל־הצעיר". פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אַוועק אין ספּעקטאָר־האָטעל. איך בין געקומען „אינקאָגניטאָ" און איך האָב זיך פאַרשריבן מיטן נאָמען „בן־צבי", וועלכער איז נישט געווען באַקאַנט אין די דאָזיקע פּאַרטייאישע קרייזן און אויך נישט ביי די אַנדערע, ווייל אין דער פּאַרטיי און אין דער פּאַרטיי־ליטעראַטור האָט מען מיך דעמאָלט געקענט אונטערן ליטעראַרישן נאָמען „אבנר". אָבער דער סוד האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן און נאָך אַ קורצער צייט איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אין לאַנד איז געקומען אַ חבר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין רוסלאַנד — און ווער ווייס וואָס פאַראַ „רעוואָלוציאָנערע" אַקציעס עס האָבן פאַרטראַכט די אַרבעטער אַדורכצופירן.

---

*) און דאָס איז דער בריוו, וואָס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן פון יפו דעם 28סטן פעברואַר, 1906 אין „יעווריעסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ (יידישע אַרבעטער־כראָניק): אין ארץ־ישראל עקזיסטירן צוויי אָרגאַניזאַציעס (פון אַרבעטער), איינע — „צעירי־ציון", (זיי האָבן זיך אַזוי גערופן, ווייל זיי זענען געקומען פון דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג „צעירי־ציון", אַ טייל פון זיי האָט געהערט צו דער צווייטער עליה. — דער מחבר). און די צווייטע. „פּועלי־ציון". אונטער דער ווירקונג פונעם קאָנפליקט צווישן קאָלאָניסטן און אַרבעטער אין פּתח־תקוה איז אַנטשטאַנען אַ דראַנג אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע צו פאַראייניקן זיך מיט „פּועלי־ציון" אין איין פאַראיין. די ערשטע — („הפּועל־הצעיר"), ציילט נייַנציק חברים, און די צווייטע, — וועלכע איז געשאַפן געוואָרן מיט דריי חדשים צוריק, און זי פאַרמאָגט צוויי באַזונדערע צענטערן, אין יהודה און אין גליל, ציילט 60 חברים, פון זיי 40 אין יהודה און 20 אין גליל". פון דעם זעען מיר, אַז שוין אין מיטן נאָוועמבער אָדער אין אָנהייב כסלו 1906, דאָס הייסט צען חדשים פאַרן צוזאַמענטרעף אין ראַמלע, איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ, וועלכע האָט אויך באַשטימט פאַר זיך אַ פּראָגראַם, לויט דעם דאָזיקן בריוו איז דער פּראָגראַם פון די פּועלי־ציון פּאַרטיי געווען — שאַפן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות. דער דאָזיקער ציל דאַרף דערגרייכט ווערן דורכן קלאַסן־קאַמף, וועמענס פאָרם וועט באַשטימען דער לעבנס־גאַנג. אין מיין אַרכיוו געפינט זיך אַ פאָרשלאַג פונעם פּראָגראַם אין יידיש, אָן אַ דאַטע, וועלכער נעמט אין זיך אַריין דעם דאָזיקן געדאַנק, און מען קען אָננעמען, אַז דאָס איז דער פּראָגראַם פון נאָוועמבער 1906. לויט זיין שפּראַך (יידיש) און לויט זיין סטיל, קען מען אָננעמען אַז ער איז איבערגעזעצט געוואָרן פון רוסיש און ער איז, ווי עס דאַכט זיך, פאָרמולירט געוואָרן דורך די ראָסטאָווער.

דאַקעגן דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז לויטן בריוו זענען געווען צוויי פאַרשידענע צענטערן, און די פּאַרטיי האָט נאָך נישט געהאַט קיין פולע אָרגאַניזאַציאָנעלע גאַנצקייט, זי האָט זיך ערשטע אויסקריסטאַליזירט שפּעטער, אין יאָר 1906.

קומענדיק קיין ארץ־ישראל האָב איך מיך אַוועקגעלאָזט קיין פתח־תקוה. פאַרשטענדלעך, אַז איך בין אַוועק צופוס. עס איז אַראָפּ דער לעצטער רעגן, איך בין געוואָרן גוט נאַס, אָבער איך בין געווען גליקלעך איבערצוגעכטיקן, די ערשטע נאַכט נאָך מיין קומען, אין אַ י י ד י ש ע ר קאָלאָניע. אין משך פון די דאָזיקע דריי יאָר זענען פאָרגעקומען באַדייטנדע איינערלעכע ענדער־רונגען. אין 1904 האָבן זיך נאָר באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון יידישער אַרבעט אין פתח־תקוה. דאָס זענען געווען די האַמלער — יחזקאל חנקין און זיינע חברים. די רעזולטאַטן פון „חרם" פונעם קאָלאָניסטן־קאָמיטעט אויפן יידישן אַרבעטער, זענען געווען זייער אָנזעעוודיקע, אָבער טראָץ דעם האָט מען געזען אין דער קאָלאָניע צענדליקער יידישע אַרבעטער. נאָך איינצלנע פון די קאָלאָניסטן האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אַרבעטער און זיי באַשעפטיקט ביי די אַרבעטן פון בחר (פאַרניכטן די ווילדע גראָזן אין די פּרדסים), אָבער די מערהייט איז געווען קעגן די נייע עולים און זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז די דאָזיקע יונגע „אינטעליגענטן" וועלן באמת מצליח זיין אין דער אַרבעט, און אַז זיי וועלן קענען קאָנקורירן מיט מוחמדן און מוצטאָפן. און דאָך האָבן זיך געזען סימנים פון לעבן און האָפנונג אין פתח־תקוה, דאָ האָב איך מיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן מיט דוד גרין (בן־גוריון), וועלכער האָט שוין פאַרנומען אַ צענטראַלע שטעלונג אין דער פּועלי־ציון־פאַרטיי. מיר האָבן געשמועסט וועגן די פאַרטיי־ענינים אין לאַנד און וועגן אַלע ענינים אין דער אויסלענדישער באַוועגונג. מיר האָבן גערעדט וועגן דער גאַנצער קאָנפערענץ (די צווייטע) פון דער פאַרטיי, וועלכע האָט געזאָלט פאָרקומען אין עטלעכע וואָכן אַרום (די קאָנפערענץ איז באַשטימט געוואָרן אויף שבועות).

איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן אין יפו און איך האָב מיר געפונען לעק־ציעס אויף מיין פרנסה. אין אַ קורצער צייט האָב איך באַוויזן צו באַקענען זיך מיט פאַרטיי־חברים פון פאַרשידענע ערטער. איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער קאָנפערענץ. דערווייל האָב איך דערקענט דעם צוזאַמענ־שטעל פון דער יפוער אָרגאַניזאַציע. כמעט אַלע אירע חברים זענען באַשטאַ־נען פון נייע עולים פון אַלע עקן רוסלאַנד, אַביסל איז געקומען פון גאַליציע און איינער, אָדער צוויי, פון אַמעריקע. אַלע האָבן געאַרבעט אין די ווייניקע וואַרשטאַטן און פאַבריקן אין שטאָט. איך האָב באַזוכט די קאָלאָניעס — פתח־תקוה, ראשון־לציון, נס־ציונה און רחובות. און אויך דאָרט האָב איך געפונען די ערשטע שפּראָצונגען פון דער באַוועגונג. איך בין אויך געפאָרן קיין ירושלים. דאָרט האָט געאַרבעט די ערשטע גרופּע שטיינהאַקערס, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורכן פּראָפעסאָר ב אָ ר י ס ש אַ ץ ז"ל, דער גרינדער פון „בצלאל" (די ערשטע ארץ־ישראלדיקע קונסט־שולע). ער האָט אונטערגעשטיצט עטלעכע יונגע חברים, זיי דערמעגלעכט צו לערנען און צו פאַרבלייבן ביים פאַך, ער האָט אויך זיי געהאָלפן צו אָרגאַניזירן זיך אין איין פאַראיין, אין אַ שטיינהאַקער־פאַראיין. בסך־הכל האָבן זיך געפונען אין ירו־

שלים אַ 40 שטיינהאַקערס פון די נייע עולים און 80 שטיינהאַקערס פון די מזרח־עדות. צווישן די פּאַרטיי־חברים אין ירושלים האָבן זיך אויך געפונען דרוקער־אַרבעטער און סטאָלערס, דער גרעסטער טייל ארץ־ישראלדיקע איינגעבוירענע און נאָר אַ קליינע צאָל נייע עולים.

***

די קאָנפערענץ איז באַשטאַנען נישט פון אויסגעווײלטע דעלעגאַטן, נאָר דאָס איז געווען אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע חברים — יעדער וואָס האָט געקענט און געוואָלט קומען, האָט זיך געקענט אין איר באַטייליקן.

די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט מען באַטראַכט פאַר דער צווייטער פּאַרטיי־קאָנפערענץ. פאַר איר זענען פאָרגעקומען צוויי צוזאַמענטרעפן: איינער אַ האַלב יאָר פאַר מיין אָנקומען אין לאַנד, וועלכער האָט געטראָגן נאָר אַ צופעליקן כאַראַקטער. ער איז פאָרגעקומען אין יפו, סוכות 1907. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף איז אויסגעווײלט געוואָרן אַ קליינע קאָמיסיע פון 10 מענטשן. זי האָט געדאַרפט צוגרייטן אַ גרינדלעכן פּלאַן און אים ברענגען צו דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, כדי אים צו באַהאַנדלען און צו באַשטעטיקן.

דער דאָזיקער קליינער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן זיך צוזאַמענטרעפן אין געהיים, כדי נייגעריקע חברים זאָלן זיי נישט קענען שטערן. דעריבער האָבן זיי אויסגעקליבן אַן אכסניה אין ראַמלע, אויפן וועג פון יפו און ירושלים. אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש האָבן זיי פאַרבראַכט דריי טעג, פון דעם 19טן ביזן 20סטן תשרי 1907. אין דער קאָמיסיע האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט צוויי שטרעמונגען: „די לינקע" — די ראַדיקאַלע, וועלכע האָט זיך באַמיט צו פאָרמולירן דעם פּלאַן אויף יסודות פון ריינעם מאַרקסיזם; און „די רעכטע" — די נאַציאָנאַלע, וועלכע האָט זיך באַמיט אַרויסצורוקן די ספּעציפישע זייט פונעם יידישן פּראָבלעם און זיין ציוניסטישע, ארץ־ישראלדיקע לעזונג. צו דער ערשטער שטרעמונג האָבן געהערט די ראָסטאָווער חברים, און צו דער צווייטער די ליטווישע און פּוילישע חברים מיט בן־גוריונען אין דער שפּיץ.

אַלס רעזולטאַט פון די פאַרהאַנדלונגען פון דער דאָזיקער קאָמיסיע איז געשאַפן געוואָרן „די ראַמלער פּלאַטפאָרם", וואָס איז, אין אַ סך הינזיכטן, געווען ענלעך צו דער פּלאַטפאָרם פון דער רוסישער פּאַרטיי, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ אין פּאָלטאַווע, אין סוף 1906, אָנדערטהאַלבן יאָר פאַרן ראַמלער צוזאַמענטרעף. די דאָזיקע פּלאַטפאָרם איז געבראַכט געוואָרן צו דער דעלעגאַטן־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יפו אין דער צייט פון 9טן ביזן 24סטן טבת 1907. זי האָט באַשטעטיקט די פּלאַטפאָרם און אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר דער נעכסטער פּראַקטישער אַרבעט.

פון די אָנטיילנעמער אין דעם ראַמלער ראַט זענען מיר באַקאַנט די נע־

מען פון די חברים ד. בן־גוריון, ישראל שוחט, בן־ציון רוחימאָוויטש און נאָך אַ ראָסטאָווער חבר; זאב אשור, ראובן אָקון און אָרנשטיין.

דאָס אַלץ האָב איך געהערט פון עטלעכע אָנטיילנעמער אינעם „ראַמ־לער ראַט". קומענדיק אין לאַנד אין די פסח־טעג 1907, זענען נאָך די אייב־דרוקן פונעם ראַט געווען פריש און ניי.

די צווייטע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין יפו שבועות. עס האָבן אין איר אָנטיילגענומען אַן 80 חברים, אַ העלפט פון אַלע פאַרטיי־חברים אין לאַנד.

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פרעזידיום פון דריי — י. בן־צבי, מרדכי ראַבינאָוויטש פון ירושלים און דוד בן־גוריון.

דער סדר־היום איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ דיסקוסיע אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט משולם דאַווידזאָן, נוח האַרקער (אָדער גערקער) און חיים רודניק. אויפן סדר־היום זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן דריי פונקטן: א) די אָרגאַניזירונג פון דער פאַרטיי, ב) אונדזערע פאָדערונגען צום אַכטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך געדאַרפט צונויפקומען זומער אין האַג, און צו דער ערשטער פועלי־ציון וועלט־קאָנפערענץ, וועלכע האָט גע־זאָלט פאָרקומען גלייכצייטיק מיטן קאָנגרעס, ג) דאָס אַרויסגעבן אַ פאַרטיי־צייטונג. ביים ערשטן פונקט האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטיקע דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט: ח. רודניק, גד וויגדאָראָוו (פלג), לוי מאַרגאָלין, האַלצמאַן, בן־ציון, רוחימאָוויטש, אליהו דאַווידזאָן, אָקון, באָרנ־שטיין, יצחק כהנא, יחזקאל בית־לחמי, פיניע וויגאָדסקי און י. בן־צבי. בן־גוריון האָט איבערגעגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט און צום אָרגאַניזאַציע־פונקט זענען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע באַשלוסן:

א) יעדער חבר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי אין ארץ־ישראל מוז אָנערקענען די הויפט־פונקטן פונעם פאַרטייאישן פראָגראַם, אויספירן די באַשלוסן פון די פאַרטיי־אינסטאַנצן (דער צענטראַל־קאָמיטעט, דער אָרטיקער קאָמיטעט און די קאָנפערענץ־באַשלוסן), און צאָלן דעם פאַר־טיי־שטייער.

דאָס זענען די פאָרשלאָגן צו דער קאָנפערענץ פון פועלי־ציון, וואָס זע־נען אָנגענומען געוואָרן:

עס וועט געגרינדעט ווערן אין לאַנד אַן אַלגעמיינע ביוראָ, מיט דער באַטייליקונג פון אַ פאַרטרעטער פון די פאַרטייען פון פועלי־ציון אָרגאַניזאַ־ציעס אין דער וועלט.

די אויפגאַבע פון דער ביוראָ וועט זיין: אינפאָרמאַציע־טעטיקייט און סטאַטיסטיק, גרינדונג פון געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַנשטאַלטן פאַר די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. צו דעם צוועק וועלן געגרינדעט ווערן ארץ־ישראלדיקע פאָנדן און אַן אַלגעמיינער ליטעראַרישער אָרגאַן.

און דאָס זענען די פאָדערונגען צום קאָנגרעס, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ: א) דער קאָנגרעס דאַרף אָנהייבן אַ ברייטע

מעטאָדישע אַרבעט אין לאַנד, בכדי דאָרטן צו שאַפן די געוואונטשענע באַ־דינגונגען פאַר דער פאַרגרעסערונג פון דער עליה קיין ארץ־ישראל און פאַר איר קאָלאָניזאַציע. ב) אַט־די אויפגאַבע וועט אַרויפגעלייגט ווערן אויפן אַק־ציאָנס־קאָמיטעט וואָס וועט זיך אינסטאַלירן אין לאַנד און וועט באַקומען ברייטע פולמאַכטן פונעם קאָנגרעס. ג) עס דאַרף געפאָדערט ווערן אַ פאַר־טרעטערשאַפט פון דער פאַרטיי אין אַט־דעם אַנשטאַלט.

אויסער דעם אַלעמען איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַראינטערעסירן דעם קאָנגרעס מיט דער גרינדונג פון אַן אינסטיטוט אויסצופאָרשן די געביטן פון לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע אין ארץ־ישראל, אין וועלכן עס זאָל עק־זיסטירן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר די ענינים פון אַרבעט. עס איז אויך רעדאַגירט געוואָרן אַ פּאָליטישע פאָדערונג: זיך צו באַמיען עס זאָל בטל ווערן דער אַריינפאַר־פאַרבאָט אין לאַנד אַריין און עס זאָל פאַרלייכטערט ווערן דאָס קויפן פון באָדנס. די ציוניסטן פון אַלע לענדער דאַרפן זיך באַ־מיען צו פאָדערן ביי זייערע רעגירונגען שוץ פאַר די אינטערעסן פון זייערע אונטערטאַנען אין ארץ־ישראל. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אויפצושטעלן אַ יורידישן קאָמיטעט צו באַשיצן די רעכטן און אינטערעסן פון די אָטאָ־מאַנישע יידן אין ארץ־ישראל. און צום סוף — צו העלפן אין דער אָרגאַני־זאַציע פון דעם יידישן ישוב אין לאַנד דורך דער גרינדונג פון אַ ראַט ביים ארץ־ישראלדיקן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זאָלן זיך באַטייליקן פאָרטרעטער פון אַלע אָרגאַניזירטע קרייזן פונעם ישוב. צווישן אַנדערע זאַכן דאַרף אויך באַצייכנט ווערן די פאָדערונג צו דערמעגלעכן אַ סיסטעם פון קליינעם קרעדיט (דורך היפּאָטעקן) פאַר די ברייטסטע קרייזן פון דעם ישוב און איינגעשלאָסן אין דעם ליי־קאַסעס פאַר אַרבעטער, וועלכע זאָלן זאָרגן פאַר דער צוגרייטונג פון דעם אַרבעטער און זיין פאַך־אויסבילדונג אין דער אַרבעט; צו גרינדן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע באַנק וואָס זאָל געבן היפּאָטעט־קישע קרעדיטן אויף צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די קאָלאָניסטן, און באַ־זונדערס צו געבן קרעדיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער פאַר דער בוי־אונג פון שטיבער און וווינונגען אין די קאָלאָניעס. עס זענען אויך אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן, וועלכע פאָדערן פון דעם קאָנגרעס אַ פאַרזיכערונג, אַז אַלע ציוניסטישע אונטערנעמונגען וועלן דורכגעפירט ווערן מיט יידישער אַרבעט און אַן אונטערשטיצונג פאַר דער הויז־אינדוסטריע אין די קאָלאָניעס און פאַר דער גרינדונג פון פאַך־שולן אין לאַנד.

ביי יענער געלעגנהייט בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון דער פאַרטיי צום ציוניסטישן קאָנגרעס. איך האָב געהאַט דעם זכות צו זיין צווישן די ערשטע צוויי דעלעגאַטן פון די פועלי־ציון פון ארץ־ישראל; ישראל שוחט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ערשטער וויצע און מ. ראַבינאָוויטש אַלס צווייטער וויצע. פאַקטיש האָבן מיר זיך ביידע באַטייליקט אין קאָנ־גרעס; פאָרמעל האָב איך באַקומען דעם מאַנדאַט פון דער רוסישער פאַרטיי (מיטן נאָמען אבנרוב), בכדי צו דערמעגלעכן דעם חבר שוחט זיך צו באַנוצן

מיטן צווייטן מאַנדאַט. אַזוי האָב איך אויך באַקומען די אויסגאַבן פון מיין רייזע פון דער רוסישער פּאַרטיי.

איך האָב געבראַכט דעם אינהאַלט פון די באַשלוסן, וועלכע זאָגן עדות אויפן שטאַרקן ווילן וואָס עס האָבן שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן די ערשטע מענטשן פון פּועלי־ציון צו געבן אונדזער ציוניסטישער אַרבעט אַ מער ממשותדיקן כאַראַקטער און אַ מער צוגעפּאַסטן צו דער ווירקלעכקייט פון ארץ־ישראל און צו די באַדערפעענישן פון דעם ישוב.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אויף יענער קאָנפערענץ אָנצוהייבן אַרויסגעבן ציייטונגען און בראַשורן. דער ערשטער פּרוּוו איז געמאַכט געוואָרן אויף יידיש — עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ קליינע צייטונג מיטן נאָמען „דער אָנפאַנג". די צייטונג איז אומלעגאַל געדרוקט געוואָרן אין יפו, אָבער בכדי זיך אויסצוהיטן פון אַ „גוט־אויג" איז אויף איר פאַרצייכנט געוואָרן, אַז זי ווערט געדרוקט אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים. עס זענען דערשינען צוויי פולשטענדיקע נומערן: דעם 15טן תמוז און דעם 15טן אב; דער דריטער (תשרי תרס"ח — צוליב אַ טעות איז אויף אים אויפגעדרוקט געוואָרן תרס"ז) איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן; ביי מיר האָבן זיך אויפגעהיט בלויז פיר זייטן פון אים. אַט־דער פּרוּוו האָט זיך נישט איינגעגעבן הויפּטזעכלעך צוליב דער שפּראַך. פאַר דעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד איז נייטיק געווען אַ צייטונג נישט אויף יידיש, נאָר אויף העברעאיש, אַ צייטונג וואָס זאָל צונויפנעמען און פאַראייניקן די מיטגלידער פון דער נייער עליה מיט די אַלט־איינגעזעסענע און וואָס זאָל פאַרענטפערן די פּראָבלעמען וואָס האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג אינעם לעבן פונעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד. אַ צייטונג אויף יידיש האָט זיך פאַר דעם נישט געפּאַסט און זי האָט נישט געקענט אויספילן אַזאַ אויפגאַבע. גלייכצייטיק האָט „דער אָנפאַנג" נישט געקענט שפּילן די ראָל פון אַן אינפאָרמאַטיווער צייטונג פאַר חוץ־לארץ, אַזוי ווי „דער יידישער אַרבעטער" אין גאַליציע, אָדער „דער יידישער קעמפער" אין אַמעריקע, צוליבן מאַנגל אין כוחות און מיטלען. דעריבער איז די צייטונג אָפּגעשטעלט געוואָרן ביי אירע ערשטע טריט און איז מער נישט באַנייט געוואָרן. דער סאַמע געדאַנק וועגן אַ פּאַרטייאישער צייטונג איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ לאַנגער צייט און האָט נישט געפונען קיין תיקון אין פאַרלויף פון דריי יאָר, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן, אין זומער פון יאָר ה'תר"ע, די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־וואָכן־צייטונג, די ערשטע אין ארץ־ישראל — „התאחדות" — אויף וועלכער איך וועל מיך נאָך באַזונדערס אָפּשטעלן.

דאָס איז מיין אָפּשאַצונג ביים היינטיקן טאָג. אין יענע טעג האָבן מיר נישט אַזוי געטראַכט און אָפּגעשאַצט. מיר זענען גרעסטנטיילס געווען באַאיינפלוסט דורך די ווינטן וואָס האָבן געבלאָזן אויף דער יידישער גאַס אין חוץ־לארץ און מיר האָבן נאָך נישט געהאַט זיך טיף פאַרוואָרצלט אינעם באָדן פון דעם זיך בויענדיקן פאָטערלאַנד. אין דעם אויפגעברויזטן רוסלאַנד איז

דעמאָלט געווען די צייט פונעם אויפבליענדיקן יידישיזם, וועלכער האָט סימ־באָליזירט אין מזרח־אייראָפּע די פּאָלקסטימלעכקייט און אָט־די גייסטיקע אַנטוויקלונג האָט נישט ווייניק באַאיינפלוסט אונדזערע באַשלוסן אויף דער קאָנפערענץ. מען דאַרף זאָגן דעם אמת, אַז אויך דעמאָלט זענען געווען צווישן אונדז סקעפּטיקער און אַפילו אַנטשידענע קעגנער פון אַ צייטונג אויף יידיש, אָבער נאָך דעם ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס, האָבן מיר זיך באַמיט אים דורכצופירן מיטן גאַנצן פלייס, לויט אונדזערע בעסטע מעג־לעכקייטן.

די קאָנפערענץ פון די רוסישע פּועלי־ציון אין קראָקע און דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין האַג

מיר האָבן ווירקלעך געהאַט פיל שוועריקייטן אויף אונדזער וועג. ערשטנס, איז עס אין די צייטן פון אַבדול חמיד אוממעגלעך געווען אַפילו צו טרוימען וועגן אַ דערלויבעניש פאַר וואָסערער עס איז נישט צייטונג און אַוודאי נישט וועגן אַ דערלויבעניש פאַר אַן אַרבעטער־צייטונג. צווייטנס, איז נישט מעגלעך געווען צו באַקומען אַ דערלויבעניש פאַר אַ דרוקעריי. אין אַלגעמיין זענען דערלויבענישן פון דעם סאָרט — פאַר אַ צייטונג און פאַר אַ דרוקעריי — געגעבן געוואָרן נאָר פאַר אָטאָמאַנער און אויך פאַר זיי בלויז לויט אַ „פירמאַן" (מלוכהשער באַפעל), ספּעציעל פון דער הויפּטשטאָט. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן צוטרעטן צו דעם ענין אויף אַ פּשוטערן אופן, לויט אונדזער דערפאַרונג פון דער צאַרישער רוסלאַנד. אַ קליינע געהיימע דרוקעריי האָט פאַרמאָגט אונדזער אָפּטיילונג אין ירושלים, וווּ מיר פּעלגן דרוקן אויפרופן צום ערשטן מאַי און אינערלעכע צירקולאַרן. האָבן מיר באַשלאָסן איבערצופירן אָט־די דרוקעריי קיין יפו, ווייל עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז יפו זאָל זיין דער זיץ־פּלאַץ פון אונדזער צענטראַלע. דער חבר זאב אשור (וועלכער איז געווען פון פאַך אַ דרוקער־אַרבעטער און האָט דעמאָלט געאַרבעט אין דער דרוקעריי פון אַ קריסטלעכן אַראַבער אין ירושלים) האָט גענומען וואַקאַציעס אויף עטלעכע וואָכן און איז אַריבערגעפאָרן קיין יפו. איך האָב באַשטימט מיין דירה אין די „בתי ורשה" (וואַרשעווער הייזער) צו אינסטאַלירן די דרוקעריי און די רעדאַקציע. עס זענען דאָרטן געווען צוויי צימערן: איינער צום וווינען און דער צווייטער — אַן אַריינגאַנג — האָט געדינט גלאַט אַזוי פאַר אַ קאַמופלאַזש. ער איז געשטאַנען ליידיק און מיר האָבן דאָרטן אָנגעקליבן אַ הויפן מיסט, בכדי צו דערווייטערן פון די הערצער פון נייגעריקע שכנים יעדן פאַרדאַכט. אין דעם וווין־צימער זענען געזעסן מיט מיר אינאיינעם זאב אשור, יצחק התימני, חיים הצפתי און נחמן פון פּאָלטאַווע. צייטנווייז איז צוגעקומען צו אונדז נאָך איין חבר — אהרן וויטעבסקי פון סימפעראָפּאָל, איצט אין לאָנדאָן. אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט האָבן גענומען די מיטגלידער פון דער צענטראַלע אברהם קאַמאַראָוו, אַ זון פון אַ פויער אין נס־ציונה, און בן־ציון רוכימאָוויטש. זאב אשור איז געווען דער הויפּט־אַרבעטער, דער אָרדנער און דער זעצער און דער שליסער פונעם טעקסט אין דער פּרעס. און מיר האָבן געהאָלפן אין דער אַרבעט פון

דרוקן, אין דער שליסונג פון דער פרעס און אין דעם דרייען די הענטלעך. מיר האָבן אַריינגעבראַכט די בויגנס, זיי אַרויסגעטראָגן און געקנייטשט אין דער פאָרם פון קונטרסים. צום דרוקן האָבן מיר זיך איינגעקויפט אַ קליינע האַנט־פּרעס, דעריבער זענען מיר געווען געצווונגען זיך צו באַנוצן מיט בויגנס פון פאָרמאַט 24 אויף 14 סענטימעטער. אויף מיר איז געלעגן די אַרבעט פון שרייבן און רעדאַגירן. אויסערדעם האָב איך געהאָלפן זאָבן אין דעם דרוקן אויף דער הילצערנער פרעס. די אַרבעט פון שרייבן און רעדאַקטירן האָב איך געמאַכט אין די שעהן וואָס איך בין פריי געווען פון מיין אַרבעט, געבן לעקציעס, פון וועלכע איך האָב פאַרדינט אויף צו לעבן.

„דער אָנפאַנג" איז געווען אַ קליינע ציַיטונג אין דער פאָרם און זיין שריפט איז געווען אומקלאָר. אין „דער יידישער אַרבעטער" האָט מען זיך געוויצלט וועגן אים און מען האָט געשריבן, אַז עס איז לייכטער צו דעשיפרירן די עגיפּטישע היעראָגליפן־שריפט, ווי צו לייענען „דער אָנפאַנג". אָבער מיר דאָ אין לאַנד האָבן נישט געשטרעבט צו גרויסקייט און דער עצם פאַקט פון דער דערשיינונג פון אַזאַ קונטרס האָט געמאַכט אַן איינדרוק. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונעם לאַנד איז דאָרטן דערשינען אַן אַרבעטער־ציַיטונג און זי איז נאַטירלעך אַרויסגעגאַנגען אין אונטערגרונט. אָט־שוין די זאַך אַליין איז געווען אַ נייעס. אין שכנות מיט מיר, אויף דעם זעלבן הויף און אין דעם זעלבן הויז, האָט געוווינט דער מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „הפועל הצעיר" טורקעניטש. ער האָט אויפגעכאַפּט דאָס גערויש וואָס עס האָט זיך געטראָגן פון מיין צימער דורך די נעכט. ווען ער איז געוווירן געוואָרן, אַז מיר, די פּועלי־ציון, זענען פאַרנומען מיטן דרוקן אַ ציַיטונג, האָט ער זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ דיפּלאָמאַטישן פאָרשלאָג איך זאָל מסכים זיין צו דרוקן ביי אונדז אויך זייער ציַיטונג, דעם „הפועל הצעיר", וואָס האָט באַדאַרפט אינגיכן דערשיינען.

איך ווייס נישט וואָס עס וואָלט געטאָן אַ פּאַרטיי היינט אין אַן ענלעכן פאַל, אָבער אין די באַדינגונגען פון יענער צייט און לויט די באַציאונגען וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט, האָבן מיר געפונען, אַז עס איז נישט ריכטיק נאָכצוקומען די ביטע פון דעם חבר טורקעניטש און דער „הפועל הצעיר", וועלכער איז פריער געדרוקט געוואָרן אויף אַ העקטאָגראַף, איז אינ־בערגעריסן געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט, ביז ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט אַ פּריוואַטער דרוקעריי אין יפו, און צוליב זיכערקייט האָט אויך ער, אַזוי ווי מיר, אָנגעגעבן דאָס פּלאַץ פונעם דרוק אין מצרים (קאַירא).

נאָך דעם ווי עס זענען דערשינען די צוויי ערשטע נומערן פון „דער אָנפאַנג", איז געקומען די שעה ווען איך בין געפאָרן צום אַכטן קאָנגרעס אין האַג. פאַרן קאָנגרעס האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין קראָקע די צווייטע קאָנפערענץ פון דער רוסישער פּאַרטיי פּועלי־ציון, און איך האָב זיך געפילט פאַרפליכטעט אין איר צו באַטייליקן. איידער איך האָב פאַרלאָזט דאָס לאַנד,

בין איך אַרויסגעפאָרן קיין ירושלים, בכדי מקיים צו זיין אַ צוזאָג מיינע חברים און זיך צו געזעגענען מיט זיי.

מיין אויפשטייג קיין ירושלים איז געווען צופוס: פאַרנאַכט בין איך אַרויסגעאַנגען פון יפו און האָב מאַרשירט יענע גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס בין איך אָנגעקומען קיין ירושלים פאַר מיטאָג, נאָך אַ מאַרש פון אַכצן שעה, מיט קליינע איבעררייסן צוליב אָפּרו. נישט קוקנדיק אויף דער מידקייט און אויף דער שווערקייט פון דעם אויפשטייג, האָב איך געשפּירט אַ טיפע זעלי־שע סאַטיספאַקציע צוליב אָט־דער ערשטער באַרירונג מיט דער ווילדער נאַ־טור פון פּאַטערלאַנד. אין אויפשטייג פון שער העמקים (באב אלואד), אין דעם טייכל (וואדי) עלי וואָס שלענגלט זיך און פירט אין סאַמע האַרצן אַריין פון די יהודה־בערג, האָב איך מיך באַגייסטערט. עס איז אוממעגלעך צו פאַר־גלייכן אַ רייזע מיט אַ פוס־וואַנדערונג, ווען מען שטייגט אַרויף און אַראָפּ יעדעס בערגל, ווען מען פילט מיט די פיאַטעס יעדן שפּאַן ערד, ווען מען באַטראַכט יעדן בוים און מען פאַרהאַלט זיך, לויטן אייגענעם ווילן, ביי יעדן קוואַל, ביי יעדער הייל, אָדער הייליקן קבר; עס איז נישט קיין וווּנדער וואָס די איינדרוקן פון דער ארץ־ישראל־לאַנדשאַפט, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין האַרצן אין יענע טעג, זענען נישט אָפּגעמעקט געוואָרן און זיי זע־נען איינגראַווירט אין מיין געדעכעניש, לעבעדיק און פריש, ווי אין ערשטן מאָמענט וואָס איך האָב זיי באַקומען, ווען איך האָב געמאָסטן דאָס לאַנד מיט מיינע טריט אין דער לענג און אין דער ברייט.

אין ירושלים האָב איך געטראָפן מערקבאַרע ענדערונגען זינט מיין פריערדיקן באַזוך. איך קען זאָגן, אַז אין יאָר תרס״ד איז נאָך נישט געווען קיין אָנצייכעניש פון דעם וואָס מיר זענען געוווינט צו רופן „דער נייער ישוב״; בלויז די ערשטע שוואַלב — די וואָכנשריפט פון א. בן־יהודה („השקפה״) און אַביסל לערערס און תלמידים פון ישיבות וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דער צייטונג. אין דער צייט פון מיין ערשטן באַזוך ביי בן־יהודה האָט זיין פרוי חמדה געציילט אויף די פינגער די פאַמיליעס אין לאַנד וואָס רעדן עברית און מיט שוועריקייטן האָט זי געקענט אָנציילן אַ צענדליק. דאַסמאָל האָב איך געפונען יוגנטלעכע, אַ ציבור פון לערער און שילער און אַביסל אַרבעטער, וועלכע האָבן גערעדט העברעאיש. „בצלאל״, די שאַפונג פון דעם פּראָפעסאָר באָריס שאַץ, איז ערשט געגרינדעט געוואָרן. אַרום „בצלאל״ האָבן זיך קאָנצענטרירט קינסטלער און אַרבעטער, שטיינ־האַקערס און בויערס, גרעסטנטיילס תימנים, און פּראָפעסאָר שאַץ איז גע־ווען דער לעבעדיקער גייסט.

ווען איך בין אָנגעקומען האָב איך געמאַכט אַ פּרווו צו באַנייען דעם פאַראיין פון די דרוקער־אַרבעטער, וועלכער איז צעשטערט געוואָרן נאָך דעם שטרייק וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר תרס״ב. איצט, נאָך דעם ווי עס זע־נען געקומען נייע קרעפטן, האָבן מיר באַנייט דעם פאַראיין. ביי מיין אָנקור־מען, אין פרילינג תרס״ז, האָב איך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רע־

קאָנסטרואירונג פון דעם פאַראיין פון די דרוקער־אַרבעטער. אין יענער צייט איז געוואָרן אַן אויפברויז צווישן די שילער פון סעמינאַר און די ישיבות, סיי אשכנזים, סיי ספרדים. אייניקע פון זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער פּאַרטיי פּועלי־ציון, באַזונדערס צו אונדזערע קולטור־אַרבעטן. איך וועל דער־מאָנען די נעמען פון עטלעכע פון יענע יוגנטלעכע: יהודה בורלא, דוד אבישר, יצחק שמי, אזולאי. אין יענער צייט האָבן מיר געגרינדעט אין ירושלים אויך אַ קלוב פון דער פּאַרטיי. פון די חברים בין איך געוויר געוואָרן איינצל־הייטן וועגן די אָנשטרענגונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, לערך אַ יאָר פּאַר מיין קומען, אַוועקצולייגן דעם פונדאַמענט פון אַ שטענדיקן קערן פון די פּועלי־ציון.

עטליכע יאָר פאַר דעם, אין זומער תרס״ו (1906), האָט ישראל שוחט געפּרוווט זיך צו באַזעצן אין ירושלים מיטן צוועק צוצוטרעטן צו פּאַרטיי־אישער טעטיקייט. ער האָט באַקומען אַ רעקאָמענדאַציע פון דעם דאָקטאָר מאָסינזאָן צו א. סאָלאָמיאַק, וועלכער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער רו־סישער פּאָסט און דער ערשטער איבערזעצער פון דעם רוסישן קאָנסולאַט אין ירושלים. אָבער די ערשטע שריט פון פּרווון האָבן זיך נישט איינגעגעבן.

ערשט ביים אָנקומען פון די ערשטע עליה־פּיאָנערן קיין ירושלים, אין זומער תרס״ו, איז געמאַכט געוואָרן אַ מער ממשותדיקער פּרווו. ביי מיר האָט זיך אויפגעהיט אַ פּראָטאָקאָל פון די זיצונגען פון דעם ערשטן קאָמיטעט פון דעם פאַראיין פּועלי־ציון אין ירושלים, אָנהייבנדיק פונעם 17טן אויגוסט 1906 (כ״ו אב תרס״ו) ביז צום 28סטן־29סטן יאַנואַר 1907 (י״ג־י״ד שבט תרס״ז). פון דעמזעלבן איז צו זען, אַז דער פּאַראיין איז געווען טעטיק. ער האָט איינגעשלאָסן אין זיך דריי גרופּן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אי־דעאָלאָגישע לימודים, און יעדע איינע האָט געהאַט אַ מדריך־פאַרטראָגער. די מיטגלידער פלעגן זיך פאַרזאַמלען צו באַשטימטע צייטן און זיי האָבן גענומען אויף זיך די זאָרג איינצושאַפן זיך ליטעראַטור, הויפּטזעכלעך אויף יידיש, און זיי פלעגן צאָלן אַן אָפּצאָל פאַר די אויסגאַבן פונעם פאַראיין, אין אָנפאַנג פינף מעטאַליק אַ חודש און שפּעטער צוויי מעטאַליק אַ וואָך. דער פאַראיין איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלע און אויך מיט חברים אין אויסלאַנד. אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען אַ „געהיימער״ קאָמי־טעט, וועמענס סעקרעטאַר איז געווען דער חבר אשור, וואָס האָט זיך באַ־זעצט אין ירושלים און האָט געאַרבעט ווי אַן אַרבעטער אין אַן אַראַביש־קריסטלעכער דרוקעריי.

די צענטראַלע פון דער פאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן, לויט די ווער־טער פון שמואל כרמון (סלושץ) אין ראשון לציון אין אָנפאַנג תרס״ו. שמואל האָט געהאַט גוטע רעקאָמענדאַציעס, אין זכות פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָ־טער, דאָס איז מיין עלטער־פעטער הרד״ש סלושץ ז״ל, וועלכער איז געווען רב אין אדעס. די רעקאָמענדאַציעס האָבן אים געהאָלפן אָנגענומען צו ווערן אין סעמינאַר. באַלד האָט ער אָנגעהויבן, אין נאָמען פון דער ירושלימער

אָפּטיילונג, זיך צו פֿאַרנעמען מיט אויפֿקלערונג און אָרגאַניזירונג צווישן די שילער פֿונעם סעמינאַר, אין גייסט פֿון דער פּאַרטיי, אין זומער ה׳תרס״ו. ער האָט איינגעאָרדנט געהיימע פֿאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ער האָט געפֿירט שמועסן אויף פֿאַרשידענע סאָציאַלע טעמעס. גרעסטנטיילס זענען די פֿאַרזאַמלונגען פֿאָרגעקומען אין די פֿרייע טעג, אין די שבתים — אויסער דער שטאָט. איינע פֿון אָט־די פֿאַרזאַמלונגען איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעם קרייציקונגס־טאָל און עס האָט זיך געטראָפֿן, אַז עמיצער פֿון די מענטשן פֿונעם אַלטן ישוב, וועלכער האָט שפּאַצירט אין יענעם מאָמענט אויסער דער שטאָט, האָט אויפֿגעדעקט די „רעבעלישע טאַט" און האָט פֿאַרקלאָגט צו דער דירעקציע פֿונעם סעמינאַר. לויט זיינע ווערטער, איז שמואל, אַלס קאָנסעקווענץ פֿון דעם, דערווייטערט געוואָרן פֿון דעם אַנשטאַלט און דער פֿאַראיין פֿון די שילער פֿון דעם סעמינאַר איז בטל געוואָרן. אָבער די פּאַרטיי אין ירושלים האָט פֿאָרגעזעצט איר טעטיקייט און אירע פֿאָרטראַגן יעדן שבת אויסער דער שטאָט, נעבן די אוראַלטע היילן פֿון סנהדרין.

די אָרגאַניזאַציע פֿון די תלמידים האָט נישט לאַנג געדויערט, דער פֿאַראיין פֿון די אַרבעטער אין ירושלים דאַקעגן האָט געשלאָגן וואָרצלען. זיין אַקטיווע באַזע זענען געווען די אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אין צוויי פֿאַכן. דער ערשטער — די דרוק־אַרבעטער. זיי זענען געווען מערסטנס פֿון דעם אַלטן ישוב, אשכנזים און ספֿרדים, אָבער אין זייער שפּיץ זענען געשטאַנען פּערזאָנען פֿון צווישן אונדזערע חברים, מיטגלידער פֿון דער צווייטער עליה, וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם פֿאַך. וועגן מיינע באַציאונגען מיט די דרוק־אַרבעטער האָב איך מיך שוין אָפּגעשטעלט אויף אַנדערע ערטער *), וועל איך מיך דאָ באַנוגענען אָנצוּווייזן אויף דעם פֿאַקט, אַז פֿון צווישן די דרוק־אַרבעטער אין ירושלים זענען אַרויסגעקומען עטלעכע טעטיקע חברים אין דער פּאַרטיי, אין דעם פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין, אין דער שמירה און אין דער אַרבעט אין די קאָלאָניעס. דאָס צווייטע פֿאַך — שטיין־האַקער. אייניקע פֿון זיי זענען געווען פֿון דער נייער עליה און אַנדערע פֿון צווישן די תימנער עולים. צווישן די ערשטע זענען געווען חברים פֿון ליטע און פּוילן און אויך פֿון בעסאַראַביע און דרום־רוסלאַנד. דאָ אין לאַנד האָבן זיי זיך אויסגעלערנט די מלאכה פֿון שטיין־האַקעריי מיט דער הילף פֿון פּראָפֿ׳ שאַץ, וועלכער האָט זיך פֿאַר זיי געזאָרגט ווי אַ טאַטע פֿאַר זיינע קינדער און ער האָט פֿאַר זיי אויך באַקומען הלוואות, בכדי זיי זאָלן זיך קענען אויסלערנען דאָס פֿאַך. די דרוק־אַרבעטער און די שטיין־האַקערס זענען געווען די ערשטע צוויי פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען פֿון די אַרבעטער אין ירושלים.

---

*) „בעקבי האימור הכללי בירושלים" אין דער צייטונג „השקפה" פֿון חשון תרס״ט און אין דער זאַמלונג פֿון אחדות העבודה א׳ „הפועל בהרושת", זייט 273. זע אויך „מימי היסוד" — 30 יאָר פֿון דער דרוקעריי „אחדות" („אומר" — „דבר" ,11.7.41).

ווען איך בין אָנגעקומען האָב איך געפונען אין שטאָט נאָך יחידים פון דער ראָסטאָווער עליה און אַ געוויסע צאָל חברים פון די איבעריקע רוסישע שטעט, וועלכע האָבן זיך באַמיט אויפצושטעלן אַן אַרבעטער־באַוועגונג אין דער הייליקער שטאָט. איך וועל דאָ דערמאָנען די נעמען פון עטלעכע פּאַר־טיי־חברים פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער הייליקער שטאָט. אלכסנדר זייד און לוי (דאָס איז גד וויגדאָראָוו), משה אינגבערמאַן, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן מיטן נאָמען משה „קאָמוניסט״, נחום הלוי, משה גבעוני, אליהו איתן, מרדכי אָסנאָוויץ, מרדכי לעוויצקי, מרדכי ראַבינאָוויטש, יעקב בינ־שטאָק, וועלכער איז געקומען אין דער זעלבער שיף מיט מיר.

צווישן די שטיין־האַקער׳ס זענען אויך געווען אומפּאַרטייאישע און מיט־גלידער פון הפועל הצעיר: יוסף באַראַץ, ברענער און נאָך. אין לערער־סעמי־נאַר האָבן געלערנט אונדזערע חברים: אהרן טוב, יהושע ראַבינאָוויטש (יאַ־נאָווסקי) און נאָך. אין ירושלים האָבן זיך אויך געפונען די חברות: רייזל (שושנה) אָסנאָוויץ, קיילע בקר און איר שוועסטער צפורה (דאָס איז געווען צפורה זייד) וועלכע איז אין רוסלאַנד געווען א חברה פון די סיימאָווצעס און אין לאַנד האָט זי זיך אין אַ צייט אַרום אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי; צווישן די ירושלימער אַקטיווע חברים וועל איך באַצייכענען: משה און יקו־תיאל די סטאָלאַרעס, מרדכי מלאטער, אַ דרוק־אַרבעטער, משה פעדערמאַן, אַן איינבינדער, און נאָך. איך וועל אויך דערמאָנען די צוויי ברידער פון לאָדזש מענדל און בעריש, זאָקן־שטריקער, וואָס פלעגן טראָגן כאַראַקטע־ריסטישע קליידער פאַר די מענטשן פונעם אַלטן ישוב, און אין די שבתים פלעגן זיי קומען אויף די חברים־פאַרזאַמלונגען אָנגעטאָן אין לאַנגע כאַ־לאַטן און אין שטריימלעך, נוי מען האָט זיך געפירט אין ירושלים, צו דער פאַרוואונדערונג פון די חברים פון ראָסטאָוו און פון דרום־רוסלאַנד, וועלכע האָבן אַזעלכעס קיינמאָל נישט געזען.

פאַר מיין אַוועקפאָרן צום קאָנגרעס האָבן די חברים אין ירושלים איינ־געאָרדנט פאַר מיר אַ גאַנצע ריי פון פאַרזאַמלונגען: אין משך פון צוויי טעג האָב איך געהאַט פינף פאָרטראָגן. צופוס בין איך אַרויפגעגאַנגען און צופוס האָב איך מיך אומגעקערט קיין יפו. דאָרטן בין איך אַריינגעגאַנגען אויף אַ קורצער צייט אין מיין צימער, האָב גענומען מיין לייכט רענצעלע און האָב געאיילט צו דער שיף.

אין קראָקע האָב איך געהאַט די פרייד זיך צו טרעפן מיט חברים, מיט וועלכע איך בין געווען פאַרבונדן זינט דער גרינדונג פון דער רוסישער פּאַר־טיי, אָבער דאָסמאָל זענען מיינע געפילן געווען אַנדערע. כאָטש עס זענען בלויז אַריבער פינף חדשים זינט איך האָב פאַרלאָזן רוסלאַנד, האָב איך זיך שוין באַטראַכט ווי אַ בירגער פון ארץ־ישראל, וואָס איז געקומען אויף אַ קורצער צייט קיין חוץ־לארץ, ווען די מערהייט פון די אַקטיווע חברים אין רוסלאַנד זענען פאַרבליבן אין גלות.

אויף יענער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין קראָקע, האָב איך

זיך געטראָפֿן מיט מיינע אַלטע חברים: באַראַכאָוו, רחל, כאַשין און זרובבל. איך האָב געהאַלטן אַ פֿאָרטראָג וועגן דער לאַגע פֿונעם יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל און וועגן דעם וועג פֿון דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם. איך געדענק, אַז איך האָב אָנגעטראָפֿן אויף דער קאָנפֿערענץ אַ שטימונג פֿון שווערער דערשלאָגנקייט. די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון דער צאַרישער רעגירונג זע־נען שאַרפֿער געוואָרן; אייניקע חברים, וואָס האָבן זיינער־צייט געטראָגן דעם יאָך פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און עס האָט זיי אָפּגעגליקט צו אַנטלויפֿן פֿון די אַרעסטן קיין אויסלאַנד, האָבן פֿאַרלוירן די מעגלעכקייט זיך אומצו־קערן קיין רוסלאַנד. מען דאַרף זיך דעריבער נישט וווּנדערן איבער דער גייס־טיקער דערשלאָגנקייט וואָס האָט געהערשט צווישן די חברים. די צענטראַלע פֿון דער רוסישער פּאַרטיי איז נישט געווען מער ווי אַ פֿיקציע. די אמתע צענטראַלע איז געווען באַראַכאָוו, אָבער ער האָט אַפֿילו נישט געקענט טרוי־מען וועגן אומקערן זיך קיין רוסלאַנד און ער האָט אָנגעפֿירט די ענינים פֿון קראָקע אויס. אונדזערע צייטונגען אין ווילנע „דער פּראָלעטאַרישער גע־דאַנק", „פֿאָרווערטס" און אויך דער פֿאַרלאַג „דער האַמער" זענען געשלאָסן געוואָרן איינס נאָכן אַנדערן. עס איז בלויז איבערגעבליבן דער „יידישער אַרבעטער" אין לעמבערג, דער אָרגאַן פֿון דער עסטרייכישער פּאַרטיי, די איינציקע פּאַרטיי־צייטונג, וואָס איז דעמאָלט דערשינען רעגולער אין מזרח־אייראָפּע.

אויסער דער פּאָליטישער לאַגע, וואָס האָט פֿאַראורזאַכט אָט־דעם קריי־זיס, זענען נאָך געווען אינערלעכע מאָטיוון. אין דער ערשטער ריי האָט זיך אויסגעשפּרייט אַן אַנטוישונג אין באַצוג צום אָפֿיציעלן ציוניזם, וועלכער האָט נישט געהאַט געפֿונען דעם ריכטיקן וועג און האָט פֿאַרנאַכלעסיקט די פּראַקטישע אַרבעט. אין אָט־דער אַנטוישונג, פֿון איין זייט, און אין דער „צענטריפֿוגאַלער" נייגונג, וועלכע האָט זיך אַנטפּלעקט צווישן אונדזערע חברים אין רוסלאַנד, פֿון דער צווייטער זייט, צו פֿאַרלאָזן די „בורזשואַזע" ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און דעם ציוניסטישן קאָנגרעס — האָבן מיר גע־זען אַ גרויסע סכנה פֿאַר אונדזער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג. זי זאָל נישט מיטגעשלעפּט ווערן מיט אַלע אַנדערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, וועל־כע האָבן אָפּגענויגט פֿון דעם וועג פֿון פּראַקטישער טעטיקייט לטובת ציון. איך האָב געזאָגט „האָבן מיר געזוען" אין מערצאָל, ווייל מיר דוכט זיך אַז איך בין נישט געווען דער איינציקער וואָס האָט געהאַט דעם געפֿיל.

דער איין־איינציקער אונטערשיד צום גוטן צווישן אינדזער באַוועגונג און אַלע איבעריקע אַרבעטער־פּאַרטייען פֿון ציוניסטישן אָפּשטאַם, איז גע־ווען דער פֿאַקט וואָס מיר פּועלי־ציון האָבן שוין געהאַט פּאָזיציעס אין לאַנד, פּאָזיציעס וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן דורך די אַרבעטס־פּיאָנערן, און די ממשותדיקע הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון דעם פֿאַרבאַנד וואָס מיר רעכענען צו שאַפֿן, האָט באַדאַרפֿט זיין — די באַפֿעסטיקונג פֿון די באַזונדערע פּאָזיציעס פֿון דער באַוועגונג פֿון ציוניסטישער אַרבעט. צו דעם צוועק דאַרפֿן מיר צו־

טרעטן צו אַ זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט צו שאַפן זעלבסטשטענדיקע אַב־שטאַלטן און אינסטרומענטן ביי דער זייט פון די אַנשטאַלטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווי אַ צוגאָב.

די קאָנפערענץ פון דער רוסישער פּאַרטיי אין קראָקע האָט זיך געצויגן וואָסערע צען טעג און זי האָט איינגעשלאָסן ניין פּאַראַגראַפן. די גרעסטע טייל פון דיזעלבע זענען געווידמעט געוואָרן פאַר דער לאַגע אין רוסלאַנד אין אַלגעמיין, און פאַר די שוועריקייטן פון דער פּאַרטיי באַזונדערס. איין פּונקט איז באַשטימט געוואָרן פאַר די פּראָבלעמען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל און די איבעריקע פאַר די ציוניסטישע ענינים: טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע אין ארץ־ישראל (רעפעראַטן פון באָראָכאָוו), די אויפגאַבע פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניזם און דאָס פּראָבלעם פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל (מיין רעפעראַט). און נאָך איין רעפעראַט איז געווען וועגן אונדזער שטעלונג צו דער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון און צום אַכטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג.

די רוסישע פּאַרטיי האָט מיט אַ מערהייט פון שטימען באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און האָט אויסגעקליבן פינף דע־לעגאַטן: בער באָראָכאָוו, ברוכזון, דאָס הייסט צבי כאַשין, אריה בערלינראַוט פון מאָסקווע און יצחק זאַר (זעליק ראַבינאָוויטש) פון מינסק.

ביים סוף פון דער קאָנפערענץ איז קלאָר געוואָרן, אַז די מערהייט פון אַקטיווע חברים האַלטן נישט ביים אומקערן זיך קיין רוסלאַנד און דעריבער איז געווען קלאָר, אַז עס איז דאָ אַ געפאַר אַז דער גרעסטער טייל פון די אָנגענומענע באַשלוסן זאָלן אינגאַנצן נישט פאַרווירקלעכט ווערן צוליב דעם פעלן פון כוחות פאַר דער אונטערגרונט־אַרבעט פון דער פּאַרטיי אין רוסלאַנד.

פון קראָקע בין איך געפאָרן אינאיינעם מיט כתריאלן (דאָס איז געווען לעאָן כאַזאַנאָוויטש) צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג און ווען איך בין אָנגעקומען אַהין, האָב איך זיך געטראָפן מיטן צווייטן דעלעגאַט צום קאָנגרעס פון אונדזער פּאַרטיי, מיטן ח׳ ישראל שוחט, וועלכער איז געפאָרן דירעקט פון יפו קיין האַג און ער האָט נישט געהאַט גענוג צייט זיך צו באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ פון די רוסישע פּועלי־ציון אין קראָקע.

די פּרשה פונעם אַכטן קאָנגרעס און פון דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ וואָס איז פאָרגעקומען פאַר אים און האָט אים דערגאַנצט — דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך. וואָס אַנבאַלאַנגט די קאָנפערענץ — איז זי אַן ערשטע און איינציקע דערשיינונג פון דעם מין: צום ערשטן מאָל האָבן מיר זוכה געווען צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן, אָדער וועלט־צוזאַמענפאָר פון אונדזער באַוועגונג, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט נישט נאָר דעלעגאַטן פון רוסלאַנד, עסטרייך און מיטל־אייראָפּע (די סטודענטן וואָס האָבן געלערנט אין אויסלאַנד), נאָר אויך דעלעגאַטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד און ארץ־ישראל. ביז דעמאָלט זענען די פאַרבינדונגען צווישן אונדז געווען בלויז דורך

בריוו. איצט האָבן מיר זיך געטראָפן און מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז אויב עס זענען אַפילו דאָ מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן די שוועסטער־פאַרטייען, זענען עס נאָר טעאָרעטישע פראַגן און עס איז דאָ איין זאַך וואָס פאַראייניקט אונדז אַלעמען — דער גלויבן, אַז די צוקונפט פונעם ציוניזם איז אָפּהענגיק פון זיין טאַלאַנט און זיינע מעגלעכקייטן זיך איינצוואָרצלען אינעם אַרבעטער־קלאַס פונעם פאָלק אין דער צעשפרייטקייט פונעם גלות; אין דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק פון אונדז: אויב מיר וועלן מצליח זיין אויפוועקן דעם אַרבעטער־קלאַס פונעם פאָלק און אים צו באַוועגן צו פאַרבינדן זיין שיקזאַל און זיין צוקונפט מיטן שיקזאַל און דער צוקונפט פון דער באַוועגונג, אויב ער וועט זיך באמת פאַרוואַנדלען אין דעם געטרייען טרעגער פון ציוניזם, — נאָר דעמאָלט איז פאַראַן אַן האָפענונג פאַרן ציוניזם.

דער באַזונדערער ווערט פון דער טרעפונג מיט די חברים פון אויסלאַנד איז באַשטאַנען פאַר אונדז — מענטשן פון ארץ־ישראל — אין דעם וואָס מיר האָבן דאָרטן געפונען נאָענטע מענטשן צו אונדזער גייסט, וועלכע מיר האָבן געקענט משתף זיין צו אונדזערע זאָרגן און צרות. אין אונדזערע חברים פון אויסלאַנד, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אונדז אין איין וועלט־פאַרבאַנד, האָבן מיר געזען די ריכטיקע פאַרבינדעטע, מיט וועמענס הילף דער אַרבעטער פון ארץ ישראל וועט גיין פאָרויס צו זיין ציל און מיט וועמענס הילף עס וועלן געשאַפן ווערן די באַזונדערע כלים און אינסטרומענטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אינדזער ציוניסטישן ווערק.

דער אַכטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז דערעפנט געוואָרן מיטוואָך י״א אלול תרס״ז און האָט זיך געשלאָסן מיטוואָך י״ח פון דעם זעלבן חודש (14־21 אויגוסט 1907), און די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ אונדזערע האָט זיך אָנגעהויבן דינסטיק פאַר דער דערעפענונג פון דעם קאָנגרעס און האָט זיך געענדיקט מאָנטיק ט״ז אלול. דאָרט האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט אַלטע און נייע חברים — מיט קאַפּלאַנסקין פון ווין און מיט חברים פון אַמעריקע און ענגלאַנד. די פלענאַר־זיצונג פון דער קאָנפערענץ האָט זיך געעפנט מיטוואָך. צום אַלעם ערשטן איז איינגעאָרדנט געוואָרן די קאָנגרעס־פראַקציע פון פּועלי־ציון, וועלכע האָט אויסגעקליבן צוויי מיטגלידער פאַר דער פערמאַנענץ־קאָמיסיע — קלמן מאַרמאָר און ח׳ גראָס, און עס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן דריי רעדנער וואָס וועלן אויפטרעטן אין פלענום פונעם קאָנגרעס אין דער אַלגעמיינער דעבאַטע וועגן דער אַרבעט אין ארץ־ישראל; דאָס זענען געווען די חברים ש. קאַפּלאַנסקי, צ. כאַשין און י. שוחט, אָבער פאַקטיש זענען געקומען צום וואָרט בלויז די ערשטע צוויי. די צווייטע זיצונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דאָנערשטיק, דעם 15טן אויגוסט, און עס זענען אויך איר באַהאַנדלט געוואָרן די פאָרשלאָגן פדן דער קאָנגרעס־פראַקציע וועגן דער אַרבעט אין לאַנד. די רעפעראַטן און פאָרשלאָגן וועגן

דעם זענען הויפּטזעכלעך צוגעשטעלט געוואָרן דורך די דעלעגאַטן פון ארץ־ישראל.

די עסטרייכער זענען געקומען מיט טעאָרעטישע פּאָרשלאָגן און די רוסן האָבן הויפּטזעכלעך זיך באַזירט אויף די פאָרשלאָגן פון די דעלעגאַטן פון ארץ־ישראל, וועמענס ווערטער עס האָבן געדינט אויף דער וועלט־קאָנפערענץ אַלס באַזע פאַר דער דיסקוסיע. די עסטרייכער האָבן געהאַט אַ צוגאַנג צום קאָנגרעס ווי ווען דער זעלבער וואָלט געווען אַ שטאַטלעכער פּאַרלאַמענט און דעריבער איז זייער קריטיק געווען טעאָרעטיש און אַבסטראַקט. די אַמע־ריקאַנער האָבן נישט מיטגעבראַכט קיין פּאַקטישע פאָרשלאָגן. און די רוסן האָבן אונדז קריטיקירט פאַר עטלעכע פאָדערונגען, וואָס זענען אין זייערע אויגן אויסגעקומען צו זיין צופיל נישט־פּראַלעטאַריש, ווי אונדזער פאָדע־רונג זיך צו באַטייליקן אין דעם ארץ־ישראל־אַמט און אויך אונדזער פאָדע־רונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכן קרעדיט. אָט־די נעגאַטיווע שטעלונג איז גע־קומען צוליב דער אומקענטעניש פון דער לאַגע, די באַדינגונגען און דעם לעבן פון דעם לאַנד; מיר, פון אונדזער זייט, האָבן מיר זיך באַמיט לויט אַלע מעגלעכקייטן אויפצופולן דעם בלויז און צו דערקלערן פאַר אונדזערע חברים די לאַגע. עס שיינט, אַז מיר האָבן מצליח געווען עטוואָס צו באַאיינפלוסן אונדזערע חברים און עס זאָגן עדות אויף דעם די באַשלוסן וואָס זענען אָנ־גענומען געוואָרן אין אונדזער גייסט, צום ביישפּיל: די וואַל פון אַן ארץ־ישראל־קאָמיטעט פון פינף מיטגלידער וועלכער וועט איבערוואַכן די טעטי־קייט פונעם ק. ק. ל. און פון די איבעריקע ווערק פון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע אין לאַנד; די צונויפשטעלונג פון אַן ארץ־ישראל־ראַט פון פאַר־טרעטער פון אַלע אָרגאַניזירטע פאַרבאַנדן וואָס זענען פאַראַנען אינעם יידישן ישוב פונעם לאַנד, מיטן באַדינג, אַז זייער מיינונג זאָל אויסגעהערט ווערן ביי אַלע אַרבעטן, וועלכע וועלן דאַרפן דורכגעפירט ווערן אין לאַנד. די מיט־גלידער פון דעם א״ק (אַקציאָנס־קאָמיטעט), וועלכע וועלן זיך באַטייליקן אין די זיצונגען פון דעם ארץ־ישראל־קאָמיטעט וועלן, לויט דעם פאָרשלאַג, גע־ניסן פון רעכט צו אָנטשיידן מיט זייער שטימע. דער קאָמיטעט וועט דאַרפן זיך באַשעפטיקן מיט דער אויספאָרשונג פון די נאַטירלעכע און סאָציאַלע באַדינגונגען פון דעם לעבן אין לאַנד, ווי אויך מיט דער אויספאָרשונג פון די לעגאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען פון טערקיי. די אויספאָרשונגס־אויפגאַבע ווערט אַרויפגעלייגט אויף אַ קאָמיסיע וואָס שטייט אונטערן קאָנ־טראָל פון דעם ארץ־ישראל־קאָמיטעט; צו גרינדן אַ גוטע אינפאָרמאַציע־ביוראָ פאַר אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע און האַנדל, מיט אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג פאַר די אַרבעטער־ענינים; אויפצור־שטעלן אַ לעגאַלע קאָמיסיע, וועלכע וועט באַשיצן די רעכטן און אינטערעסן פון די אָטאָמאַנישע אונטערטאַנען אין לאַנד; צו גרינדן מוסטער־אונטערנע־מונגען אין די ספּעציאַליטעטן פון לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, בכדי צו העלפן דער אַריינדרינגונג פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין לאַנד אַריין; די

באַנק און דער פאָנד פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע דאַרפן צושטעלן קרעדיט אין קליינע סומען און אין ברייטן פאַרנעם. דאָס זענען די פאָדערונגען וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מערהייט שטימען און עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די חברים י. בן־צבי, י. שוחט און גראָס זיי צו פאַרטיידיקן אין דער ארץ־ישראל־קאָמיסיע פון דעם קאָנגרעס און זיך צו באַשעפטיקן מיט אַלע פראַגן וואָס באַרירן ארץ־ישראל אין נאָמען פון דער פועלי־ציון־פראַקציע אויפן קאָנגרעס. אין די זיצונגען פון דער ארץ־ישראל־קאָמיסיע האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל די דעלעגאַטן פון דער פאַרטיי, י. שוחט און י. בן־צבי, אין די דעבאַטן און אין די פאָרשלאָגן.

אויף דער דריטער זיצונג פון דער קאָמיסיע איז אויפגעהויבן געוואָרן דורך די עסטרייכישע חברים אַ פאָרשלאָג וועגן קאָלאָניזאַציע־פאַרבאַנדן „גענאָסנשאַפטן", וועלכער איז נישט אָנגענומען געוואָרן און נישט אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער קאָמיסיע און עס איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט יעדן „לאַנד" פעסטצושטעלן זיין אייגענע שטעלונג אין דער הינזיכט און דורך דעם איז געגעבן געוואָרן האַנדלונגס־פרייהייט דער עסטרייכישער פאַרטיי צו מאַכן זייער פאָרשלאָג בלויז אין זייער אייגענעם נאָמען.

מאָנטיק אין אָוונט (ט״ז אלול) איז פאָרגעקומען די לעצטע זיצונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ און לויטן פאָרשלאָג פון בער באָראָכאָוו איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו גרינדען אַ וועלט־פעדעראַציע ווי אַן אויטאָנאָמע איינהייט, אַן אָפּגעזונדערטע פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צומאָרגנס איז געבראַכט געוואָרן אָט־דער פאָרשלאָג און איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קאָנגרעס אויף זיין לעצטער זיצונג (21.8.1907).

אויף יענער זיצונג האָב איך אויסגעדריקט אין מיין רעדע אויף דער פלענום־זיצונג אַ פראָטעסט קעגן דער קאַנדידאַטור פון ד. טריטש צום ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט צוליב זיין קעגנערישער שטעלונג צו די אַרבעטער בשעת דעם שטרייק אין זיין פאַבריק אין יפו. אויף יענער זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן וועגן דער אויפשטעלונג פון אַ ראַט ביי דער ציוניסטישער ביוראָ אין לאַנד און עס איז אויך אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער ארץ־ישראל־קאָמיסיע און אויף דער באַנק אויפצושטעלן אַן אינסטיטוט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכן קרעדיט. דורך די לעצטע צוויי באַשלוסן האָבן מיר באַקומען אַ סאַטיספאַקציע אין אַ געוויסער מאָס. אָבער ביי דער אָפּשטימונג וואָס איז פאָרגעקומען נאָכדעם, זענען מיר פאַרבליבן אין דער מינדערהייט צוליב דער אָפּהאַלטונג פון די דעלעגאַטן פון הפועל הצעיר אין יענער אָפּשטימונג.

איך וועל מיך נישט אָפּשטעלן דאָ אויף די דעטאַלן פון אונדזער רייזע, מיינע און שוחטס, אויף אונדזער וועג צוריק פון האַג אין לאַנד אַריין. די רייזע איז געווען פול מיט טרעפעניש. צוליב מאַנגל אין געלט האָבן מיר אויסגעקליבן אַ ביליקן וועג: מיר זענען אַרויף אויף אַ שיף און זענען געפאָרן שטראָם־אַראָפּ מיטן ריין, אַ רייזע פון 5־6 טעג. אויף אונדזער וועג האָבן מיר

באַזוכט פאַרשידענע „קאָלאָניעס" פון סטודענטן, מיטגלידער פון אונדזער „ליגע", אין וועמענס שאַפונג אין פאַרגאַנגענעם יאָר (1906) איך האָב מיך באַטייליקט. דאָ און דאָרט האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן, געגעבן רעפעראַטן און באַקומען אַביסל געלט אויף רייזע־הוצאות אַהיים. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין טריעסט און דאָרט איז אונדז לײדער קלאָר געוואָרן, אַז דאָס צו־קורצע געלעגער איז נישט גענוג אויסצושטרעקן זיך אויף דעם. די קליינע סומע וואָס מיר האָבן געהאַט וועט נישט זיין גענוג צו קויפן בילעטן אין דעם פערטן קלאַס. געצוווּנגענערהייט האָבן מיר זיך געמוזט פאַרהאַלטן אין דער האַפן־שטאָט און זוכן אַ וועג ווי אַזוי אָנצופילן די ליידיקע קעשענעס.

עס איז געווען ערב די ימים־טובים און אין טריעסט האָבן זיך באַוויזן עטלעכע יידן פון ארץ־ישראל, פויערים וואָס האָבן געפלאַנצט ציטרוסן און ירושלימער סוחרים פון אתרוגים. איינער פון די פויערים, דער אַלטער הער דינוויץ פון פתח־תקוה, האָט געקענט ישראלן און האָט אונדז דערלויבט אי־בערצונעכטיקן אין זיין צימער מיטן באַדינג, אַז דעמאָלט ווען ער וועט אויפ־שטיין ביינאַכט צו גיין צו סליחות, וועלן מיר אויך אויפשטיין צוזאַמען מיט אים און מיר וועלן פאַרלאָזן דאָס צימער, בכדי ער זאָל קענען פאַרשליסן די טיר. זענען מיר אַלזאָ אויפגעשטאַנען אינאיינעם מיט אים און מיר האָבן אים באַגלייט אין שול אַריין. אין טריעסט האָבן מיר געהאַט אַ שאַרפן צוזאַמענ־שטויס מיטן ראש־הקהל, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט אונדז צו געבן אַ קליינע הלוואה פאַר די באַדערפענישן פון אונדזער רייזע. ער האָט זיך גע־איילט אונדז איבערצוגעבן דער פּאָליציי, וועלכע האָט אונדז באַפרייט מיטן באַדינג מיר זאָלן וואָס פריער פאַרלאָזן טריעסט.

ווען מיר האָבן געמאַכט אַ רעכענונג פון אונדזער אָרעמער קעשענע, זע־נען מיר געגאַנגען זוכן אַרבעט אין האַפן. מיר האָבן געאַרבעט אַלס טרע־גערס, געשלעפּט קעסטלעך מיט אתרוגים און מאַראַנצן פון די שיפן אין די דעפּאָזיטן פון דעם האַפן און אַזוי האָבן מיר פאַרדינט אונדזער ברויט. אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט דריי וואָכן. דערווייל האָבן מיר באַקומען אַ הלוואה פון דרייסיק פראַנק, וואָס האָט אונדז אויסגעפעלט צו דערגאַנצן די נייטיקע סומע צו באַצאָלן צוויי בילעטן פון טריעסט קיין יפו.

די דריטע קאָנפערענץ; די גרינדונג פון „השומר" און „החורש"

מיינע ערשטע טעג אין לאַנד, ביז צו דער רייזע צום קאָנגרעס זענען געווען טעג פון לערנען און טאַפּן אין דער פינצטער. נאָך מיין אומקערן זיך פון אויסלאַנד, פונעם קאָנגרעס און פון די קאָנפערענצן, און נאָכדעם ווי איך האָב דערקענט די ווירקלעכקייט פון אונדזער באַוועגונג אין גלות און אירע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, האָבן זיך אָנגעהויבן די וואָכנטעג.

איך האָב מיך אומגעקערט אין לאַנד אַריין איבערפולט מיט ווילן צו טאַטן. אָבער ווען איך בין אָנגעקומען איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די קאָנפע־רענץ איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף עטלעכע טעג און אָנשטאָט אַן אַלגעמיי־נער קאָנפערענץ (ווי די פריערדיקע, וואָס איז פאָרגעקומען שבועות) איז דאָס מאָל פאַררופן געוואָרן אַ דעלעגאַטן־קאָנפערענץ. דיזעלבע איז זיך צונויפ־געקומען אין יפו, דעם 20סטן תשרי תרס״ח, און איז באַקאַנט געוואָרן אונ־טערן נאָמען „די דריטע קאָנפערענץ". אין אַ טייל דאָקומענטן ווערט זי אָנ־גערופן „דער דריטער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר" און אויך „דער דריטער פּאַר־טיי־טאָג", אָבער אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „דער יידישער קעמפער" ווערט זי אָנגערופן „דער צווייטער דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר", ווי עס ווייזט אויס צוליב דעם, ווייל דער שרייבער האָט געוואָלט אונטערשטרייכן אַז דאָס איז נישט געווען קיין פאַרזאַמלונג פון אַלע חברים, נאָר אַ דעלעגאַטן־באַראַטונג.

אָט־די קאָנפערענץ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט צוויי זאַכן: מיטן באַ־זישן קער צווישן די פועלי־ציון בנוגע דער העברעאישער שפּראַך און מיט דער גרינדונג פון „השומר". יענע צוויי זאַכן זענען כאַראַקטעריסטישע און גאַנץ אייגנטימלעכע פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל און דער שטעמפּל פונעם פאַטערלאַנד איז אויפגעדריקט אויף זיי. פון דער צווייטער זייט, איז נישטאָ קיין צווייפל אַז זיי האָבן אַרויסגעלייגט זייער שטעמפל אויפן גאַנצן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד.

אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט נאָענט צו צוואַנציק דעלע־גאַטן און אַ צאָל געסט, צווישן זיי איינגעלאַדענע. איך האָב פאַר זיך אַ רשימה פון 23 נעמען* פון יענע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די דעבאַטן, צווישן זיי דעלעגאַטן און אויך געסט: י. בן־צבי, בן־ציון (רוכימאָוויטש), דוד גרין (בן־גוריון), אברהם קאָמאַראָוו, י. שוחט, זאב אשור, אלכסנדר זייד,

אליהו אבן־טוב, יחזקאל כאנקין, שמאי, נחמן (זיידל דונאיעווסקי), יחזקאל בית־הלחמי, מנדל פּאַרטוגאַלי, לוי מאַרגאַלין, נח גאַרקער (אָדער האַרקער), נחום הלוי, משה שחר, משולם דאַווידזאָן, גבריאל האַלצמאַן, חיים (צפתי), אברהם לעווקאָוויטש, פּישל, יהודה זעלדין.

די קאָנפערענץ האָט זיך געצויגן דריי טעג. נאָך מיינע דערעפענונגס־ווערטער און אַ באַריכט פון דער צענטראַלע, איז אויסגעהערט געוואָרן אַ באַריכט פון די צוויי דעלעגאַטן פון דער פּאַרטיי וועגן דער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון און וועגן דעם אַכטן קאָנגרעס אין האג און עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו די אָנגענומענע באַשלוסן. אויסערדעם זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויף יענער קאָנפערענץ אונדזערע באַציאונגען צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אונדזערע טאַקטישע מעטאָדן און גאַנץ באַזונדערס אונדזער באַציאונג צו דער שפּראַכן־פראַגע.

עס האָבן זיך ביי מיר אויפגעהיט די פּראָטאָקאָלן און איך האָב זיי איבערגעגעבן דעם אַרבעטס־אַרכיוו. עס איז נישט מיין כוונה איבערצוגעבן דאָ אַ פולן באַריכט פון דער קאָנפערענץ. איך וועל מיך בלויז אָפּשטעלן אויף געוויסע פונקטן וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ באַזונדערן אינטערעס. דאָס פּראָבלעם פון עליה איז אָקצענטירט געוואָרן ווי אַ באַזונדערס וויכטיקע פראַגע פאַרן פאָלק ישראל און פאַר דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס. ווען דער יידישער אַרבעטער קומט אין לאַנד אַריין איז עס זיין פליכט אַוועקצולייגן דעם פונדאַמענט פאַרן אויפבוי פון זיין פאָטערלאַנד. די חברים וואָס האָבן גערעדט אויף דער קאָנפערענץ האָבן באַטאָנט דעם ווערט פון אינפאָרמאַציע פאַר די עולים און די באַדערפעניש דורכצופירן אָט־די טעטיקייט דורך דער פּאַרטיי אָדער מיט איר באַטייליקונג. אין דער הינזיכט איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקער באַשלוס:

„אָפּשאַצנדיק די גרויסע וויכטיקייט פון דער אינפאָרמאַציע פאַר דער איינאָרדענונג פון דער עליה און פאַרויסזעצנדיק, לויט אַ באַריכט פון די דעלעגאַטן פון דער פּאַרטיי צו דער וועלט־קאָנפערענץ אין האג, אַז עס וועט נאָך דורכגיין פיל צייט ביז די וועלט־אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון וועט פאַרווירקלעכן די זאַך, האָט די דעלעגאַטן־קאָנפערענץ אָנגענומען די וויטערדיקע באַשלוסן:

א) צו באַאיינפלוסן די ציוניסטישע אינפאָרמאַציע־ביוראָ, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר די אַרבעטער (וועגן ענינים פון אַרבעט), וועלכע וועט איבערגעבן ווערן טאָקע אין די הענט פון די אַרבעטער.

ב) צו שאַפן פאַרבינדונגען דורך דער ביוראָ פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון צווישן די ארץ־ישראלדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון חוץ־לארץ פאַר אינפאָרמאַציע־טעטיקייט (אין ענינים פון אַרבעט).

וואָס שייך די באַציאונגען מיט די ציוניסטישע מוסדות, איז באַשלאָסן

געוואָרן: מיר פאָדערן דאָס רעכט צו זיין פאַרטראָטן אינעם ארץ־ישראל־ראַט אין לאַנד (פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע) אויף אַ זעלבסט־שטענדיקן אופן דורך פון אונדז אויסגעקליבענע פאָרטרעטער.

ג) צו שאַפן אַן אַלגעמיינעם אַרבעטער־פאַראיין מיט דער באַטייליקונג פון אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פונעם לאַנד, אויף ווי ווייט יענע זענען נישט קעגן אונדזערע פּרינציפּן, אַן דער שפּיץ פון דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־פאַראיין וועט שטיין אַ בשותפותדיקע צענטראַלע ביוראָ.

דאָס אַוועקשטעלן פון דער „אינפאָרמאַציע" אינעם טעטיקייטס־צענ־טער איז נישט געווען קיין צופאַל. דער הויפּט־ציל איז געווען צו געבן פאָר־בליציטעט אין אַלע לענדער פון גלות דעם געדאַנק פון עליה אין לאַנד אַריין צוליב אַרבעט און צו פאַרשטאַרקן דעם לאַנגזאַמען טעמפּאָ פון דער עליה, וועלכער האָט ביטער אַנטוישט די ערשטע עולים, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן אַ „סטיכישער" מאַסן־עליה. די לאַגע פון דער פּאַרטיי אין אויסלאַנד, און גאַנץ באַזונדערס אין רוסלאַנד, איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ שווערער, און מיט דעם וואָס מיר האָבן אַקצענטירט די וויכטיקייט פון דער אינפאָר־מאַציע פאַר די עולים האָבן מיר פאַקטיש אַקצענטירט די וויכטיקייט פון דער פּרינציפּאַלער ארץ־ישראל־טעטיקייט, וועלכע האָט געגעבן אַן אינהאַלט און אַ פּראַקטישן אויסדרוק צו דער ארץ־ישראלדיקער שטרעבונג פון אונ־דזערע חברים אין גלות. גלייכצייטיק איז דערביי געווען די כוונה אָפּצוקלייבן דעם מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געגרייט צו עליה, בכדי ער זאָל זיין דער אַמבעסטן צוגעפּאַסטער פאַר די באַדינגונגען פונעם לאַנד און צוליב זיין באַקאַנטשאַפט מיט די באַדינגונגען פונעם לאַנד; זאָל ער אין אַ געוויסער מאָס זיין באַוואָרנט קעגן אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג, וועלכע האָבן דער־וואַרט די עולים וואָס זענען נישט געווען צוגעגרייט צו די שווערע באַדינ־גונגען פונעם לעבן און פון דער אַרבעט אויפן באָדן פון דעם פאָטערלאַנד. עס איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועלכער עס איז דער אַמבעסטן צו־געפּאַסטער עלעמענט פאַרן לאַנד, דער „אידעאַליסטישער", דאָס הייסט די אינטעליגענטע יוגנט אויף וועמענס עליה עס האָט געוואַרט דער הפועל הצעיר, אָדער „נאַטירלעכע" אַרבעטער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, אויף וועמען עס האָבן געוואַרט די פּועלי־ציון.

די אינפאָרמאַציע איז געווען ווי אַ פאָר־שטאַפּל פאַרן געדאַנק פון הכשרה וועלכער איז באַנייט געוואָרן דורך דעם „החלוץ", וועלכער איז דער־שינען אין אַ שפּעטערדיקער תקופה: אין אַמעריקע, ביים אָנהייב פון דעם ערשטן וועלט־קריג, און אין די תפוצות פון אייראָפּע, ביים ענדע פון יענעם וועלט־קריג.

אַן אָנגעזעען פּלאַץ אין די געדאַנקען און שטימונגען פון פּועלי־ציון האָט פאַרנומען די אידייע פון דער באַפעסטיקונג פון דער פּאָזיציע פונעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער דורך דער שאַפונג פון אַ קליינער הילפס־

ווירטשאַפט פאַר בעלי־משפחות און באַקוועמע דירות צום וווינען פאַר נישט־פאַרהייראַטע. די דעבאַטן וועגן דער אויפגאַבע פון דעם אַרבעטער אין דער הינזיכט האָבן זיך לאַנג געצויגן. באַזונדערס איז אָט־די פראַגע באַהאַנדלט געוואָרן אין דעם פאַראיין „החורש", וועלכער איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן. די פראַגע איז געשטאַנען, צי דאַרף אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע זיך פאַרנעמען, אויסער מיט דער זאָרג צו פאַרבעסערן די עקזיסטענץ־באַדינגונגען פון דעם לוין־אַרבעטער, אויך מיט זיין „איינאָרדענונג" (דאָס הייסט, מיט זיין קאָלאָניזאַציע); אָדער זי דאַרף זיך באַגרענעצן צו די פראָבלעמען פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן פראָלעטאַריאַט אַלס אַזעלכן און איבערלאָזן די זאָרג פון קאָלאָניזאַציע פאַר די קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטן: פיק"ה, ק. ק. ל., די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אאַז"וו. נישט צוליב טעאָריע, נאָר צוליב שוועררער דערפאַרונג און צוליב אַ לעקציע וואָס איז געשעפּט געוואָרן פון דער ווירקלעכקייט, האָט די פּאַרטיי אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו די פּרוּוון פון דעם מין פון עין־גנים נעבן פתח־תקוה און באר יעקב נעבן ראשון לציון. די קלאָרע כוונה פון אָט־די פּרוּוון איז געווען צו שאַפן מוסטערן פון הילפס־ווירטשאַפטן פאַר אַרבעטער, וועלכע זאָלן ווייטער זיך דערנערן פון זייער אַרבעט אין די פּויערים־ווירטשאַפטן אין פתח־תקוה און ראשון לציון. זיינער־צייט איז אינוועסטירט געוואָרן פיל ענערגיע און איניציאַטיווע דורך די פּועלי־ציון ביי דער איינאָרדענונג פון אַרבעטער־קיכן און מעדיצינישער הילף פאַר די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס. טיילמאָל איז אָט־די טעטיקייט דורכגעפירט געוואָרן אין דער פאָרם פון עקאָנאָמישע אַנשטאַלטן און ווערק פון זעלבסט־הילף בלויז דורך די חברים פון פּועלי־ציון, און טיילמאָל אין שותפות מיט הפועל הצעיר און די אומפּאַרטייאישע. די פּועלי־ציון האָבן געגלויבט, אַז זייער אויפגאַבע איז צו באַפעסטיקן די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע באַזיסן פון דעם יידישן אַרבעטער אין די קאָלאָניעס און דורך דעם צו פאַרשטאַרקן זיין „סטראַטעגישן באַזיס", ווי מען האָט זיך אויסגעדריקט אין יענע טעג.

צוויי אָרגאַניזאַציאָנעלע באַשלוסן זענען אָנגענומען געוואָרן: א) אַזוי ווי עס זענען נישטאָ קיין מעגלעכקייטן צו רופן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען — וועלן איינגעלאַדן ווערן להבא דעלעגאַטן־קאָנפערענצן, און ב) ספּעציעלע באַראַטונגען וועלן זיך צונויפקומען אַלע דריי מאָנאַטן מיט דער באַטייליקונג פון די מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט.

צום שלוס איז געקומען די דעבאַטע וועגן דער שפּראַך, ווענעמס כוונה עס איז געווען אָנצונעמען אַ קלאָרע און פּרינציפּיעלע שטעלונג וועגן דער פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע־שפּראַך, וואָס אַלע האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק זי צו באַניַיען. נאָך גרינטלעכע אויפקלערונגען וועגן דער פּראָבלעם איז באַשלאָסן געוואָרן (מיט אַ מערהייט פון 11 קעגן 5) אַרויסצוגעבן די ציַיטונג אויף עברית. אָט־דער באַשלוס, וואָס איז געקומען נאָך אַ לאַנגן און אויפגעבראַזטן וויכוח, נאָך דער דערפאַרונג פון אַרויסגעבן דעם פּאַרטיי־אָרגאַן אויף

יידיש, איז איינער פון די וויכטיקסטע אַנטוויקלונגס־שטאַפּלען, וועלכער האָט געהאַט וויכטיקע קאָנסעקווענצן נישט נאָר פאַר דעם גורל פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון, נאָר אויך פאַר דעם גורל פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג. איך זאָג פאַר דער גאַנצער, מיט אַ באַזונדערער אַקצענטירונג, דווקא דער־פאַר ווייל אויף יענער קאָנפערענץ האָב איך נאָך געפּרוּווט צו פאַרטיידיקן די באַנוצונג פון יידיש מיטן צוועק אָפּצוהיטן די פאַרבינדונגען מיט אויס־לאַנד, און בכדי די מערהייט פון די אַרבעטער אין לאַנד זאָלן קענען לייענען די צייטונג.

מען דאַרף געדענקען, אַז דעמאָלט איז נאָך די העברעאישע שפּראַך נישט געווען גאַנגבאַר, נישט צווישן די עולים און נישט צווישן די אַלט־איינגעזעסענע. די העברעאישע שול אין לאַנד איז נאָך געווען אין די וויקע־לעך, די פּויערים האָבן גערעדט יידיש און דער אַלטער ישוב האָט זיך באַ־נוצט מיט דריי שפּראַכן: די אשכנזים מיט יידיש, די ספרדים מיט שפּאַניאָ־ליש און די עדות המזרח מיט אַראַביש. די מערהייט פון די פאַרמעגלעכע ציונים, וואָס זענען עולה געווען פון אויסלאַנד, האָבן גערעדט רוסיש אָדער דייטש און די שפּראַך פון דער אַריסטאָקראַטיע פון די מזרח־יידן אין געווען פראַנצויזיש. אין אָט־דעם שפּראַכן־געמיש איז געווען שווער צו געפינען אַ שטיצע און אַ אָנשפּאַר פאַר דער העברעאישער באַוועגונג. יחידי־סגולה ווי אליעזר בן־יהודה, אַ גרופּע לערערס און בילויים האָבן געקעמפט פאַר עברית. אָבער ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גורל עס וואָלט געווען געהאַט אָט־די באַווע־גונג, אין ווענענס שפּיץ עס זענען געשטאַנען פאַראייינצלטע חלוצים, ווען עס וואָלט נישט געווען אויפגעשטאַנען פאַר איר אַן אויסלייזער צווישן דעם קלאַס פון בויערס און שעפערס, צווישן די אַרבעטער. און ווי וויכטיק איז עס געווען וואָס דווקא יענע אַרבעטער, וועלכע האַלטן די פאָן פון דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע און פון דער באַנייאונג פונעם אויסזען פון דער וועלט דורך דער הערשאַפט פון גערעכטיקייט און גלייכקייט, האָבן גענומען אויף זיך צו מאָביליזירן זיך פאַרן קאַמף פון זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך — פאַר עברית — פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן זיך מאָביליזירט פאַר קאַמף פאַר זייער פאָלק און פאָטערלאַנד — זיי האָבן עס גענומען אויף זיך און האָבן עס טאַקע דורכגעפירט. פון דעם שטאַנדפּונקט שטעלט פאַר מיט זיך דער באַשלוס וואָס עס איז אָנגענומען געוואָרן אויף אונדזער קאָנפערענץ סוכות ה׳תרס״ח אַ ווענדונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פונעם לאַנד. און דאָ איז וויכטיק אָנ־צוווייזן אַז וויבאַלד דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן — איז ער גע־וואָרן דאָס אייגנס פון דער גאַנצער פּאַרטיי. אָבער די פאַרווירקלעכונג פונעם באַשלוס וועגן דער העברעאישער צייטונג איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע אָנצוואַרפן אַ פּראָגראַם פאַר דער צייטונג און עס איז אָנגענומען געוואָרן דער געדאַנק וועגן אַן אַקציען־געז־זעלשאַפט, אין וועלכער עס זאָלן זיך באַטייליקן אַלע חברים; דאָס הייסט, אַז די קאָנפערענץ האָט באַטראַכט די צייטונג ווי אַ לעבנסוויכטיק באַדער־

פעניש פאַר די אַרבעטער פון ארץ־ישׂראל און דעריבער האָט זי אַרויפגע־לייגט אויף די חברים די פליכט זיך צו באַטייליקן אין דער גרינדונג פון אָט־דער קאַסע און בלויז אין דער צווייטער ריי איז באַשטימט געוואָרן זיך צו ווענדן נאָך הילף צו די חברים אין אויסלאַנד, וועלכע וועלן אויך אומדי־רעקט גענינסן פון דעם העברעאישן אָרגאַן וואָס וועט אַרויסגעגעבן ווערן דורך די אַרבעטער פון ארץ־ישראל.

נאָך אַ וויכטיקע נייעס איז פאָרגעקומען אויף יענער קאָנפערענץ: די גרינדונג פון „השומר". דער זעלבער איז נישט געגרינדעט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ גופא, נאָר דורך אַ טייל פון אירע מיטגלידער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין איר ווי דעלעגאַטן און געסט; איך מיין דאָ דעם ערשטן מנין פון חברים וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים שלוס פון דער קאָנפערענץ, אָבער אויסערהאַלב פון איר, און זיי האָבן געגרינדעט דעם ערשטן קערן פון „השומר", וועלכער איז זיינער־צייט באַקאַנט געוואָרן דורך זיין פאַרקירצטן און פון די ראשי־תיבות ב"ג — בר גיורא — צוזאַמענגעזעצטן נאָמען, לויטן נאָמען פון יענעם מענטשן, וועלכער איז געווען איינער פון די אָנפירער פו־נעם אויפשטאַנד אין דער צייט פון דעם בית־המקדש און דער לעצטער פאַר־טיידיקער פון ירושלים. אָבער אין פאַרלויף פון דער צייט איז אָט־דער נאָמען פאַרענדערט געוואָרן דורכן נאָמען „השומר". אויף אַן אַנדער אָרט (איז דער זאַמלונג „השומר", תרצ"ז) האָב איך ברייטער גערעדט וועגן די מאָטיוון, צוליב וועלכע עס האָט זיך פאַרזאַמלט יענער „מנין" חברים מיטן צוועק צו גרינדן דעם „השומר". אַלע פאַרזאַמלטע זענען געווען חברים פון פועלי־ציון, וועלכע האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט די געוויינלעכע טעטיקייטן פון דער פאַרטיי. זיי האָבן אָנערקענט די באַזונדערע נייטיקייט צו שאַפן אַ נייעם יידישן כוח, וועלכער זאָל באַשיצן דאָס יידישע ווערק אין זיין פאָטערלאַנד. עס זענען געווען חברים וואָס האָבן באַשלאָסן אַליין צו מאַכן אָט־דעם גע־וואַגטן שריט, אויפצושטעלן אַן אָרגאַניזאַציע פון היטער אין לאַנד און אַליין זיך איבערצוגעבן צו דער שמירה. אין יענער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט: יחזקאל כאנקין, ישראל גלעדי, מענדל פּאָרטוגאַלי, בערעלע שווײַגער, יחזקאל ניסאַנאָוו, צבי בקר, אלכסנדר זייד, משה גבעוני (יוזאָווקער, גאָלדשטיין), ישראל שוחט און איך. כמעט אַלע יענע גרינדער געפינען זיך נישט מער ביים לעבן — דער גרעס־טער טייל פון זיי זענען געפאַלן אויף זייערע וואַך־פּאָסטנס, פון קראַנקייטן אָדער פון קוילן פון דעם פיינט. נאָר די לעצטע דריי לעבן נאָך.

ערב שמחת־תורה האָבן מיר זיך געטראָפן אויפן בוידעם־שטיבל אין די וואָרשעווער הייזער. אַ גרויסע פאַלמע האָט זיך געזען דורכן פענצטער און די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן זיך אַריינגעריסן אין צי־מער אַריין דורכן צווייטן פענצטער. אין יענעם בוידעם־שטיבל איז פאָרגע־קומען די ערשטע זיצונג און עס איז פאַרזייט געוואָרן דאָס קערנדל. פון

וועלכן עס איז אינגיכן אויסגעוואקסן אַ גרויסער בוים — דער „השומר". די גרופּע פון יונגע חלוצים איז געווען פאַרטיפט אין אַ נייעם געדאַנק, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין יענעם מאָמענט, האָט איינגענומען זייערע הערצער און האָט געפאָדערט פון זיי טאָטן. דאָרטן איז פעסטגעזעצט געוואָרן דאָס פּראָגראַם, זענען אָנגעוואָרפן געוואָרן די מעטאָדן און זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן די לאָזונגען פון דעם „השומר" און דאָרטן זענען פאַרטיילט געוואָרן די ערשטע ראָלן, ווער עס וועט זיך פאַרנעמען מיט דער שמירה, ווער מיט דער ראָלע פון אָרגאַניזאַציע און פאַרמיטלונג צווישן די שומרים און די פּויערים פון די קאָלאָניעס און ווער מיט לערנען אין דער צווישנצייט די אַרבעט פון לאַנדווירטשאַפט ביי די פּויערים. דער אונטערשטער גליל איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ערשטער טעטיקייטס־פּלאַץ. יחזקאל כאנקין האָט זיך אומגעקערט אויף אַ שטיקל צייט צו זיין יאַגד־אַרבעט מיט אהרונין און איך האָב גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו באַפעסטיקן דעם געדאַנק פון דער נייער אָרגאַניזאַציע פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, אים צו דערקלערן צווישן די רייען פון דער פּאַרטיי און צו געווינען דאָרטן יונגע כוחות פאַר זיינע טעטיקייטן.

אין יענע טעג איז דער קרייז פון די נייע אַרבעטער געווען זייער רעדוצירט. זייער מערהייט האָט געאַרבעט ווי לוין־אַרבעטער אין די קאָלאָניעס און אַ מינדערהייט אין יפו און ירושלים. אויסער די חברים פון די צוויי פּאַרטייען, פּועלי־ציון און הפּועל הצעיר, איז נאָך געווען אַן אָנזעעוודיקע צאָל פון אומפּאַרטייאישע, באַזונדערס אין די קאָלאָניעס ווו עס האָבן געפעלט די באַדינגונגען פאַר פּאָליטישער אַרבעט און פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשליסונג, וואָס האָבן עקזיסטירט אין די שטעט. צוליב די קאָמוניקאַציע־ און פאַרבינדונגס־שוועריקייטן צווישן די פאַרשידענע טיילן פונעם לאַנד, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף שטערונגען אויפצוהאַלטן איין לאַנדווירטשאַפט־לעכע לאַנד־אָרגאַניזאַציע. דעריבער זענען די אַגריקולטורעלע אַרבעטער פּאַרטיילט געווען לויט די ראַיאָנען פון זייער טעטיקייט און אָרגאַניזירטקייט, און נישט לויט זייערע פּאַרטייען, אין צוויי לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס: איינע אין יהודה און די צווייטע אין גליל. די אַרבעט אין דער שטאָט איז קאָנצענטרירט געוואָרן אין די הענט פון פּראָפעסיאָנעלע פּאַראייגען פון די שטאָטישע אַרבעטער, הויפּטזעכלעך פון די שטיין־האַקערס און דרוק־אַרבעטער אין ירושלים, און פון די סטאָלאַרעס, שוסטערס און שניידערס אין יפו. אין יענער שטאָט האָט אויך עקזיסטירט אַ געמישטער אַרבעטער־פּאַראיין פון פאַרשידענע פאַכן. עס איז נאַטירלעך אַז אונדזער פּאַרטיי, די פּאַרטיי פּועלי־ציון, וועלכע האָט פאַר זיך געזען אַ באַזונדערע קלאַסן־אויפגאַבע אינעם אָרגאַניזירן פון די שטאָטישע אַרבעטער, האָט זיך באַזונדער פאַרנומען מיטן פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשלוס אין שטאָט און דעריבער האָט זי זיך דערוואָרבן אַן אַנטשיידנדיקן איינפלוס צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען. נאָר אין דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־פּאַראיין אין יפו, וואָס האָט זיך

צוזאַמענגעשטעלט פון אַרבעטער פון אַזעלכע פאַכן וואָס האָבן נישט געהאַט באַוויזן זיך צו אָרגאַניזירן, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אויך חברים פון הפועל הצעיר.

נישט אַזוי איז עס געווען אין דער לאַנדווירטשאַפט: אין די לאַנדווירט־שאַפטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין יהודה און גליל האָבן כמעט שטענ־דיק זיך אַקטיוו באַטייליקט די אַרבעטער פוןביידע פּאַרטייען און אויך די „אומפּאַרטייאישע" האָבן דערביי געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. עס איז אַ פאַקט, אַז די גרינדער פון „החורש" זענען געווען אליעזר שוחט (הפועל הצעיר), ישראל גלעדי (פּועלי־ציון און מיטגליד פון „השומר"), שלמה צמח (הפועל הצעיר), ישראל שוחט (פּועלי־ציון און גרינדער פון „השומר"), ישראל בצר (אומפּאַרטייאישער, נאָענט־שטייענדיק צום הפועל הצעיר) און ל. גפן (מיר שיינט פון הפועל הצעיר). די פּועלי־ציון האָבן אויף די קאָנפערענצן פון דער פּאַרטיי געשטיצט יענע אָרגאַניזאַציע און אויך הפועל הצעיר האָט זי גע־שטיצט. אויף די זייטן פון דער צייטונג „הפועל הצעיר" פון כסלו תרס"ט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָס פּראָגראַם פון „החורש". „השומר" איז גע־ווען אַ הויפּט־אָנשפּאַר פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון „החורש". פון דער צווייַ־טער זייט איז „החורש" געווען אַ גרויסע הילף פאַר דעם יידישן שומר אין דער קאָלאָניע.

אויב דער באַשלוס וועגן דער העברעאישער שפּראַך איז געווען אַנט־שיידנדיק פאַר דער פעסטשטעלונג פונעם כאַראַקטער און דער פאַרב פון דער באַוועגונג פון פּועלי־ציון פון קולטורעלן און פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, איז דער באַשלוס וועגן דער גרינדונג פון „השומר" געווען אַן איינציק־אַרטיקער פּאָליטישער אַנטשיידענט, אויף וועלכן עס איז אויפגעבויט געוואָרן דאָס גאַנצע זיכערקייטס־ווערק אין די צייטן פונעם פריערדיקן טערקישן רעזשים און ער האָט אויך געהאַט קאָנסעקווענצן פאַר דעם זיכערקייטס־ווערק פונעם ישוב נאָך דעם ווי דאָס לאַנד איז איינגענומען געוואָרן דורך די ענגלענדער. דורכן „השומר" איז מאַטעריאַליזירט געוואָרן דער ווילן צו זעלבסטשטענדיקייט און די מעגלעכקייט פון זעלבסטשטענדי־קער טעטיקייט פון די חלוצים פון דער צווייטער עליה. אַזאַ אויפטו ווי דער „שומר" איז נישט מעגלעך געווען אויף קיין שום אַנדערן פּלאַץ איז דער וועלט, אין קיין שום אַנדערער יידישער פּאַרטיי, נישט אין רוסישן גלות, נישט אין גאַליצישן און אַפילו נישט אין אַמעריקאַנישן, נאָר בלויז אין ארץ־ישראל. און טאַקע פון זיינע ערשטע שריט אָן האָט דער „השומר" דעראָבערט די הערצער פון די חברים אין אַלע גלות־לענדער, סיי יענע וואָס האָבן אים געקענט פון דער נאָענט און סיי אויך יענע וועלכע האָבן אים נישט געקענט און בלויז זיין נאָמען און זיין רום זענען צו זיי דערגאַנגען פון דער ווייטנס. און ווען באָראָכאָוו האָט געוואָלט אָנצייכענען אַ טיפּ פון אַ נייעם יידישן רעוואָלוציאָנער, האָט ער נישט געפונען קיין שענערן מוסטער ווי דעם יידישן שומר אין ארץ־ישראל.

דער פאַקט וואָס דער „השומר" איז אין זיין אָנפאַנג געווען צוזאַמענ־געשטעלט נאָר דורך חברים פון פועלי־ציון באַווייזט אונדז נישט אַז זיין אָריענטאַציע איז געווען ענג־פּאַרטייאיש. פאַרקערט: פון דעם שטאַנדפּונקט איז נישט געווען קיין שום אָפּהאַלט אויפצונעמען חברים, כאָטש דער אריינ־טריט אין „השומר" איז אין אַלגעמיין געווען פאַרבונדן מיט אַ שווערן און לאַנגן פּרווו. די מענטשן פון „השומר" האָבן זייער שטרענג אַכטונג געגעבן אויף דעם כאַראַקטער פון יעדן נייעם קאַנדידאַט און אויף זיין פיזישער און גייסטיקער צוגרייטונג. עס איז אמת, אַז דער פאַקט וואָס די גרינדער זענען געווען חברים פון פועלי־ציון האָט גורם געווען, דער גרעסטער טייל פון די אָנגעשלאָסענע זאָל קומען אויף אַ נאַטירלעכן אופן פון צווישן די חברים פון יענער פּאַרטיי אָדער פון נאָענט־שטייענדיקע צו איר קרייזן. טראָץ דעם האָבן זיך באַטייליקט אין „השומר" אויך יחידים פון צווישן די חברים פון הפועל הצעיר און זיי האָבן דאָרטן אויסגעפילט געוויס וויכטיקע אויפגאַבן (ש. לעווקאָוויטש־לביא, ח. פיינבערג און אַנדערע).

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז נישט נאָר די פשוטע חברים פון דער שורה, נאָר אויך די אַקטיוויסטן און קאָמאַנדירן פון „השומר" האָבן זיך פאַרנומען מיט פּאַקטישער שמירה, טראָגנדיק די ביקס אויף די פּלייצעס. צווישן זיי זענען געווען חברים וואָס האָבן אין יענער צייט אויסגעפירט פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי, ווי: ישראל גלעדי, דב שוויי־גער, אלכסנדר זייד, שמואל העפטער, יוסף נחמני אאַז"וו.

וועלכע איז געווען די באַציאונג פון דער פּאַרטיי צו דעם „השומר"?

אויב עס איז אַפילו נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז די פּאַרטיי פועלי־ציון האָט אָפיציעל געגרינדעט דעם „השומר", ווייל אין אָנפאַנג איז נישט געווען קיין פאָרמעלע פאַרבינדונג צווישן אָט־דיביידע קערפּערשאַפטן, איז אָבער נישטאָ קיין צווייפל, אַז פּאַקטיש און טאַטזאַכלעך האָט עקזיסטירט צווישן זיי אַ פעסטע אינערלעכע פאַרבינדונג. דאָס איז קודם־כל געווען אַ פּערזענ־לעכע פאַרבינדונג צווישן די אָנפירערס — אַ צאָל פון די אָנפירערס פון דער פּאַרטיי זענען געווען צווישן די גרינדער פון ב"ג און „השומר" און אייני־קע פון זיי זענען אויך געווען אַפילו זייער אַקטיווע חברים פון „השומר" אין משך פון דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונגען צווישן דעם „השומר" און די פועלי־ציון. צו די נעמען וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, דאַרף איך נאָך צוגעבן אויך די נעמען פון רחל ינאית, וועלכע האָט אַ לאַנגע צייט אויסגעפילט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל אַלס חברה אין דעם קאָמיטעט פונעם „השומר", און אין אַ געוויסער עפּאָכע האָט אויך דאָרטן געווירקט א. וואַלדשטיין ז"ל. צווייטנס, און דאָס איז נאַטירלעך די הויפּטזאַך, איז געווען אַן אינערלעכע אידעאָלאָגישע פאַרבינדונג צווישן דעם געדאַנק פון „השומר" און צווישן יענער באַוועגונג, פון וועלכער עס האָבן זיך מאָביליזירט די מענטשן פאַר דעמזעלבן.

צווישן די פועלי־ציון איז געשאַפן געוואָרן די אַטמאָספער, וועלכע האָט אויפגעצויגן דעם „השומר“. אין אָט־דער פאַרטיי האָט דער „השומר“ געזען נישט נאָר אַ געזעלשאַפטלעכן און מאָראַלישן אָנשפּאַר קעגן די פילע אַטאַקעס וואָס זענען אויף אים געמאַכט געוואָרן, נאָר אויך אַ קוואַל פון נייע מענטשן און אַ דערציער פאַר דער אַרמיי פון „השומר“. און אָט־די לעבעדיקע פאַרבינדונג איז ווירקלעך געווען פון גרויס וויכטיקייט. אין אַ מאָמענט פון צרות און נויט זענען אַנטקעגן געקומען דעם „השומר“ אַ צאָל פון די חברים פון דער פאַרטיי און האָבן פאַרביטן זייערע אַרבעטס־געצייגן אויפן האַקאייזן און אויף דער ביקס. די שטאַרקסטע פאַרבינדונג איז געווען אין דאָרף, באַזונדערס אין גליל. ווי באַוווּסט, האָט דער „השומר“ זיך געפירט אַנצונעמען די שמירה אין די קאָלאָניעס ווי אַן אונטערנעמער און לויט אַ קאָנטראַקט. די שמירה האָט שטענדיק פאַרפליכטעט אויך צו פאַרזיכערן אַן הינטערלאַנד אין דער קאָלאָניע, אָבער אַזוי ווי די אַרבעט אין די עקזיסטירנדיקע קאָלאָניעס איז כמעט אינגאַנצן געמאַכט געוואָרן דורך אַראַבישע לוין־אַרבעטער, יערלעכע און באַטייליקטע אויף אַ העלפט אין די באַקומענע פּראָדוקטן, וועלכע האָבן גרעסטנטיילס געוווינט אין דער קאָלאָניע אינעם הויף פון פויער, צייטנווייז מיט זייערע ווייבער און קינדער, און פיל פון יענע ערד־אַרבעטער האָבן געהאַט אינטימע פאַרבינדונגען מיט די גנבים פון זייער דאָרף אָדער שבט, איז יעדע יידישע שמירה אין אַזעלכע באַדינגונגען געווען אויסגעשטעלט אויף אַ דורכפאַל צוליב יענע אַרבעטער, וואָס האָבן געוווינט אין די פויערישע הייף, האָבן געקענט אַלע ארויס און אַריינגענג און האָבן געוואוסט ווען איז די אַמבעסטן צוגעפּאַסטע שעה דורכצופירן גנבות. דעריבער האָט דער „השומר“ געפאָדערט ביי די פויערים, ווען מען האָט אונטערגעשריבן די קאָנטראַקטן וועגן דער שמירה, אָנצונעמען אויך יידישע אַרבעטער, וועלכע זאָלן דינען אַלס אָנשפּאַר פאַר דער שמירה. אָן דעם באַדינג האָט דער „השומר“ נישט אָנגענומען די שמירה און אויף אַזאַ אופן האָט זיך די זעלבע פאַרוואַנדלט אין אַ וויכטיקן גורם פאַר דער אַריינדרינגונג פון דער יידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס. אָט־דער פאַקט איז ביז איצט נאָך נישט פול אָפּגעשאַצט געוואָרן, אָבער די אַלטע אַרבעטער און פויערים, וואָס לעבן נאָך צווישן אונדז היינט און געדענקען יענע טעג, ווייסן וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט זיינער־צייט געהאַט דער „השומר“ פאַר דער אַריינדרינגונג פון דער יידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס פון גליל. די אַרבעטס־באַדינגונגען ביי די פויערים, די האַלבע שותפים פון דער איק״אַ און דעם באַראָן זענען געווען זייער שווערע און פאַרבונדענע מיט אַ סך ליידן און די אַרבעטער האָבן אויף זיך אַליין מקיים געווען דעם מאמר „פּת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן“ (ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען און אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן) — לויטן ווירקלעכן פּשט פון דעם.

דער געוויינלעכער אַרבעטער איז נישט געווען געניטגט צו פאַרלאָזן אַ

שטענדיקן אַרבעטס־פּלאַץ און זיך צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ „חראת״, וואָס אַר־בעט אין די באַדינגונגען פֿון אַן אַראַבישן אַרבעטער און דעריבער האָט דער „השומר״ געפֿאָדערט הילף — אַ דינסט־יאָר. די חברים האָבן געענטפֿערט, האָבן זיך פֿרייוויליק געמעלדעט אין די צענדליקער און זענען געקומען צו הילף די חלוצים פֿון דער יידישער שמירה. און נישט נאָר פֿונעם דאָרף זענען זיי געקומען, נאָר אויך פֿון די שטעט און אויך פֿון ירושלים.

איך וועל דאָ דערמאָנען בלויז אייןביישפּיל: ווען עס זענען דערמאַר־דעט געוואָרן צוויי חברים אין גליל, האָבן באַלד עטלעכע פֿון די בעסטע חברים אין ירושלים פֿאַרלאָזט זייער אַרבעט אין דער דרוקעריי און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויפֿן פֿראָנט, איינער אַלס לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעטער (יצחק אחדותי) און דער צווייטער אַלס שומר (י. נחמני). דער ערשטער איז געשטאָרבן אין אַן אַרבעטס־אַקצידענט אין מרחביה און דער צווייטער האָט פֿאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער שמירה און האָט געשפּילט אַ פֿאַר־אַנטוואָרטלעכע ראָל די גאַנצע צייט וואָס ער האָט באַלאַנגט צום „השומר״. אַזאַ זאַך וואָלט נישט מעגלעך געווען, ווען נישט די מאָראַלישע שטיצע פֿון דער פּאַרטיי. צווישן די איבעריקע חברים וואָס זענען אַרויס פֿון די רייען פֿון די שטאָטישע אַרבעטער און האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער אַרמיי פֿון „השומר״ אונטער מיין איינפֿלוס, וועל איך דאָ דערמאָנען צוויי פֿון די גע־בוירענע אין לאַנד: חיים הצפּתי, אַ לערן־ייִנגל ביי אַ סטאָליאַר, וואָס איז אַלס קינד פֿאַריתומט געוואָרן, איז דערצויגן געוואָרן דורך דער פּאַרטיי און האָט זיך אָנגעשלאָסן צו די שומרים, און דער תימנער יצחק נדב, וועלכער איז געווען צווישן די אַקטיוויסטן אין דער ערשטער עפּאָכע פֿון „השומר״ און זיין נאָמען איז פֿאַרבונדן מיט דער דעראָבערונג פֿון מרחביה.

צוליב די פּאָליטישע באַדינגונגען אין טערקיי אין די טעג פֿון אַבדול־חאַמיד (און די לאַגע האָט זיך נישט געביטן אויך נאָך די צוויי אי־בערקערענישן פֿון „אייניקייט און פֿאָרשריט״ אין די צייטן פֿון מאַהאַמעד רשאד), איז דער „השומר״ אַלע זיינע יאָרן געווען אַן „אומגעזעצלעכער״ פֿאַראיין. דעריבער איז נישט צו געפֿינען קיין ידיעות וועגן זיינע טעטיקייטן נישט נאָר אין דער עפּאָכע פֿון דעם געוואַלט־רעזשים (ביז צו דער איבער־קערעניש פֿון זומער תרס״ח), נאָר אויך נאָך דעם זעלבן. אומזיסט וועט מען זוכן עפּעס וועגן „השומר״ אין די נומערן פֿון „האחדות״ און „הפועל הצעיר״ (אויסער דער פּראָגראַם פֿון „השומר״, וועלכע איז דאָרטן פֿאַרעפֿנטלעכט גע־וואָרן אין יאָר תרס״ט, פֿאַר דער גרינדונג פֿון „האחדות״). אויך אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון די פּועלי־ציון איז צוליב קאָנספּיראַטיווע מאָטיוון וועגן דעם נישט גערעדט געוואָרן. און טראָץ דעם איז ביים אויסברוך פֿון דער מלחמה געפֿאַלן די שווערד פֿון דער מאַכט גלייכצייטיק אויף דער פּאַרטיי און אויף דעם „השומר״. אַזוי צום ביישפּיל האָט מען מיך, ווען איך בין אויסגעפֿאָרשט געוואָרן דורך חוסני, דעם שליח פֿון דזשעמאַל פּאַשאַ, און איך בין אַרעס־טירט געוואָרן אינאיינעם מיט בן־גוריון, באַשולדיקט צווישן אַנדערע זאַכן

אין צוגעהעריקייט צו דער אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „השומר", אין וועלכן די רעגירונג האָט געזען אַ פּאַראיין וואָס שטרעבט צו דער אָפּרייסונג פון ארץ־ישראל פון טערקיי מיטן צוועק צו שאַפן „אַ ציוניסטישן שטאַט" — אָט־די באַשולדיקונג איז געווען געריכטעט גלייכצייטיק קעגן דער פּאַרטיי פּועלי־ציון און דעם „השומר".

די באַציאונג פון פּועלי־ציון צו דער עליה

די פּועלי־ציון האָבן געגלויבט אין אַן אַלגעמיינער „סטיכישער" עליה, וועלכע וועט קומען אויף אַ נאַטירלעכן אופן, מיטן כוח פון „אָביעקטיווע" גורמים; ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע. זיי האָבן געגלויבט, אַז אָט־די גורמים וועלן אַליין פון זיך דערפירן צו דער אויסוואַנדערונג פון יידן פון די גלות־לענדער און צו זייער איינוואַנדערונג אין לאַנד אַריין, און אַז די קראַפט פון אָט־די גורמים וועט זיך פאַרשטאַרקן. זיי האָבן געגלויבט אין דעם היסטאָרישן מוז, וואָס דרינגט אַרויס פון די סאַמע עקזיסטענץ־באַדינגונגען און פון דער פּאָזיציע פון יידן אין די גלות־לענדער בכלל און אין מזרח־אייראָפּע בפרט. די פּועלי־ציון האָבן אַלזאָ געזען דעם יידישן עמיגראַציע־פּראָצעס ווי אַ כאַראַקטעריסטישן גורם, אַ באַזונדערן פאַר דעם גורל און פאַר דער לעבנס־פּראָבלעם פון דעם יידישן פאָלק, אַ פּראָצעס וואָס וועט לייזן די פראַגע דורכן אומקערן פון דעם פאָלק ישראל אין זיין לאַנד אַריין און דורך דער איינוואָרצלונג דאָרטן ווי אַ נאָרמאַל פאָלק, וואָס איז פאַרפעסטיקט אין דעם באָדן פון זיין פאָטערלאַנד. דעריבער האָבן זיי באַטראַכט פאַר זייער אויפגאַבע אַריינצוברענגען אָרדענונג און מעטאָדישקייט אין דעם עמיגראַציע־פּראָצעס. אָבער עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן דעם געדאַנק און דער ווירקלעכקייט און עס איז כדאַי צו וויסן ווי אַזוי די חברים אין לאַנד האָבן אין יענער צייט באַטראַכט די סיטואַציע. עס איז פאַר מיר בעסער זיך צו באַנוצן צו דעם צוועק מיט פראַגמענטן פון אַן אינערלעכן צירקולאַר וואָס איז זיינערצייט געשיקט געוואָרן דורך דער צענטראַלע פון דער פּאַרטיי צו די שוועסטער־פּאַרטייען אין אויסלאַנד (אין חודש שבט תרס"ח).

„די לאַגע אין לאַנד האָט זיך געביטן. די עליה איז איבערגעריסן געוואָרן, עס מיינט צו זאָגן די איבערגעבליבענע עליה. די שיפן ברענגען שוין נישט מער הונדערט ביז 120 עולים יעדע איינע. די שיפן ברענגען איצט אַ קליינע צאָל איינוואַנדערער: צוויי־דריי־צען אָדער מער. אָט־די ענדערונג איז גענוג קענטיק אין לאַנד, ווייל אין משך פון די לעצטע דריי־פיר יאָר איז דאָ געווען אַ מין אמתער „יאַריד": איינע זענען אַריינגעקומען און די אַנדערע זענען אַרויסגעפאָרן. מען קען נישט זיכער זיין מיט קיין שום מענטשן: היינט זעט מען אים דאָ, און מאָרגן אויפן דעק פון דער שיף. דער טומל און דער רעש זענען געווען ווי אין אַן איינפאַר־הויז. די רוסישע שפּראַך האָט אָפּגעקלונגען אויף אַלע גאַסן, ממש ווי אין אַ רוסישער קאָלאָניע!... איצט האָט

זיך די זאַך געביטן: יענע וואָס האָבן נישט געפונען קיין פּרנסה האָבן פאַר־לאָזט דאָס לאַנד און די איבעריקע זענען פון דעם זעלבן אויפגענומען געוואָרן. איצט איז מעגלעך זיך משער צו זיין וואָס עס וועט אונדז איבערלאָזן אַט־די לעצטע עליה־כוואַליע, וועלכע איז נישט די ערשטע: די ערשטע כוואַליע רעכענען מיר פון יענעם טאָג ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די עליה אין יאָר תרמ״ב (1882). די צווייטע כוואַליע רעכנט זיך פון 1891 און ווייטער. איצט גייט איבער אונדז אַריבער די דריטע כוואַליע און צווישן איינער און דער אַנדערער האָט געהערשט שטילקייט. דער באַלאַנס פון דער לעצטער כוואַליע איז נאָך נישט געמאַכט געוואָרן, ווייל די געשעענישן זענען נאָך פריש און ניי. אָבער עס איז שוין איצט קלאָר, אַז דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן אַ שיכט נאָך אַ שיכט צו אונדזער געביידע און צו דעם בנין פון דעם וועלט־יידנטום אין ארץ־ישראל. דאָס היגע יידנטום גייט פאָרויס צו אַן אויטאָנאָמער איינהייט״.

ווייטער פאַרגלייכט דער צירקולאַר דעם פּאָזיטיוון באַלאַנס וואָס עס האָט איבערגעלאָזט די דריטע כוואַליע (וואָס מיר זענען געוווינט היינט אָנ־צורופן מיטן נאָמען „אָנפאַנג פון דער צווייטער עליה״) מיטן באַלאַנס וואָס איז געבליבן פון די פריערדיקע עליות. די לעצטע עליה האָט אַריבערגעשטיגן אַלע פריערדיקע סיי מיט דער צאָל מענטשן, סיי מיט דער דערוווערבונג פון באָדן. די דיפערענץ איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ביי די פריערדיקע געלעגנ־הייטן איז די עליה איבערגעריסן געוואָרן צוליב אַן אויסערלעכן מאָטיוו — צוליבן פאַרבאָט פון דער טערקישער רעגירונג — אָבער נישט אַזוי דאָס מאָל. די טערקישע רעגירונג האָט נישט פאַרבאָטן די עליה, נאָר זי האָט זיך פאַרקלענערט צוליב סיבות וואָס האָבן געווירקט אין די אויסוואַנדערונגס־לענדער. די באַנייאונג פון דער עליה איז אַלזאָ אָפּהענגיק פון אונדז.

די הויפּט־טעטיקייט דאַרף זיין געווענדעט צוצוגרייטן דאָס ארץ־ישראל־דיקע יידנטום צו אַן אויטאָנאָמען לעבן, און אַט־די אויפגאַבע ליגט אין דער ערשטער ריי אויף דעם יידנטום פונעם לאַנד, אויף די אַנשטאַלטן פון דעם ישוב און אויף די פּאַרטייען. אָבער דער ענין פון דער עליה באַדאַרף אַרויפ־געלייגט ווערן אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אויסלאַנד. די פּאַרטיי האָט געהאָפט אַז וועגן דעם ענין וועלן נאָכן אַכטן ציוניסטישן קאָנגרעס (וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין האַג) געמאַכט ווערן פּרוּוון אין אַ ברייטן נאַציאָ־נאַלן מאַסשטאַב און עס וועלן אָנגעוואָרפן ווערן פּלענער ווי־אַזוי אויסצונוצן די פּערטע עליה־כוואַליע, ווען זי וועט זיך באַווייזן.

דער צירקולאַר באַצייכנט אויך דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס און ברענגט אַלס ביישפּיל באר־יעקב נעבן ראשון־לציון און עין־גנים, וואָס דאַרף געגרינ־דעט ווערן נעבן פּתח־תקוה, וועמענס קאָלאָניסטן זענען אַן עלעמענט פון פּראָלעטאַרישע אַרבעטער, כמעט אָן קיינע מיטלען. דערביי שטעלט פעסט דער צירקולאַר, אַז אויב די צאָל פון אַרבעטער אין די קאָלאָניעס האָט זיך פאַרקלענערט, איז נאָך דאָ אַ ברייט פעלד פאַר נייע אַרבעטער דאָרטן אַריינ־

צודרינגען. דער צירקולאַר דיסקוטירט מיט הפועל הצעיר, וועלכער מיינט צו קענען אַריינדרינגען אין דער אַרבעט פון די קאָלאָניעס צוליב אידעאַליס־טישע מאָטיוון. די מחברים פון דעם צירקולאַר גלויבן נישט אַז מיט פּראָפּאַגאַנדע וועט זיך איינגעבן צו איבערצייגן די חברים פון „התחיה" און „צעירי־ציון" אין רוסלאַנד און זיי שלאָגן פאָר זייערע חברים אין אויסלאַנד זיך צו ווענדן דווקא צו די אַרבעטער, וועמענס לעבנס־באַדינגונגען זענען סיי ווי סיי שווער. זיי וועלן זיך בעסער צופּאַסן און לייכטער אַריינדרינגען, ווי מענטשן פון אַנדערע קרייזן. די אויטאָרן פון דעם צירקולאַר גלויבן אַלזאָ, אַז דאָס וועט זיך אונדז איינגעבן דורך דער גרינדונג פון אַן אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל.

אין דער ווירקלעכקייט האָט דער עליה־פּראָצעס אויף קיין פאַל נישט באַפרידיקט. דעם טעמפּאָ פון דער עליה האָבן געשטערט נישט נאָר אויסער־לעכע מאָטיוון ווי: די עקזיסטענץ־באַדינגונגען פון די יידן אין גלות, פון איין זייט, און די באַדינגונגען פון דער ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל, פון דער אַנדערער זייט, נאָר אויך אינערלעכע מאָטיוון: די יוגנט איז נישט געווען גרייט עולה צו זיין פון דעם גלות אין פּאָטערלאַנד אַריין און עס איז איבע־ריק צו זאָגן, אַז זי איז נישט געווען גרייט אַריבערצוגיין פונעם גרויסשטאָ־טישן לעבן אין די „אייראָפּעאישע" לענדער ווי רוסלאַנד און גאַליציע אין אַ פאַרוואָרפן לאַנד, אין אַ ווייטן ווינקל פון דער אַזיאַטישער טערקיי. אין יענער צייט האָבן זיך אונטערשיידט די צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען דורך דעם וואָס איינע האָט אַקצענטירט דעם אידעאַליסטישן גורם, דעם רעוואָלוציאָנערן ווילן פון דער יידישער יוגנט אַריבערצוגיין פון דעם גלות־לעבן צו אַ לעבן פון פרייהייט אין דעם פּאָטערלאַנד, פונעם פאַרביקן גרויס־שטאָט־לעבן צו אַ באַטירלעכן דאָרפס־לעבן, און די צווייטע — די פּאַרטיי פּועלי־ציון — האָט נישט געגלויבט אַז די קראַפט פון די אידעאַליסטישע מאָטיוון וועט זיין גענוג צו באַאיינפלוסן די ציוניסטישע יוגנט אין אייראָפּע און אויך נישט אין דעם כוח פון פּראָפּאַגאַנדע צו ווירקן אויף די פּועלים און אַרבעטס־געבער זיי זאָלן עפענען די טויערן פון זייערע ווירטשאַפטן פאַר דער יידישער אַרבעט און זיי זאָלן אין אַלגעמיין ענדערן זייער באַציאונג צו די עולים פון גלות, וועלכע ווענדן זיך נאָך אַרבעט. ווען איך בלעטער היינט די קאַמפּס־אַרטיקלען פון יענער צייט צווישןביידע פּאַרטייען, באַדויער איך אָפט נישט נאָר דעם שאַרפן טאָן וואָס עס האָבן באַנוצט ביידע צדדים, נאָר אויך דאָס וואָס עס האָט זיך דעמאָלט נישט געפונען קיינער וואָס זאָל אויפשטעלן איין געמיינ־זאַמע טריבונע, פון וואַנען די אַרבעטער־געזעלשאַפט אין לאַנד זאָל זיך קענען ווענדן ווי איין אָרגאַניזירטער קלאַס צו די יידישע אַרבעטער אין גלות מיט איין שטאַרקער פאָדערונג זיי זאָלן מאָביליזירן נייע כוחות פאַר דער באַפעס־טיקונג פון די אַרבעטס־פּאָזיציעס פון דעם גאַנצן אַרבעטער־ציבור אין לאַנד.

די פאַראייניקונג איז געקומען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג און אין אַ פיל שפּעטערער עפּאָכע.

אָבער עס איז דאָ אַן אונטערשיד צווישן דער פאַנאַטישער און שאַר־פער פאָרם פון דער דיסקוסיע און צווישן איר אינהאַלט. וואָס שייך די עצם באַציאונג פון דער פאַרטיי פועלי־ציון אין ארץ־ישראל צו דער עליה־פראָבלעם פון דעם גלות אין לאַנד אַריין — איז נישטאָ קיין פלאַץ פאַר קיין שום צווייפל, אַז די זעלבע איז געווען אַבסאָלוט פּאָזיטיוו. אין איינעם פון די אַרטיקלען וואָס איך האָב דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אין „דער יידישער אַר־בעטער" אונטערן נאָמען „אונדזער אַרבעט אין ארץ־ישראל", אין וועלכן איך דיסקוטיר שאַרף מיטן הפועל הצעיר (אייר תרס״ח, נומער י״ט) ווערט גע־זאָגט צווישן אַנדערע זאַכן:

„לאָמיר אויף אַ מאָמענט אָננעמען, אַז מיר האָבן נישט דאָ אין לאַנד קיין עמיגראַציע־פּראָבלעם... אין דעם פאַל וואָלט דאָס לאַנד אָנגעווירן זיין באַזונדערן ווערט ווי אַ לאַנד וואָס איז צוגעפּאַסט און באַשטימט צו באַפרי־דיקן די נויטווענדיקייט פון דעם יידישן פאָלק אין אַ טעריטאָריע... עס וואָלט אָנגעווירן דעם ווערט פון אַ צוקונפט־לאַנד פאַר די יידן און וואָלט זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ געוויינלעכן לאַנד... גלייך צו יעדן אַנדערן גלות־לאַנד, דער מאָמענט וואָס טיילט פאַנאַנדער אונדז פון די אַנדערע פאַרטייען אין גלות איז אַלזאָ אַן עמיגראַציע־מאָמענט, אַ מאָמענט פון פאַרמערן די נייע כוחות דורך איינוואַנדערונג פון דרויסן".

די שלוסן, צו וועלכן עס קומט יענער אַרטיקל זענען פאָלגנדיקע: א) דער עמיגראַציע־מאָמענט לייגט אַרויף אויף די יידישע פאַרטייען אין אויס־לאַנד אַ טעריטאָריעלן כאַראַקטער בלויז לויט זייערע אָנשויאונגען, אָבער אויף ווי ווייט יענע פאַרטייען זענען פאַקטיש פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל — אויך לויט זייערע טעטיקייטן. ב) די עליה שטעלט פעסט דעם כאַראַקטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי אין ארץ־ישראל (פועלי־ציון) ווי אַ טעריטאָריאַליסטישע פאַרטיי נישט נאָר לויט איר אָנשויאונג, נאָר אויך לויט איר וועזן און טעטיקייט. ג) דער טעריטאָריאַליסטישער כאַראַקטער פון דער פאַרטיי פועלי־ציון אין חוץ־לארץ איז נישט מער ווי אַ אידעאָלאָגישע אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט, וואָס קומט צום אויסדרוק אומדירעקט; בשעת דער טעריטאָריאַליסטישער כאַראַקטער פון דער פאַרטיי פועלי־ציון פון ארץ־ישראל איז אַ דירעקטע אָפּשפּיגלונג פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, פון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט.

דער אַלגעמיינער וועלט־פאַרבאַנד פון פועלי־ציון, דאַרף אַלזאָ זיך אינ־טערעסירן הויפּטזעכלעך מיט דער פּראָבלעם וואָס טיילט אויס פּרינציפּיעל ארץ־ישראל צווישן אַלע אַנדערע לענדער, און דאָס איז די פּראָבלעם פון עליה צוליב קאָלאָניזאַציע.

„אַן צווייפל איז פאַראַנען פּלאַץ אין דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירט־שאַפט פאַר הונדערטער און אפשר פאַר טויזנטער יידישע אַרבעטער. אָבער מיר מוזן זיי צוציען נישט דורך שרייענדיקע צירקולאַרן, נאָר דורך רויקער און באַזאָכטער אינפאָרמאַציע. איך באַצי מיך דאָ צו די יידישע פאָלקס־מאַסן

אין די גרויסע שטעט פון פוילן, ליטע, גאַליציע א.א.וו., וועלכע זענען גע־צוואונגען צו זוכן פאַר זיך אַרבעטס־פּלעצער און זיי זענען צוגעפּאַסט זיך צו באַנוגענען מיט וויניק און זענען געאייגנט צו פיזישער אַרבעט. צו פאַר־בינדן אַט־די מאַסן מיט אונדזער אַרבעט דאָ — דאָס איז די אויפגאַבע פון אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער, און דווקא פון אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז פאַרבונדן מיט אַט־די אַרבעטס־מענטשן אַזוי גוט דאָ ווי דאָרטן".

אין מיינע ווייטערדיקע ווערטער זאָג איך, אַז אויב מיר ווילן אַז די אינפאָרמאַציע זאָל זיין זיכער און צופרידנשטעלנדיק, מוזן מיר פאַרבינדן אַט־די טעטיקייט מיט אַן אַנדערער טעטיקייט — מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער פון ארץ־ישראל — די נייע עולים, די מענטשן פון אַלטן ישוב און די געבוירענע אין לאַנד — אין פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין דער זאַך „קאָנקורירן" מיר נישט מיטן מיטל־קלאַס, ווייל אַט־די טעטיקייט איז באַשטימט בלויז פאַר דער אַרבעטער־פּאַרטיי. אין יענעם אַרטיקל שלאָג איך פאַר אויך די פּראַקטישע פאָרם פון דעם אַנשטאַלט וואָס וועט פאַרווירקלעכן יענץ ווערק: פריער פון אַלץ דאַרפן מיר גרינדן אַ סעקרעטאַריאַט פון צוויי חברים, אין וועמענס פינאַנצירונג עס וועלן זיך באַטייליקן אַלע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. מיר דאַרפן דעם זעלבן צו־שטעלן אַ באַשטימטן בודזשעט און אים אָנפאַרטרויען אַנצוקניפּן פאַרבינ־דונגען מיט אַלע אַרבעטס־אָרגאַניזאַציעס און מיט אַלע אינפאָרמאַציע־אָב־שטאַלטן פונעם לאַנד. פון דער צווייטער זייט דאַרף ער זיך פאַרבינדן מיט אַלע יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין רוסלאַנד, גאַליציע, אַמעריקע, ענגלאַנד און אַלע אַנדערע לענדער. נאָר אַזוי וועט אַט־די ביוראָ קענען ווי געהעריק דערפילן איר אינפאָרמאַטיווע אויפגאַבע.

אין יענעם אַרטיקל רעד איך אויך וועגן דער נויטיקייט צו געבן דער־ציאונג און קולטורעלע צוגרייטונג פאַר די חברים פון דער שורה און וועגן דער צוגרייטונג פון מדריכים. דאָס זענען טאַקע געווען די אויפגאַבן, וואָס איך האָב גענומען אויף זיך באַלד נאָך דער דריטער קאָנפערענץ. צוערשט בין איך צוגעטראָטן צו דער אָרגאַניזירונג פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, דער געמישטער אַרבעטער־פאַראיין אין יפו, אין וועלכן עס האָבן זיך באַ־טייליקט מיטגלידער פון דער פּאַרטיי און אומפּאַרטייאישע, וואָס האָבן גע־אַרבעט אין פאַרשידענע פאַכן. נאָך דעם האָב איך מיך איבערגעגעבן מיט פאַרשטאַרקטן פלייס צו גרינדן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אויף פאַרשידענע אַרבעטס־פּלעצער. אַן אָנהויב איז שוין געמאַכט געוואָרן פאַר מיר. דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן די גרינדונג פונעם פאַרבאַנד פון די אַרבעטער אין דעם ווייך־קעלער אין יאָר תרס"ז און דער שטרייק וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען איידער איך בין אָנגעקומען, ווי אויך דער אַרבעטער־פאַראיין אין דער מעכאַנישער פאַבריק פון ה' שטיין, און נאָך מיין אָנקומען — דער פאַרבאַנד פון די אַר־בעטער פון דער פאַבריק פון טריטש פאַר סטאָליערײ און דער שטרייק, אין וועלכן איך האָב גענומען אַן אַקטיוון אנטייל. צוליב דעם קאָנפליקט וואָס איז

אויסגעבראָכן צווישן די אַרבעטער און דער פֿאַבריק־דירעקציע, האָבן זיך צונויפֿגענומען אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פֿון יפו און האָבן פֿאַררופֿן אַ פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג קעגן ד. טריטש, וואָס איז געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער דירעקציע פֿון דער פֿאַבריק „בית אמנות“, אויפֿן טאָג פֿון כ״ז תמוז תרס״ז. אויפֿן פּראָטעסט־אויפֿרוף האָבן זיך אונטערגעשריבן: פּועלי־ציון — ס. ד., הפועל הצעיר, אגודת הפועלים יפו און די סאָציאַליסטישע פּועלי־ציון. אין יפו האָבן מיר געגרינדעט אַ ספּעציעלן קלוב פֿאַר פֿאַרזאַמלונגען, זיצונגען, רעפֿעראַטן און באַשפּרעכונגען וועגן אַלע פּראָבלעמען וואָס באַרירן די לאַגע פֿון די אַרבעטער און פֿון זייערע פֿאַראייַנען. אויסער אָט־דעם אַלגעמיינעם קלוב האָבן מיר געגרינדעט, ווי געזאָגט, נאָך אין ערשטן יאָר, אַנדערע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייַנען פֿון סטאָליאַרעס, שוסטערס און שנייַדערס, צו וועלכע איך וועל מיך נאָך אומקערן. אין דער שוסטערייַ זענען געווען באַשעפֿטיקט פֿיל לאָקאַלע אַרבעטער, הויפּטזעכלעך ספֿרדים, תימנים און פֿון די עדות־המזרח. אָבער אַ נייַער מענטשן־מאַטעריאַל איז צוגעקומען צו דעם פֿאַך און עס זענען געשאַפֿן געוואָרן נייַע באַדינגונגען אין דעם זעלבן אויף דער איניציאַטיווע פֿון אַ באַקאַנטן ציוניסט, הער מויערמאַן, וועלכער האָט איבערגעפֿירט זייַן שיך־פֿאַבריק פֿון פּוילן קיין יפו און האָט דאָרטן באַשעפֿטיקט אַ געוויסע צאָל נייַע אַרבעטער. די מערהייט פֿון די אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט בייַ אים האָבן געשטאַמט פֿון זייַן שטאָט (לאָדזש) און זענען געווען מיטגלידער פֿון פּועלי־ציון. זיי האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַקטיוון גורם אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.

די קולטור־טעטיקייט, צו וועלכער איך האָב מיך איבערגעגעבן נאָך דעם „אָנפֿאַנג“, האָט זיך קאָנצענטרירט אויף רעפֿעראַטן אין קלוב, אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייַנען און אין די פּאַרטיי־קרייַזן, ווי אויך אויף עפֿנטלעכע רעפֿעראַטן, וועלכע האָבן צוגעצויגן צוהערערס אויך אויסער די פּאַרטיי־קרייַזן און זיי פֿלעגן זיך פֿאַרענדיקן מיט עפֿנטלעכע דיסקוסיעס. אויסער די מינדלעכע רעפֿעראַטן, האָב איך צוגעגרייט אַ סעריע שריפֿטלעכע רעפֿעראַטן, באַשטימט פֿאַר די חברים־גרופּן וואָס האָבן זיך געוואָלט פּערפֿעקציאָנירן אין די סאָציאַלע פֿראַגן, אין די פּאָליטישע פּראָבלעמען און אין יידישער היסטאָריע. יענע רעפֿעראַטן זענען קאָפּירט געוואָרן אין אַ גרעסערער צאָל קאָפּיעס, מיט דער האַנט אָדער אויף אַ קאָפּיר־מאַשין, און זענען צושיקט געוואָרן צו די סניפֿים. איך האָב אויך באַזוכט עטלעכע מאָל אין פֿאַרלויף פֿונעם ווינטער אונדזערע אָפּטיילונגען אין ירושלים און אין די קאָלאָניעס מיטן צוועק אָפּצוהאַלטן געשפּרעכן און רעפֿעראַטן.

דאָס איז געווען אונדזער טאָג־טעגלעכע טעטיקייט; אָבער גלייַכצייַטיק האָבן מיר זיך געגרייט צו אַ פֿיל ברייטערער טעטיקייט, און צו דעם צוועק האָבן מיר אויסגעקליבן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע וועלכע האָט געפֿאָרשט און אויפֿגעקלערט צי עס איז פֿאַראַנען אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַ העברעאישע פּאַרטיי־צייַטונג, בראָשורן און קונטרסים. אויב אין די טעג פֿון דער דריטער

קאָנפערענץ איז די שפּראַכן־פראַגע געווען אַ טעמע פאַר דיסקוסיעס, זענען נאָך דעם אָננעמען פון דעם באַשלוס אויף דער דערמאָנטער קאָנפערענץ שוין נישט געבליבן קיין שום צווייפלען. די צירקולאַרן וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך דעם רעדן אויסשליסלעך וועגן אַ העברעאישער צייטונג. און וואָס שייך צו פּראָפּאַגאַנדע־ און אויפקלערונגס־בראָשורן, איז פּאַקטיש אויך דאָ פאַרשטאַרקט געוואָרן די מיינונג, אַז מען דאַרף נישט צעטרענצלען כוחות אויף פּראָפּאַגאַנדע אין פאַרשידענע שפּראַכן, נישט קוקנדיק דערויף וואָס אין דער היינזיכט איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס פון „שמע בכל לשון שאתה שומע" (הער אויף יעדער שפּראַך וואָס דו הערסט). עס איז אַ פאַקט, אַז די גאַנצע פּאָפּולערע ליטעראַטור וואָס די פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן נאָך דער דריטער קאָנפערענץ, איז געווען נאָר אין איין שפּראַך — אין עברית, אויסער די צירקולאַרן און די בראָשורן („דאָס לאַנד") וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פאַר אויסלאַנד און זענען פאַקטיש נישט פאַרשפּרייט געוואָרן אינעם לאַנד — זיי זענען געדרוקט געוואָרן אויף יידיש.

אין יענעם מאָמענט האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום מאַטעריעלע קוועלן צו פאַרזיכערן די אַרבעט פון דער צענטראַלע. כמעט אַלע חברים האָבן שווער און ביטער געאַרבעט אין די קאָלאָניעס און אויך די מאַטעריעלע לאַגע פון די שטאָטישע אַרבעטער איז געווען געגוג שווער. דער קליינער אַרבעטס־לוין האָט אַפילו נישט געקלעקט פאַר די דערנערונגס־נויטווענדיקייטן און דעריבער האָבן זיך געמערט די קראַנקייטן. באַזונדערס האָבן געליטן די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס פון דער פיבער־קראַנקייט, ווייל זיי האָבן זיך נישט געהיט ביים טרינקען וואַסער, אין וועלכן עס האָבן גענעסטעט די מאָס־קיטן וואָס זענען די טרעגער פון דעם פיבער־באַציל. אָבער אויך אין די שטעט זענען די נייע עולים קראַנק געוואָרן אויף קדחת, באַזונדערס אין ירושלים, וווּ דאָס וואַסער פון די ציסטערנעס האָט פאַראורזאַכט די קראַנקייטן. דערי־בער האָבן די אַרבעטער נישט געקענט צאָלן זייערע שטייערן און די פּאַרטיי האָט נישט געקענט באַווייזן אויסצוהאַלטן אירע אָנשטאַלטן. צוליב דעם און צוליב אידעאָלאָגישע מאָטיוון, האָבן מיר נישט געהאַלטן קיין שום באַצאָלטן אָנגעשטעלטן, נישט אין דער צענטראַלע און נישט אין די אָפּטיילונגען, און די גאַנצע עפנטלעכע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן דורך פרייוויליקע עסקנים, וועלכע האָבן קיין געהאַלט נישט באַקומען.

אויך איך האָב פאַר זיך געזוכט, זינט די טעג פון מיין אָנקומען, אַ פּרנסה־קוואַל, וואָס זאָל מיר דערלויבן זיך אויסצוהאַלטן און צו ווידמען מיין צייט פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאָס האָב איך געקענט געפינען בלויז אין שטאָט. דעריבער איז מיר אומעגלעך געווען זיך צו באַזעצן אין איינער פון די קאָלאָניעס אין זיך צו פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט, אַזוי ווי איך האָב געהאַט בדעה ווען איך בין עולה געווען. איך האָב געזוכט און געפונען פּריוואַטע לעקציעס אין יפו. איך האָב מיך אַלזאָ פאַרנומען

טעלכעט שעה אין טאָג מיט געבן העברעאישע און אַלגעמיינע לעקציעס, וועל־כע האָבן מיר אַריינגעבראַכט וואָסערע צוויי נאַפּאָלעאָן מאַנאַטלעך (לערך 40 גאָלד־פראַנק). דאָס איז געווען גענוג פאַר מיין אויפהאַלט און איך האָב גע־האט גענוג צייט זיך צו באַשעפטיקן מיט הדרכה און אָרגאַניזאַציע, ווי אויך מיט שרייב־אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט. פון אַט־דער איינקונפט מיינער האָב איך אויך געצאָלט דירה־געלט פאַר צוויי צימערן, אָבער נאָך דעם ווי דער „אָנפאַנג״ איז בטל געוואָרן, האָבן מיר פאַרמאַכט אונדזער דרוקערייַ און די שריפט און דאָס געצייג האָבן מיר אומגעקערט קיין ירושלים.

דעם ערשטן ווינטער נאָך דער קאָנפערענץ האָב איך געווענדעט מיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם, אַז אויב מיר וועלן נישט געפינען קיין וועג צו די איינגעזעסענע פון דעם לאַנד, וועלן מיר זיך נישט באַקענען מיט זייערע קולטורעלע,ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבנס־באַדינגונגען און אויך נישט מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען און דעמאָלט קענען מיר נישט האָפן צו האָבן אויף זיי עפּעס אַ פּאַקטישן איינפלוס און אויך נישט אויף דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דעם לאַנד. איך האָב באַשלאָסן ערנסט אָנצוהויבן לערנען די אַראַבישע שפּראַך, וועלכע וועט מיר אויך דערמעגלעכן אַ קאָנטאַקט מיט די יידן פון די עדות המזרח. אָבער אין יענער צייט האָבן נאָך נישט עקזיסטירט קיין אָוונט־קורסן פאַר אַראַביש און צו צאָלן אַ פּריי־וואַטן לערער בין איך נישט געווען אימשטאַנד. האָב איך אַלזאָ געזוכט אַ געלעגנהייט צו דינגען אַ דירה ביי אַ פאַמיליע, וועמענס רייד־שפּראַך איז אַראַביש. איינמאָל, גייענדיק אין דער אַלטער יפו דורך אַ געסל נאָענט צום האַפן, האָב איך באַמערקט אין איינעם פון די געוועלבלעך זיצן הינטער אַ טיש אַן אַלטן מאַן, וועמענס געזיכט איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ווייסער באָרד, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיינע קליידער און האָט אים צוגעגעבן ווירדע. איך בין אַריינגעגאַנגען אין געוועלבל און האָב באַלד באַ־מערקט, אַז דער זקן איז נישט קיין אַראַבער, אָבער אויך קיין ייד איז ער נישט, נישט קיין אשכנזי און אויך נישט קיין ספרדי, אָדער תימני. איך האָב אָנגעהויבן צו ריידן עברית און האָב מיך איבערצייגט, אַז ער פאַרשטייט מיך זייער שוואַך: ער איז געווען אַ שומרוני, און אַזוי האָב איך מיך צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפן מיט אַ זון פון יענעם באַזונדערן שבט. נישט לייכט איז מיר אָנגעקומען אים צו דערקלערן וואָס איך וויל. כ׳האָב אים געפרעגט צי האָט ער אַ צימער צום פאַרדינגען. כ׳האָב באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענט־פער. אין עטליכע טעג אַרום האָב איך געדונגען דאָס צימער און בין אַרי־בערגעגאַנגען וווינען אין זיין הויז. קיין מעבל האָב איך נישט געהאַט און אין דער אמתן האָב איך זיי אינגאַנצן נישט באַדאַרפט: צום שרייבן האָב איך מיר איינגעאָרדנט אַן איינפאַכן טיש פון הילצערנע קעסטלעך וואָס האָבן גע־דינט איינצופּאַקן נאַפּט־בלעכן. אַזעלכע קעסטלעך זענען פיל פאַרקויפט גע־וואָרן אין די געוועלבלעך פון יפו און די עולים חדשים האָבן זיך באַנוצט מיט זיי פאַר פאַרשידענע מעבל — בעטן, טישן און בענקלעך.

דער שומרונישער גרייז אברהם בן מרחיב־צדקה איז געווען אַן אָנגע־זעענער מענטש צווישן די זייניקע און פון זיין מויל האָב איך זיך אויסגע־לערנט נישט נאָר די שפּראַך פון די שומרונים, נאָר אויך די ערשטע קענטע־נישן פון אַראַביש. אין דריי חדשים האָב איך מיך אויסגעלערנט ריידן אויף אָט־דער שפּראַך. דעריבער האָב איך געקענט קומען אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט די אַראַבער און מיט די אַראַביש־ריידנדיקע יידן: די תימנים און די מענטשן פון די עדות המזרח און מיט די זין פון דער מערבדיקער עדה, וועל־כע זענען דעמאָלט געווען דער גרעסטער טייל פון דער ספרדישער באַפעל־קערונג אין יפו און זייערע עברית־קענטענישן זענען געווען קליינע. די אַראַ־בישע שפּראַך האָט מיר געהאָלפן צוציען די מערבדיקע יוגנט צו אונדז, זי צו באַטייליקן אין דעם אַרבעטער־קלוב און אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און צו דערנענטערן זייערע הערצער צו אונדזער אַרבעט.

דאָס לערנען פון דער אַראַבישער שפּראַך האָט אויך געעפנט פאַר מיר דעם טויער צו דער אַראַבישער וועלט, וועלכע איך האָב נישט געקענט די־רעקט אין יענער צייט, נאָר בלויז דורך איבערזעצונגען. צוליבן וווינען אין אַ סביבה וואָס האָט גערעדט אַראַביש, האָב איך דערוואָרבן נאָך עפּעס וואָס עס איז נישט מעגלעך צו דערגרייכן אויפן וועג פון טעאָרעטישן לערנען — די גערעדטע אַראַבישע שפּראַך, וועלכע איז אַזוי אַנדערש פון דער שפּראַך פונעם קאָראַן און פון דער ליטעראַטור. גלייכצייטיק האָט מיר דער קאָנ־טאַקט מיט דעם שומרוני אין יפו געהאָלפן אַריינצודרינגען אין די צימערן פון דער קליינער סעקטע, דער אומגליקלעכסטער פון די יידישע סעקטעס, וועלכע האָט זיך אָפּגעטיילט פון אונדז צוריק מיט טויזנטער יאָרן און האָט דערװאָרבן פאַר זיך אַן אייגענע סטעזשקע. זיי האָבן פיל געליטן פונעם שפּאָט פון זייערע שכנים, די מענטשן פון שכם, און פון זייערע פאַרפאָל־גונגען, אָבער זיי האָבן נישט פאַרציכטעט אויף זייער גלויבן, אויף זייער שפּראַך און אויף זייערע מנהגים. און דער עיקר האָבן זיי קיינמאָל נישט פאַרציכטעט אויף זייער פאָטערלאַנד און זייער הייליקן באַרג, ווו זיי האָבן זינט דורות אויפגעבויט זייער נעסט. טראָץ דער שווערער האַנט פון ישמעאל האָבן זיך די שומרונים נישט גערירט פון שכם און פון דעם באַרג גריזים ביז צום היינטיקן טאָג. זייערע אַ קליינע געמיינדע האָט געוווינט אין יפו און אויך זיי פלעגן עולה רגל זיין צו זייער הייליקן באַרג דריי מאָל יע־דעס יאָר.

יענעם ווינטער האָט זיך דער צענטראַל קאָמיטעט פאַרנומען הויפּטזעכ־לעך מיט אינערלעכער און אויסערלעכער קולטורעלער טעטיקייט, מיט פּראָ־פעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע און מיט איינשטעלן באַציאונגען מיט חוץ לארץ. די אינערלעכע קולטור־טעטיקייט איז געקומען צום אויסדרוק דורך רעפעראַטן אין אַ באַגרענעצטן קרייז פון חברים און די אויסערלעכע — אין עפנטלעכע רעפעראַטן. דעם גרעסטן טייל פון די רעפעראַטן האָב איך געגעבן און די איבעריקע אַ גאַסט פון אַמעריקע, קלמן מאַרמאָר, וועלכער איז דעמאָלט גע־

ווען אונדזערער אַ חבר לדעה. אויך אין ירושלים און אין פּתח־תקוה זענען איינגעאָרדנט געוואָרן רעפעראַטן. זיי האָבן זיך געדרייט אַרום פאַרשידענע טעמעס, ווי: וועגן דעם יידישן אַרבעטער אין אַמעריקע, וועגן חנוכה און אַנדערע היסטאָרישע טעמעס, וועגן די פּערספּעקטיוון פון אַ יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין ארץ־ישראל און אַזוי ווייטער.

מיינע שריפטלעכע רעפעראַטן זענען, ווי געזאָגט, געווען געווידמעט די קעגנשטאַנדן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און יידישער געשיכטע. אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע איז אין פאַרלויף פונעם ווינטער דורכגעפירט געוואָרן אַ וויכטיקע אַרבעט — די גרינדונג פון אַרבעטער־פאַראיינען. צו די פאַראיינען וואָס האָבן עקזיסטירט אין יפו (סטאָליאַרעס און שוסטערס) איז צוגעקומען אַ נייער פאַראיין פון שניידערס. עס האָט זיך אויך אַנטוויקלט דער קלוב פון דעם געמישטן אַרבעטער־פאַרבאַנד און עס זענען געגרינדעט געוואָרן אַ ביבליאָטעק, אַ לייַ־קאַסע און אַ אינפאָרמאַציע־ביוראָ פאַר די פאַראיינען, וועלכע זענען געווען אַנגעשלאָסן אין איינעם פון די אַרבעטער־פאַרבאַנדן. צו יענער צייט האָב איך מיך באַמיט אויפצושטעלן אויך אַ פאַראיין פון דרוק־אַרבעטער אין ירושלים, וו איך האָב געהאלטן צוויי רעפעראַטן אויף די טעמעס „וואָס איז אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין" און „דער ווערט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען".

עס זענען באַנייט געוואָרן די פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד. גאַנץ באַזונדערס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פאַרווירקלעכונג פונעם באַשלוס וועגן אַן אַרבעטס־ביוראָ אין לאַנד. פון אַמעריקע האָט מען צוגעזאָגט צו זאַמלען פאַר דעם צוועק טויזנט דאָלאַר. פאַקטיש איז דער באַשלוס נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן פריער ווי אין עטלעכע יאָר אַרום. אויך אונדזערע פאַרבינדונגען מיט די פאַרטייען פועלי־ציון אין רוסלאַנד און גאַנץ באַזונדערס מיט דער פאַרטיי אין גאַליציע, זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן. די צייטונג „דער יידישער אַרבעטער" אין גאַליציע און די צייטונג „דער יידישער קעמפער" אין אַמעריקע האָבן אונדז פיל מיטגעהאָלפן דורך דער פאַרעפנטלעכונג פון די מאַטעריאַלן וואָס איך האָב זיי צוגעשטעלט פון צייט צו צייט: קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיקלען. באַזונדערע פאַרבינדונגען האָבן מיר אָנגעקניפּט מיט מצרים. אין קאַיראָ איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַראיין וואָס האָט געציילט צוואַנציק חברים און האָט געדינט ווי אַ מין איבערגאַנג־סטאַנציע פאַר די עולים פון גלות אויפן וועג אין לאַנד אַריין.

אין יענער צייט האָבן מיר אָנגעהויבן דורכצופירן אונדזער באַשלוס וועגן אַ פאַרלאַג אויף דער באַזע פון אַקציעס. יעדע אַקציע האָט באַדאַרפט קאָסטן צוואַנציק פראַנק און אויסגעצאָלט ווערן אין פיר ראַטעס. אין באַצוג צו דער שפּראַכן־פראַגע האָבן אויפגעהערט אַלע צווייפלען, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אויבן, און דער קאָמיטעט וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ, האָט זיך געגרייט אַרויסצוגעבן אַ העברעאישע צייטונג. די באַוועגונג האָט זיך געשטאַרקט איבער יעדן חשש און דער געדאַנק

וועגן דער איינפירונג פון עברית אין לאַנד האָט דעראָבערט אַלעמענס הערצער.

י״ד און ט״ו אין שבט תרס״ח איז פאָרגעקומען אין יפו די זיצונג פון דעם ערשטן פאַרטיי־ראַט, נאָך דער דריטער קאָנפערענץ. אין דער זיצונג האָבן זיך באַטייליקט וואָסערע צען פאָרשטייערס פון יפו, ירושלים און די קאָלאָניעס און עס זענען אויפגעקלערט געוואָרן די פּראָבלעמען פון אונדזער פּראַקטישער אַרבעט.

אויף דער באַראַטונג זענען אויך געהערט געוואָרן צוויי רעפעראַטן וועגן די עקזיסטענץ־באַזיסן פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל און וועגן אונדזער ראָל אַלס פועלי־ציון. עס זענען אָנגעצייכנט גע־וואָרן פאָלגנדיקע אויפגאַבן: א) די אָרגאַניזירונג פון דעם לוין־אַרבעטער אין לאַנד אויף דער באַזע פון זיינע עקאָנאָמישע פאָדערונגען; ב) די דערציאונג פונעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד אויף דער באַזע פון זיין נאַציאָנאַלן און קלאַסן־באַוווסטזיין; ג) די דעראָבערונג פון די קהילות און אַן אַקציע פאַר דער דעמאָקראַטיזאַציע פון דעם עפנטלעכן לעבן; ד) די פיזישע דערציאונג פון דעם אַרבעטנדיקן קלאַס.

אויף יענער באַראַטונג איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן אונדזער באַציאונג צום ק.ק.ל. און צו דעם ארץ־ישראלדיקן ראַט ביי דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט; אויך איז דאָרטן אָוועקגעלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַרן ביכער־פאַר־לאַג, וועלכער האָט שוין פריער באַקומען דעם נאָמען „התחלה״, אָבער שפּע־טער איז ער אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „אחדות״. אויף יענער באַראַ־טונג איז אויך געמאַכט געוואָרן אַן אָנהויב אויפצוקלערן דאָס פּראָבלעם פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע לויט דעם מעטאָד פון פּראָפעסאָר אָפּענ־היימער, וועלכער איז געשטיצט געוואָרן דורך די עסטרייכישע חברים און האָט אַרויסגערופן מיינונגס־פאַרשידנקייטן אויף דער וועלט־קאָנפערענץ, ווי עס איז פריער דערציילט געוואָרן.

יענעם ווינטער האָב איך געוווינט אין הויז פון דער שומרונישער פאַ־מיליע צדקה, וועלכע האָט געוווינט אין איינעם פון די יפוער מאַראַנצן־גערט־נער, נאָענט צו דער שטאָט. אַ באַזונדער קליין צימערל האָב איך דאָרטן געהאַט, ווו איך האָב געמאַכט מיין אַרבעט, געלייענט און געשריבן אין די פרייע שעהן. יעדן פרימאָרגן האָט מיך אויפגעוועקט די שטים פון אברהם בן מרחיב, וועלכער איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג צו דאַווענען שחרית פאַר זון־אויפגאַנג. ביז ער האָט פאַרענדיקט זיין דאַווענען, פלעג איך באַוויזן זיך צו וואַשן און אָנצוטאָן און אַרויסצוגיין צו אים אין דעם ברייטן זאַל. אין מיטן פון דעם זאַל איז געשטאַנען דאָס אייוועלע, אויף וועלכן עס האָבן גע־שפּעטשעט ברענענדיקע קוילן, וואָס האָבן אָנגעוואַרעמט דעם גרעסטן זאַל און אַרום דעם אייוועלע פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע, פון קליין ביז גרויס. נאָך דעם דאַווענען האָט מען אונדז דערלאַנגט קאַפע און דער אַלטער פלעגט נעמען דעם שלויך פון דער נאַרגילא אין מויל

אַריין און נאָכדעם האָבן מיר אָנגעהויבן צו לערנען אַראַביש און שומרוניש. דערוויייל האָבן אונדז איבעראַשט די עקסצעסן פון פורים תרס״ח (זע ״דער יידישער אַרבעטער״ 1908, נומער 12־13 און אויך מיינע שריפטן, באַנד א). צום סוף פון יענעם ווינטער בין איך קראַנק געוואָרן, בין געלעגן אין בעט און האָב מיך נישט געקענט רירן פון אָרט. כ׳האָב געשפּיגן מיט בלוט און האָב מורא געהאַט פאַר טובערקולאָז. אויף דער אָנווייזונג פון די דאָקטוירים, האָב איך געענדערט מיין וווין־אָרט. איך בין אַריבער קיין ראשון־לציון, בכדי געזונט צו ווערן, און איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט לערך אַ חודש צייט, ביז איך בין צוריקגעקומען צו מיינע כוחות.

די באַראַטונגען פון פסח תרס״ח אין ראשון־לציון

און פון אב תרס״ח אין ירושלים. — די פינפטע קאָנפערענץ פון סוכות תרס״ט.

חול המועד פסח איז פאָרגעקומען אַ באַזונדערע באַראַטונג, אַ באַגרע־נעצטע דעלעגאַטן־באַראַטונג, וועלכע האָט זיך פאַרזאַמלט צוליב די געשעע־נישן פון פורים און איז אַריבער שטילערהייט צוליב דער מורא פאַר אַן עיך־הרע פון דער טערקישער געהיים־פּאָליציי. און נישט אין יפו איז אָט־דער כינוס איינגעאָרדנט געוואָרן, ווי געוויינטלעך, נאָר אין אַ מער באַשיידענעם פלאַץ — אין ראשון־לציון. דאָס איז געווען אַ שווערע קריזיס־צייט פאַר דער פּאַרטיי. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די פּאָליציי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער נייער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס האָט זיך פאַר איר אַנטפּלעקט צווישן די יידישע אַרבעטער אין לאַנד. עס איז אויך געווען אַ מאָטיוו מורא צו האָבן, אַז די האַנט פונעם רוסישן קאָנסול האָט געשטעקט אין דעם, בכדי אַנצורייצן די טערקישע רעגירונג אויף די „רעוואָלוציאָנערן״ וואָס האָבן גע־שטאַמט פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן געפונען פאַר זיך אַן אָנהאַלט־פּלאַץ און אַן אַרבייטס־פעלד אין טערקיי. עס זענען געווען גענוג סימנים פאַר דעם, אַז עס הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע פון פאַרפאָלגונגען אויף אונדז. עס איז אויפגעקומען אַ נויטיקייט צו „פאַרשווינדן״ פון דער אויבערפלאַך, צו ענדערן די אויסערלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם פון דער באַוועגונג און אַנצונעמען איבעריקע פאָרזיכט־מיטלען.

פיל פון די מער אַקטיווע חברים האָבן זיך געפונען אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ, אין סעדזשערא און אין די איבעריקע פיק״אַ־קאָלאָניעס, און זיי האָבן זיך אויך נישט געקענט באַפרייען פון דער דרינגענדיקער קאָנפערענץ; אָבער די באַדערפענישן פונעם מאָמענט האָבן נישט דערלויבט מער צו פאַר־ציען די רעאָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי און דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרופן אָט־די דעלעגאַטן־באַראַטונג, אנשטאָט אַ קאָנפערענץ. *)

די באַראַטונג האָט זיך געצויגן אין משך פון צוויי טעג, דעם 20טן און 21טן ניסן. אין מיין דערעפענונג האָב איך אַנאַליזירט די לאַגע וואָס האָט

---

*) אויף דער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט צווישן אַנדערע ישראל פון פתח־תקוה, מאַרגאָלין פון יפו, משה אינגבערמאַן און ק. מאַרמאָר פון ירושלים, אברהם קאַמאַראָוו און י. בן־צבי פון די מיטגלידער פון דער צענטראַלע אין אַ געוויסע צאָל פון געסט (א. אבנטוב, י. פּאַלעסקין, יחזקאל, ראָזענבערג, חיים, נחום און אַנדערע).

זיך געשאַפן נאָך די „געשעענישן״ פון פורים און די פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג און אויפן גרונט פון דעם האָב איך פאָרגעשלאָגן צו ענדערן די דערשיינונגס־פאָרמען פון דער פּאַרטיי און אַריבערצופירן די צענטראַלע פון יפו אויף אַ נייעם פּלאַץ — קיין ירושלים. א. קאַמאַראָוו איז געווען באַ־זונדערס פעסימיסטיש; לויט זיין מיינונג האָט בלויז אין די אַנאַרכישע באַ־דינגונגען פונעם טערקישן רעזשים געקענט עקזיסטירן אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די רעגירונג זאָל נישט דערפילן איר עקזיסטענץ. אָבער נאָך דעם ווי די רוסישע רעגירונג האָט גערופן איר אויפמערקזאַמקייט אויף אָט־דער זאַך, איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז די טערקישע רעגירונג וועט זיך באַמיען צו ליקווידירן די פּאַרטיי. דער ציוניזם ווערט נאָך טאָלערירט, אָבער עס איז נישטאָ קיין זיכערקייט אַז עס וועט זיך נישט געפינען צווישן די בירגער אַ מענטש וואָס וועט אונדז פאַרמסרן צו דער מאַכט אַלס סאָציאַליסטן. דע־ריבער איז דרינגענדיק צו ענדערן די פאָרם.

אַנדערע חברים (ישראל, פון פתח־תקוה) זענען געווען קעגנער פון ענ־דערן די פאָרם. די באַראַטונג האָט אָנגענומען פאָלגנדיקן באַשלוס:

„אויסדריקנדיק איר ווילן עס זאָל אינגיכן פאַרופן ווערן אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ אָדער אַ דעלעגאַטן־קאָנפערענץ (איינער פון יעדע פינף), לייגט אַרויף די באַראַטונג אויף די חברים פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין ירו־שלים די פליכט צונויפצושטעלן דעם נייעם צענטראַל־קאָמיטעט״.

וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט זענען אָנגענומען געוואָרן אָט־די באַשלוסן:

„א) די פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט דאַרף זיך אין איצטיקן מאָמענט אָנ־שפּאַרן אויף דער אַקטיוויזירונג פון די אַרבעטער, מיטגלידער פון דער פּאַרטיי.

ב) אָבער, אין פאַרלויף פון דער אויסוויקלונג פון די זאַכן, וועט אָט־די אַרבעט געפינען פאַר זיך אַ פעסטן באָדן בלויז אויפן וועג פון דער אַקטיווי־זירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען אַליין. צוליב דעם:

1) וועלן געעפנט ווערן באַזונדערע קורסן פאַר די פּראָפעסיאָנעלע פּראָ־בלעמען, פאַר די אַרבעטער וואָס זענען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי און פאַר די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען.

2) וועט אָנגעפירט ווערן אַן אַקטיווע פּראָפּאַגאַנדע און אַ שטאַרקע קול־טור־אַרבעט צווישן די אַרבעטער, שריפטלעך און מינדלעך.

3) וואָס אָנבאַלאַנגט די פראַגע פון די מיטלען פאַר דער דורכפירונג פון אָט־די אויפגאַבן, איז וועגן דעם נישט געפונען געוואָרן קיין לייזונג אויף דער באַראַטונג און עס איז אָפּגעלייגט געוואָרן דאָס אויפצוקלערן אין גאַנג פון דער אַרבעט זעלבסט.

4) עס איז אויפגענומען געוואָרן דער געדאַנק צו גרינדן אַ ליי־קאַסע און אַ טעטיקייט־פאָנד פאַר די באַדערפענישן פון דעם קלאַסן־קאַמף.

5) די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע־פאָרם אין די שטעט דאַרף זיין פע־דעראַטיוו״.

וואָס אָנבאַלאַנגט די קולטור־אַרבעט זענען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנ־דיקע באַשלוסן:

א) די פּאַרטיי־באַראַטונג געפינט פאַר ריכטיק צו ווידמען אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאַר דער דערלערנונג און אויספאָרשונג פון די געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען צווישן דעם יידישן און אַראַבישן ישוב אין לאַנד. צו דעם צוועק וועלן צוגעגרייט ווערן און צושיקט ווערן צו די חברים פראַגע־בויגנס און טאַבעלן.

ב) עס זאָל געשאַפן ווערן אַ קאַדער פון פּרעלעגענטן פאַר די אַרבעטער־קבוצות וועגן סאָציאַלע און פּראָפעסיאָנעלע פראַגן א.א.וו. צו אָט דער טעטיקייט דאַרף צוגעצויגן ווערן די שטודירנדיקע יוגנט, ווי די שילער פונעם לערער־סעמינאַר און די ישיבה־בחורים.

ג) עס דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן אויף עברית אַן אָרגאַן אונטערן נאָמען „התחלה" (דערנאָך איז באַשלאָסן געוואָרן דעם זעלבן אָנצורופן „האחדות").

ד) עס דאַרף פאַרשפּרייט ווערן צווישן די אַרבעטער ליטעראַטור פון אויסלאַנד".

וועגן דעם „ארץ־ישראל־ראַט" איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרצוזעצן אונד־זער באַטייליקונג דורך אונדזער פאַרטרעטער, ווי פריער.

וועגן די פראַגן וואָס מען האָט נישט באַוויזן צו באַהאַנדלען, ווי: אַן אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אונדזער באַציאונג צו דעם פאַראיין „הכשרת הישוב" (די צוגרייטונג פונעם ישוב) און וועגן אונדזערע פּאָליטישע פּראָבלעמען — איז באַשלאָסן געוואָרן די זעלבע אָפּצולייגן ביז צו דער נאָענטסטער קאָנפערענץ.

אויף דער באַראַטונג פון ראשון־לציון איז אַלזאָ באַשלאָסן געוואָרן צו־צופּאַסן די טעטיקייטן פון דער פּאַרטיי צו די באַדינגונגען פונעם פּאָליטישן רעזשים און צו פאַרטיפן די אַרבעט. גלייכצייטיק זענען באַהאַנדלט געוואָרן די וועגן ווי אַזוי אָפּצוהיטן די סודות פון דער באַוועגונג, באַזונדערס אין אַלץ וואָס באַרירט אונדזערע באַהאַנדלונגען וועגן דער אינערלעכער טערקי־שער פּאָליטיק. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצופירן די צענטראַלע פון יפו, וווּ עס זענען פאָרגעקומען די פּורים־געשעענישן, קיין ירושלים, וווּ די טערקישע פּאָליציי האָט אונדז נאָך נישט געשאַנקען איר אויפמערקזאַמקייט, און צוצוטרעטן צו אַ סיסטעמאַטישער טעטיקייט צווישן די אַרבעטער־קרייזן און צווישן דער יוגנט פון דעם אַלטן ישוב: ספרדים, אשכנזים און תימנים. אָט דער באַשלוס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן באַלד נאָך פּסח.

איך בין אַריבערגעפאָרן קיין ירושלים. צוזאַמען מיט מיר האָט געווירקט ז. אשור. מיר האָבן אָנגעהויבן צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר אונדזער אַרבעט. אין יענער צייט, אין פרילינג פונעם יאָר תרס"ח, איז אָנגעקומען פון אויס־לאַנד די חברה רחל ינאית, אַ יונגע, בליענדיקע און אָנגעפולטע מיט גליענ־דיקן ווילן אָפּצוגעבן אַלע אירע כוחות פאַר אונדזער באַוועגונג און פאַר גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט אין ירושלים. די לאַגע פון דער אָפּטיילונג איז

געווען אַ שווערע. דער גרעסטער טייל פון די אַקטיווע חברים, יענע וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם פאַראיין פון שטיין־האַקערס, האָבן פאַרלאָזט ירושלים און זענען אַריבער אין די קאָלאָניעס, די מערהייט צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט און אַ קלענערער טייל צו דער נייער זייער פאַר־אַנטוואָרטלעכער און זייער געפערלעכער אונטערנעמונג — צו דער אַרבעט פון שמירה. אַ טייל פון די יונגע חברים פון דעם אַלטן ישוב האָט מער נישט געקענט אַריבערטראָגן דאָס שווערע לעבן אין ירושלים, אָבער זיי האָבן אויך נישט געפונען אין זיך גענוג שטאַרקייט נאָכצופאָלגן די שפּורן פון די נייע חלוצים, צו אַרבעטן אין די קאָלאָניעס. פון צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד און האָבן זיך געלאָזט זוכן זייער גליק אויף יענער זייט ים. מיר האָבן, אַלזאָ, באַשלאָסן אָנצוהויבן אַלץ פון דאָס ניי און מיר האָבן זיך געווענדעט צו דער יוגנט, באַזונדערס צו די שילערס פונעם לערער־סעמינאַר און צו די ישיבה־בחורים, ווי אויך צו דער אַרבעטנדיקער יוגנט, וואָס איז דעמאָלט באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען „געהילפן". באַזונדערס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שטודירנדיקער און אַרבעטנדיקער ספרדישער יוגנט, למשל אויף די דרוק־אַרבעטער, געהילפן פון סטאָליאַרעס, שוסטערס, שניידערס, מוליערעס און שטיין־האַקערס — אָט־די לעצטע זענען הויפּטזעכלעך געווען תימנים. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ קלענער קערן. אָבער אונדזער הויפּט־ציל איז געווען צו באַנייען די פּאַרטיי און אָנצוהויבן אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען.

אונדזער אַרבעט איז אָנגעגאַנגען מיט שוועריקייט, „ווי די וואַסערן פון דעם שילוח וואָס גייען לאַנגזאַם". אין יענעם מאָמענט האָבן מיר געמוזט זיך באַגרענעצן מיט קלייניקייטן, מיט אינערלעכע רעפעראַטן, מיט זיצונגען מיט די אָנפאַנגער־גרופּן, מיט טעכנישע פראַגן. מיר האָבן איינגעזען אַז מיר מוזן אָנטאָן אויף אונדזער באַוועגונג אַ נייע פאָרם. מיר האָבן זיך ווידער דערמאָנט אין דער גאַנצער דערפאַרונג וואָס מיר האָבן דערוואָרבן אין די פאַרגאַנגענע יאָרן פון פּראַקטישער אונטערערדישער טעטיקייט אין צאַרישן רוסלאַנד.

אין יענער צייט איז קיינעם פון אונדז נישט איינגעפאַלן, אַז מיר גע־פינען זיך אַזוי נאָענט פון אַן איבערקערעניש אין טערקיי. פאַקטיש זענען מיר געווען דערווייטערט און אָפּגעריסן פון די געשעענישן אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל און פון די רעוואָלוציאָנערע טערקישע קרייזן. מיר האָבן נישט געהאַט פון זיי קיין שום ידיעות און עס האָט געפעלט מיט זיי יעדער קאָנטאַקט. יעדנפאַלס זענען מיר געווען זיכער, אַז מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין אונטערגרונט אויף אַ לאַנגער צייט. פּלוצים האָט געטראָפן אַ זאַך, וואָס נישט די פאַר־פאַסערס פון דער פּאָלטאַווער און העלסינגפאָרסער פּראָגראַם אין רוסלאַנד און נישט די פאַרפאַסערס פון דער פּראָגראַם פון רמלה אין ארץ־ישראל האָבן עס פאָרויסגעזען. די ידיעה וועגן דער איבערקערעניש אין טערקיי (כ"ה

תמוז תרס״ח — 6טן אויגוסט 1908), וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די „יונג־טערקן״ האָט אונדז אַלעמען איבעראַשט. דאָס טערקישע פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן קעגן דעם אַלטן סולטאַן — קעגן דעם גרויזאַמען אַבדול האַמיד כאַן, און האָט געפאָדערט ביי אים צו פאַרווירקלעכן דאָס געזעץ, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט מיט דרייסיק יאָר צוריק. קיין דעטאַלן האָבן צו אונדז נישט דערגרייכט, ווייל קיין שום צייטונג האָט נישט געשריבן וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער טערקישער באַוועגונג. נאָר דאָס האָבן מיר געוווסט אַז אין דער שפיץ פון דער באַוועגונג שטייען די מענטשן פון „אייניקייט און פראָגרעס״, וועלכע זענען באקאנט געווען אין דער עפנטלעכקייט אונטערן נאָמען „די יונג־טערקן״. אליעזר בן־יהודה האָט געזוכט אַ פאַסנדיק העברעאיש וואָרט פאַר קאָנסטיטוציע און ער האָט אַזעלכעס נישט געפונען, האָט ער עס אָנגערופן מיט דעם מאָדנעם נאָמען — וואָס האָט זיך טאַקע איינגעבירגערט — „חושמ״ה״ (ראשי תיבות: „חוקת שילטון מוגבלה״). אָבער דאָס פאָלק האָט דאָס פשוט אָנגערופן מיטן נאָמען „חירות״, אויף אַראַביש „חוריה״. ווען דער סולטאַן האָט געזען אַז דער באָדן גליטשט זיך אויס פון אונטער זיינע פיס, האָט ער זיך אונטערגעגעבן און האָט אונ־טערגעשריבן די פאַרפליכטונג וואָס איז ביי אים געפאָדערט געוואָרן און אין עטלעכע טעג אַרום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער פרייהייט־באַפעל. דע־מאָנסטראַציעס זענען אויסגעבראָכן אין אַלע שטעט פון דער מדינה, עס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער געזעצגעבונג פון דער אָטאָמאַנישער רע־גירונג און אין ערשטער ליניע אין דער אָרדענונג פון דער אַדמיניסטראַציע. אַ מעכטיקע דעמאָנסטראַציע איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אין ירושלים — די ערשטע פון דעם סאָרט פאַר דער גאַנצער צייט פון דער טערקישער הערשאַפט. טויזנטער מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אינעם שטאָט־גאָרטן און פון דאָרטן זענען זיי אַריבער דורך דער יפו־גאַס אויף אַ פאַרזאַמלונג אין הויף פון „קישלה״ (ווינטער־קאַזאַרמעס) נעבן דעם דוד־טורעם. דאָס פובלי־קום איז געווען געמישט: אַראַבער און יידן, אשכנזים און ספרדים, בוכאַרער און מענטשן פון די מזרח־עדות. די יוגנט איז ווי געוויינטלעך אַרויס אין שווערדן־טענץ, יידן מיט אַראַבער אינאיינעם. איך געדענק דעם זקן יהושע ברזילי, וואָס האָט געטאַנצט אַרומגענומען מיט אַ הויכן נעגער. דאָס פובלי־קום האָט אַפּלאָדירט. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט, פאָנען האָבן געפלאַטערט אינעם הויף פון „קישלה״ נעבן דעם דוד־טורעם, און צווישן זיי אויך אונדזער נאַציאָנאַלע פאָן, די בלוי־ווייסע. איך שטרייך אונטער אָט־דעם דעטאַל, ווייל לויט מיין מיינונג איז פאַראַנען אַ שטאַרקע פאַרבינדונג צווישן דער פעסט־קייט פון די הערצער פון די זין פון דעם ישוב און צווישן די חלוצים פון דער צווייטער עליה, וואָס האָבן אויפגעהויבן די יידישע פאָן אין די טעג פון אַבדול חמידס מעכטיקייט, און צווישן יענע וואָס האָבן זי אויפגעהויבן נאָכן אונטערגאַנג פון בעווינס מאַנדאַט־רעגירונג איבער אונדזער לאַנד, אין 40 יאָר אַרום. קיינער פון די אַראַבער און טערקן האָט נישט פּראָטעסטירט און

נישט געצווייפלט וועגן דעם אין דער שעה פון פרייד און עס האָט זיך אויס־געוויזן, אַז עס איז שוין טאַקע אָנגעקומען די צייט פון אמתער פרייהייט און יעדעס פאָלק איז געקומען מיט זיין מחנה און זיין פאָן. אין שטאָט־גאָרטן זענען אויסגעהערט געוואָרן רעדעס אין יעדע שפּראַכן, אין אַראַביש און אין עברית. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויף טערקיש האָט מען נישט גערעדט און ווען מען וואָלט יאָ געוואָלט גערעדט אויף יענער שפּראַך, וואָלטן נישט קיין סך געווען פאַרשטאַנען. אַזוי איז אויך פאַסיק אונטערצושטרייכן אַז אונדזער פאַרטיי, די קליינע פאַרטיי פּועלי־ציון, איז געווען די ערשטע און פּאַקטיש די איינציקע צו אָרגאַניזירן אַ יידישע קאָלומנע אינערהאַלב דער אַלגעמיינער מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין ירושלים אין טאָג פון דער „חוריה". טויזנטער מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין דער זעלבער און צווישן די רעדנער, וועלכע האָבן זיך געווענדעט מיט רעדעס צו יענעם גרויסן פּובליקום, בין אויך איך געווען און איך האָב גערעדט אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער און פון די ירושלימער אַרבעטער אין אַלגעמיין. מיר האָבן אויך איינגעאָרדנט מאַרשן אין די גאַסן פון דער אַלט־שטאָט, אין וועל־כע עס האָבן זיך באַטייליקט אונדזערע חברים און פילע פון דער ספרדישער יוגנט. רעדנערס פון צווישן אונדזערע חברים האָבן גערעדט אין אונדזער נאָ־מען אינעם טאָג פון דער „חוריה" אויך אין די דעמאָנסטראַציעס פון יפו. מיר האָבן זיך אויך באַטייליקט אין די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און אין די זיצונגען וואָס זענען פאַרגעקומען נאָך דעם, אויף וועלכע די אָטאָמאַנישע יידן האָבן אויסגעקליבן חברים פאַר די וואַלן פון דעם אָטאָמאַנישן רעפּרעזענ־טאַנטן־הויז. מיט דעם האָבן מיר זיך נישט באַנוגנט. באַלד האָבן מיר אָנ־געהויבן צו רופן אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, בכדי צו פאַראייניקן די אַרבעטער אין פּערמאַנענטע פאַראיינען. אין ירושלים האָבן מיר אינאיינעם מיט הפועל־הצעיר פאַרופן אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטיי־ליקט 400־500 נפשות. מיר האָבן געפּרוווט צו פאַרופן אַרבעטער־פאַרזאַמ־לונגען אויך אין יפו, אָבער דאָרטן איז דער באָדן געווען וויניקער צוגעגרייט פאַר די פּאָליטישע פּראָבלעמען וואָס באַרירן דאָס אָטאָמאַנישע לעבן, ווי אין ירושלים, ווייל די מערהייט פון די אַשכנזישע יידן וואָס האָבן געוווינט אין יפו זענען נישט געווען קיין אָטאָמאַנישע בירגער, נאָר פרעמדע, אונטערטאַ־נען פון אויסלענדישע מלוכות.

די טערקישע קאָנסטיטוציע איז געגעבן געוואָרן ווי אַ געשאַנק פון אויבן, אָן אַ קאַמף און אָן בלוט־פאַרגיסונג. אַ סך האָבן געזען אין דעם אַ צייכן פונעם הימל, אָבער די מענטשן מיט דערפאַרונג האָבן זיך באַצויגן צו דער זאַך מיט אַ גרויסער מאָס פון צווייפל. אינגיכן איז טאַקע קלאָר געוואָרן אַז די איבערקערעניש האָט זיך נישט פאַרענדיקט, נאָר זי געפינט זיך נאָך ביים אָנהויב — דער אַלטער סולטאַן אַבדול חמיד האָט זיך נישט געוואָלט אָפּ־זאָגן פון זיינע רעכטן און איבערגעבן די גאַנצע מאַכט צום פאָלק, אָבער די „יונג־טערקן" זענען באַצייטנס געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ מעגלעכקייט. זיי

האָבן צוגעגרייט די אַרמיי, וואָס איז געווען דער וויכטיקסטער און אנטשיידנ־דיקער כוח אין דער איבערקערעניש, און ווען עס איז אָנגעקומען די גינציקע שעה (לערך אַ יאָר נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער „חירות״), האָבן זיי אַראָפּגעזעצט דעם אַלטן פון זיין טראָן און האָבן געקרוינט זיין ברודער מאַכ־מעד רישאַד (אָדער מאַכמעד דער פינפטער), וועלכער האָט געשווירן טריי־הייט דער קאָנסטיטוציע און האָט פאַרזיכערט איבערצוגעבן די גאַנצע מאַכט צו די פירערס פון „אייניקייט און פּראָגרעס״.

אָט־די וואונדערלעכע דערשיינונג, די טערקישע איבערקערעניש, האָט גע־עפנט פאַר אונדז נייע האָריזאָנטן, אָבער אין איר זענען אויך געווען באַהאַלטן נייע געפאַרן. די פּאַרטיי „אייניקייט און פּראָגרעס״, וועלכע איז געקומען צו דער מאַכט, איז אין גרונט נישט געווען קיין ריכטיקע פּראָגרעסיווע פּאַרטיי, נאָר אין דער ערשטער ריי אַ טערקישע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי. זי האָט געשטרעבט אַרויפצולייגן אַ טערקישן שטעמפּל אויף דער גאַנצער מעכטיקער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, וועלכע האָט דעמאָלט געציילט וואָסערע דרייסיק מיליאָנען נפשות און די טערקן זענען אין איר געווען אַ מינדערהייט. עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרוון, אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן, פון טורקיזאַציע און דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אויפברויז צווישן די פעלקער וואָס זענען געווען אונטערגעוואָרפן צו טערקיי. יענע פעלקער וועמענס האַרץ איז אין אָנהויב געווען גינציק פאַר די „יונג־טערקן״, ווייל זיי האָבן געגלויבט אַז יענע וועלן זיי באַפרייען פונעם יאָך פון גרויזאַמען סולטאַן און זיי וועלן געבן פרייהייט צו אַלע אונטערדריקטע פעלקער. נאָכן זיג פון דער איבערקערעניש זענען קלאָר געוואָרן די סתירות וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין דעם גוף פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע. נישט נאָר די קריסטלעכע פעלקער פון די באַל־קאַנען און פון אַנאַטאָליע האָבן געשטרעבט צו אויטאָנאָמיע און זעלבסט־שטענדיקייט, נאָר אויך די נישט־טערקישע מוסולמענער האָבן זיך אָנגעהויבן צו בונטעווען. אויך זיי זענען נישט געווען צופרידן פון דעם ענגן נאַציאָנאַ־ליזם פון די טערקן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשטרענגט אַרויפצוצווינגען דעם טערקישן כאַראַקטער אויף דער גאַנצער אימפּעריע.

אין אַן אויספירלעכן אַרטיקל, וועלכן איך האָב פאַרעפנטלעכט לערך אַ מאָנאַט נאָך דער איבערקערעניש אין „דער יידישער אַרבעטער״ (אין די נו־מערן פון די טעג ז״ און י״ד תשרי תרס״ט) האָב איך געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון דער טערקישער איבערקערעניש און אָט איז זיין תמצית: אָט־די איבער־קערעניש איז, פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, ווי אַ מין פאָרזעצונג און דער־גאַנצונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע (וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1905) און פון דער פּערסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, די צוויי שכנים פון טערקיי. פיל קאַמפן האָט די יונגע טערקיי געמוזט אויסקעמפן מיט דער גרויזאַמקייט פון די סולטאַנען, ביז זי האָט דערגרייכט איר ציל. וואָס אָנ־באַלאַנגט די ציוניסטישע שטרעבונג צו דערגרייכן אינערלעכע מאַכט פאַר דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, איז אין דעם פאַראינטערעסירט נישט נאָר

דער יידישער ישוב פונעם לאַנד און נישט נאָר די יידן וואָס ווינען אין די גרענעצן פון טערקיי (ווּעמענס צאָל עס האָט דערגרייכט אין יענער צייט צו 500 טויזנט נפשות, אַריינגערעכנט 80.000 אין ארץ־ישראל), נאָר אויך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין די תפוצות.

די „יונג־טערקן" האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף צוויי פאַקטאָרן: אויף דער אַרמיי און אויף די מינדערהייטן; ווען איך רעד וועגן די מינדערהייטן, מיין איך נישט נאָר די קריסטלעכע מינדערהייט — אַרמענער, גריכן א.א.וו., — נאָר דער עיקר די מוסולמענישע פעלקער וואָס זענען נישט קיין טערקן. דאָס וויכטיקסטע צווישן זיי פון קוואַנטיטאַטיוון שטאַנדפּונקט זענען די אַראַבער, וועמענס צאָל איז אינערהאַלב די גרענעצן פון דער אָטאָמאַנישער מדינה גרייכט צו 17 מיליאָן נפשות, דאָס הייסט צו מער פון זעכציק פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דעם שטאַט. מען דאַרף אויך דערמאָנען די אַל־באַנעזער פון רומיליא (אויף טערקיש — ארנאוטן, אויף אַלבאַניש — שקי־פּידארן) און די קורדן בייט זייט פון אַנאַטאָליע. די איבערקערעניש איז דער עיקר דורכגעפירט געוואָרן מיט די כוחות פון דער אַרמיי, אויף דער איני־ציאַטיווע פונעם יונגן שיכט פון די טערקישע פּעאָדאַלן, וועלכע האָבן זיך מיאש געווען פון דעם אַלטן פעאָדאַלן רעזשים און זיי האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם זעלבן, און מיט דער באַטייליקונג פון די מינדערהייטן. די איבער־קערעניש האָט מיט גאָרנישט געענדערט די סאָציאַלע לאַגע, אָבער זי האָט געעפנט נייע מעגלעכקייטן פאַר די אונטערדריקטע פעלקער און אונטערדריק־טע קרייזן. די איבערקערעניש איז נישט געווען קיין פאַרענדיקטע טאַט, נאָר אַן אָנהויב פון אַ פרייהייט־באַוועגונג.

ווייטער האָב איך גערעדט אין מיין אַרטיקל וועגן דער יידישער באַפעל־קערונג אין די טערקישע שטעט אויסער ארץ־ישראל, וועגן זייער עקאָנאָמי־שער וואָג — באַזונדערס אין סאַלאָניקי — און וועגן זייער פּאָליטישער איב־דיפערענץ אין גאַנץ טערקיי — אויסער ארץ־ישראל — און איך האָב פאָר־געלייגט אויפצוטרייסלען דאָס טערקישע יידנטום צו פּאָליטישער אַקטיוויטעט און עס צוצוגרייטן צו זיין באַשטימונג — צו זיין אַן אָנשפּאַר פאַר אונדזערע ציוניסטישע שטרעבונגען אין לאַנד. איך האָב געפאָדערט אַ סיסטעמאַטישע טעטיקייט פאַר דער דעמאָקראַטיזאַציע פון דער יידישער קהילה אין טערקיי. אַט־די קהילה געניסט פאַקטיש פון רעכטן פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אָבער עס פעלט איר דעמאָק־ראַטישע אָרדענונג. איצט איז געקומען די צייט אויפצוהויבן אַ ברייטע דעמאָקראַטישע באַוועגונג צווישן דעם טערקישן יידנ־טום. אין אַט־די צוויי אויפגאַבן — דער פאַרשריט פון דעם טערקישן יידנטום אויפן וועג צום ציוניזם און אויפן וועג צו דעמאָקראַטיע — האָב איך געזען די ערשטע באַשטימונג פון די ציוניסטן אין אַט־דער עפּאָכע נאָך דער איבער־קערעניש. איבערגייענדיק צום ציוניזם אַליין און צו זיינע אויסזיכטן אין די נייע פּאָליטישע באַדינגונגען, האָב איך געשטעלט די פראַגע: וועלכע וועלן זיין אונדזערע פאָדערונגען וואָס מיר וועלן אַריינגעבן אין מויל פון דעם

יידישן דעלעגאַט, אָדער פון די יידישע דעלעגאַטן, וועלכע וועלן אויסגעקליבן ווערן פאַר דעם ערשטן טערקישן רעפּרעזענטאַנטן־הויז?

די ציוניסטישע פאָדערונג — לויט זי איז פאָרמולירט געוואָרן אין דער באַזעלער פּראָגראַם: אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים, מיט עפנטלעך־רעכטלעכער פאַרזיכערונג — איז נישט געווענדעט געוואָרן צו טערקיי נאָר צו די אַנדערע שטאַטן. איצט מוזן מיר זי אַוועקשטעלן ווי אַן אינערלעכע פאָדערונג. דאָ האָב איך אָנגעוויזן אויפן קעגנזאַץ צווישן דעם וואָס מיר רופן היינט „ענד־ציל" און צווישן דער אויסגעוואָרצלטקייט פון דעם ישוב פון יענער צייט. איך בין געקומען צום שלוס, אַז מיר מוזן קודם קומען מיט פּראַקטישע פאָדערונגען, וועלכע זאָלן העלפן שאַפן דעם פאַקטישן הינטערגרונט פאַר דער אויפשטעלונג פון אַ פאַקטישער יידישער אויטאָנאָמיע אין ארץ־ישראל. מיר מוזן נישט נאָר פאָדערן איינוואַנדערונגס־פרייהייט אין לאַנד אַריין (אין דער צייט ווען איך האָב אָנגעשריבן דאָס אַרטיקל, זענען געזעצלעך אָראָפּגענומען געוואָרן די באַגרענעצונגען וואָס זענען געהאַט איינגעפירט געוואָרן אין די צייטן פון אַבדול חמיד), נאָר אויך בטל צו מאַכן די שטערונגען פון דער מאַכט פאַר אַ ברייטער קאָלאָניזאַציע, פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָטישער אינדוסטריע און פון דער לאַנדווירטשאַפט אין לאַנד. מיר מוזן פאָדערן פאַרלייכטערונגען און הנחות פאַר דער לאַנדווירטשאַפט בכלל און פאַר דער קאָלאָניזאַציע בפרט, און די גרינדונג פון הילפס־אַנשטאַלטן, ווי אַן אַגראַר־באַנק פאַר קאָלאָניסטן און פּויערים א.א.וו. עס איז אונדזער חוב צו פאַרשטאַרקן די מוניציפּאַלע טעטיקייט און צו פאַרזיכערן פאַר זיך אַ פּאַסנדיקע פּאָזיציע אין דער רעגיאָנאַלער אויטאָנאָמיע פון ארץ־ישראל.

מיר מוזן פאַרשטיין, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין ציוניזם. די צענטראַלע פון אונדזערע טעטיקייטן וועט אַריבערגיין — אונטערן מעכטיקן דרוק פון דער ווירקלעכקייט — צום מזרח... דעריבער איז נויטיק מיר זאָלן קאָנצענטרירן אונדזער גאַנצע פּראַקטישע אַרבעט דער עיקר אין טערקיי און גאַנץ באַזונדערס אין ארץ־ישראל. מען דאַרף פּלעגן די ציוניסטישע טעטיקייט צווישן דעם אָטאָמאַנישן יידנטום — דאָס איז די אויפגאַבע פון די ציוניסטן אין טערקיי. און מען דאַרף פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דעם טערקישן פּאַרלאַמענט און דער טערקישער רעגירונג, פון איין זייט, און מיט די יידן פון דער גאַנצער וועלט, פון דער אַנדערער זייט, זיי זאָלן דערמוטיקן די ציוניסטישע און האַלב־ציוניסטישע פאַראיינען, ווי אויך די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען וואָס האָבן ביז איצט מורא געהאַט פאַר דעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דעם טערקישן רעזשים, אָנצוהויבן אַ ברייטע פּראַקטישע אַרבעט אין לאַנד און צו אינוועסטירן אין אים זייער פאַרמעגן און איניציאַטיוו; און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע באַדאַרף זיין דער אָריענטירנדיקער און אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר דורך דעם וואָס זי וועט אָנהויבן באַשפּרעכונגען מיט דער טערקישער רעגירונג. זי דאַרף נעמען אויף זיך פאַקטיש די אויפגאַבע צו זיין דער פאַקטישער פאַרטרעטער פון דעם קאָלאָ־

גיזיר־אַנשטאַלט און פון דעם עולה און אין זייער נאָמען אָנצופירן די פאַר־האַנדלונגען מיט די אָפיציעלע אָטאָמאַנישע אָרגאַנען.

צום סוף האָב איך מיך קורץ אָפּגעשטעלט אויף אונדזער אויפגאַבע צווישן דעם טערקישן יידנטום. אונדזער ציל איז — די אָרגאַניזאַציע פון די יידישע מאַסן אין טערקיי פאַר אונדזערע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ענינים; פאַר דער דעמאָקראַטיזאַציע פון די אַנשטאַלטן פון אונדזער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון די כוחות פונעם ישוב דורך אַ צוגאָב פון נייע כוחות וואָס וועלן אַריינשטראָמען דורך עליה און קאָלאָניזאַציע. אויף אַזוי ווייט מיינע ווערטער.

אָבער אין דערווירקלעכקייט זענען די ענינים נישט געווען אַזוי גלאַטיק און נישט אַלע פאַרלאַנגען און נבואות זענען מקוים געוואָרן. דער אויפברויז צווישן די אַראַבער און קורדן, אין אַראַביסטאַן און קורדיסטאַן, און אין די איבעריקע ראַיאָנען פונעם מזרח און אַפילו אין די ראַיאָנען פונעם מערב פון דער טערקיי, איז טאַקע שטאַרקער געוואָרן. דאָס זעלבע איז אויך געשען צווישן די מאַראָקאַנער און אַלבאַנעזער. אין יענער צייט איז אויך פאַר־שטאַרקט געוואָרן דער חשד פון דער טערקישער מאַכט צום ציוניזם, וועלכער שטרעבט צו שאַפן אַ פאַטערלאַנד פאַרן יידישן פאָלק אין אַ טייל פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה. אַ גרויסן טייל אין דער פאַרטיפונג פון דער טערקי־שער מורא האָבן געהאַט געוויסע לאָקאַלע קריסטן: זיי האָבן זיך געשטופּט אין דער שפּיץ, האָבן זיך געמיט און געאַרבעט אָן אויפהער אָנצורייצן די הערשער אויפן ציוניזם און אויף די יידן בכלל.

נישט קוקנדיק אויף דער שוואַכקייט פונעם יידישן ישוב אין לאַנד אין יענע טעג, האָבן מיר געפילט אַז די נייע פּאָליטישע באַדינגונגען פאַרפליכטן אונדז צו אַ נייער טעטיקייט: האָבן מיר געזוכט פאַרבינדעטע צווישן דעם אָטאָמאַנישן יידנטום אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל און ווי אַרבעטער האָבן מיר געזוכט וועגן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן צו אָרגאַניזירן אין די גרויסע שטעט פון דער אייראָפּעאישער טערקיי. גלייכצייטיק האָבן מיר געפּרווט אויסצונוצן די מעגלעכקייטן וואָס דער נייער רעזשים האָט געעפנט פאַר אונדז, די מעגלעכקייטן פון ווירטשאַפטלעכן, קול־טורעלן און פּאָליטישן פאַרשריט.

י״ - י״ב אין אב פון יאָר תרס״ח איז זיך צונויפגעקומען אין ירושלים אַ ספּעציעלע באַראַטונג (עס שיינט אַז אָט־די באַראַטונג איז געקומען אַנ־שטאָט דער פערטער קאָנפערענץ וואָס האָט „געפעלט״, נאָך וועלכער עס איז געקומען סוכות תרס״ח די פינפטע קאָנפערענץ), אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אויסער די ירושלימער חברים, אויך די חברה רחל, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד און אויך די חברים ק. מאַרמאָר און ראַזאָווסקי פון אַמעריקע און צלאל פון מצרים. די באַראַטונג האָט באַשלאָסן: א) צו גרינדן אַ וועכנטלעכע אַרבעטער־צייטונג אויף עברית; ב) צו גרינדן אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען „אחדות״, וועלכע וועט אַרויסגעבן די צייטונג און ווען עס וועט

בזיטיק זיין אויך בראָשורן; ג) איר גרונט־קאַפּיטאַל וועט זיין 6000 פראַנק, וועלכע וועלן אַריינקומען פון אַקציעס. דער פּרייז פון יעדער אַקציע וועט זיין 50 פראַנק. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע איז אויסגעקליבן געוואָרן אָנצופירן אַלע ענינים פון דעם פאַרלאַג און איר נאָמען איז געווען „קאָמיסיע פאַרן פאַרלאַג אחדות". דער טאָג־אָרדענונג האָט אַנטהאַלטן אַ באַריכט פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, באַריכט פון דער קאָמיסיע פאַר „אחדות", דעבאַטן און אַ רעפעראַט „וועגן אונדזער שטעלונג צום טערקישן רעפּרעזענטאַנטן־הויז און אונדזערע לאָזונגען". אויסער דעם — אונדזערע באַציאונגען מיט די יידישע און נישט־יידישע פּאַרטייען פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה; אונדזער אַרבעטס־פּראָגראַם אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין; אונדזער אַגראַר־פּראָגראַם.

דאָס איז אפשר געווען דער ערשטער יידישער כינוס אין לאַנד, אויף וועלכן עס איז באַהאַנדלט געוואָרן דער גורל פון דעם ציוניזם אין ליכט פון דער נייער פּאָליטישער סיטואַציע. דאָ איז אויפגעדעקט געוואָרן אַ דער־שרעקנדיק בילד פון אונדזער פּאָליטישער שוואַכקייט. די איבערקערעניש האָט אַריבערגעטראָגן דעם פּאָליטישן טעטיקייט־צענטער פון די אויסלענדישע אונטערטאַנען צו די בירגער פון דער מדינה און אָט איז קלאָר געוואָרן אַז דווקא דאָ איז פאַרבאָרגן די שאַנדע פונעם ישוב. עס איז קלאָר געוואָרן אַז אַפילו אין ירושלים, וווּ די יידן האָבן שוין דעמאָלט באַטראָפן וואָסערע צוויי דריטל פון אירע איינוווינער, איז בלויז איין דריטל געווען וואַל־באַרעכטיקט צו דעם רעפּרעזענטאַנטן־הויז (אַזוי ווי אין די טעג פונעם ענגלישן רעזשים). און אויב צווישן דעם יידישן ישוב אין אַלגעמיין איז די לאַגע געווען אַזאַ, איז עס אוודאי אַזוי געווען צווישן די יידישע אַרבעטער פון דעם נייעם ישוב. די מיטגלידער פון פּועלי־ציון זענען נאַטירלעך אין זייער מערהייט, אויב נישט אַלע, געווען אויסלענדישע אונטערטאַנען אָדער „נעלמים" (פאַרבאָרגענע), מענטשן וואָס האָבן זיך נישט געזאָרגט דערפאַר צו באַקומען אַן אָטאָמאַנישן פּאַספּאָרט. אַפילו יענע ווייניקע פון די איינגעבוירענע וואָס זענען מיטגע־צויגן געוואָרן דורך אונדז און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזערע רייען, זענען גרעסטנטיילס געווען יוגנטלעכע אונטער 25 יאָר און דעריבער האָבן זיי נישט געהאַט קיין וואַל־רעכט. מיר האָבן אַלזאָ נישט געהאַט קיין שום דירעקטע אויסזיכטן צו באַאיינפלוסן די וואַלן. דעריבער איז אונדז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי צו פּרוּוון באַאיינפלוסן אומדירעקט, מיט דער הילף פון פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן, דיסקוסיעס און עפנטלעכע אויפקלע־רונגען. עס איז נויטיק געווען צו דערקלערן פאַר דער יידישער ווילערשאַפט וואָס עס איז אונדזער פּראָגראַם, וואָס עס זענען אונדזערע שטרעבונגען און צילן און וואָסערע זענען די באַרירונגס־פּונקטן צווישן אונדז און צווישן די איבעריקע יידן פון רעם אָטאָמאַנישן שטאַט; צווישן אונדז און צווישן די אונטערייאָכטע פעלקער, צווישן אונדז און דעם הערשנדיקן פאָלק אין דער מלוכה; בקיצור — צו געפינען אויפמערקזאַמע אויערן צווישן די טערקן, אַראַבער און מינדערהייט־פעלקער.

אין באַריכט וואָס איך האָב צוגעשטעלט צו דער פינפטער קאָנפערענץ, האָב איך אויספירלעך באַשריבן די טרויעריקע לאַגע, אין וועלכער עס גע־פינט זיך די פאַרטיי און די באַוועגונג. אין רוסלאַנד איז אונדזער פאַרטיי אונטערדריקט געוואָרן דורך דעם צאַרישן רעזשים און אין אַמעריקע געפינט זי זיך נאָך אין די וויקעלעך. די טערקישע רעוואָלוציע, וועלכע איז פאַר־געקומען זומער תרס״ח, האָט געעפנט פאַר אונדז נייע האָריזאָנטן. אין די צירקולאַרן נומערן 6 און 7 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געגעבן אַ פולע אויפקלערונג וועגן דער היסטאָרישער געשעעניש. צו דער קאָנפערענץ איז געבראַכט געוואָרן אַ פאָרשלאַג — אויף דער איניציאַטיווע פון די חברים פון ירושלים און יפו — ענערגיש צוצוטרעטן צו דער גרינדונג פון אַ פער־מאַנענטער אַרבעטער־צייטונג און צו גרינדן צו דעם צוועק אַן אַקציען־געזעל־שאַפט. דעמאָלט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט צו דעם צוועק, ווי עס איז דערציילט געוואָרן אויבן.

די פינפטע קאָנפערענץ פון דער פאַרטיי, וועלכע איז פאַרגעקומען אין יפו סוכות תרס״ט, האָט אַריינגעבראַכט אַ גרינטלעכע ענדערונג אין דעם אינערלעכן אָרגאַניזאַטאָרישן אויפבוי פון דער פאַרטיי דורך דעם וואָס זי האָט באַשטימט דריי באַזונדערע ראַיאָנען: א) ירושלים, ב) יפו און די קאָ־לאָניעס, ג) דער גליל. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער ראַיאָן וועט זיין זעלבסטשטענדיק אין דער אָרגאַניזאַציע פון פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, אָבער די פאַרטיי איז פאַרבליבן גאַנץ איינהייטלעך און אין איר שפּיץ איז אַוועקגע־שטעלט געוואָרן אַן עקזעקוטיווע, וועמענס אויפגאַבע עס איז דער עיקר געווען אויפצוהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן די ראַיאָנען און ספּעציעל מיט די פאַר־טייען פון חוץ־לארץ, ווי אויך אָנצופירן די גאַנצע פינאַנציעלע טעטיקייט פון דער פאַרטיי און צו פאַרופן די קאָנפערענץ.

אין עקזעקוטיוו זענען אויסגעקליבן געוואָרן די צוויי חברים זאב אשור און נחום אלקושי און אויף זיי איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צוצו־גרייטן די וועלט־קאָנפערענץ, וועלכע וועט פאַרופן ווערן אין ארץ־ישראל, און נאָכדעם אַ דעלעגאַטן־קאָנפערענץ פון לאַנד. אָבער אלקושי איז נישט גע־בליבן אין ירושלים: ער איז, ווי עס ווייזט אויס, אַוועקגעפאָרן אויף אַ שטיקל צייט קיין עגיפּטן און פון דאָרטן איז ער אַריבער אין גליל. זאב אשור האָט אָנגעפירט מיט דער עקזעקוטיווע אין משך פון עטלעכע מאָנאַטן און נאָכ־דעם זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן אין איר אויפן סמך פון אַ רעפערענדום נאָך צוויי חברים, איך און רחל ינאית.

די אויסגעקליבענע עקזעקוטיווע האָט גענומען אויף זיך צווישן אַנדערע זאַכן: צו זאָרגן פאַר דער איינבאַרופונג פון דער קאָנפערענץ פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון פועלי־ציון אין לאַנד נישט שפּעטער ווי אין 4 ביז 6 מאָנאַטן אַרום און צו פאַרופן פאַר דער זעלבער אַ באַראַטונג פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן און נאָך דער זעלבער אַן אַלגעמיינע דעלעגאַטן־באַראַטונג פון דער פאַרטיי אין לאַנד.

די קאָנפערענץ האָט באַשטעטיקט די אַקציען־געזעלשאַפט „אחדות" און האָט אויסגעקליבן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון פיר חברים פאַרצוזעצן די טעטיקייט פאַר דער גרינדונג פון אַ צייטונג אויף עברית און צו פאַרענדיקן אָט־די אַקציע. די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ — אין די צוגאָבן.

***

דער ווינטער פונעם יאָר תרס"ט, 1908/9, איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון צוליב צוויי וויכטיקע ענינים: די גרינדונג פון דער העברעאישער גימנאַזיע אין ירושלים און דער גענעראַל־שטרייק פון די דרוק־אַרבעטער.

ביז צום יאָר תרס"ט האָט נישט עקזיסטירט אין ירושלים קיין העברעאישע מיטל־שול, אויסער די צוויי שולן פון דער געזעלשאַפט „עזרה": דער לערער־סעמינאַר און די האַנדלס־שולע. אָבער עס איז אַ גרויסער צווייפל צי עס האָט זיך פאַר זיי געפּאַסט דער נאָמען פון אַ העברעאישער שולע, ווייל דער גרעסטער טייל פון די קעגנשטאַנדן זענען דאָרטן געלערנט געוואָרן אויף דייטש און נישט איינמאָל האָבן די לערערס געלאָזט הערן די תלמידים דעם שפּרוך: „דאָס איסט איינע דויטשע שולע". עס איז אַ פאַקט אַז אויך אַלטע ציוניסטן אין ירושלים זענען געצוואונגען געווען צו שיקן זייערע קינדער אין דער דייטשער גימנאַזיע, וועלכע האָט עקזיסטירט איידער עס איז געגרינדעט געוואָרן די העברעאישע. עס איז נאַטירלעך אַז די גרינדונג פון אַ העברעאישער גימנאַזיע אין יפו האָט געשטאַרקט די הערצער פון די יחידים צווישן דעם ניַיעם ישוב אין ירושלים צו גיין אין די פוס־טריט פון די יפו׳ער. די זאַך איז געווען נישט לייכט: עס האָט געפעלט געלט, לערערס און תלמידים. ענדע זומער תרס"ח האָבן זיך צונויפגעטראָפן עטלעכע פון די ווייניקע געזעלשאַפט־לעכע עסקנים, וועלכע האָבן זיך נישט דערשראָקן פאַר קיין שום שוועריקייטן, און זיי האָבן אָפּגעמאַכט צו גרינדן אַ העברעאישע גימנאַזיע אויך אין ירושלים. דאָס לערער־פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן אַ דאַנק דער פרייוויליקייט פון אַ קליינער גרופּע לערערס, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך צו געבן לעקציעס אין דער צוקונפטיקער גימנאַזיע. מיר זענען געווען פיר: איך — פאַר עברית, תנ"ך און גראַמאַטיק, רחל ינאית — פאַר יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע, הער האַלוויטש — פאַר מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסנשאַפטן, פרוי סעלפּיאַן — פאַר צייכענען. נאָך דעם זענען צוגעקומען נאָך אַנדערע לערערס פאַר אַראַביש, פראַנצויזיש און גימנאַסטיק. וואָס אָנבאַלאַנגט די געלט־מיטלען, איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון עלטערן, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט יהושע ברזילי — דער לעבעדיקער גייסט פון דער גאַנצער אונטערנעמונג — דער דאָקטאָר ווייץ און זיין פרוי, הער א. סאָלאָמיאַק און נאָך יחידי־סגולה. די ערשטע תלמידים זענען געווען נישט פיל. צוליב דער פאַרשידנקייט פון דער עלטער פון דעם ערשטן הייפל

תלמידים, זענען מיר געצווונגען געווען צו עפענען קלאַסן פון צוויי־דריי שי־לערס. צווישן די ערשטע זענען געווען די זין פון די גרינדערס און אויך קינדער פון די בוכאַרן און ספרדים. די באַציאונג פון דעם אַלטן ישוב אין ירושלים איז געווען אַ נעגאַטיווע. באַזונדערס איז געווען אַ גרויסע קעגנער־שאַפט צוליב דעם וואָס עס האָבן געלערנט יינגלעך און מיידלעך אינאיינעם. אייניקע פון די מענטשן פון דעם ירושלימער ישוב האָבן, וואָס אַן אמת, גע־וואַגט צו שיקן זייערע זין און טעכטער אין דער גימנאַזיע, אָבער זיי זענען ביטער פאַרפאָלגט געוואָרן דורך די פירערס און פאַרזאָרגערס פון דעם אַלטן ישוב. עס דאַרף געזאָגט ווערן דער אמת, אַז אויך די עסקנים פון יפו האָבן געהאַט אַ באַציאונג פון אומגלויבן און גרינגשעצונג צו דער ירושלימער גימ־נאַזיע. זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז אין ירושלים וועט קענען עקזיסטירן אַ העברעאישע גימנאַזיע און האָבן זיך באַצויגן מיט חשד צו די סאָציאַליס־טישע לערערס. די פינאַנציעלע לאַגע אין אונדזער גימנאַזיע איז געווען זייער שלעכט און די לערערס האָבן געאַרבעט אין שווערע באַדינגונגען. זייער אָפט האָבן מיר נישט באַקומען קיין געהאַלט, אָבער מיר האָבן זיך נישט אָפּגע־שראָקן און האָבן נישט פאַרלאָזט די פּאָסטנס. נאָכדעם ווי עס זענען אַריבער דריטהאַלבן יאָר, האָבן מיר זיך געווענדעט צו דער דירעקציע פון דער גימ־נאַזיע אין יפו און מיר האָבן געבעטן ביי איר הילף און אינספּעקציע, געבנ־דיק איר אַ פרייע האַנט. אַ שטיקל צייט האָט זיך ד״ר מטמן אָפּגעגעבן מיט אָט־דער אויפגאַבע. דערנאָך האָבן מיר איינגעלאַדן אַ נייעם דירעקטאָר, דעם ד״ר שלמה שילער ז״ל, און נייע לערערס: דעם ד״ר טאָרטשינער און אַנדערע און די גימנאַזיע איז אַרויף אויף אַ ברייטן שליאַך.

מען דאַרף אונטערשטרייכן אַז די ירושלימער עסקנים, וועלכע האָבן זיך איבערגעגעבן צו דער גרינדונג פון דער גימנאַזיע, זענען גרעסטנטיילס גע־ווען פאַרגעשריטענע מענטשן. אין דעם גרויסן סיכסוך, וואָס איז אויסגע־בראָכן יענעם יאָר צווישן די אַרבעטער און אַרבעט־געבער אין איינער פון די דרוקערייען פון דער אַלט־שטאָט (די דרוקעריי פון נחום לוי און זיינע שות־פים), האָבן זיך דער גרעסטער טייל פון די עסקנים פון דעם קרייז (ברזילי און ד״ר ווייץ) געשטעלט אויף דער זייט פון די אַרבעטער. דאָס מאָל האָט זיך דער קאָנפליקט נישט באַגרענעצט אויף איין דרוקעריי, נאָר ער האָט זיך פאַרשפרייט אויסער דער זעלבער און האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַן אַל־געמיינעם קאָנפליקט צווישן די אַרבעטער און די אַרבעט־געבער אין ירושלים. אויף דער זייט פון די דרוקעריי־באַזיצערס האָבן זיך געשטעלט אַלע איבע־ריקע בעלי־הבתים. דער סיכסוך האָט זיך שטאַרק אויסגעשפרייט, דער פאַר־איין פון די דרוק־אַרבעטער האָט באַלד ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע און האָט זיך געווענדעט צו דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־פאַראיין, אין דער ערשטער ריי צו די פועלי־ציון, וועלכע זענען געווען צווישן די גרינדער פונעם פאַראיין און האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די אַרבעטער אין זייער קאַמף פאַר אַנשטענדיקע אַרבעטס־באַדינגונגען. פון דער צווייטער זייט, האָבן געהאָלפן

די בעלי־הבתים אַלע אַנשטאַלטן פון דעם אַלטן ישוב און עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין זיי אַ צאָל אָנפירערס פון דעם נייעם ישוב. דער שטרייק האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַן אַלגעמיינעם קאַמף צווישן די אַרבעטער און אַרבעטס־געבער אין אַ מאַסשטאַב, וועלכער איז נאָך נישט געווען באַקאַנט אין לאַנד פריער. די אַלע ענינים פון דעם שטרייק האָב איך אויספירלעך באַשריבן *). איך וועל מיך דאָ בלויז באַנוגענען מיט דעם, אַז דער שטרייק האָט געדויערט מער פון 3 וואָכן און האָט זיך פאַרענדיקט צום גונסטן פון די רעאַקציאָנערע כוחות, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן צו צעברעכן דעם אַרבעטער־פאַראיין. עס איז אַריבער אַ שטיק צייט ביז עס האָט זיך די אַרבעטער איינגעגעבן צוריקצוקומען צו די כוחות און צו באַנייען זייער פאַראיין אין דעם דרוקעריי־פאַך און אין די איבעריקע פאַכן.

עס דאַרף אַקצענטירט ווערן אַז אָט־דער גאַנצער קאַמף איז אין ערשטער ליניע געווען אַן אינערלעכער קאַמף צווישן די אַרבעט־געבער און די אַרבעטער און ביידע צדדים זענען אין זייער גרעסטער מערהייט געווען פון דעם אַלטן ישוב. דער נייער ישוב האָט ביי דעם אַלעמען אויסגעפירט בלויז אַ הילפס־אויפגאַבע, סיי פאַר דעם אַרבעטער־צד (פועלי־ציון, הפועל הצעיר און די עסקנים וואָס זענען אויבן דערמאָנט געוואָרן), סיי פאַרן צד פון די בעלי־הבתים.

איך וועל דערמאָנען אויף דעם אָרט עטלעכע פערזענלעכקייטן צווישן יענע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף און אַרום דעם זעלבן: מרדכי מאַלאַטער, אַ געבוירענער אין ירושלים און אַ גענייטער אַרבעטער, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט אַלס טאַלענטירטער מנהיג. ער האָט פאַרשטאַנען צו לייטן אַלע ענינים פונעם שטרייק מיט מוט און איבערגעבנקייט און צו דערציען און מדריך זיין די דרוק־אַרבעטער. זיין וויסן וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז נישט געווען גרויס, אָבער זיין נאַטירלעכער טאַלאַנט האָט פאַרשטאַנען צו דערגאַנצן דאָס וואָס עס האָט אים געפעלט. צוליב דעם דורכפאַל פון דעם שטרייק האָט ער געליטן מער פון אַנדערע, ביז ער האָט זיך געזען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן ירושלים, זיין געבוירן־שטאָט און אויסצוּוואַנדערן מיט דער גאַנצער פאַמיליע אין אַ פרעמדן לאַנד. נאָכן פאַרלויף פון אַ צאָל יאָרן האָב איך אים געטראָפן אין ניו־יאָרק אַרבעטנדיק אין אַ דרוקעריי, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן אין שאָטן. זיין נאָמען ווערט געלויבט ביז צום היינטיקן טאָג דורך די אַלטע דרוק־אַרבעטער אין ירושלים. יהודה שעכטער, אַן אַלטער אַרבעטער צווישן די אַרבעטער פון דער דרוקעריי פון לונץ, איינער פון די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט וואָס האָט אָנגעפירט

---

*) „אויף די שפורן פון דעם אַלגעמיינעם שטרייק אין ירושלים" (בעקבי האימור הכללי בירושלים) אין דער „השקפה" פון א. בן־יהודה, חשוון תרס"ט און אין דער זאַמלונג „אחדות העבודה" א': דער אַרבעטער אין דער אינדוסטריע, זייט 274־278; אויך אין „מימי היסוד" און אין „דרייסיק יאָר פון דער דרוקעריי אחדות" („אומר" — „דבר", 11.7.41).

ד'עם פּאַראַיין. אין די טעג פון דער פריערדיקער מלחמה איז ער אַוועק אין אויסלאַנד, בכדי זיך צו פּ ע ר פ ע ק צ י א נ י ר ן אין זיין פאַך און אין זיינע קענטעניש און האָט זיך אומגעקערט אין עטלעכע יאָר אַרום, עפּעּ־נענדיק אַ דרוקעריי אין ירושלים. ער איז נפטר געוואָרן ביים אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אשר לייב בריסק, אַ קאָרעקטאָר, אַ ספּעציע־לער טיפּ פון אַ ירושלימער יידן, אַ תלמיד־חכם און אַ פרומער האָט געטראָגן לאַנגע קליידער. אין שבתים און ימים־טובים פלעגט ער טראָגן אַ שטריימל און אַ לאַנגע קאַפּאָטע און אין אָט־דער קליידונג פלעגט ער קומען אויף די פאַרזאַמלונגען פון פּועלי־ציון, ווו ער איז געווען פאַרשריבן אַלס חבר. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע טראַדיציאָנעלע בילדונג און אַ נאַטירלעכן אינס־טינקט פאַר דער פאָרשונג פון אַלטערטימלעכקייטן. טאָג און נאַכט איז ער געווען אויפן בית־הקברות און האָט פאַרצייכנט די אויפשריפטן אויף די מצבות פון דעם הר הזיתים, אייגשליסלעך אַלע יענע אוראַלטע אויפשריפטן וואָס האָבן געקענט אָפּגעמעקט ווערן און פאַרשווינדן אין יאָרן אַרום. דעם צאָלרייכן מאַטעריאַל וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט, האָט ער פאַרעפנטלעכט אין אַ ריי קונטרסים מיטן נאָמען „חלקת מחוקק". די טערקישע רעוואָלוציע האָט ביי אים דערוועקט פיל באַגייסטערונג אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגערופן זיינע צוויי טעכטער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אַלס צווילינג אין יענעם יאָר, „חוריה" און „סולטאַנאַ". אויסער „חלקת מחוקק", האָט ער אַרויסגעגעבן נאָך אַ צאָל בראָשורן אויף פאָלקלאָריסטישע טעמעס. איך וועל דאָ אויך דערמאָנען ישראל שכל, פון דעם כולל אונגאַרן, פון פאַך אַ מילך־פאַרקוי־פער און אַן איבערגעגעבענער חבר פון פּועלי־ציון. מוטיק פלעגט ער יעדע נאַכט אַראָפּנידערן צו די וואַנדערנדיקע בעדואינישע שבטים, אויף די אָפּ־האַנגען פון די בערג פון יהודה, קויפן ביי זיי ציגענע און שעפסענע מילך, אומקערנדיק זיך פאַרטאָג אין שטאָט אַריין, בכדי דאָס צוצושטעלן צו זיינע קונדן. דאָס אַלץ איז געווען נאַטירלעך איידער עס האָט נאָך עקזיס־טירט די „תנובה" אין לאַנד... אָפטמאָל פלעג איך אים באַגלייטן אויף אָט־די בייינאַכטיקע שפּאַצירן, בכדי זיך פון דער נאָענט צו באַקענען מיט די בעדו־אינישע געוווינהייטן. און נישט ווייניק האָב איך געלערנט פון אָט־די באַ־זוכן. אין די טעג פון דער פריערדיקער מלחמה איז דער ח' שכלס דערמאָר־דעט געוואָרן ד'רך אַראַבישע מערדער און עס איז נישט געפּאַדערט געוואָרן קיין פאַרגיטיקונג פאַר זיין בלוט. איך וועל נאָך דערמאָנען נאָר איין חבר פון צווישן די סטאָליאַרעס, וועלכער האָט געהייסן יקותיאל און האָט גענומ־מען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם שטרייק פון די דרוק־אַרבעטער. ווען עס זענען אויף אים אָנגעפאַלן פאַליציאַנטן אין דער אַלט־שטאָט, האָט ער זיך פאַרטיידיקט מיט אַ רעוואָלווער און האָט זיי פאַרטריבן פון זיך, אָבער זיין נאָמען איז זיי געווען באַקאַנט און אינגיכן איז ער אַרעסטירט געוואָרן. נאָך זיין באַפרייאונג איז ער אַנטלאָפן פון ירושלים קיין פראַנקרייך און פון דע־מאָלט אָן זענען פאַרלוירן געוואָרן פאַר מיר זיינע שפּורן.

די ראַיאָן־באַראַטונג אין סעדזשעראַ און די פאַרזאַמלונג פון „השומר" אין כפר־תבור

דעם ווינטער תרס"ט האָבן מיר פאַרבראַכט אין ירושלים מיט אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, ווען דעמאָלט האָט זיך באַרויקט דאָס צו־שטערטע נאָכן דורכפאַל פון דעם גענעראַל־שטרייק. אין יענע טעג איז אַרויפ־געלייגט געוואָרן אויף מיר און אויף די איבעריקע לערערס פון דער גימנאַזיע צו פאַרפעסטיקן אָט דעם נייעם אַנשטאַלט. אויך די פּאַרטיי־ענינים זענען דעמאָלט געווען קאָנצענטרירט אין מיינע הענט און איך האָב געדאַרפט אָנ־האַלטן קאָנטאַקט מיט די חברים פון יהודה און גליל. לויט די באַשלוסן פון דער לעצטער קאָנפערענץ, איז אָנפאַרטרויט געוואָרן דער צענטראַלע פון דער פּאַרטיי אויסצובורייטערן די קאָמפּעטענץ פון אירע אַנשטאַלטן, דעריבער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט אין גליל; דאָרטן האָבן זיך קאָנצענטרירט די בעסטע פון אונדזערע מענטשן, וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן צו שמירה, און אויך די בעסטע אַקטיווע חברים וואָס האָבן געטרוימט וועגן דער שאַפונג פון אַ נייעם צענטער פון יידישער אַרבעט אין די בערג פון אויבערשטיין גליל און אין די טאָלן פון אונטערשטן גליל. אַ קענטיקע צאָל פון חברים האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין די ווירטשאַפטן פון דעם באַראָנס קאָלאָניסטן אַלס „חרתים" *), אָדער אַלס יערלעכע אַרבע־טער. זיי האָבן גענומען אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון דער יערלעכער אַרבעט און האָבן געגרן אַריבערגעטראָגן די לעבנס־באַדינגונגען פון דעם אַראַבישן

---

*) מיטן נאָמען „חרת" (אַקערער — חורש) איז אָנגערופן געוואָרן אַ יערלעכער לוין־אַרבעטער, וועלכער מאַכט פאַר זיין באַלעבאָס די אַרבעט אין משך פונעם גאַנצן יאָר: ער אַקערט און זייט, שניידט און דרעשט אַזוי ביז ער פאַרענדיקט אין שייער. זיינע אַרבעטס־שעהן זענען אומבאַשטימט. ער איז פאַרנומען מיט זיין אַרבעט פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג און אויך ביינאַכט ווייסט ער נישט פון קיין רו, ווייל ער מוז אויפשטיין האַלבע נאַכט צו געבן עסן און טרינקען פאַר די בהמות; אין די טעג פון „רביעה" דאַרף ער זיי אויך פירן ביינאַכט אויף דער פּאַשע. דער „חרת" האָט נישט קיין דירה, נאָר ער וווינט אין שטאַל און אויך זיין עסן איז אַן אָרדינער אַראַביש עסן, „פּיתא" (אַזאַ מין פלעצל), אַביסל מאסלינעס „סמנה" (אַראַבישע פּוטער), רייז אַזוי; אַלס באַלוינונג באַקומט ער — ביים סוף פונעם יאָר — אַ טייל פון דעם גערעטעניש און אַ קליינע סומע געלט. דאָס איז דער וועג פונעם אַראַבישן אַרבעטער.

„חרת“. אַט־די צוויי זאַכן, די אַרבעט און די שמירה, זענען געגאַנגען צו־זאַמען און טראָץ דעם וואָס דער געדאַנק פון קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע איז נאָך נישט געווען רייף, האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ קאָלעקטיוון לעבן.

איך וועל דאָ ברענגען אַ בריוו פון איינעם פון אונדזערע ערשטע חברים, ישראל קאָרנגאָלד ז״ל, וועלכער איז געפאַלן פסח פון יענעם יאָר. דער חבר קאָרנגאָלד פון ביאַליסטאָק האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אונדזער באַוועגונג נאָך אין רוסלאַנד און ווען ער איז עולה געווען אין לאַנד אַריין האָט ער זיך געווענדעט צום גליל. ער האָט קאָנצענטרירט די אַרבעט פון פּועלי־ציון אין דעם אונטערשטן גליל און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דעם „השומר“. דער בריוו איז פון מאָנאַט כסלו תרס״ט און איך ברענג אים לויט דעם אָריגינאַל אויף יידיש, וואָס האָט זיך אויפגעהיט ביי מיר:

„אייער בריוו פון א׳ חשון האָבן מיר באַקומען צוריק מיט פיר וואָכן. צו אונדזער גרויסן באַדויערן האָבן מיר נישט געקענט פאַרופן אונדזערע גלילער חברים אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, בכדי איינצואָרדענען די אַרבעט אינעם ראַיאָן פון גליל אין איינקלאַנג מיט די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ (סוכות תרס״ט). די סיבה פון דעם איז גענוג וויכטיק: די אַר־בעטער פון די אַרטיקע קאָלאָניעס אין גליל זענען נישט קיין טעגלעכע, נאָר מאָנאַטלעכע אָדער יערלעכע. איצט איז דער סעזאָן ווען די אַרבעטער זוכן פאַר זיך אַן אַרבעטס־פּלאַץ און דער סעזאָן האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט — די חברים וואָס זענען פּעאיק עפּעס אויפצוטאָן אויפן פעלד פון פּאַרטיי־אַרבעט, זענען געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן איינאָרדענען זיך אויף אַר־בעטס־פּלעצער און וואָס שייך די איבעריקע אַרבעטער, זענען זיי דאָך מיט־גלידער אויך פון „החורש“ און עס איז אומעגלעך דאָס אָפּצולייגן, ווייל עס איז איינע פון די מצוות וואָס זענען אָפּהענגיק פון אַ באַשטימטער צייט.

„איצט האָבן מיר גערופן אַ זיצונג אין דער קאָלאָניע מסחה (דאָס איז כפר תבור) שבת כ׳ חשון (דעם 14טן נאָוועמבער), מיט דעם פאָלגנדיקן טאָג־אָרדענונג: א) אונדזער אַרבעט אין גליל, ב) דער פאַראיין, וואַלן צו דעם ראַיאָן־קאָמיטעט, ג) אונדזער באַציאונג צום „החורש“, ד) „האחדות“, ה) פאַרשידענעס. וועגן אַלע אויסגערעכנטע פּונקטן זענען אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן, וועלכע מיר שיקן אייך דאָ איבער. מיר האָבן פאַרהאַלטן דאָס אָפּשיקן פון דעם באַריכט ביז איצט, ווייל מיר האָבן געוואָלט ביילייגן צו דעם זעלבן עטלעכע פראַנקן פאַר די אויסגאַבן פון דעם עקזעקוטיוו, אָבער צו אונדזער גרויסן באַדויערן האָבן מיר עס נישט באַוויזן, ווייל די חברים זענען זייער געעָנגט און דערוויל באַנוגענען מיר זיך מיטן איבערשיקן פונעם באַריכט און די רעזאָלוציעס. העכסטנס אין אַ וואָך אַרום וועלן מיר אייך שיקן צען פראַנק.

„מיר בעטן אייך אונדז צו אינפאָרמירן וועגן דער לאַגע פון די איבע־

ריקע צוויי ראַיאָנען (יהודה און שומרון) און אויך וועגן דער טעטיקייט פון דעם עקזעקוטיוו. ווען וועט פאַרקומען די וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון? און וואָס הערט זיך וועגן אונדזער אָרגאַן? וועט ער אָנהויבן דערשיינען צום נייעם יאָר? און וואָס פאַר אַ נייעסן זענען פאַראַנען אין דעם פּאָליטישן לעבן פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער טערקיי? האָט זיך שוין פאַרזאַמלט דאָס רע־פּרעזענטאַנטן־הויז? צו דער קאָמיסיע פון „אחדות" האָבן מיר נעכטן גע־שריבן.

מיט חברישע גרוסן, אין נאָמען פון דעם ראַיאָן־קאָמיטעט פון גליל — ישראל קאָרנגאָלד".

בכדי צו דערגאַנצן דאָס בילד, וועל איך דאָ ברענגען אַ פראַגמענט פון די מעמואַרן פון איינעם פון די עלטסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, פון אונדזער חבר יצחק תמרי. (היינט איז ער אַ חבר אין משק יגור), וועל־כער דערציילט וועגן דער עפּאָכע נאָך די געשעענישן אין סעדזשערא.

„די שמירה אין כפר תבור איז געווען אין די הענט פון דעם „השומר", געגרינדעט דורך די חברים פון פועלי־ציון. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שמירה אין דאָרף איז געלעגן אויף אַלכסנדר זייד און אויף מאיר כאַזאַ־נאָוויטש. נאָך פסח הויבט זיך אָן די שניט־צייט. די אַרבעט ברענט. דעם חבר זייד האָט זיך איינגעגעבן, נאָך שווערע אָנשטרענגונגען, צו באַזאָרגן זיבעצן אַרבעטער מיט אַרבעט ביי די קאָלאָניסטן פון כפר־תבור. די מער־הייט פון אָט־די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין כפר־תבור, זענען געווען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי פועלי־ציון און אַ מינדערהייט איז געווען פון אומפּאַרטייאישע. דער געדאַנק וואָס האָט באַגייסטערט די חברים פאַר אָט־דער אויסערגעוויינטלעך שווערער אַרבעט — די אַרבעט פון לוין־אַרבעטער ביי די קאָלאָניסטן פון גליל — איז געווען די דעראָבערונג פון דער אַרבעט אין די קאָלאָניעס, וועמענס טייטש איז געווען אין דער ערשטער ליניע די דעראָבערונג פון אַ נייער קאָלאָניזאַטאָרישער באַזע פאַרן יידישן פאָלק און פאַרן יידישן אַרבעטער אויף פּלעצער, ווו ביז דעמאָלט האָט ער נישט גע־קענט אַריינשטעלן זיין פוס, ווייל די גאַנצע אַרבעט פלעגט געמאַכט ווערן מיט פרעמדע הענט. צווייטנס האָבן זיי געהאַט די כוונה דורך דעם צו באַ־איינפלוסן דעם יונגן דור פון די קאָלאָניעס אין אונדזער גייסט — אינעם גייסט פון דער יידישער אַרבעט — און צו דערוועקן ביי אים דעם ווילן זיך צו באַפרייען פון צו זיין אָפּהענגיק פון פרעמדער אַרבעט; אים צו דערציען ער זאָל ליב האָבן זיין שפּראַך, זיין פאָלק און זיין פאָטערלאַנד און אים צו פאַרבינדן מיטן באָדן פון זיין היים, מיט דער אַרבעט און מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלגעמיין. אין יענער צייט האָבן די קאָלאָניסטישע יוגנטלעכע זין, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין די קאָלאָניעס, געהאַט אַ נייגונג צו פאַר־לאָזן די קאָלאָניעס און אויסצוואַנדערן קיין אויסלאַנד, און שוין דער ביי־שפּיל אַליין פון יוגנטלעכע, וואָס זענען עולה פון חוץ־לארץ מיטן צוועק צו

אַרבעטן אין ארץ־ישראל, האָט באַאיינפלוסט צום גוטן יענע יונגע קאָלאָ־ניסטישע זין.

נאָך איין ציל האָבן מיר געהאַט — צוגרייטונג פאַר אונדזער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער אויפגאַבע אינעם לאַנד.

מיר האָבן גענומען אויף זיך מיט ליבשאַפט אַלע שוועריקייטן פון די באַדינגונגען, דעם לאַנגן אַרבעטס־טאָג, וואָס הויבט זיך אָן פאַרטאָג און ציט זיך ביז צו דער פינצטערניש, אויך דאָס ביינאַכטיקע באַשעפטיקן זיך מיט די בהמות. אין אַלגעמיין האָט דער אַרבעטס־טאָג געדויערט נישט ווייניקער פון 16 שעה אין מעת־לעת. מיר האָבן געאַרבעט מיט ליבע, גייסטיקן ברען, ווילן צו באַהערשן זיך אַליין פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. עס האָט פאַר אונדז נישט געהאַט קיין באַדייטונג די באַציאונג פון דעם קאָלאָניסט, דאָס קנאַפּע עסן און דער קלעגלעכער לוין (אין גאַנצן צוועלף פראַנק פאַר אַ גאַנצן אַרבעטס־סעזאָן). דער ציל וואָס איז געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן, איז געווען זיך צו פאַרוואַנדלען אין ערד־אַרבעטער, בכדי מיר זאָלן זיין צוגעגרייט זיך צו באַטייליקן אין דער אויפלעבונג פון די וויסטענישן פון אונדזער לאַנד, צו זיין צווישן די אויסלייזערס פון דער יידי־שער אַרבעט, פון דער העברעאישער שפּראַך און פון דער יידישער ערד און צו גיין ווי אַ פּיאָנער פאַר דער מחנה, פאַר די יידישע מאַסן וואָס וועלן קו־מען אין לאַנד אַריין. מיר האָבן טיף געגלויבט, אַז די זעלבע וועלן מוזן עולה זיין אין לאַנד אַריין נאָך אונדז, פריער אָדער שפּעטער.

יעדער אַרבעטס־טאָג אין פעלד האָט פאַר אונדז מיט זיך געבראַכט אַ געפיל פון גליק און גרויסער באַפרידיקונג, ווייל ער דערנעענטערט אונדז צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם געדאַנק, וואָס איז פאַר אונדז טייער און הייליק. מיט אַזאַ געפיל פון צופרידנקייט פלעגן מיר פאַרענדיקן די לאַנגע וואָכן־טעג, אַרויסקוקנדיק אויפן אָנקום פון דעם רו־טאָג, דעם שבת.

איך געדענק ווי מיר פלעגן זיך אַלע אינאיינעם פאַרזאַמלען אין די שבתדיקע נעכט און מאירקע כאַזאַנאָוויטש פלעגט אָנהויבן צו זינגען „די יום־טובדיקע טעג הויבן זיך אָן צו באַווייזן” און אַלע פלעגן מיטזינגען. מאירקע פלעגט נעמען אַ ליידיקע בלעך און קלאַפּן אויף איר און אין זיין האַנט פלעגט זיך די בלעך פאַרוואַנדלען אין אַ פּיאַנאָ. וואָס פאַר אַ געזאַנג דאָס איז געווען? די מענטשן פלעגן זיך פאַרוואַנדלען אין מלאכי־השרת און די וועלט איז געוואָרן אָנגעפילט מיט גוטסקייט; עס פלעגט אויסברעכן אַ „הורה” ביז די כוחות האָבן זיך אויסגעלאָזט און ווידער האָט מען געזונגען „עס שיינט די לבנה” פון ש. פרוג און מאירקע מיט זיין גאַרמאָשקע האָט באַגלייט דעם כאָר; און ווידער חסידישע טענץ ביז עקסטאַז: עס איז גוט צו לעבן פאַר אונד פר לאַנד!

אין די שבתים איז מען זיך זייער אָפט צונויפגעקומען אויף פאַרזאַמ־לונגען פון די אָפּטיילונגען פון פועלי־ציון און מען האָט באַהאַנדלט די פראַגן וואָס האָבן זייער שטאַרק באַשעפטיקט. רעפעראַטן און דיסקוסיעס, עפּנט־

לעכע פאַרלעזונגען פון „האחדות“ און פון דער פאַרטייאישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור אויף אַקטועלע טעמעס. די געדאַנקען און די וועלט־אָנשויאונג פון דער פאַרטיי זענען געווען די ראַמען פאַר אונדזער לעבן און אַרבעט, אָבער טיילמאָל זענען די שבתים באַשטימט געוואָרן פאַר שפּאַצירן צופוס אין די נאָענטע קאָלאָניעס, גייענדיק אַהין און אומקערנדיק זיך דעם זעלבן טאָג.

אין די שבתדיקע פּראָגראַמען פלעגן אויך אַריינגיין שפּילערייען און ספּאָרט. דער לעבעדיקער גייסט אויף דעם געביט איז שטענדיק געווען אלכּסנדר זייד. אונדזער לעבן איז געווען רייך און אינהאַלטספול...“

עס איז נאַטירלעך, אַז ווען עס זענען אָנגעקומען די פרייע טעג פאַר פסח האָבן מיר באַשלאָסן, איך און רחל, צו גיין אין גליל און זיך צו באַטייליקן דאָרטן אין דער ראַיאָן־באַראַטונג, וואָס איז געווען באַשטימט אויף פסח אין סעדזשערא. לערך אַ וואָך פאַר יום־טוב האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט צופוס. פינף חברים זענען מיר געווען: איך און רחל, יוסף נחמני און צוויי יוגנטלעכע פון אונדזערע ספרדישע חברים, תלמידים פונעם לערער־סעמינאַר: יהודה בורלא און דוד אבישר. אין אָנהויב האָבן זיך געוואָלט אָנשליסן צו אונדז נאָך איינער אָדער צוויי ספרדישע יוגנטלעכע, אָבער עס האָבן זיך פון דעם דערוווסט זייערע עלטערן. זיי האָבן נישט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז זייערע זין וועלן נישט אָנטיילנעמען מיט זיי צוזאַמען אינעם פסחדיקן „סדר“ און עס איז כמעט דערגאַנגען ביז צו פאַמיליע־טראַגעדיעס... צום סוף האָבן מיר פאַרציכטעט אויף דער באַטייליקונג פון די אַנדערע און עס זענען פאַרבליבן בלויז די צוויי פריער דערמאָנטע. פאַרנאַכט זענען מיר אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָט. מיר האָבן אַראָפּגעגידערט פון די ירושלימער בערג, זענען פאַרבייגעגאַנגען מוצא און אבו־גוש, דעם „טויער פון די ווינטן“ (בבאל־הווה), דעם „שער הגיא“ (דער טויער פון דער נידערונג) און מיר זענען געגאַנגען מיטן פלאַכלאַנד ביז רמלה. פון דאָרטן האָבן מיר זיך פאַרנומען קיין צפון. פאַרטאָג האָבן מיר דערגרייכט ביז צו די אָליוונוועלדלעך פון לוד. דאָרטן האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן צוויי־דריי שעה, מיר האָבן איבערגעכאַפּט די כוחות און זענען געגאַנגען ווייטער קיין פתח־תקוה, חדרה און חיפה און די איינדרוקן וואָס איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך אויף יענעם מאַרש לעבן נאָך אין מיר ביז צום היינטיקן טאָג.

אין חיפה האָבן מיר גערוט. דאָ האָט זיך אונדז געטראָפן אַ וואָגן פון סעדזשערא, מיט וועלכן מיר זענען געפאָרן אינאיינעם מיט נאָך עטלעכע חברים און חברות. מיר האָבן אַרויפגעזעצט די חברות אויפן וואָגן און די חברים האָבן זיך געביטן לויט דער ריי. די וואָס זענען נישט געזעסן, זענען נאָכגעגאַנגען צופוס אין איינקלאַנג מיטן ווערטל: „נאָך אַ שווערן וואָגן איז גוט צו גיין צופוס“. מיר זענען געגאַנגען די גאַנצע נאַכט און איבערפרי האָבן מיר דערגרייכט צו דער פאַרם פון סעדזשערא, דער ערשטער ישוב, וואָס דער „השומר“ האָט באַוויזן איינצונעמען און דאָרטן צו באַפעסטיקן די

יידישע שמירה. צו אַט־דער דעראָבערונג האָט אונדז נישט ווייניק פאַר־האָלפן דער דירעקטאָר פון דער פאַרם הער א. קראַוזע, וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע און איינציקע וואָס האָבן פאַרשטאַנען דעם ווערט פון דער יידישער אַרבעט און שמירה פאַר אונדזער צוקונפט אין לאַנד.

מיר זענען אָנגעקומען אויף דער פאַרם זונטיק אינדערפרי י״ג ניסן. דאָרטן האָבן מיר געפונען אונדזערע אַלטע חברים און אויך די נייע וואָס זענען צוגעקומען, אַ טייל פון וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט שמירה און די איבעריקע מיט אַרבעט. צווישן די צענטראַלע חברים זענען געווען ישראל שוחט און מאַניאַ, ישראל גלעדי, די שוועסטער שפרה, שרה און אסתר שטור־מאַן, קיילע און צפורה בעקער, די חברים צבי בעקער, שמואליק העפטער, אליהו איתן און מענדל פּאָרטוגאַלי; צווישן די אַרבעטער וואָס האָבן דע־מאָלט געאַרבעט אויף דער פאַרם זענען געווען דוד בן־גוריון, ישראל קאָרנ־גאָלד, נחום אלקושי און יעקב פּלאָטקין.

די חברים האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט. דער גרויסער דעפּאָזיט וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער זיצונג איז געווען באַצירט מיט בלומען און די ווענט באַהאַנגען מיט קינדזשאַלן און שווערדן. דער אַלטער פּלאָטקין איז געווען דער אויפזעער איבער די צוגרייטונגען. עס איז געווען ערב יום־טוב. מיר האָבן זיך אַלזאָ געגרייט צו דער קאָנפערענץ און צו דעם סדר, אָבער אונדזערע צוגרייטונגען זענען באַגלייט געוואָרן דורך זאָרג, ווייל איי־נער פון אונדזערע חברים, וואָס האָט זיך פאַרזאַמט אין וועג, איז נאָך נישט אָנגעקומען. דאָס איז געווען דער חבר מ. פעכטער, אַ פאָטאָגראַף, וועלכער האָט זיך געדונגען אַן אייזל וואָס זאָל פירן זיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, ווייל ער האָט געוואָלט מאַכן אויפנאַמעס אין גליל. נאָך זון־אונטערגאַנג איז אָנגעקומען דער חבר פעכטער אַליין, אַ פאַרוואונדעטער: באַלאַדן איז ער אַרויסגעגאַנגען פון חיפה און מיט גאַרנישט איז ער אָנגעקומען קיין סע־דזשערא. ער האָט דערציילט וואָס עס האָט זיך מיט אים געטראָפן אין וועג: צווישן כפר־כנה און סדזשערא זענען אים באַפאַלן באַנדיטן פון דער אונ־טערוועלט פון דאָרף און האָבן ביי אים צוגערויבט דעם אייזל און אַפּאַראַט, וועלכער איז געווען זיין אַרבעטס־געצייג און זיין איינציקער קוואַל פון פרנסה. מען האָט אים געשלאָגן און ער האָט זיך פאַרטיידיקט מיטן רעוואָל־ווער און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט פאַרוואונדעט איינעם פון די אַראַבער. דורך אַ נס האָט ער זיך געראַטעוועט און איז אָנגעקומען קיין סעדזשערא. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אָנגעקומען דער אַראַבישער אייזל־טרייבער מיט זיין אייזל, אויך ער אַ צושלאָגענער און פאַרוואונדעטער. דער אייזל־טרייבער האָט דערציילט, אַז איינער פון די אָנפאַלער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן, דעריבער האָבן די באַנדיטן אָפּגעלאָזט פריי דעם אייזל, אָבער זיי האָבן באַוויזן שטאַרק צו צעשלאָגן זיין אייגנטימער און מיטצונע־מען דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. ביינאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז דער אַראַבישער פאַרוואונדעטער, אַ קריסט פון כפר־כנה, איז געשטאָרבן.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די זאַך וועט אונדז קאָסטן קרבנות. מיר האָבן זיך באַראַטן צווישן זיך און באַשלאָסן קודם־כל אַרויסצושיקן דעם פּאָטאָ־גראַף פון סעדזשערא, ווייל מיר האָבן געוווסט אַז די פאַמיליע פון דעם דערהרגעטן וועט זיך באַמיען אויסצולייזן זיין בלוט. מיר האָבן אים איבער־געטאָן אין פּרויען־קליידער, אַוועקגעשיקט קיין טבריה און פון דאָרטן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אויסטראַליע. אָבער די פראַגע פון דער בלוט־נקמה איז פאַרבליבן גילטיק ווי געווען! מיר האָבן געוווסט אַז עס לויערט אויף אונדז אַן אומגליק און אַז די מענטשן פון כפר־כנה וועלן נישט רוען ביז זיי וועלן פאַרגיסן יידיש בלוט. מיר האָבן זיך געשטאַרקט און אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ סדר של פּסח ווי עס באַדאַרף צו זיין און אויך טענץ האָבן נישט געפעלט. אָבער מיר האָבן אַלע געוווסט, אַז דער ענין איז נאָך נישט פאַרענדיקט. נאָכן סדר זענען מיר אַלע געשטאַנען אויף דער וואַך און אָפּגעוואַרט וואָס עס וועט קומען. יענע נאַכט בין איך געשלאָפן מיט ישראלקע קאָרנגאָלד אין איין צימער. פאַרטאָג איז ער אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען זוכן די שפּורן פון די באַנדיטן, וועלכע ער האָט געהאָפט צו געפינען לויט די סימנים פון בלוט. אָבער אַלע זיינע זוכענישן זענען געווען אומזיסט און ער האָט זיך אומגעקערט מיט דעם זעלבן וואָס ער איז אַוועק־געגאַנגען. עס קען זיין, אַז די בלוט־אויסלייזער, די מענטשן פונעם דאָרף כנה, האָבן שוין געלויערט אין דער סביבה, האָבן געזען ישראלן און זענען נאָכגעגאַנגען זיינע שפּורן. יעדנפאַלס האָט דער גורל אויסגעקליבן אים פאַר אַ קרבן.

אין יענע טעג זענען נאָך נישט געווען קיין טעלעפאָנען אין לאַנד און עס איז נישט געווען קיין פאַרבינדונגען צווישן די קאָלאָניעס. אין דער צייט וואָס מיר זענען געזעסן אויף דער פאַרזאַמלונג פון „השומר" אין כפר־תבור, האָבן מיר נישט געוווסט וואָס עס האָט זיך געטראָפן אין סעדזשערא... און דאָרטן האָט זיך דערוויל געטראָפן אַ דאָפּלט אומגליק: די משפחה־מיטגלי־דער פון דעם אומגעקומענעם אַראַבער האָבן געלויערט אויף איינעם פון אונדזערע חברים שומרים, וועלכער האָט אָפּגעהיט דעם שייער. זיי האָבן זיך אונטערגעגנבעט הינטער אים, האָבן אויף אים געשאָסן און ער איז געפאַלן טויט אויף זיין פּאָסטן, דעם זיבעטן טאָג פּסח. דאָס איז געווען דער חבר ישראל קאָרנגאָלד. איינער פון די צענטראַלע מענטשן אין דער באַוועגונג און איינער פון אונדזערע מוטיקסטע שומרים. ווען די מערדערס זענען אַנט־לאָפן, זענען אַרויס אַ צאָל פון די קאָלאָניסטן און האָבן אָנגעהויבן זיי נאָכ־צויאָגן. צווישן זיי איז געווען שמעון מלמד, אַ יתום פון קעשענעוו, וועמען ישראל בעלקינד האָט געבראַכט אין לאַנד אַריין און איינער פון די ערשטע קאָלאָניסטן אין סעדזשערא. ער האָט נאָכגעיאָגט די רוצחים צווישן די וויין־גערטנער און ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז ער איז איינער אַליין, האָבן זיי זיך אויסגעדרייט, געשאָסן אויף אים און אים אומגעבראַכט אויפן אָרט. אַזוי זענען געפאַלן ביידע און די דאָפּלטע מצבה אויפן בית־הקברות אין סעדזשער־

רא דערציילט פאַר די קומענדיקע דורות וועגן די ערשטע פאַרטיידיקערס פונעם פאָטערלאַנד, וועלכע האָבן מקריב געווען זייער לעבן פאַר דעם זעלבן. איך בין מיך מקדים פאַר די געשעענישן.

פאַר דער באַראַטונג פון „השומר" אין כפר־תבור איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די באַראַטונג פון די פּועלי־ציון, און פון איר וועלן מיר אָנהויבן.

די ראַיאָן־באַראַטונג פון פּועלי־ציון איז פאָרגעקומען אינעם הויז פון איינעם פון די קאָלאָניסטן אין סעדזשערא און דערביי זענען געשטאַנען באַוואָפנטע חברים אויף דער וואַך, זענען געהאַנגען וואָפן אויף די ווענט און די אנטיילנעמער פון דער באַראַטונג האָבן זיך אַלע געפונען אין אַ צושטאַנד פון „גרייטקייט". דער גייסט פון השומר האָט געשוועבט איבער די וואָס זענען געקומען צו דער באַראַטונג און מיר האָבן באַשיינפּערלעך געזען אַז די גרענעצן צווישן דער פּאַרטיי, דער אַרבעטער־פּאַרטיי, און צווישן דעם פאַראיין „השומר", זענען בטל געוואָרן.

אין דער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט זעכצן דעלעגאַטן: צוויי פון סעדזשעראַ, צוויי פון מלחמיה, דריי פון מצפּה, צוויי פון מסחה, צוויי פון חיפה, איינער פון כנרת, צוויי פון יבניאל און צוויי פון ירושלים.

די דערעפענונג איז פאָרגעקומען פרייטיק פאַר מיטיק. אַלס פאָרזיצער איז אויסגעקליבן געוואָרן דוד בן־גוריון און אַלס סעקרעטאַרן רחל און נחום אלקושי.

אַ מיטגליד פון דעם ראַיאָן־קאָמיטעט האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט. ער האָט דערקלערט אַלע אָביעקטיווע שוועריקייטן, אויף וועלכע עס שטויסט זיך אָן די גאַנצע פּאַרטיי־אַרבעט אין די קאָלאָניעס פון גליל און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די אויפגאַבן פון „החורש", וועלכער איז געווען דער צענטראַלער פאַך־אַנשטאַלט פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין גליל. זיינע שלוסן וועגן דער פּאַרטיי־אַרבעט זענען געווען סקעפּטיש. דוד בן־גוריון האָט פּאָלעמיזירט וועגן די שלוסן און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער נאַציאָנאַלער זייט פון אונדזער אַרבעט, וועלכע איז לויט איר נאַטור אַן אָרגאַנישער טייל פון אונדזער נאַציאָנאַלער אַרבעט אויפן גאַנצן שטח פון ארץ־ישראל און האָט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט פון קולטורעלער און דעמאָקראַטישער אַרבעט. צו די פּעסימיסטישע שלוסן האָבן זיך אויך אַנטקעגנגעשטעלט די איבעריקע דעלעגאַטן. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אויף דער אַלגעמיינער זייט פון דער פּראָבלעם, אויפן ארץ־ישראלדיקן ישוב אַזוי ווי ער איז, און האָב אַקצענטירט די באַדערפעניש אָנצוהויבן אַרבעטן אין די שטעט, הויפּטזעכלעך אין טבריה. די באַשלוסן זענען אָנגענומען געוואָרן אין דעם גייסט פון מיינע און בן־גוריונס פאָרשלאָגן. אויף יענער זיצונג זענען ברייט באַהאַנדלט געוואָרן די ענינים פון „החורש" און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ קלאָרער פּאָזיטיווער באַשלוס. די צווייטע זיצונג איז אָפּגעגעבן געוואָרן צו די ענינים פון „האחדות". עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ דרוקעריי, פאַרצוזעצן מיטן אַרויסגעבן פון בראָשורן און צו קויפן אַקציעס

פונעם פאַרלאַג „אחדות". עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצושיקן אַ חבר, וואָס זאָל באַזוכן די טערקישע שטעט. אין ראַיאָן־קאָמיטעט זענען אויסגעקליבן געוואָרן: ישראל קאַרנגאָלד און נחום און אַלס פאַרטרעטער ישראל בוטערבראָט, דאָס איז געווען גלעדי. אלכסנדר זייד איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאַרטרעטער פונעם קאָמיטעט אין מסחה, משה אינגערמאַן — אין כנרת, משה שחר — אין ימה (יבניאל) און בערל ביעלאָדוואָרסקי — אין מצפה.

אויף די קומענדיקע זיצונגען איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון דער וועלט־קאָנפערנעץ פון פועלי־ציון, וועלכע וועט זיך פאַרזאַמלען אין ארץ־ישראל, און פון דער ארץ־ישראלדיקער דעלעגאַטן־קאָנפערענץ, וועלכע וועט פאַרופן ווערן פאַר דער וועלט־קאָנפערענץ און וועט צוגרייטן פאָרשלאָגן. עס זענען אויך באַהאַנדלט געוואָרן ענינים אין פאַרבינדונג מיטן נאָענטן ציוניסטישן קאָנגרעס און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ פאָנד פאַר די רייזע־הוצאות פון די דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף יעדן חבר די פליכט בייצושטייערן צו דעם פאָנד מיט איין פראַנק.

אויף יענער באַראַטונג האָב איך רעפערירט וועגן דער אַגראַר־פראָבלעם בכלל און וועגן אונדזער באַזונדערער פראַגע, אָבער צוליב דער געשעעניש וואָס איז פאָרגעקומען איז מיין רעפעראַט צוויי מאָל איבערגעריסן געוואָרן.

איך דאַרף דאָ אונטערשטרייכן, אַז אַלע שומרים האָבן געשטרעבט צו ערד־אַרבעט און צו קאָלעקטיוון לעבן: זינט דעם אָנהויב, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער פאַראיין בר־גיורא, האָבן זיינע מיטגלידער געכאָוועט אין זייערע הערצער דעם געדאַנק פון קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע אין אַ באַזונדערן מושב, וועלכער זאָל דינען אַלס פעסטונג פון שמירה, פון יידישער פאַרטיידיקונג, און אַלס היים פאַר זייערע פאַמיליעס. דעריבער האָבן מיר געזוכט צו געווינען די שומרים נישט נאָר צו שמירה נאָר אויך צו אַרבעט. און אין דער אמתן איז אויף דער קאָנפערענץ פון „השומר" באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרפליכטן אַלע חברים אָפּצוגעבן וויניקסטנס איין יאָר אויף אַרבעט אַלס „חרתים", בכדי זיך צו דערוואַרבן קענטעניש אין ערד־אַרבעט אין אַלע סעזאָנען פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן יאָר. אין אָט־דער פּראָפּעסיאָנעלער דעראָבערונג איז געווען עפּעס פון אַ מצוות עשה, אַ פליכט וועלכע איז דערפילט געוואָרן לויט דער גאַנצער שטרענגקייט פון דער שווערער דיסציפּלין, וועלכע איז געווען אָנגעפירט אין די רייען פון „השומר". די יידישע „חרתים" זענען אַלע געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער שמירה און זייער אָפּט איז אַריינגעפירט געוואָרן אַן אויסדריקלעכער באַדינג אין דעם שמירה־קאָנטראַקט צווישן דער קאָלאָניע און דעם „השומר", אַז די קאָלאָניע פאַרפליכטעט זיך צו געבן אַרבעט פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל יידישע „חרתים". און אין דער ווירקלעכקייט זענען יענע אַרבעטער, סיי ווען זיי זענען געווען מיטגלידער פון „השומר" ממש און סיי ווען זיי זענען איינגעלאַדן געוואָרן צו דער אַרבעט דורכן „השומר" און אויף זיין רעקאָמענדאַציע, זענען זיי

געווען פאַר אים ווי אַ מין רעזערוו־אַרמיי: אין יעדן מאָמענט פון אַ צרה און שוועריקייט, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ געוואַגטע גנבה, אַן אָנפאַל אָדער אַ דראָונג מצד די שכנים, זענען די חרתים געווען די ערשטע אַראָפּצושפּרינגען אין דער נאַכט פון די בעטן און זיך צו איילן צו הילף די שומרים; ווען די קאָלאָניסטן האָבן זיך נאָך איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער אין זייערע בעטן, זענען די אַרבעטער איילנדיק געלאָפן צום קאַמף־פעלד, בכדי צו כאַפּן די רויבערס אָדער גנבים און צוריקגעשטויסן דעם אַנפאַל.

מיר האָבן פאַרקירצט די אויסוויקלונג פון דער באַראַטונג, בכדי צו באַווייזן אָנצוקומען צו דער פאַרזאַמלונג פון „השומר" אין מסחה. איך און רחל זענען געגאַנגען דורך טבריה, צו באַזוכן דאָרטן בערל שוויגערן. „בערעלע", וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע שומרים און פון די אַקטיווע מענטשן פון דער פּאַרטיי, איז שווער פאַרווונדעט געוואָרן אויף דער שמירה אין סעדזשערא און איז געלעגן אין שפּיטאָל פון טבריה; מיר האָבן אים דאָרטן שוין געפונען אין אַ צושטאַנד פון גסיסה... די כוחות האָבן אים שוין געהאַט פאַרלאָזט, אָבער דער אויסדרוק פון זיין פנים האָט עדות געזאָגט אויף דעם, אַז ער איז ביים קלאָרן באַוווסטזיין. מיר זענען געשטאַנען שוויגנדיקע און מיין האַרץ האָט געפילט אַז מער וועל איך אים שוין נישט זען.

פון טבריה זענען מיר געגאַנגען קיין מסחה. אויף יענע קאָלאָניע רעכנט זיך צווישן די ערשטע וווּ עס האָבן זיך איינגעבירגערט די יידישע אַרבעט און שמירה. טעלעכע חברים האָבן געאַרבעט ווי שומרים, צופוס און רייטערס, און טעלעכע ווי „חרתים". דאָ איז, דאַכט זיך, געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרווו צו פאַרבייטן אַראַבישע „חרתים" אויף יידישע.

מען דאַרף זיכער באַהויפּטן, אַז ווען נישט דער געדאַנק צו באַפעסטיקן די יידישע אַרבעט, וועלכער איז געווען אַ גרונט־געדאַנק אין דער פּראָגראַם פון „השומר", וואָלט נישט געווען איינגעפאַלן קיין שום יידישן אַרבעטער זיך צו פאַרמעסטן מיט אַן אַראַבישן חרת אין די דערמאָנטע באַדינגונגען. אָבער איין זאַך איז געווען קלאָר: עס איז נישטאָ קיין שום האָפענונג פאַר דער יידישער שמירה אַזוי לאַנג ווי די קאָלאָניע איז פול מיט אַראַבישע אַרבעטער און חרתים, וועלכע דעקן אויף פאַר באַנדיטן און גנבים, די הערשער פון דער נאַכט וואָס קומען אָן פון דרויסן, אַלע סודות פון דער קאָלאָניע און אַלע שוואַכע ערטער פון דער שמירה. עס איז געווען קלאָר, אַז עס איז אומעגלעך צו שטאַרקן און צו פאַרפעסטיקן די שמירה אַזוי לאַנג ווי דער שונא לויערט אינעווייניק אין שטוב.

די קאָנפערענץ פון „השומר" אין מסחה האָט זיך פאַרזאַמלט אין דעם עס־זאַל. דאָרט זענען זיך צונויפגעקומען אַלע שומרים פון סעדזשערא, יבניאל, מסחה און די איבעריקע מקומות און צו זיי האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אַלע שומרים וואָס זענען אין יענעם יאָר געווען באַשעפטיקט אַלס „חרתים". עס איז אויסגעהערט געוואָרן אַ רעפעראַט פון מאַניאַ שוחט, אַ באַריכט פון דעם קאָמיטעט פון „השומר" און עס זענען אויפגענומען געוואָרן נייע מיט־

גלידער. צווישן די וואָס זענען באַשטעטיקט געוואָרן אויף יענער קאָנפערענץ זענען אויך געווען רחל ינאית און מרדכי יגאל. די זיצונג האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, אָבער די צייט איז געווען באַגרענעצט, ווייל די חברים האָבן זיך געמוזט מאָרגן אומקערן צו זייער אַרבעט און שמירה, און די קאָנפערענץ איז געשלאָסן געוואָרן פאַרנאַכט. אייניקע חברים האָבן זיך געאיילט קיין סעדזשערא און אַנדערע קיין יהודה און שומרון. יענעם טאָג איז סעדזשערא איבערגעפאַלן געוואָרן, אָבער מיר אין מסחה האָבן וועגן דעם גאָרנישט געוווסט. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אין אונדזער וועג אַריין. מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דאָס דאָרף דבוריה, דאָס איז דבורה פונעם תנ״ך (יהושע, כ״א, כ״ח). מיר האָבן דורכגעקרייצט דעם עמק וואָס איז געווען וויסט און פאַרלאָזן, אָן אַ סימן פון אַ יידישן ישוב, און מיטן וועג פון וואַדי־ערה האָבן מיר דערגרייכט ביז צו אום־אל־דזאַמאַל; וועגן די בלוטיקע געשעענישן וואָס זענען פאָרגעקומען אין סעדזשערא, האָבן מיר זיך דערוווסט צומאָרגנס, ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין זכרון־יעקב.

ווענן דער אַגראַר־פּראַגע

פון די טעג פון חיבת־ציון און בילו האָט די ציוניסטישע באַוועגונג פּראָקלאַמירט דעם געדאַנק פון צוריקער צום באָדן, צו דער ערד פונעם פֿאָטערלאַנד. אָט־דער פּרינציפּ איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פאַר די אַרבעטס־פּיאָנערן, אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי און ריכטונג, אין דער עפּאָכע פון דער צווייטער עליה. דעריבער איז פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך דער באַזונדערער אינטערעס וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן די מענטשן פון דער אַרבעטער־עליה פאַר אָט־דער פּראָבלעם פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט. מען דאַרף געדענקען, אַז אָט־די פּראַגע איז געשטאַנען אין צענטער פון די דיסקוסיעס פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד און אין די איבעריקע לענדער, און זי איז אויך געווען אַ שטרייט־פּראַגע אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין רוסלאַנד, למשל, האָט זיך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צעטיילט, לויט דער באַציאונג צו דער אַגראַר־פּראַגע, אויף צוויי הויפּט־שטראָמען: די סאָציאַל־דעמאָקראַטן (ס״ד) און סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן (ס״ר). די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען — די יידישע אין רוסלאַנד אין אַלגעמיין און באַזונדערס די פּועלי־ציון — זענען אין אָט־דער פּראַגע נאָכגעגאַנגען דער אויפפאַסונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן; נישט דאָס זעלבע איז געווען מיט אונדזער פּאַרטיי אין עסטרייך און אַמעריקע, דאָרטן איז מען זייער אָפּט אָפּגעטראָטן פונעם אָרטאָדאָקסישן מאַרקסיסטישן וועג. דעריבער איז עס נאַטירלעך אַז אָט־די פּראַגע האָט געדינט אַלס טעמע פאַר ברויזנדיקע דיסקוסיעס אויך צווישן די צוויי יונגע אַרבעטער־פּאַרטייען אין לאַנד.

דער ערשטער צוגאַנג פון די פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל צו דער באָדן־פּראָבלעם איז געווען בלויז אַ טעאָרעטישער, אַן אָרטאָדאָקסיש־מאַרקסיסטישער צוגאַנג, אָבער שוין דעמאָלט איז געווען קענטיק צווישן די מנהיגים דער ווילן אויסצוטרעטן פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד אַ נייעם זעלבסטשטענדיקן וועג, וועלכער זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון דער נייער ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל.

די ערשטע צוזאַמענטרעפונג מיט דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט, דער צוזאַמענטרעף צווישן דעם לויך־אַרבעטער אין דער קאָלאָניע מיט דעם יידישן קאָלאָניסט, מיט דעם אָנגעשטעלטן פון דעם באַראָן, מיט דער ביליקער אַרבעט אין דער יידישער ווירטשאַפט און מיט דעם פּאַטריאַרכאַלישן און פעאָדאַלן רעזשים אין דער ווירטשאַפט פון די שכנים, אין אַראַבישן דאָרף

און צווישן די וואַנדערנדיקע שבטים — האָט געעפנט שטאַרקע ריסן אין דער נאַיווער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג, וועלכע איז געקומען פדן גאָר אַן אַנדערער ווירקלעכקייט.

דער געהויבענער סינטעז, וועלכן עס האָט זיינערצייט אויפגעבויט בער באָראָכאָוו מיטן כוח פון זיין לאָגיק, צווישן דעם ציוניזם און דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, אַ סינטעז וועמענס וואָרצלען עס האָבן געשטעקט אינעם באָדן פון דער ווירקלעכקייט פון דער יידישער וויך־זאָנע אין רוסלאַנד, האָט דאָ אין די נייע באַדינגונגען פאַרלוירן זיין קראַפט. ער האָט זיך נישט געפאַסט צו דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט, ווייל ער האָט נישט געהאט קיין ענטפער פאַר דער לעבנס־וויכטיקער פּראָבלעם פון דעם יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער, וועלכער האָט געשטרעבט צו דעראָבערן פאַר זיך אַן אַרבעטס־פּלאַץ און אַ מעגלעכקייט צו שטעלן אַ פוס אין דעם פּאָטערלאַנד. פריער פון יעדער טעאָריע האָבן מיר געמוזט לערנען צו דערקענען די באַדינגונגען פונעם לאַנד און פון זיינע איינוווינערס, די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג, די געשיכטע פון די חלוצים, די אַרבעטער און די קאָלאָניסטן, וועלכע זענען געקומען מיט אַ גאַנצער גענעראַציע פריער פון אָט־דער עליה, און צום סוף — קלאָר צו מאַכן און צו רעזומירן די רעזולטאַטן פון אונדזערע פּרוון, די פּרוון פון דער נייער, דער צווייטער עליה.

עס זענען אויפגעדעקט געוואָרן סתירות און קעגנזאַצן צווישן דער נאַטירלעכער שטרעבונג זיך צו באַפעסטיקן אינעם באָדן פון דעם פּאָטערלאַנד מיט אַלע מיטלען און אויף אַלע וועגן, און צווישן דער טעאָריע פון דער ריינער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, וואָס גרענעצט זיך אָפּ פון אַלע פּאַליאַטיוון, אין וועלכע עס איז פאַראַנען אַ געוויסער „אָפּנויג“ פונעם וועג פון דעם מאַרקסיסטישן קלאַסן־קאַמף.

שוין די שטרעבונג צו מעסטן מיט אַ רעאַליסטישער מאָס די גאַנצע פּראָבלעם פון דער „רעאַליזאַציע“ (דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג) האָט נויטיק געמאַכט אַ רעאַליסטישן צוגאַנג אויך צו דער פּראָבלעם, דער באָדן־פּראָבלעם. די אָנגענומענע פאָרמולירונג איז נישט געווען גענוג פאַר דעם. עס האָבן זיך אַנטפּלעקט נייע פּראָבלעמען, וועלכע זענען נישט געווען פאַרשריבן אין „אונדזער פּראָגראַם“, ווי די פּראָבלעם פון „אויסבעסערונג“ און פון דער קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע — אַלץ אַזעלכע זאַכן וואָס זענען נישט געווען איבעריק פּאָפּולער צווישן די מאַרקסיסטן פון חוץ־לארץ. עס איז ריכטיק, אַז אָט־די פּראָבלעמען האָבן זיינערצייט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין די געדאַנקען פון די מערב־אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן, אָבער פאַר די אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד זענען זיי נישט געווען גענוג באַקאַנט. און פונעם אָרטאָדאָקסישן מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט האָבן די קאָלעקטיווע נויגונגען אַרויסגערופן אַ חשד פון „אָפּנויג“.

אַט־אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערעדאַנקען־געראַנגל אינערהאַלב פון דער באַוועגונג אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דווקא אונדזערע עסטרייכישע חברים, וועלכע זענען נישט פאַררעכנט געוואָרן צום אָרטאָדאָקסיש־מאַרקסיסטישן פליגל און ש. קאַפּלאַנסקי איז געשטאַנען אין זייער שפּיץ, זענען שטאַרק פאַרכאַפּט געוואָרן פון אָפּענהיימערס געדאַנק וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע. מיט דער ענערגישער הילף פון שלמה קאַפּלאַנסקי און פון די עסטרייכישע פּועלי־ציון האָט פראַנץ אָפּענהיימער באַוויזן צו באַקומען אַ באַשטעטיקונג פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס פאַר זיין קאָלאָניזאַציע־פּראָגראַם. די רוסישע פּועלי־ציון, וועלכע זענען געווען פרומע אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן, האָבן אָנגענומען אַ שטעלונג פון אָפּגרענעצן זיך פון אַט־דעם פּרווו, אָבער אויך די אַמעריקאַנער האָבן דעם זעלבן געשטיצט. די לאַגע פון די ארץ־ישראלדיקע מענטשן איז געווען אַ שווערע: פון איין זייט האָט מען זיי גערעכנט, לויט זייערע אָנשויאונגען, צום לאַגער פון די אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן, און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי געזען אַז די לאַגע פון די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס איז דערגאַנגען ביז צו אַ קריזיס און מען מוז געפינען אַ נייעם וועג, וועלכער וועט פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דער אַרבעטער־פאַמיליע. אַזאַ וועג איז נישט געפונען געוואָרן אין די ראַמען פון דער עקזיסטירנדיקער יידישער ווירטשאַפט. עס האָט זיך אַנטפּלעקט די נויטווענדיקייט פון אַ נייער שאַפונג, וועלכע וועט דערמעגלעכן דעם אַרבעטער צו לעבן פון דער מי פון זיינע הענט, נישט אויסנוצנדיק די אַרבעט פון אַנדערע מענטשן, און גלייכצייטיק וועט זי פאַרזיכערן אַן עקזיסטענץ און אַ צוקונפט פאַר אים און פאַר זיין פאַמיליע. דער איינציקער וועג צו דעם ציל איז געווען די קבוצישע קאָלאָניזאַציע און פון דאַנען איז אַרויסגעוואַקסן דער געדאַנק פונעם קאָלעקטיוו און פון דער קבוצה, דער געדאַנק פון דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. און אין דער ווירקלעכקייט האָבן מיר, צוליב דער שטרעבונג צו באַפעסטיקן די פּאָזיציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס, געזוכט נייע וועגן וואָס זענען געווען אומבאַקאַנט אין די גלות־באַדינגונגען און מיר האָבן זיך קודם־כל אָנגעטראָפן מיט דער קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעם, אָדער ווי מען האָט זי דעמאָלט גערופן „השכלול". די ערשטע פּרוון צו דעם צוועק זענען געמאַכט געוואָרן נאָך איידער עס האָט זיך אַנטפּלעקט פראַנץ אָפּענהיימער אויפן האָריזאָנט פון ארץ־ישראל.

דער ערשטער פּרווו פון די אַרבעטער, פון דער פריערדיקער עליה, וואָס עטלעכע פון זיי זענען „אויסגעבעסערט געוואָרן", דאָס הייסט אַז זיי זענען קאָלאָניזירט געוואָרן מיט דער הילף פון דעם באַראָן אָדער פון די חובבי־ציון (אין וודי חאנין, אין רחובות, אין קסטינה, אין גדרה און ערגעץ אַנדערש), האָבן געבראַכט נעגאַטיווע רעזולטאַטן. אין די מער איינגעגעבענע פאַלן האָבן די קאָלאָניזירטע אַרבעטער באַפעסטיקט זייער פּאָזיציע, אָבער דער סוף פון דעם איז געווען, אַז אָנשטאָט לוין־אַרבעטער זענען זיי פאַר־

וואַנדלט געוואָרן אין קליינע קאָלאָניסטן, אָדער באַטייליקטע אויף אַ העלפט; זיי האָבן פאַר זיך דעראָבערט אַ שטענדיקע אַרבעט און גוטע אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט, אָבער זייער „שכלול" איז בלויז געווען אַן אינדיווידועלער און נישט קיין לייזונג פאַר דעם כלל. פאַרקערט: דער אַרבעטער וואָס האָט זיך קאָלאָניזירט, איז פאַקטיש אַרויסגעפאַלן פונעם כלל פונעם אַרבעטער־קלאַס און האָט זיך אַנגעשלאָסן צו אַן אַנדערן קלאַס, אַ קעגנערישער צום אַרבע־טער, דעם קלאַס וועלכער בויט אויף זיין לעבן, דאָס לעבן פון זיין פאַמיליע און זיין צוקונפט אויף געדונגענער אַרבעט און געפינט זיין פרנסה דורך דער אויסנוצונג פון אַנדערע מענטשן, דורך דער באַשעפטיקונג פון פרעמדע אַר־בעטער — ווי עס האָט זיך געפירט די מערהייט — אָדער דורך דער באַ־שעפטיקונג פון יידן. דערווייל גייט ער אַרויס פונעם כלל פונעם אַרבעטער־קלאַס.

די מורא פאַר אַט־דעם וועג איז געווען גרויס, און נישט נאָר צווישן די פועלי־ציון, נאָר אויך צווישן דעם הפועל־הצעיר און די אומפאַרטייאישע.

פון דער צווייטער זייט איז די לאַגע פון דעם נייעם פראָלעטאַריער געווען אומדערטרעגלעך שווער. צווישן די אַרבעטער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שטימונג פון פאַרצווייפלונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנטלויפן אין שטאָט אַריין, אויף לייכטערע שטעלעס, און אויב מען האָט נישט געפונען קיין אַרבעט אָדער קיין שטעלע — מערסטנטייל האָט מען טאַקע נישט גע־פונען — האָט מען פאַרלאָזט דאָס לאַנד. אַט־די ראַנגלענישן שפּיגלען זיך אָפּ אין פיל פון י. ח. ברענערס סקיצן און דערציילונגען. אַ סך האָבן פאַר־לאָזט דאָס לאַנד מיט דער הילף פון פאַרמעגלעכע קרובים מעבר לים און זענען אַוועקגעפאָרן קיין עגיפּטן, פראַנקרייך, אַמעריקע א.א.וו. ווייניקע פון זיי האָבן זיך אומגעקערט אין אַ צייט אַרום, אָבער דער גרעסטער טייל איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דער פרעמד.

אָבער נישט ביי אַלעמען איז אַראָפּגעפאַלן דער מוט און זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן. הונדערטער זענען פאַרבליבן אויף זייערע פּאָסטנס זייענדיק פעסט אַנטשלאָסן צו געפינען פאַר זיך אַ נייעם וועג. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן מיט פּרוון פון זעלבסט־פאַרפּולקאָמונג, עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אַנשטאַלטן פון קעגנזייטיקער הילף און פון קאָלעקטיווער אונטער־נעמערישער אַרבעט. אַ סך קרבנות זענען געפאַלן ביז עס האָט זיך אויס־קריסטאַליזירט דער סינטעטישער געדאַנק פון קיבוצישער קאָלאָניזאַציע: אין אָנפאַנג אַלס צופעליקע באַטייליקטע אויף העלפט און צום ענדע אַלס פער־מאַנענטע קאָלאָניזאַציע־קערפּערשאַפטן. אַט־די פאָרם, די קאָלעקטיווע קאָ־לאָניזאַציע, איז געווען אַ מין באַשעפעניש וואָס איז פריער געווען אומבאַ־קאַנט און זי האָט געדינט אַלס אויסגאַנג פאַר אַ קעגנזאַץ, מיט וועלכן עס האָבן זיך געראַנגלט צוויי דורות, פון די ביל״ו אָן ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה — „שכלול" גלייכצייטיק פאַרן יחיד און פאַרן כלל, אַ קאָלאָ־

ניזאַציע וועלכע איז נישט נאָר נישט קעגנעריש צו דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר זי העלפט נאָך צו פאַרפונדעווען דעם כלל.

אָט־דער פּראָצעס איז ווירקלעך געווען שווער און פול מיט שטרויכלונ־גען. מיר זענען געווען ווייט פון דער לייזונג. דעמאָלט איז געקומען אָפּענ־היימער מיטן פּלאַן צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט לויט זיין סיס־טעם. איז דאָס אַ וועג צום סאָציאַליזם? די רוסישע חברים האָבן געזאָגט: ניין! נישט דאָס איז דער וועג צו סאָציאַליזם. די עסטרייכישע חברים האָבן אַרגומענטירט, אַז דאָס איז דער אמתער פּרווו צו פאַרווירקלעכן דעם סאָ־ציאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפט. די ארץ־ישראלדיקע האָבן געזאָגט: מיר זענען זייער שטאַרק מסופק צי איז דאָס דער וועג צום סאָציאַליזם, אָבער אויף אָט־דעם שטאַפּל זעען מיר אין דער קבוצישער ווירטשאַפט און אין דער קאָאָפּעראַטיוויסטישער קבוצה אַ פּראַקטישן וועג צו דער באַפעסטיקונג און איינאָרדענונג פון דעם אַרבעטער אויפן באָדן פונעם פּאַטערלאַנד און דע־ריבער וועלן מיר זיי שטיצן. אָט־דאָ איז געשאַפן געוואָרן צום ערשטן מאָל אַ קעגנערשאַפט צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון ארץ־ישראל און צווישן איר מוטער־אָרגאַניזאַציע — דער מאַרקסיסטישער רוסישער פּאַרטיי.

עס זענען געווען שטאַפּלען. פון שטאַפּל צו שטאַפּל האָט זיך אויס־קריסטאַליזירט די טעאָרעטישע באַגרינדונג, וועלכע האָט זיך באַהאַלפן מיט דער זיך אַנטוויקלענדיקער ווירקלעכקייט; פון דער פּרימיטיווער מאַרקסיסטי־שער אויפפאַסונג צו דער סינטעטישער ארץ־ישראלדיקער אויפפאַסונג פון דעם „אַרטעל" (פּאַרייניקונג) פון לוין־אַרבעטער צום קאָלעקטיוו און פון דעם קבוצהשן און קיבוצישן קאָלעקטיוו — אין סעדזשערא, כנרת, אום־זשוני, מרחביה, חדרה און דגניה — צו דער קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט פון אָפּענ־היימער, צו די קאָאָפּעראַטיווע ישובים אין אויבערשטן גליל, וואָס זענען גע־גרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון קפא"י (פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד), און פון דאָרטן צו דער קיבוצישער ווירטשאַפט אין לאַנד־מאָסשטאַב, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן פון דער דריטער עליה.

אין טערקיי און די רייזע צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַמבורג

און צו דער צווייטער וועלט-קאָנפערענץ פון פועלי-ציון אין קראָקע

אין פרילינג פון יאָר תרס״ט איז אויסגעבראָכן די צווייטע איבערקערע־ניש פון „אייניקייט און פראָגרעס״ (יונג־טערקן), וועלכע האָט דערגאַנצט די מעשים פון דער ערשטער. דאָס מאַקעדאָנישע מיליטער האָט רעוואָלטירט און האָט זיך געלאָזט אויף קאָנסטאַנטינאָפּל. דער סולטאַן אַבדול־חמיד איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין טראָן און זיין ברודער מאַכמעד רישאַד איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף זיין פּלאַץ. טערקיי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מדינה.

נאָך אָט־דער געשעעניש איז פאַרופן געוואָרן דער פּאַרטיי־ראַט אין ירו־שלים, י״ג־ט״ו תמוז (2־4 יולי). אויף דער באַראַטונג האָט מען באַהאַנדלט די פּראָגראַם פון אונדזער אַלגעמיינער און פּאָליטישער אַרבעט אין לאַנד און אַ ברייט־פאַרנעמיקערע טעטיקייט אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע; אויך די „אחדות״ און די קאָאָפּעראַטיוויסטישע קאָלאָניזאַציע. די זאַך פון „אחדות״ איז ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט. מיר זענען נאָך נישט געווען גרייט. די זאַמלונג פון די נויטיקע געלטער פאַר דער אַרויסגעבונג פון דער צייטונג, האָט זיך פאַר־צויגן לענגער ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט און גערעכנט. מיר האָבן באַ־שלאָסן פאַרצוזעצן און צו פאַרשטאַרקן דעם פאַרקויף פון די אַקציעס און צו מאַכן אַלע נויטיקע צוגרייטונגען אַרויסצוגעבן די צייטונג וואָס פריער. אויף יענער באַראַטונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייער צענטראַל־קאָמיטעט, צו־זאַמענגעשטעלט פון דריי חברים: י. בן־צבי, רחל און זאב אשור. אַלס דעלע־גאַטן צו דער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון זענען באַשטעטיקט געוואָרן די ערשטע צוויי און זאב אַלס פאַרטרעטער.

דערוויל האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן העפטן אויף היסטאָרישע און פּאָליטישע טעמעס.

אויף יענער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן, לויט מיין פאָרשלאָג, אויסצופאָרשן די לאַגע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ אין די טערקישע שטעט און די מעגלעכקייטן פון אַ ברייטער קולטורעלער

און פּאָליטישער טעטיקייט אין די פֿאָלקסטימלעכע קרייזן. אויף ווי ווייט עס איז מיר באַקאַנט, איז דאָס געווען דער ערשטער פּרווו צו גיין צום טער־קישן יידנטום, מיטן צוועק צו באַקענען זיך מיט אים פֿון דער נאָענט און אַלס ציל פֿאַר זיך אַליין — אין די אינטערעסן און אין נאָמען פֿון דעם ציוניזם. די אויספֿאָרשונג האָט באַדאַרפֿט אייגעאָרדנט ווערן פֿון אַ קלאָרן אַרבעטער־שטאַנדפּונקט און איך, וועלכער האָט אַריפּגעבראַכט אָט־דעם געדאַנק, האָב אויך גענומען זיך אויף די פּראַקטישע פֿאַרווירקלעכונג. איך בין אַרויסגעפֿאָרן אויף מיין רייזע אין מיטן אלול און האָב באַזוכט סמירנאַ, קאָנסטאַנטינאָפּל און סאַלאָניקא און אויפֿן וועג צוריק בין איך אויך געווען אין ביירוט און אין דמשק. אַ געוואַלדיקן איינדרוק האָט אויף מיר באַזונדערס געמאַכט סאַלאָניקאַ, וועלכע איך האָב געזען בשעת מיין ערשטן באַזוך אַ רואיקע, פֿאַר איר אַנשלוס צו גריכנלאַנד: אַ גרויסע געמישטע האַפֿןשטאָט, וואָס איר יידישע באַפֿעלקערונג האָט אויסגעמאַכט אַ מערהייט און האָט אַרויפֿגעלייגט אויף איר איר אייגענעם שטעמפּל.

אומעטום האָב איך מיך דורכגערעדט מיט די רעדאַקטאָרן פֿון די יידישע צייטונגען וואָס זענען דערשינען אויף שפּאַניאָליש אָדער פֿראַנצויזיש. איך האָב מיך באַמיט זיי צו פֿאַראינטערעסירן מיט די אויסגאַבן פֿון אונדזער פֿאָלקס־ביבליאָטעק און מיט דער אַרבעטער־צייטונג „האחדות״, וועלכע האָט באַדאַרפֿט אינגיכן דערשיינען. ספּעציעל האָב איך געזוכט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די יידישע אַרבעטער־פֿאַראיינען און אויך מיט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פֿון אַנדערע פֿעלקער — טערקן, אַרמענער, גריכן און בולגאַרן. איך האָב מיך באַמיט — און האָב געפֿונען. דער עיקר האָט זיך מיר איינגעגעבן אָנצוקניפּן פֿאַרבינדונגען אין סאַלאָניקאַ, ווו איך האָב געפֿונען אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, צוזאַמענגעשטעלט אויף אַ פֿעדעראַטיוון אופֿן פֿון פֿיר נאַציאָנאַלע גרופּן, וואָס איינע פֿון זיי איז געווען אַ יידישע. דאָס איז פֿאַר מיר געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג. דאָפּלט האָט מיך געפֿרייט דער פֿאַקט, אַז די ערשטע און וויכטיקסטע סעקציע פֿון אָט־דער אָרגאַניזאַציע איז געווען פֿון די יידישע אַרבעטער, וועגן וועלכערס עקזיסטענץ מיר האָבן ביז דעמאָלט נישט געהאַט קיין שום באַגריף. אין דער אמתן האָבן זי אירע מנהיגים געפֿירט אין גייסט פֿון קאָסמאָפּאָליטישער אַסימילאַציע און פֿאַרלייקענונג פֿון דעם ציוניזם. דער פֿאַראיין פֿון יידישע אַרבעטער אין סאַלאָניקאַ האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע צייטונג אויף דער שפּראַך וואָס איז גערעדט געוואָרן צווישן די ספרדישע יידן אונטערן נאָמען „סאָלידאַרידאַד אָווראַדערא״. אין דער שפּיץ פֿון דער יידישער סעקציע איז געשטאַנען אברהם בן ארויה און ער איז געווען איינער פֿון די צוויי פּירערס פֿון דער אַלגעמיינער באַוועגונג, וועמענס צענטער איז געווען אין סאַלאָניקאַ, און די פֿיליאַלן אין מאַקעדאָניע, קאָנסטאַנטינאָפּל און אַנאַטאָליע. זייער תורה האָבן זיי הויפּטזאַכלעך געשעפּט פֿון בולגאַריע, דעם אָפּשטאַם־לאַנד פֿון בן ארויה.

אין דער שפּיץ פון דער צווייטער גרופּע איז געשטאַנען דער בולגאַרי־שער געזעלשאַפטלעכער טוער דימיטרי וולאַכאָוו. דאָס איז געווען אַ וויכ־טיקער מענטש, וואָס האָט אַ סך אויפגעטאָן און איז מיט רעכט באַטראַכט געוואָרן אַלס פירער פון דער בולגאַרישער אַרבעטער־באַוועגונג אין מאַקעדאָ־ניע. אין אַ צייט אַרום איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעפּוטאַט צום טערקישן פּאַרלאַמענט און אין פאַרלויף פון דער צייט האָבן מיר זיך באַ־פריינדעט. ער איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער אונטערשטיצער פון דעם ציו־ניזם. דער ציוניזם פון דעם קריסטלעכן בולגאַר וולאַכאָוו איז געווען אין קעגנזאַץ צו די אָנשויאונגען פונעם אַסימילאַטאָר אברהם בן ארויה. אין די קומענדיקע וואַלן צום טערקישן פּאַרלאַמענט האָבן די ציוניסטן געשטיצט דימיטרי וולאַכאָוו, דעם בולגאַר, קעגן אַ יידישן אַסימילאַטאָרישן קאַנדידאַט. מיט וולאַכאָוון האָבן מיר זיך אָפט געטראָפן אין אַ שפּעטערדיקער צייט, ווען ער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם אָטאָמאַנישן רעפּרעזענטאַנטן־הויז, און מיר האָבן אינאיינעם געאַרבעט פאַר דער אויפשטעלונג פון אַ באַלקאַנישער קאָנפעדעראַציע, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט אויך אונדזער פּאַרטיי.

אויסער די סעקציעס פון יידן און בולגאַרן, זענען געווען נאָך צוויי אַנ־דערע סעקציעס פון גריכן און טערקן. יענע זענען נישט דערגאַנגען צום שטאַפּל פון אַ דויערהאַפטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און זיי האָבן זיך דער עיקר באַשעפטיקט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט („אסנאפאד־זשי״). אויך די בולגאַרן, גריכן און טערקן האָבן אַרויסגעגעבן צייטונגען אויף זייערע שפּראַכן.

די אַרבעטער־באַוועגונג אין קאָנסטאַנטינאָפּל איז געווען הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט סאַלאָניקאַ. דאָ זענען די פאַבריק־אַרבעטער געווען אָר־גאַניזירט און עס איז נישט געווען קיין יידישע סעקציע; עס האָבן אָבער דאָרטן עקזיסטירט צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צווישן די אַרמענער: די דאַשנאַקישע אָדער „דאַשנאַקצאַטיאָן״, אַ פאָלקסטימלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, און די „הינצאַקישע״, וואָס האָט זיך באַרימט צו זיין לינקער פון דער ערשטער און איז געווען גענויגט צו די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. מיר האָבן אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט ביידן, ספּעציעל מיטן פאָרשטייער פון די דאַשנאַקן אין טערקישן פּאַרלאַמענט, מיט באַיאַדזשיאַן. אויך ער האָט זיך באַצויגן מיט אַכטונג צו אונדזער באַוועגונג און צו דעם ציוניזם בכלל, און זיין פּאַרטיי האָט זיך מיט אונדז באַטייליקט אין אַ געוויסער צייט אַרום אין דער אויפשטעלונג פון דער באַלקאַנישער אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע. אָנ־הויב תרע״ג איז דערשינען אַ געמיינשאַפטלעכער מיינונגס־אויסדרוק (פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין „האחדות״, נומער כ״ה חשון תרע״ג), וועלכער האָט געפאָדערט אויסצומיידן אַ באַלקאַנישע מלחמה און ער איז געווען אונטער־געשריבן פון די צוויי אַרמענישע פּאַרטייען (די הינצאַקישע און דאַשנאַק־צאַטיאָן), דורך דער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין סאַלאָניקאַ, דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין רומעניע און דורך דער פּאַרטיי פּועלי־ציון.

דער באַדן פאַר אַט־די פאַרבינדונגען איז צוגעגרייט געוואָרן דורך די קאָנ־טאַקטן וואָס איך האָב אָנגעקניפּט אויף מיין ערשטער רייזע איבער די טער־קישע שטעט, ענדע תרס״ט און אָנהויב תר״ע.

אויף אַט־דער ערשטער רייזע מיינער קיין טערקיי האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אויך אַ נייע יידישע וועלט, וועלכע איך האָב נישט געקענט — דאָס ספרדישע יידנטום פון רומיליא און אַנאַטאָליע. דעמאָלט — פאַר דער באַלקאַנישער מלחמה — איז נאָך די טערקישע מלוכה געשטאַנען אין איר גאַנצער פעסטקייט, סאַלאָניקא איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער זעלבער און דאָס טערקישע יידנטום האָט געהאַט אַ גרויסע וואָג. צום ערשטן מאָל האָב איך דעמאָלט געזען סאַלאָניקא וואָס איז געווען אַן עיר ואם בישׂ־ראל. די יידן זענען דאָרטן געווען דער רוב מנין און רוב בנין און זייער שפּאַ־ניאָלישע שפּראַך, אָדער „לאַדינאָ״, איז גערעדט געוואָרן נישט נאָר דורך די אַכציק טויזנט יידישע איינוווינער אירע, נאָר אויך דורך אַ סך פון דער אי־בעריקער באַפעלקערונג, וואָס זענען געקומען אין אַן ענגער באַרירונג מיט די יידן. די יידן האָבן באַהערשט נישט נאָר דעם האַנדל, די קרעדיט־אַנשטאַלטן און די אינדוסטריע, אַ געוויינטלעכע דערשיינונג אויך אין אַנדערע לענדער, נאָר אויך פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטס־צווייגן און באַזונדערס אַרום ים, אַ דערשיינונג וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין קיין שום אַנדערן פלאַץ אין דער וועלט. ווען איך האָב מיך דערנענטערט צום ערשטן מאָל צו יענער שטאָט מיט אַ רוסישער שיף, וועלכע האָט געמאַכט איר וועג פון אָדעס איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל און סאַלאָניקא, בין איך איבעראַשט געוואָרן פון די ווער־טער וואָס איך האָב געהערט פון דעם שיפס־קאַפּיטאַן. ער האָט אונדז אונ־טערגעאיילט מיר זאָלן פאַרלאָזן די שיף, ווייל אין אַ שעה אַרום וועט אי־בערגעריסן ווערן די אַרבעט אין האַפן צוליב דעם וואָס עס איז היינט פרייטיק און די יידן רייסן דעמאָלט איבער זייער אַרבעט ווען עס איז נאָך טאָג. ווען איך האָב מיך איינגעקוקט אין דער רווישנדיקער מאַסע פון רודערער, אויפ־לאָדערס, טרעגערס און מאַטראָזן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין האַפן פון סאַ־לאָניקא, האָב איך דערקענט אַז דאָס זענען אחינו בני ישראל, כאָטש זייערע קליידער האָבן זיי צוגעגעבן דאָס אויסזען פון טערקן. דריי יאָר שפּעטער, ווען איך בין געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָב איך ווידער אַמאָל באַזוכט סאַלאָניקא מיט אַ באַזונדערן צוועק — כ׳האָב געדאַרפט מאָביליזירן יידישע רודערער פאַר דער אַרבעט אינעם האַפן פון יפו.

„ווער עס האָט נישט געזען סאַלאָניקא שבת אָדער יום־טוב — האָב איך זיינערצייט געשריבן (אין „התורן״, תר״ע נומער 30) — האָט נישט געזען די שטאַרקייט פון ישראל אין גלות. נאָך ערב־שבת, פאַר זון־אונטער־גאַנג, ווערט איבערגעריסן די גאַנצע באַוועגונג אין האַפן. מיט אַמאָל הויבן אָן די יידישע רודערערס, וואָס פילן אָן די וואַסערן פונעם האַפן מיט זייערע שיפלעך, פישער־שיפלעך און סתם שיפן, זיך אַוועקצולאָזן צו דער יבשה, זיי זאַמלען איין זייערע זעגלען, רודערס, נעצן, און אַלע איבעריקע פאַנג־געצייג

זייערע: שבת! די אייראָפּעאישע שיפן זענען געצוווּנגען צוצופּאַסן זייער רייזע־פּלאַן צום יידישן שבת און צו באַשטימען די שעהן פון זייער אָנקומען און אָפּפאָרן לויט דער אָרדענונג אין סאַלאָניקער האַפן, בכדי די זעלבע זאָלן נישט אויספאַלן אין שבת אָדער אין אַ יידישן יום־טוב. אַפילו די רוסישע שיפס־געזעלשאַפט איז געווען געצוווּנגען זיך צו רעכענען, צו איר פאַרדראָס און צאַרן, מיטן שבת פון די סאַלאָניקער יידישע רודערער. אינאיינעם מיט די רודערער קערן זיך אום צו זייערע היימען און צו זייער רו די יידישע פישערס, וועלכע לאָזן זיך אַרויס אין גרויסן ים אַריין צו זוכן פאַר זיך פאַנג און פּרנסה און קערן זיך אום אין זייערע היימען אויף שבת. אויך די טרעגערס, ברעג־אַרבעטערס און בעלי־עגלות, וואָס די מערהייט אָדער אַלע פון זיי זענען יידן, איילן זיך אַהיים און דער גאַנצער האַפן איז זיך מתכוון אויפצונעמען דעם שבת״.

צום ערשטן מאָל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען פון דער נאָענט מיט דער ספרדישער יידישער וועלט, וועלכע איז געווען אַזוי ווייט פון מיר און דאָ האָב איך צוערשט באַמערקט נישט נאָר די אונטערשידן וואָס זענען פאַראַנען צווישן די צוויי גרויסע יידישע שבטים, די אשכנזים און די ספרדים, נאָר איך האָב מיך אויך איבערצייגט אויף ווי ווייט נאָענט זיי זענען, נישט קוקנדיק אויף די אונטערשידן אין שפּראַך, געוווינהייטן און אייגנשאַפטן, און אויף וויפיל זיי זענען פאַראייניקט דורך אונדזער גורל נישט נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך אין דער קעגנוואַרט און דורך די האָפענונגען אויף דער צוקונפט. אין סאַלאָניקא האָב איך מיך אויך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט דער סעקטע פון די שבתי־צביניקעס, אָדער די „דוגמה״, מיט וועמענס אויספאָרשונג איך האָב מיך שטענדיק אינטערעסירט.

אויף מיין צוריק־וועג האָב איך מיך פאַרהאַלטן אין סיריע. דאָס מאָל האָב איך באַוויזן צו באַזוכן צוויי ערטער: ביירוט און דמשק. דאָ האָט זיך פאַר מיר אַביסל אַנטפּלעקט די יידישע וועלט פון די אַראַבישע גלותן, וועלכע זענען גאַנץ פאַרשידן פון די טערקישע. דאָס וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן איז, אַז די סירישע יידן האָבן נישט קיין באַזונדערע שפּראַך וועלכע זאָל זיי אָפּטיילן פון די איינגעבוירענע, ווי אין רומיליא און אַנאַטאָליע. די אָפּגעלאָזנקייט פון דער אַראַבישער פּראָווינץ האָט אָנגעשטעקט אויך די יידן און איך האָב באַלד באַמערקט אויף וויפיל נידעריקער עס איז זייער לאַגע אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פון זייערע ברידער אין דער אייראָפּעאישער טערקיי.

נאָך איין וויכטיקע זאַך האָב איך געלערנט אויף מיין רייזע: אויף וויפיל דערוואַרטעט מיר זענען פון צו קענען די לאַגע און אויף וויפיל מיר פאַרנאַכלעסיקן אַ פאַך וואָס איז פאַר אונדז דרינגענדיק — די צוגרייטונג פון אונדזערע כוחות פאַר דער נאָענטער צוקונפט. די טערקישע איבערקערעניש האָט אויפגעטרייסלט אַלע כוחות פונעם פאַרפרוירענעם מזרח. דער

דרעמלענדיקער ים האָט אויפגעשטורעמט און מיר אין אונדזער לאַנד זענען ווייטער פאַרבליבן רואיק אויף אונדזערע הייוון. מיר דאַרפן פאַרשנעלערן אונדזערע טאַטן און זיך צוגרייטן פאַר דער צוקונפט, אויסבילדנדיק נייע כוחות פון אונדזער יוגנט, וועלכע זאָלן קענען די שפּראַך פונעם לאַנד און זיינע געזעצן און זיי זאָלן זיין גרייט צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דעם עפנט־לעכן לעבן פון דעם אָטאָמאַנישן מזרח. דורכפאָרנדיק אייראָפּע מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָב איך געזען וויפיל יוגנטלעכע אונדזערע, אָפּשטאַמיקע פון מזרח־אייראָפּע, פולן אָן די אוניווערזיטעטן פון דייטשלאַנד, שווייץ און פראַנקרייך. זיי מאַטערן זיך אין די געצעלטן פונעם וויסן און לעכצן נאָך געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דער צוקונפט. כ'האָב געפונען צווישן זיי גוטע ציוניסטן און געטרייע יידן — אויך געבוירענע אין ארץ־ישראל. אָבער איין זאַך פאַרנאַכלעסיקן זיי אַלע — דאָס לערנען דערקענען דעם מזרח און דאָס צוגרייטן זיך צו ווירקן אין ארץ־ישראל און פאַר ארץ־ישראל. ס'האָט געוואָלט דער שיקזאַל, אַז אונדזער לאַנד זאָל זינט 400 יאָר זיין פאַרבונדן מיט טערקיי און עס זאָל לעבן מיט איר עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן און אין אַ גרויסער מאָל אויך מיט איר קולטור. און ווי אַזוי וועט דער ציוניזם קענען גיין פאָרויס, אויב ער וועט נישט צוגרייטן קיין מענטשן אינעווייניק, אינעם טערקישן יידנטום, אויב ער וועט נישט אויסהאָדעווען קיין יידישן כוח אין טערקיי, וועלכער וועט געפינען פאַרבינדעטע אויך אין נישט־יידישע קרייזן און ער וועט ריכטן זיינע אָנשטרענגונגען פון אינעווייניק, פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די ציוניסטישע שטרעבונגען אין ארץ־ישראל? פאַר דעם דאַרפן מיר האָבן אָן איבערגעגעבענע יוגנט, וועלכע זאָל פאַרציכטן אויף דעם באַקוועמען לערנען אין אַנדערע לענדער און זי זאָל גיין לערנען אין שווערערע באַדינגונגען אין די שולן און וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן פון טערקיי גופא. און אויב עס וועלן זיך נישט געפינען קיין קאַנדידאַטן פאַר דעם אין אייראָפּע — איז עס נישט מער ווי רעכט אַז די יוגנט פון ארץ־ישראל זאָל זיך מאָביליזירן און זאָל דינען אַלס ביישפּיל פאַר דער יידישער יוגנט אין גלות־טערקיי. דעמאָלט איז רייף געוואָרן אין מיין האַרצן דער באַשלוס צו פאָרן לערנען דווקא אין טערקיי.

אָבער די זאַך איז נישט געווען לייכט און איינפאַך. איך האָב נישט געקענט און נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד איידער מיר וועלן דורכפירן אונדזער ערשטע פּראָגראַם, צו וועלכער מיר האָבן זיך איבערגעגעבן — די גרינדונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער צייטונג אויף עברית „האחדות". אויף דער באַראַטונג פון תמוז תרס"ט האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו באַמיען וועגן דער דערלויבעניש פאַר דער צייטונג און דרוקעריי און ביים ענדע פון יאָר 1909 האָבן מיר אַזעלכע סוף־סוף דערגרייכט. נישט קוקנדיק אויף דעם איז אַריבערגעגאַנגען נאָך אַ יאָר ביז אונדזער געדאַנק איז פאַרווירקלעכט געוואָרן: תמוז תר"ע איז אַרויס דער ערשטער נומער פון „האחדות".

דעמאָלט איז אַרויפגעשווומען פאַר אונדז די פראַגע פון דער פּאָליטי־

שער פראָגראַם פון דער פּאַרטיי, אין איינקלאַנג מיט דער נייער ווירקלעכ־קייט נאָך דער איבערקערעניש.

די ערשטע אויפקלערונג וועגן דער פראַגע איז פאָרגעקומען אויף דער באַראַטונג פון סוכות תר״ע (1909). אָבער די לעצטע רעדאַקציע איז געקו־מען ערשט אויף דער זעקסטער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען פסח פון תר״ע (1910).

די צווייפלען וועגן דער אַלטער פּאַרטיי־פּראָגראַם זענען אויפגעקומען, ווי געזאָגט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טערקישער רעוואָלוציע און נאָך דעם ווי מיר האָבן אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין טערקיי, איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן די נויטיקייט אַוועקצושטעלן אונדזער פּראָגראַם אויף רעאַלערע באַזעס, וואָס זאָלן אויך זיין מער צוגעפּאַסט פאַר דער נייער סיטואַציע וואָס איז אויפגעקומען אין דער מלוכה.

אין דעם צירקולאַר פון י״ג חשון תר״ע (נאָך דער פינפטער קאָנפערענץ), אין וועלכן די צענטראַלע האָט אויפגעקלערט דעם מוז צו באַפעסטיקן די אַרבעטער־אָרגאַניזירונג אין לאַנד, זענען געזאָגט געוואָרן אָט־די ווערטער:

„מיר מוזן צוגעבן, אַז נישט די פּראָגראַם פון די פּועלי־ציון אין רוס־לאַנד און נישט אירע קאַפּיטעס, יענע פון רמלה און יפו, קענען אונדז באַ־פרידיקן, ווייל אין דער צווישנצייט זענען פאָרגעקומען מעכטיקע אָביעקטיווע ענדערונגען, נישט נאָר אין דער פּאָליטישער פאָרם פון דעם טערקישן רע־זשים, נאָר אויך אין דער עקאָנאָמישער לאַגע און אין די כוחות־פאַרהעלטע־נישן פון טערקיי. עס זענען פאַראַנען נאָך וויכטיקע מאָטיוון, וועלכע פאַר־פליכטן אונדז נאָכאַמאָל צו אונטערזוכן אונדזער אידייאישע פּראָגראַם און אַריינצוברענגען אין איר ענדערונגען. נאָך דער אונטערזוכונג, וועלן מיר פלייסיק זאָרגן פאַר איר דערגאַנצונג און פאַר דער איינפירונג פון די נוי־טיקע ענדערונגען, און מיר וועלן פאָרשלאָגן אַ פּראָיעקט פון אַ נייער און אויסגעבעסערטער פּראָגראַם. אָבער דאָס קען נישט זיין קיין אַרבעט פאַר יחידים. מען דאַרף באַטייליקן אין דער זעלבער די גאַנצע געזעלשאַפט אונדזערע אין אַלע קבוצות און פונקטן און די זאַך וועט באַשלאָסן ווערן אויף דער נאָענטער קאָנפערענץ״.

עס איז דערמיט געמיינט געוואָרן די זעקסטע קאָנפערענץ און די זעלבע האָט טאַקע אויסגעאַרבעט און צוגעגרייט די נייע פּאָליטישע פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי.

נאָך מיין אומקערן זיך פון מיין רייזע קיין טערקיי, האָבן מיר זיך אָנ־געהויבן צו גרייטן צום נייעטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויף ענדע דעצעמבער 1909, און צו דער קאָנפערענץ פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון אין קראָקע (אין יאַנואַר 1910). מיר האָבן געפאָ־דערט, אַז די קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען אין לאַנד, אָבער מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אַ שאַרפער קעגנערשאַפט פון דעם פאַרבאַנד און מיר זענען

געווען געצוווּנגען צו מאַכן שלום מיט דעם די קאָנפערענץ זאָל אויך דאָס מאָל פאָרקומען אויסער ארץ־ישראל.

עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן צוויי דעלעגאַטן: איך און רחל. מיר זענען אַרויסגעפאָרן באַלד נאָך חנוכה תר״ע. יענע חנוכה־טעג געדענק איך גוט. איך בין געלעגן קראַנק מיט פיבער און מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור האָב איך געשריבן מיין אַרטיקל וועגן דער צווייטער קאָנפערענץ פון די רוסישע פּועלי־ציון, אין וועלכן איך האָב שאַרף אָנגעגריפן די פּאַרטיי צוליב איר באַשלוס איבערצורייסן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונגען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זיך אָפּצוהאַלטן פון באַטייליקן זיך אַלס פּאַרטיי אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס.

דער ים האָט געשטורעמט, די שיף האָט זיך שטאַרק געטרייסלט און מיר זענען מיט כבוד געזעסן אויפן דנאָ פון דער שיף, אין פערטן קלאַס. מיט אונדז איז אויך געווען יוסף אַראָנאָוויטש, דער דעלעגאַט פון הפועל הצעיר צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

פון יפו איז די שיף געפאָרן קיין ביירוט און פון דאָרטן קיין טריעסט. פון יענער שטאָט זענען מיר געפאָרן איבער ווין קיין קראָקע און יוסף אַראָנאָוויטש איינאיינעם מיט אונדז. מיר האָבן אים אויפגענומען אויף דער קאָנפערענץ ווי אַ גאַסט זייער פריינטלעך, אָבער נאָכן אומקערן זיך אין לאַנד אַריין, האָט ער שאַרף קריטיקירט יענע קאָנפערענץ און די פּועלי־ציון בכלל. איך האָב, פאַרשטענדלעך, נישט באַהאַלטן די הענט אין קעשענעס און האָב אים געענטפערט מיט דער זעלבער שפּראַך, ביז עס איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף, וועלכער האָט געבראַכט ביטערניש.

צוויי וויכטיקע זאַכן זענען באַנייט געוואָרן אויף דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ און אויף דעם קאָנגרעס פון האַמבורג: א) אַ פּאָזיטיווער באַשלוס וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע לויטן פאָרשלאַג פון אָפּענהיימערן, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אויף יענעם קאָנגרעס און איז צוגעגרייט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר אים; און ב) דער באַשלוס וועגן קפּא״י (פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד). איך בין זיכער, אַז דער געדאַנק פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן דורך אָפּענהיימערן, וואָלט נישט געווען פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווען ער באַקומט נישט קיין באַגייסטערטע אונטערשטיצער צווישן די עסטרייכישע פּועלי־ציון, מיט די חברים נתן גראָס און שלמה קאַפּלאַנסקי אין דער שפּיץ.

קאַפּלאַנסקי האָט רעפערירט אויף דער קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון וועגן אָפּענהיימערס פּראָיעקט. די רוסישע חברים האָבן זיך אָפּאָנירט צו דעם פּראָיעקט צוליב אידעאָלאָגישע מאָטיוון — אויס מורא פאַר אַן אָפּנויג פון דער ריינער מאַרקסיסטישער לערע. ד״ר נחמן סירקין האָט געשטיצט דעם געדאַנק צוליב אידעאָלאָגישע און פּראַקטישע מאָטיוון צוגלייך. די לאַגע פון די פּועלי־ציון פון ארץ־ישראל איז געווען געוויס דעליקאַט: פון איין זייט זענען

מיר נאָך געווען צוגעבונדן צו דער גאַנצער מאַרקסיסטישער שיטה, וועלכע עס האָבן אויפגעהויבן אויף זייער פאַן באָראָכאָוו און זיינע פריינט. מיר זענען נישט געווען גרייט זיך אַנצושליסן אין דער געדאַנקלעכער אויפפאַסונג פון די עסטרייכישע חברים. פון דער צווייטער זייט האָבן מיר זיך נישט געקענט רעכענען בלויז מיט די אידעאָלאָגישע מאָטיוון. די פראַגע פון איינפעסטיקן זיך אין באַדן איז פאַר אונדז נישט געווען קיין טעאָרעטישע פראַגע, נאָר אַ לעבנס־וויכטיקע פּראָבלעם. אַלס דערוועגבונג פון דעם פּאַטערלאַנד איז פאַר אונדז געווען פריער פון אַלץ די אַריינדרינגונג אין דער לאַנדווירטשאַפט און די שאַפונג פון אַן אַרבעטנדיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן קלאַס. און אַט־די פּראָבלעם פון דער עקזיסטענץ פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער האָט נאָך ביז דעמאָלט נישט געהאַט געפונען איר לייזונג בלויז דורך דער פּראָפעסיאָנעלרע אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן געפּרוווט צו גרינדן אין לאַנד אַנשטאַלטן פאַר זעלבסט־הילף, ווי: אַרבעטער־קיכן, ליי־קאַסעס, קראַנקן־קאַסעס, הילפס־ווירטשאַפטן און ענלעכע, אָבער דאָס אַלץ זענען בלויז געווען פּאַליאַטיוון, וועלכע האָבן אין דער אמתן געקענט פאַרלייכטערן די לאַגע, אָבער זיי האָבן נישט געקענט לייזן דאָס פּראָבלעם פון דעם אַגראַר־אַרבעטער. יעדעס מאָל זענען אויפגעקומען שווערע קריזיסן, וועלכע האָבן צייטנווייז פאַראורזאַכט דאָס פאַרלאָזן פונעם דאָרף און אַפילו פונעם לאַנד.

עס האָבן זיך געפונען איינציקע אַרבעטער, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די לאַנדווירטשאַפט און זיי האָט אָפּגעגליקט ביי געוויסע געלעגנהייטן וואָס זענען זיי געגעבן געוואָרן, באַטייליקט צו ווערן אויף דער הילף פונעם פאַרדינסט דורך דער יק״אַ אָדער דורך די אַנגעשטעלטע פונם באַראָן. אָבער אין דער אינדיווידועלער איינאָרדענונג האָבן מיר נישט געזען קיין לייזונג פאַרן כלל און מיר האָבן זיך אָפּאָנירט צו דער שיטה אַליין פון באַאַמטן־הערשאַפט — לויט דער קאָלאָניזאַציע־סיסטעם פון די פילאַנטראָפּישע חברות.

שוין אין דער ערשטער עפּאָכע האָבן מיר זיך נישט באַגרענעצט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער און פּאַרטייאישער טעטיקייט און מיר האָבן געפּרוווט אויפצוטאָן אויך עפּעס קאָנסטרוקטיוועס, קודם־כל אויפן געביט פון קאָלעקטיוון פאַרבריך. די קאָמונע פון די שטיין־האַקערס אין ירושלים איז געווען איינער פון די ערשטע פּרוּוון פון דעם מין. איך וועל דערמאָנען דעם קאָלעקטיוו פון סעדזשערא אין דער צייט ווען א. קראָוזע איז געווען דירעקטאָר, און די ערשטע קבוצות, וועלכע האָבן איבערגענומען אַלס קאָלעקטיווע אונטערנעמער געוויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן און זיי האָבן אויך באַפרידיקט קאָלעקטיוו וויכטיקע באַדערפענישן — די קבוצות אין כנרת, אום דזשוני, מרחביה, דער קאָלעקטיוו „העבורה״ און „החורש״. אָבער ביז צו קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע זענען מיר ערשט דערגאַנגען אין אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע, אין אָנפאַנג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און די זעלבע איז געשטיצט געוואָרן דורך דער ביוראָ פון פועלי־ציון און דורך קפא״י.

איך דערלויב מיר צו ציטירן מיינע ווערטער, וואָס איך האָב פאַרעפנט־

לעכט אין מיינעם אַן אַרטיקל לערך אַ יאָר נאָך דער קאָנפערענץ, אונטערן נאָמען „די פּראָבלעמען פון דער קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע“ („האחדות“, י״א תמוז פון תרע״א):

„...פון איין זייט איז אײַנגעפאַלן דעם וויסנשאַפטסמאַן אָפּענהיימער די אידייע פון קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע ווי אַן אַבסטראַקטע אידייע, ווי אַ רינג אין אַ גאַנצער סאָציאָלאָגישער קייט, אָן יעדער פאַרבינדונג מיט דער יידישער ווירקלעכקייט בכלל און מיט דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט בפרט. פון דער צווייטער זייט האָט זיך דער געדאַנק פון קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן צווישן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן אַ געוויסע קאָלאָניזאַטאָרישע דערפאַרונג אין פאַרלויף פון אַ ריי יאָרן און זיי האָבן פאַקטיש געשאַפן נייע פאָרמען, ווי די אַרבעטער־קבוצות, וועלכע זענען אומאָפּהענגיק און זיי דינגען קאָלעקטיוו ערד ביי דעם נאַציאָנאַל פאָנד (ק.ק.ל.). איצט האָבן זיך געטראָפן אָט־די צוויי גרונט־עלעמענטן, דער אַבסטראַקטער געדאַנק וואָס איז געקומען פון דרויסן און די פּראַקטישע באַוועגונג וועלכע האָט שוין אין אַ געוויסער מאָס געשלאָגן אירע וואָרצלען אין דעם באָדן פון אונדזער לאַנד, און זיי שטייען איינער אַנטקעגן אַנדערן. די נאָענטע צוקונפט וועט באַווײַזן דעם ווערט פון זייער צונויפשליסונג און צונויפגיסונג.

„עס איז נאַטירלעך, אַז דער אונטערשיד צווישן אָט־די גרונט־עלעמענטן, דעם אַבסטראַקטן און דעם פּראַקטישן, איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין דעם אופן ווי אַזוי די פראַגע איז אויפגעקלערט געוואָרן, אין דער פאָרם ווי אַזוי מען האָט זיך מיט איר באַשעפטיקט. אין אויסלאַנד האָט מען באַהאַנדלט בלויז די פּרינציפּיעלע יסודות פון אָפּענהיימערס סיסטעם. אַרום אָט־דער אַקס האָבן זיך געדרייט אַלע דיסקוסיעס אין דער פּרעסע פון פּועלי־ציון, צווישן די אַלגעמיינע ציוניסטן און צווישן די אומפּאַרטייאישע. די פּראַקטישע פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער פאַרווירקלעכונג פון דער סיסטעם, זענען געלאָזן געוואָרן אָן אַ זייט. אין ארץ־ישראל, פאַרקערט, איז מען אַריבערגעגאַנגען איבער דער טעאָריע און מען האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער פּראַקטישער זייט פון דעם אויפטו“.

אין ווייטערדיקן טייל פון דעם אַרטיקל דערקלער איך די דריי סאָרטן פון די קאָאָפּעראַטיווע קבוצות וואָס עקזיסטירן אין לאַנד, וועמענס מערהייט עס זענען געגרינדעט געוואָרן פאַר דעם אויפקום פון אָפּענהיימערס פּראָיעקט. צו דעם עלעמענטאַרן מין באַלאַנגען די קאָנסום־פאַראיינען, וואָס שטעלן צו אויף אַ קאָלעקטיוון אופן די עלעמענטאַרע געברויך־אַרטיקלען פאַר זייערע חברים, ווי: וווינונג, שפּייז און שטוב־זאַכן. אין אָט־די אַלע ענינים — איז „איין קעשענע פאַר אַלעמען“, אָבער די אַרבעט איז נישט קיין קאָלעקטיווע. די מיטגלידער פון דער קבוצה אַרבעטן אויף פאַרשידענע פּלעצער, ביי פּריוואַטע אַרבעטס־געבער אָדער ביי עפנטלעכע אונטערנעמונגען, און זיי באַקומען אַ פאַרשידענעם לוין. צו דעם מין באַלאַנגט די קבוצה פון חדרה איידער

זי איז אַריבער קיין אום־דזוני; „העבודה" מיט אירע קיכן וואָס האָבן עקזיס־טירט (אין יאָר תר"ע) אויף צוויי פּלעצער, און אויך שטאָטישע קבוצות, וועלכע זענען אויפגעקומען פאַר די קבוצות אין די קאָלאָניעס, למשל די קבוצה פון די שטיין־האַקערס אין ירושלים (אינעם יאָר תרס"ו־תרס"ז). צו דעם צווייטן סאָרט באַלאַנגען די קבוצות וואָס נעמען אונטער קאָלעקטיווע געוויסע אַרבעטן. צייטנווייז פלעגן זיי אויך פירן אַ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט, אָבער נישט שטענדיק. דאָס וואָס עס האָט זיי אויסגעפּעלט איז די קאָאָפּע־ראַטיווע אונטערנעמערישקייט, אין שטאָט אָדער אין דאָרף. קבוצות פון דעם מין, סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף, זענען נישט סטאַביל אין צוזאַמענ־שטעל פון זייערע מיטגלידער. זיי נעמען אָן אַרבעט קאָלעקטיוו און דער לוין פליסט אַריין אין דער קאַסע פון דער קבוצה, פון וואַנען יעדער איינער באַקומט זיין לוין. אַלס ביישפּיל פאַר די זעלבע אין שטאָט קענען דינען די אַרבעטער־קבוצות וואָס זענען באַשעפטיקט מיט איינפאַכער אַרבעט, ווי יענע וואָס אַרבעטן אין תל־אביב און אין די קאָלאָניעס ביים צוגרייטן דעם באָדן, ביים יעטן א.א.וו. דער אונטערשיד צווישן די שטאָטישע און דאָרפישע קבו־צות באַשטייט אין דעם וואָס דער ווערט פון די ערשטע איז אַ צייטווייליקער, אָבער די דאָרפישע זענען וויכטיק פאַר דער צוגרייטונג פון דער צוקונפט.

אָבער עס איז פאַראַנען אין לאַנד אויך נאָך אַ דריטער סאָרט פון קבו־צות, דאָס זענען די קבוצות פאַר קאָלאָניזאַציע. זיי באַקומען באָדן געפאַכטעט ביים ק.ק.ל., בכדי אים צו באַאַרבעטן אין באַשטימטע באַדינגונגען. די מיט־גלידער פון די קבוצות פון דעם סאָרט באַקומען אויף זייער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט אַ לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר און אַן אַרבעטס־לוין פאַר זייער עקזיסטענץ, און אויב די אַרבעט פון יאָר פאַרענדיקט זיך מיט פאַרדינסט, זענען זיי באַרעכטיקט זיך צו באַטייליקן אין די פאַרדינסטן. עס זענען געווען פּרוון אויף צוויי ערטער — אין אום־דזוני און מרחביה (נאָך פאַר דעם פּרוּוו פון אָפּפענהיימער). און איצט, ווען מיר שטייען פאַר אַ נייעם און ווייטלויפיקן פאַרשלאַג וועגן אויפשטעלן אַ קאָלעקטיוו שותפותדיקע, פון דער לאַסט פון באַאַמטנטום און פילאַנטראָפּיע פרייע ווירטשאַפט, וואָס שטיצט זיך אויף דער דעמאָקראַטישער ציוניסטישער באַוועגונג, באַטראַכטן מיר עס פאַר אונד־זער פליכט צו שטיצן אָט־דעם פאַרשלאַג אָן יעדן צוריקהאַלט און דאָס האָב איך דערקלערט אויסדריקלעך אין נאָמען פון די פּועלי־ציון פון ארץ־ישראל אין מיין רעדע אויפן קאָנגרעס אין האַמבורג. די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, מיט נחמן סירקין אין דער שפּיץ, האָט מיט באַגייסטערונג געשטיצט דעם געדאַנק פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע און אַזוי אַרום האָבן מיר אינערהאַלב דער פּאַרטיי פּועלי־ציון איבערגעוויגן די קעגנערישע שטעלונג פון אונדזערע רוסישע חברים און דורך דעם האָבן מיר צוגעגרייט דעם באָדן אויך אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. און נאָכאַמאָל דאַרף איך אָנווייזן אויף דער ראָל פון דעם חבר ש. קאַפּלאַנסקי, וועלכער איז געווען דער פּיאָנער פון דעם געדאַנק פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אין אונדזערע רייען. אויפן

ביינטן קאָנגרעס אין האַמבורג איז אָנגענומען געוואָרן די פּראָגראַם פון אָפּענ־היימער, מיט דער אונטערשטיצונג פון אונדזערע חברים, אַלס איינע פון די אָנגענומענע מעטאָדן אין דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל. אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער פּראָגראַם האָבן אונדזערע חברים געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל און פון אונדזערע רייען זענען אַרויסגעקומען די פּיאָנערן פון דער קאָאָפּעראַטיוער מרחביה.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם צווייטן ענין — אַרבעטער־קאַסע — איז אָט־דער געדאַנק געבוירן געוואָרן נאָך אין די ערשטע טעג פון דער באַוועגונג, ווען מיר האָבן באַשלאָסן וועגן דעם ערשטן כינוס פון דער וועלט־באַוועגונג.

צום ערשטן מאָל איז דער געדאַנק פאָרמולירט געוואָרן דורך דער חברה רחל ינאית נאָך פאַר דער ערשטער קאָנפערענץ אין האַג. זי האָט פאַרעפנט־לעכט צו יענער צייט אין רוסלאַנד אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „צו דער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון" (אין יידיש, מיט דער אונטערשריפט רחל גאָלדין) און צווישן אַנדערעס האָט זי געשריבן:

„די זיך פאַרשטאַרקנדיקע עליה (קיין ארץ־ישראל) שטעלט אַוועק דער סאָציאַליסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (פון פועלי־ציון) נייע אויפגאַבן... נאָך אין די גלות־לענדער. צוליב דעם דאַרף זי (די אָרגאַניזאַציע, דאָס הייסט דער וועלט־פאַרבאַנד פון פועלי־ציון) גרינדן דאָ אין גלות אַ ריי פון אַנשטאַלטן, ווי פאַרשידענע אַרבעטס־ביוראָען, בכדי צוצושטעלן פאַר די עולים נויטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן די לעבנס־באַדינגונגען אין ארץ־ישראל. אין דער פּי־נאַנציעלער הינזיכט דאַרף ער (דער פאַרבאַנד) שאַפן אַן אַרבעטער־פאָנד פאַר ארץ־ישראל (אַ פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד), וועלכער זאָל שטיצן די באַ־דערפענישן פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין ארץ־ישראל גופא און אויך אויף זייער וועג אין לאַנד אַריין".

אָט־די ווערטער זענען געשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זומער תרס"ט, אין „פאָרווערטס", נומער ג'.

אָבער דער געדאַנק איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן פריער ווי צוויי יאָר נאָך דעם ווי דער אַרטיקל איז געדרוקט געוואָרן, אויף דער וועלט־קאָנ־פערענץ פון פועלי־ציון אין תר"ע, און די זאַך איז אָנגענומען געוואָרן איינ־שטימיק. אָבער ווען די פועלי־ציון האָבן אַוועקגעשטעלט די פראַגע פאַר די אַלגעמיינע קאָנפערענצן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד, האָט אַ טייל פון די אַרבעטער אַרויסגעוויזן קעגנערשאַפט צו דעם אַרבעטער־פאָנד. די קעגנערשאַפט איז געקומען, ווי מיר וועלן זען ווייטער, פון די חברים וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין הפועל־הצעיר. דער הויפּט־אַרגומענט קעגן אָט־דעם פאָנד איז געווען, אַז ער איז געגרינדעט געוואָרן דורך די אַרבעטער אין חוץ־לארץ פאַר דעם נוצן פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל און עס איז אין דעם אַלזאָ פאַראַנען עפּעס פון פילאַנטראָפּיע און „חלוקה" און דעריבער דאַרף עס צוריקגעשטויסן ווערן מיטביידע הענט. צווייטנס, האָבן זיי מורא געהאַט טאָמער וועט זיך באַנוצן מיט דעם פאָנד

די פאַרטיי, וואָס האָט געבראַכט די איניציאַטיווע און האָט פאַרווירקלעכט דעם געדאַנק פון דעם פאָנד, פאַר פאַרטייאישע צוועקן, צו דערהויבן די באַדייטונג פון דער פאַרטיי... זיי האָבן אַרגומענטירט, אַז אַזוי ווי דער גאַנצער פאָנד געפינט זיך אין רשות פון אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון ארץ־ישראל, וועלכע זענען אין אים פאַראינטערעסירט, באַדאַרף מען מאָנען די געלטער בלויז ביי די אַרבעטער פון ארץ־ישראל. דער ענטפער פון אונזערע חברים איז געווען: דאָס איז נישט קיין פילאַנטראָפישער פאָנד; די חברים פון חוץ־לארץ זענען שותפים אין דעם ענין פון ארץ־ישראל מיט די חברים פונעם לאַנד; די באַשאַפונג פון אַזאַ פאָנד איז נויטיק פאַר די חברים וואָס האַלטן ביים עולה זיין אין לאַנד אריין נישט ווייניקער ווי פאַר יענע וואָס זענען שוין עולה געווען; פון דער צווייטער זייט האָבן די פועלי־ציון אין לאַנד מסכים געווען, אַז די העכסטע דעה איבער דעם פאָנד דאַרף ליגן אין די הענט פון דעם אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער אין לאַנד און זיי האָבן פאַרזיכערט צו קעמפן פאַר דעם אינערהאַלב דעם פאַרבאַנד.

נישט לייכט האָט געזיגט אָט די מיינונג און נישט אויף איין מאָל איז זי אָנגענומען געוואָרן דורך די אומפאַרטייאישע אַרבעטער. דער באַשלוס פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע איז געווען צווייזייטיק, אָבער די פועלי־ציון האָבן זיך נישט דערשראָקן און האָבן דערווייל אָנגעהויבן די פּראַקטישע אַרבעט. פאַקטיש האָט עקזיסטירט אַ פּול־שטענדיק קעגנזייטיקע טעטיקייט צווישן דער לייטונג פון קפּטו״י און צווישן די אַרבעטער וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען אין די שטעט און סיי אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין יהודה און אין גליל. די קעגנזייטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה און זי איז באַזונדערס פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך דעם ווי עס האָט זיך אויסגעשפרייט דער אויסנאַם־צושטאַנד אין לאַנד. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די אַלגעמיינע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, איז דער פאָנד אַריבערגעפירט געוואָרן אונטער איר רשות און איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן צווישן אירע טעטיקייטן.

און אָט איז אַ פראַגמענט פון דעם באַריכט פון דער דעלעגאַציע פון די פועלי־ציון אין ארץ־ישראל צו דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן באַלד נאָך איר:

„...עס דאַרף אָנגעוויזן ווערן ווי אויף אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פון אָט־דער קאָנפערענץ אַז ארץ־ישראל האָט אויף איר פאַרנומען אַן אַנטשיידנדיקן אָרט מיט זיבן רעפּעראַטן.

פון דעם האָט מען געקענט עפּעס לערנען וועגן דער פאַרשטאַרקונג פון דעם אינטערעס צו ארץ־ישראל צווישן די רייען פון אונדזערע ברידער אין חוץ־לארץ. אָבער צום באַדויערן זענען נישט אַלע באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ געווען אַזעלכע וואָס זאָלן פאַרשטאַרקן אָט־דעם איינדרוק. נאָך אַלעמען איז אָבער נישטאָ קיין צווייפל אין דעם, אַז אָט־די קאָנפערענץ האָט

אונדז עפּעס געגעבן פֿאַר ארץ־ישׂראל. און אָט־דעם „עפּעס״ דאַרף מען אויך
קיין פֿאַל נישט מינדערשעצן: די באַשטעטיקונג פֿון דעם פּאַלעסטינער אַר־
בעטער־פֿאַנד און אויך דער באַשלוס וועגן דער גרינדונג פֿון אַן אַרבעטס־
ביוראָ אין ארץ־ישׂראל.

די דעלעגאַציע פֿון ארץ־ישׂראל האָט זיך געלאָזט פֿילן אין אַלץ. אויסער
דעם באַריכט, זענען געווען דריי רעפֿעראַטן פֿון דעלעגאַטן פֿון ארץ־ישׂראל:

א) וועגן דעם אָטאָמאַנישן אַרבעטער און דעם יידישן אַרבעטער אין
טערקיי און ארץ־ישׂראל.

ב) וועגן דער אַגראַר־פֿראַגע אין ארץ־ישׂראל.

ג) וועגן דער פּאָליטישער אַרבעט.

די ארץ־ישׂראלדיקע דעלעגאַציע איז געווען פֿאַרטראָטן אינעם פּרעזי־
דיום פֿון דער קאָנפֿערענץ און כמעט אין אַלע קאָמיסיעס. אונדזערע דעלע־
גאַטן האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע זיצונגען, אויסער אין די דעבאַטן פֿון
דעם ערשטן טאָג (צוליב דער פֿאַרהאַלטונג אין וועג). דעם צווייטן טאָג,
באַלד נאָך אונדזער אָנקומען האָט דער חבר א. (אבנר) איבערגעגעבן אַ באַ־
ריכט אין נאָמען פֿון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי אין ארץ־
ישׂראל וועגן דעם פּעריאָד וואָס איז אריבער פֿון דער ערשטער קאָנפֿערענץ
ביז צו דער צווייטער (פֿון אלול תרס״ז ביז כסלו תרס״ט) און וועגן דער לאַגע
פֿון דעם יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל.

אַ סך דיסקוסיעס זענען אַנטשטאַנען אַרום דעם ענין צי האָט דער וועלט־
פֿאַרבאַנד אַ רעכט אַנצונעמען פֿאַרפּליכטנדיקע באַשלוסן. די רוסישע חברים
האָבן פֿאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט אַז די באַשלוסן פֿון דעם פֿאַרבאַנד,
אַפֿילו ווען זיי ווערן אָנגענומען מיט אַ מערהייט, זענען נישט פֿאַרפּליכטנדיק
פֿאַר אַ לאַנד־פּאַרטיי וואָס זעט אין דעם אַ קעגנזאַץ צו אירע פּרינציפּן. די
אַנדערע פּאַרטייען (די פֿאַרטרעטער פֿון עסטרייך און אַמעריקע) האָבן ווי־
דער געהאַט אַ קעגנזעצלעכע מיינונג צו דעם, דהיינו: אַז די באַשלוסן פֿון
דעם וועלט־פֿאַרבאַנד פֿאַרפּליכטן אַלע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. מיר, די ארץ־
ישׂראלדיקע, האָבן דאָ אָנגענומען אַ פֿאַרמיטלענדיקע שטעלונג, אָפּטיילנדיק
די אויסערלעכע ענינים פֿון די לאָקאַלע ענינים: אַלע לאָקאַלע ענינים באַ־
לאַנגען צו דער לאַנד־פּאַרטיי און זי אורטיילט און אַנטשיידט וועגן זיי. וואָס
אָנבאַלאַנגט צו די אַלגעמיינע ענינים, דאַקעגן (ווי דער ציוניסטישער קאָנגרעס,
דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס) — זענען די באַשלוסן פֿון דעם וועלט־פֿאַר־
באַנד פֿאַרפּליכטנדיק פֿאַר אַלע לענדער. אויף דעם אופֿן איז געפֿונען גע־
וואָרן אַן ערנהאַפֿטער אויסגאַנג פֿאַר דער רוסישער פּאַרטיי. אונדזער מיינונג
איז אָנגענומען געוואָרן. די אָפּשטימונגען האָבן פֿון איצט אָן געדאַרפֿט זיין,
אין געוויינטלעכע פֿראַגן — מיט אַ געוויינטלעכער מערהייט און אין די אויי־
סערגעוויינטלעכע פֿראַגן — לויט די לענדער.

נאָך די רעפֿעראַטן וועגן די אַרבעטער אין דער טערקיי און אין ארץ־
ישׂראל און וועגן דער פּאָליטישער לאַגע, זענען דורך אונדז פֿאָרגעשלאָגן גע־

וואָרן אייניקע באַשלוסן, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן דורך דער קאָנ־פערענץ. אָט־די זענען די פּאָליטישע באַשלוסן וועגן דער לאַגע אין דער טערקיי:

„די צווייטע קאָנפערענץ פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטי־שע אַרבעטער פּועלי־ציון נעמט אויך מיט אַ ברכה דעם קאַמף פון די ראַדי־קאַלע פּרינציפּן אין טערקיי קעגן דעם רעאַקציאָנערן רעזשים פון אַ יחיד און קעגן די צענטראַליסטישע און שאָוויניסטישע נייגונגען פון געוויסע קרייזן אין דעם קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים.

„די קאָנפערענץ דריקט אויס איר פריידע און פולע באַפרידיקונג צוליב דער גרינדונג פון די ערשטע אָרגאַניזאַציע־קערנדלעך פון דעם אָטאָמאַנישן פּראָלעטאַריאַט. אַלס פאַרטרעטערין פון דעם יידישן וועלט־פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז פאַרבונדן מיט זייגע וויכטיקע אינטערעסן און מיט זיין צו־קונפט דורך ענגע בענדער מיט דער לאַגע פון די איבעריקע אָטאָמאַנישע פעלקער, שטרעבט די קאָנפערענץ צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן פרידנס־בונד מיט די געדריקטע פאָלקס־מאַסן אין אָטאָמאַניע און זי פאָדערט פון אירע מיטגלידער צו העלפן, לויט זייערע מעגלעכקייטן, צו דער אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פון די געדריקטע פעלקער אין אָטאָמאַניע.״

וועגן דער אַגראַר־פּראַגע האָט רעפערירט די חברה ר׳חל, וועלכע האָט פאָרגעלייגט אירע ווערטער מיט אַ פאָרשלאַג וועגן די ענינים פון דעם יידישן אַרבעטער אין דער אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט (פּלאַנצונגען). די פאָר־שלאַגן זענען דורך דער קאָנפערענץ אָנגענומען געוואָרן. נאָך איר האָט רע־פערירט דער חבר קאַפּלאַנסקי וועגן דעם פאָרשלאַג פון אָפּנהיימער — וועגן דער גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטן. זיין רעפעראַט האָט אַרויסגערופן הייסע דיסקוסיעס פון דער זייט פון די רוסישע חברים, וועלכע האָבן זיך כמעט אַלע אַנטקעגנגעשטעלט פּרינציפּיעל דער פּראָגראַם פון אָפּנהיימער. אונדזערע רעדנער האָבן אויך אין דער פּראַגע אָנגענומען אַן אייגענע שטעלונג. זיי האָבן נישט אָנגענומען די אַלגעמיינע טעאָריע פון אָפּענהיימער, אָבער זיי האָבן זי אונטערשטיצט ווי אַ געוווּנטשענעם פּרווו, וועלכער אַנטהאַלט טאַקע נישט קיין לייזונג פון דער אַרבעטער־פּראַגע, אָבער עס איז פאַראַנען אין אים אַ וויכטיקער בייטראַג פאַר דער לייזונג פון דער קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעם. אין אָט־דעם פּונקט זענען זיך צונויפגעגאַנגען מיט אונדז די עסטרייכישע און אויך אַמעריקאַנישע חברים, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען דער חבר נחמן סירקין, און אין דעם גייסט איז אָנגענו־מען געוואָרן דער באַשלוס וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע. אויף די איבעריקע פּראָבלעמען וואָס האָבן אַרויסגערופן אַבסטראַקטע דיסקוסיעס, ווי עמיגראַציע, די באַציאונג צום קאָנגרעס און אַנדערע, וועלן מיר זיך דאָ נישט אָפּשטעלן באַזונדער.

דער באַריכט וועגן „האחדות״ איז אויפגענומען געוואָרן פּאָזיטיוו. אָבער עס האָט געפעלט אַ גענוג ממשותדיקע געגוגנדיקע אונטערשטיצונג, אויסער

די אַמעריקאַנער חברים, וועלכע האָבן צוגעזאָגט צו שיקן 400 דאָלאַר און אַ טייל פון דעם האָבן זיי שוין איינגעצאָלט.

די ראָלע פון קפא״י האָט די קאָנפערענץ פעסטגעשטעלט אַזוי:

„די אויפגאַבע פון קפא״י איז צו פאַרלייכטערן די עליה און איינפעס־טיקונג פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און אין די נאָענטע לענ־דער און צו העלפן זיי זיך באַפעסטיקן אין זייער עקאָנאָמישן לעבן״.

צוזאַמען מיט דעם איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוטרעטן צו דער פּראַק־טישער אַרבעט אין לאַנד ערשט ווען עס וועלן געזאַמלט ווערן וואָסערע טויזנט עסטרייכישע קראָנען. די סומע איז טאַקע באַלד געזאַמלט געוואָרן, אָבער די ביוראָ פון דעם פאַרבאַנד און עטלעכע לאַנד־ראַטן פון די פאַרטייען האָבן געפאָדערט די פּראַקטישע אַרבעט זאָל נישט אָנגעהויבן ווערן, ביז עס וועט נישט דערגרייכט ווערן דער מינימאַלער סכום פון 6.000 פראַנק. צוליב דעם איז די פּראַקטישע טעטיקייט אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט.

אויף דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ, אין דעם באַריכט וואָס עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דעם חבר וואַכמאַן, איז אינפאָרמירט געוואָרן, אַז מען האָט שוין געזאַמלט די סומע פון 7.924 עסטרייכישע קראָנען (20סטן יולי 1911). די דריטע קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו עפענען אַן אַרבעטס־ביוראָ אין ארץ־ישראל און צו באַשטימען פאַר דעם די סומע פון 5.000 קראָ־נען אויף צוויי יאָר און אויסער דעם אַ צענטראַלע ביוראָ אין ווין.

דער ווערט פון דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע איז אַלזאָ געלעגן אין דעם, וואָס דאָרטן האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט די צייטווייליקע פּראָגראַם פון דעם פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל ווי אַ פּראָגראַם פאַר זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועל־כער שטרעבט קיין ציון נישט נאָר אידעאָלאָגיש, נאָר אויך פּראַקטיש.

אויף יענער קאָנפערענץ איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן אַרבעט־סעקרעטאַריאַט, וועלכער זאָל אָנהייבן צו אַרבעטן אין ארץ־ישראל, עפענענ־דיק אַן אַרבעטס־ביוראָ. בכדי צו דערמעגלעכן די זעלבסטשטענדיקע טעטי־קייט פון דעם אַרבעטער־ציבור אין לאַנד איז נייטיק געווען צו האָבן פינאַנצן, אָדער ריכטיקער געזאָגט אַ שטענדיקע קוועלע פון געלט, און עס איז באַ־שלאָסן געוואָרן, ווי געזאָגט, צו גרינדן דעם פּאַלעסטינער־אַרבעטער־פאָנד״.

פאַקטיש איז דערעפנט געוואָרן דאָס ביוראָ פון קפא״י אין יפו ערשט אָנהייב תרע״ג (אָקטאָבער 1912). דאָס איז געווען די ערשטע זעלבסטשטענ־דיקע ציוניסטישע טעטיקייט פון דעם יידישן אַרבעטער וואָס איז געווען אָר־גאַניזירט אין וועלט־מאַסשטאַב. אָבער עס איז קלאָר, אַז אין אָט־דער פּראָ־גראַם איז נישט געווען קיין שום ווידערשפרוך צו די ציוניסטישע אַנשטאַלטן, נאָר דאָס איז געווען אַ מין דערגאַנצונג פאַר די זעלבע און ווי אַ באַפעסטי־קונג פון אונדזערע אייגענע פּאָזיציעס, די פּאָזיציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד, איבערהויפּט און אויסערהאַלב פון דעם ציוניזם.

עטוואָס אויך וועגן דעם ניינטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַמבורג.

דער קאָנגרעס איז דערעפנט געוואָרן זונטיק דעם 26סטן דעצעמבער 1909. אויף זיין צווייטער זיצונג זענען אויסגעהערט געוואָרן דערמאָנונגס־ווערטער וועגן אונדזערע חברים דב שווייגער און ישראל קאָרנגאָלד, ווי אויך וועגן שמעון מלמד — איינעם פון די קאָלאָניסטן פון סעדזשערא — וועלכע זענען געפאַלן אויפן פאַרטיידיקונגס־פראָנט פון דעם ישוב. דער רעפערענט האָט אָנגעוויזן אויף דער פאַרבינדונג וואָס איז פאַראַנען צווישן די געפאַלענע פון דער שמירה און פאַרטיידיקונג און צווישן דער באַוועגונג פון פועלי־ציון. עס זענען אויך אויסגעהערט געוואָרן אויפן קאָנגרעס בשעת ער האָט באַהאַנדלט די אַרבעט אין לאַנד, די ווערטער פון די פאַרטרעטער פון די אַר־בעטער־פּאַרטייען — די ווערטער פון יוסף אַראָנאָוויטש אין נאָמען פון הפועל הצעיר און מיינע ווערטער און די ווערטער פון דער חברה רחל ינאית (אין פּראָטאָקאָל איז זי פאַרצייכנט מיטן נאָמען גאָלדין), אין נאָמען פון פועלי־ציון. איך וועל איבערגעבן דעם תמצית פון אונדזערע ווערטער.

אין מיין וואָרט האָב איך אָנגעוויזן אויף דער ענדערונג וואָס איז פאָר־געקומען אין די פּאָליטישע באַדינגונגען פון דעם לאַנד און פון דער מדינה, וועלכע דערמעגלעכט אַן אָפענע אָרגאַניזאַציע פון פאַראיינען און געזעל־שאַפטן. אָבער אין דעם באַריכט פון דער לייטונג איז נישט געשענקט גע־וואָרן קיין אויפמערקזאַמקייט פאַר די נייע מעגלעכקייטן און עס זענען נישט געבראַכט געוואָרן קיין פאָרשלאָגן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דעם ישוב. עס האָט אויך אַ ווערט די ציוניסטישע באַנק ווי אַ פּאָליטישער פאַקטאָר, אָבער די ארץ־ישראל־ביוראָ איז באַגרענעצט אין איר טעטיקייט. מען מוז אָרגאַני־זירן דעם גאַנצן ישוב. אין דער ערשטער ליניע דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן די ציוניסטישע אַנשטאַלטן און עס דאַרפן אין די זעלבע באַטייליקט ווערן די יידישע אַרבעטער, וועלכע זענען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אינעם אויפבוי־פונעם לאַנד. אָבער דאָס איז ביז איצט פולשטענדיק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן און די ציוניסטישע אַנשטאַלטן האָבן נישט געווידמעט פאַר דעם קיין שום אויפמערקזאַמקייט.

איך האָב צוגעוויסן געטאָן אין נאָמען פון די וואָס האָבן מיך דעלעגירט, אַז זיי שטיצן מיטן גאַנצן האַרצן דעם פאָרשלאָג פון אָפּענהיימערן וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע. גלייכצייטיק האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אויף די שווערע באַדינגונגען פון די יידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס, וועלכע האָבן נישט פאַר זיך און פאַר זייערע משפחות קיין פּאַסיקע וווינונגען און אויך נישט קיין שום היגיענישע איינריכטונגען. עס איז אומבאַדינגט נייטיק צו גרינדן אומעטום אַרבעטס־ביוראָען און צו שאַפן היגיענישע וווינונגס־באַ־דינגונגען פאַר דעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד, ווייל ער פילט אויס אַן ערשט־קלאַסיקע נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע שליחות און דעריבער איז די פליכט פון דעם קאָנגרעס זיך צו אינטערעסירן מיט זיין שיקזאַל. צום סוף האָב איך איבערגעגעבן אַ פאָרשלאָג צו אָט־דעם פונקט:

„דער ניינטער ציוניסטישער קאָנגרעס אָנערקענט דעם ווערט און די

וויכטיקייט פון דער טעטיקייט פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון דעם יידישן אַגראַר־אַרבעטער דורך פאַסנדיקע הילפס־מיטלען, ווי: אַרבעטער־קוואַרטאַלן מיט וווינונגען אין דער נאָענט פון די קאָלאָניעס און די אויפשטעלונג פון ביליקע בנינים. דער קרן קימת דאַרף באַשטימען באָדן פאַר דעם".

פון די ווערטער פון רחל:

„עס איז שווער צו רעדן וועגן דעם יידישן אַרבעטער נאָך דעם ווי די מיטגלידער פון דעם אַקציאַנס־קאָמיטעט האָבן אים נישט דערמאָנט אין אַלע זייערע רעדעס. און טראָץ דעם איז דאָס פּראָבלעם דאָס וויכטיקסטע. די יידישע אַרבעטער אין לאַנד פאַרטרעטן נישט נאָר זיך אַליין, נאָר אויך דאָס גאַנצע פאָלק, און נישט נאָר דורך זייער אַרבעט, נאָר אויך מיט דעם וואָס זיי היטן די קאָלאָניזאַציע־פּונקטן און באַשיצן זיי פון די אָנפאַלן פון זייערע אַראַבישע שכנים.

עס איז יעדנפאַלס כאַראַקטעריסטיש, אַז אַפילו וואַרבורג אַליין האָט גאָרנישט דערציילט אין זיין וואָרט וועגן די אַרבעטער און זייער אויפטו אין כנרת.

די ציוניסטן מאַכן זיך נישט וויסנדיק וועגן דער אַרבעטער־פּראָבלעם אין לאַנד. אַזוי, למשל, האָט זיך די ציוניסטישע באַנק אָפּגעזאָגט אַנצונעמען אין דעפּאָזיט די געלטער פון דעם שטרייק־פאָנד פון די יידישע אַרבעטער אין ירושלים. דער קרן קימת בויט הייזער, ביי וועלכע עס באַקומט נישט קיין אַרבעט דער יידישער אַרבעטער. עס איז דעריבער זיך נישט צו וווּנדערן אַז די פּריוואַטע אונטערנעמונגען רעכענען זיך נאָך ווייניקער ווי די אַנשטאַלטן מיט דעם יידישן אַרבעטער.

מיר פאָדערן אַז מען זאָל זיך רעכענען מיט די אַרבעטער־פאַרטרעטערס און אַז זייערע מיינונגען זאָלן אויסגעהערט ווערן אין יעדער זאַך וואָס רירט אָן די אַרבעטער־ענינים. ווייל ווי אַזוי וועט דער יידישער פּראָלעטאַריער האָבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן אין לאַנד, אויב די ציוניסטישע אַנשטאַלטן וועלן זיך צו אים באַציען אויף אַזאַ אופן.

בכדי צו פאַרזיכערן די אַרבעטער־עליה מוז אָנגעהויבן ווערן אַ נייע טעטיקייט אויפן קאָלאָניזאַציע־געביט און איך אונטערשטריך מיטן גאַנצן האַרצן דעם פאָרשלאַג פון פּראָפעסאָר אָפּענהיימער. אָבער אײנאײנעם מיט דעם שטעל איך מיך אָפּ אויף דער נויטווענדיקייט צו באַפעסטיקן די פּאָזיציע פון דעם אַרבעטער אין דער קאָלאָניע און איך שטרייך אונטער די נויטווענדיקייט אויפצושטעלן אַרבעטער־קוואַרטאַלן אין די קאָלאָניעס און אין די שטעט ווו עס זאָלן זיין אָנשטענדיקע און ביליקע וווינונגען, בכדי צו פאַרלייכטערן דעם אַרבעטער בייצושטיין די קאָנקורענץ פון דער ביליקער אַראַבישער אַרבעט.

אַזוי לאַנג ווי עס וועלן נישט דערפילט ווערן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער און מען וועט זיך נישט רעכענען מיט זיי — צו וואָס דאַרפן מיר

דעם קאָנגרעס? אויב מען זאָגט אַז די פּראַקטישע אַרבעט אין לאַנד איז אַ פאַנטאַזיע — צו וואָס דאַרפן מיר דעם קאָנגרעס?״.

אונדזערע פאָדערונגען האָט אויך אונטערשטיצט פּאָסמאַניק, איינער פון די ציוניסטישע פירערס אין רוסלאַנד. צווישן די באַשלוסן וואָס עס האָט אָנגענומען דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז אויך געווען איין אָפּזאַץ וועגן דעם פאַרשלאָג פון פּראָפעסאָר אָפּענהיימער וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער קאָ־לאָניזאַציע. עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דעם ק. ק. ל. צו באַשטימען די פאַר דעם נייטיקע באָדן־שטחים און אָנצוהייבן אַ זאַמלונג פאַר אַ פאָנד פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, וועלכער וועט צונויפגעפלאָכטן ווערן מיט דעם ק. קימת. אין דעם דירעקטאָריום וואָס וועט אויסגעקליבן ווערן, וועלן זיך באַטייליקן פאַרטרעטער פון ק. ק. ל. און פאַרשטייער פון די אַר־בעטער. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אויפן קאָנגרעס אויפצושטעלן אַ פאַרמיטלונגס־און אינפאָרמאַציע־ביוראָ פאַר אַרבעטער און קאָלאָניסטן און עס איז אויך אָנערקענט געוואָרן די נייטיקייט צו אָרגאַניזירן די יידן פון ארץ־ישראל.

***

מיר האָבן באַשלאָסן זיך אומצוקערן אין לאַנד אַריין מיטן יבשה־וועג און צו באַזוכן אויך די באַלקאַנישע לענדער. צו ערשט זענען מיר אַלזאָ גע־פאָרן קיין ווין און דאָרטן האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען עטלעכע טעג מיט באָראָכאָוון, וועלכער האָט דעמאָלט סטאַביל געוווינט אין דער עסטרייכישער הויפּטשטאָט. איך האָב מיך זייער געפרייט מיט דעם, ווייל שוין אַנדערהאַלבן יאָר האָבן מיר זיך נישט געזען — פון דעם טאָג אָן וואָס מיר האָבן זיך געזעגנט אויפן אַכטן קאָנגרעס אין האַג.

באָראָכאָוו האָט געלעבט אין ווין זייער געענגט און געדריקט און האָט זיך ממש אַליין אומגעבראַכט אין די געצעלטן פון דער וויסנשאַפט. פון איין זייט האָט מען אים איבערגעגעבן די אויפגאַבע צו קאָנצענטרירן די טעטי־קייט פון דער פאַרבאַנד־ביוראָ, און פון דער צווייטער זייט האָט ער נישט איבערגעריסן זיין לערנען. ער האָט נישט איבערגעריסן זיין טעאָרעטישע אַרבעט וועגן פילאָזאָפיע און וועגן דער אויספאָרשונג פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע. די געציילטע טעג וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין זיין געזעלשאַפט זענען געווידמעט געוואָרן פאַר אַלע אַק־טועלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך געוועבט אין ארץ ישראל. איך געדענק, אַז מיר האָבן אים איינפאַך פאַרגעלייגט עולה צו זיין אין לאַנד אַריין און זיך אָנצושליסן אין דעם הייפעלע חברים וואָס געפינען זיך דאָרטן און געבן זיך פלייסיק אָפּ מיט דער אויפשטעלונג פון דעם נייעם קערן פון דער פּאַר־טיי און מיט דער גרינדונג פון דער העברעאישער צייטונג. באָראָכאָוו האָט זייער געגאַרט עולה צו זיין, אָבער ער איז געווען באַזאָרגט פאַר דער לאַגע פון דער באַוועגונג אין גלות, זי זאָל נישט בלייבן אָן אַ וועגווייזער און ריכ־

טונג־געבער. עס איז אים אויך שווער געווען זיך צו געזעגענען מיט די רייכע אַרכיוון און ביבליאָטעקן פון ווין און פון די איבעריקע אייראָפּעאישע שטעט. ער האָט מורא געהאַט, אַז אין ארץ־ישראל וועט ער נישט קענען פאָרזעצן זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן פילאָזאָפיע, פילאָלאָגיע און די אויס־פאָרשונג פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין אייראָפּע און ספּעציעל וועגן דער אויספאָרשונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. ער האָט געהאַט ספקות וואָס אָנבאַלאַנגט זיין באַטייליקונג אין דער רעדאַקציע פון „האחדות", אָבער ער האָט געוואָלט קומען צו טאָן פּראַקטישע אַרבעט, ווי: אָנצופירן די אַרבעטס־ביוראָ און ער האָט געגלייבט אין דעם אַז ער וועט קענען קומען. ער האָט אויך צוגעזאָגט זיך צו באַטייליקן פון ווייטנס אין „האחדות" און אָט־דעם צוזאָג זיינעם האָט ער טאַקע געהאַלטן און ווען די צייטונג איז געגרינדעט געוואָרן האָט ער אונדז סטאַביל געשיקט זיינע לי־טעראַרישע אַרבעטן.

אינטערעסאַנט איז די באַציאונג פון באָראָכאָוון צו דער העברעאישער שפּראַך: זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ לערער פון עברית, האָט אים אין זיין קינדהייט אַריינגעגעבן אין אַ רוסישער רעגירונגס־גימנאַזיע. דורך דעם איז באָראָכאָוו אָפּגעריסן געוואָרן סיי פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן חינוך, סיי פון דער מאָדערנער העברעאישער דערציאונג. אָט־די אויסטער־לישע דערשיינונג, וואָס פּייערדיקע ציוניסטן, איבערגעגעבענע צו זייער פאָלק און קולטור, פאַרנאַכלעסיקן די יידישע און העברעאישע דערציאונג פון זייע־רע קינדער, איז אין יענע טעג נישט געווען קיין אויסנאַם. דאָס איז געווען זייער אַ פאַרשפּרייטע דערשיינונג אין די קרייזן פון די יידישע משכילים און פון די ציוניסטן צווישן זיי. אַ ייד, וועמען עס איז געלונגען אָפּצוגעבן זיין זון אין אַ רעגירונגס־גימנאַזיע, איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גליקלע־כער מענטש אין די אויגן פון די לייט. מ. א. באָראָכאָוו, דער פאָטער פון בערלען, האָט באַדאַרפט זיך אָנטשיידן, פּונקט אַזוי ווי אַ סך אַנדערע, פאַר זיינע נאַציאָנאַלע געפילן אָדער פאַר זיין ווילן צו פאַרזיכערן פאַר זיין זון אַ צוקונפט און אַ „תכלית" — און ער האָט אויסגעקליבן דאָס צווייטע. דער רעשט איז שוין געקומען פון זיך אַליין. באָראָכאָוו איז אָנגענומען געוואָרן אין דער גימנאַזיע. אין די אַכט יאָר פון זיין לערנען האָט ער פאַרלאָזט דאָס ביסל עברית וואָס ער האָט פריער געהאַט געלערנט. אין יענע יאָרן און אין די יאָרן וואָס זענען געקומען נאָך דעם האָט ער באַוויזן גרינטלעך אויסצו־לערנען נישט נאָר די אייראָפּעאישע שפּראַכן און די קלאַסישע ליטעראַטורן, נאָר אויך יידיש, וואָס איז פאַר אים געווען פרעמד, מיט זיין ספּעציעלער גרינטלעכקייט, אויף אַזוי ווייט אַז ער איז געוואָרן אַ ספּעציאַליסט און האָט באַרייכערט די פילאָלאָגיע און ביבליאָגראַפיע פון יידיש און זיינע אַרטיקלען אויף אָט־דעם געביט דינען פאַר קלאַסישע מוסטערן ביז צום היינטיקן טאָג. אין זיין באַציאונג צו עברית אין דער יוגנט זענען קענטיק ענדערונגען: אין איינעם פון זיינע ערשטע אַרטיקלען — „צו דער פּראָבלעם פון ציון און טע־

ריטאָריע״ — האָט ער באַטראַכט עברית ווי איינעם פון די הויפּט־פּרינציפּן פון דעם דרייפאַכן ציוניסטישן אידעאַל (פאָלק, לאַנד און שפּראַך). אין די קומענדיקע טעג האָט ער זיך צוגעגויגט צום צד פון צוויי־שפּראַכיקייט: עברית אין ארץ־ישראל, און יידיש אין גלות. אונטערן איינפלוס פון אונדזער באַוועגונג אין ארץ־ישראל האָט ער זיך ווידער דערנענטערט צו עברית און אין דער ווינער עפּאָכע האָט ער געווידמעט אַ טייל פון זיין צייט פאַר איר דערלערנונג. אין יאָרן אַרום האָב איך מיך מיט אים געטראָפן אין אַמעריקע און האָב געזען, אַז ער האָט געמאַכט אויף אַזוי ווייט פּראָגרעס אין די קענטעניש פון עברית אַז ער האָט סטאַביל געלייענט די „האחדות״ און אויך אַנדערע העברעאישע צייטונגען פון ארץ־ישראל און פון אַנדערע לענדער.

איך געדענק איין דעטאַל וואָס זאָגט עדות וועגן דער געזעלשאַפטלעכער זאָרג פון באָראָכאָוון פאַר אונדז — ווען ער האָט זיך אַליין באַמיט צו זוכן אין דעם פאַרפלאָנטערטן רייזע־פּלאַן פון די באַנען און אָנצייכענען פאַר אונדז די פּראָגראַם פאַר דער לאַנגער און אויסגעצויגענער רייזע פון ווין קיין בודאַפּעסט און פון דאָרטן קיין בעלגראַד, סאָפיאַ און קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אין סאָפיאַ האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן צוויי טעג. דאָרטן האָבן מיר זיך געטראָפן מיט ארץ־ישראלדיקע לערערס. איך געדענק באַזונדערס מרדכי אסושקין, וועלכער האָט אונדז איינגעלאַדן איינצושטיין אין זיין היים, און אביעזר יעלין, וועלכן מיר האָבן דערקענט פון דער נאָענט אין די טעג ווען ער איז געווען אַ שילער פון דעם לערער־סעמינאַר אין ירושלים. אין סאָפיאַ האָבן מיר שוין געפונען דעם ערשטן קערן פון פּועלי־ציון אין בולגאַריע. זיי האָבן אונדז איינגעלאַדן אין זייער פאַראיין און מיר האָבן זיי דערציילט וועגן ארץ־ישראל און וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער. מיר האָבן זיך אויך דורכגעשמועסט מיט עטלעכע פון די אָנפירערס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין בולגאַריע, וועלכע האָט זיך דעמאָלט געשפּאָלטן אויף צוויי ריכטונגען. כמעט אַלע „געבילדעטע״ צווישן זיי האָבן געקענט רוסיש, וואָס זיי האָבן אויסגעלערנט אין די מיטל־שולן. אויף אָט־דער שפּראַך האָבן מיר געקענט קומען אין באַרירונג מיט זיי און זיך באַקענען מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג פון זייער לאַנד. זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט די געשעענישן אין ארץ־ישראל און מיט אונדזער שטעלונג צום סאָציאַליזם. עס איז אמת, אַז אונדז האָט מער אינטערעסירט די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די באַלקאַנישע לענדער, ווו עס פלעגטן זיך צונויף די פאָלקישע און קלאַסן־קעגנזאַצן פון די פּאַרטייאישע אונטערשידן. דאָס האָט אונדז אינטערעסירט, ווייל אויך מיר האָבן געזוכט אַ וועג אויסצוגלייכן אָט־די דאָפּלטע קעגנזאַצן אין אונדזער פאָטערלאַנד. איך קען נישט זאָגן אַז די באַציאונגען פון די באַלקאַנישע פעלקער צווישן זיך האָבן באַלויכטן דאָס פּראָבלעם און האָבן פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ פּאָזיטיוון וועג, אָבער איין זאַך האָבן מיר פון זיי געלערנט, און דאָס איז — אַז אויך אָט־די פראַגע וועט נישט געלייזט ווערן פון זיך אַליין, דורך דער ענדערונג פון אַן אַבסאָלוטיס־

טישן רעזשים, ווי ער האָט געהערשט אין דער טערקיי פון אַבדול חמיד, אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכה פון מאָהאַמעד רישאַד. פון דאַנען האָב איך גע־לערנט אַ קל־וחומר וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם אינערהאַלב אָטאָמאַ־ניע, אַז זי וועט נישט געלייזט ווערן פאַרבייגייענדיק פון זיך אַליין, נאָר דורך אַ ספּעציעלער טעטיקייט. אַזאַ טעטיקייט איז אוממעגלעך אָן אַ גרינט־לעכער קענטעניש פון די כוחות און פאַקטאָרן וואָס ווירקן אין דער געזעל־שאַפט.

וואָס אָנבאַלאַנגט אונדזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג — האָבן מיר זיך דאָרטן באַקענט מיט די ערשטע שפּראָצונגען פון דעם ציוניזם אין יענעם פאַרוואָרפענעם ווינקל אויף דעם באַלקאַן און מיט דער יידישער שטרעבונג זיך אומצוקערן קיין ארץ־ישראל און צו אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן.

איך דערמאָן מיך אָן דעם טאָג פון מיין צוריקקער אין לאַנד אַריין, ט״ו בשבט תר״ע, ווייל דאָס איז געווען אַ פייערלעכער טאָג: דעמאָלט איז גע־לייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דעם בנין פון דער העברעאישער גימ־נאַזיע „הרצליה״, דאָס איז דער ערשטער בנין אין תל־אביב. מיר זענען אָנ־געקומען פונקט צו אָט־דער פייערונג, ווען אַ טוץ ערשטע פּיאָנערן האָבן אויסגעגלייכט די זאַמדן און די ערשטע מולערס האָבן געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַר דער ערשטער יידישער שטאָט.

פסח פון יענעם יאָר איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף דער זעקסטער קאָנפערענץ די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין דער פאָרם פון אַ פּראָטאָקאָל אין אַ באַזונדערן העפט *). אָט־דאָס העפט האָט געדינט ווי אַ באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל קעגן אונדז אין דער צייט ווען דזשאַמאַל־פּאַשאַ, דער קאָמאַנדיר פון דער פערטער טערקישער אַרמיי, איז געקומען מאַכן זיין רעכענונג מיטן ציוניזם. אָבער אָט־די ווערטער באַ־ציִען זיך אויף אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע.

*) „באַריכט פון דער זעקסטער פּאַרטיי־קאָנפערענץ (י״ד—ט״ו ניסן תר״ע אין יפו) איז צוזאַמגעשטעלט און אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון א׳ אייר תר״ע (די פּראָגראַם ווערט געבראַכט ווי אַ צוגאָב ביים סוף פון דעם בוך).

„האחדות" און אַנדערע פּאַרטיי־אויסגאַבן און די זיבעטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ

אין חודש תמוז תר"ע איז ענדלעך דערשינען דער ערשטער נומער פון דעם העברעאישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל אין ארץ־ישראל „האחדות". אין קאָפּ פון דעם נומער איז אָנגעצייכנט געוואָרן: „אַ צייטונג פאַר די ענינים פון די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין ארץ־ישראל, דערשיינט דורך דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל (פּועלי־ציון)."

„האחדות" איז נישט געווען די ערשטע אַרבעטער־צייטונג אין לאַנד. פאַר איר זענען געווען, ווי עס איז דערציילט געוואָרן אויבן, דער „אָנפאַנג" און „הפּועל־הצעיר". אָבער די ערשטע איז נישט געווען אין עברית, נאָר אין יידיש, און די צווייטע — דער „הפּועל־הצעיר" — האָט זיך נישט באַטראַכט אין יענער עפּאָכע אַלס סאָציאַליסטישע צייטונג. די „האחדות" האָט אַלזאָ די רעכט פון אַן ערשטלינג אַלס ערשטע סאָציאַליסטישע העברעאישע צייטונג אין לאַנד און אַלס ערשטע העברעאישע פּערמאַנענטע סאָציאַליסטישע צייטונג אין דער וועלט, נאָך די צייטווייליקע פּרוון וואָס זענען זיינערצייט געמאַכט געוואָרן דורך א. ש. ליבערמאַן, דעם אַרויסגעבער פון „האמת", און זיינע חברים אין די זיבעציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

„האחדות" איז געגרינדעט און געשטיצט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל. אָט־די פּאַרטיי איז געווען איינע פון די פיר הויפּט־פּאַרטייען (אין רוסלאַנד, עסטרייך, אַמעריקע און ארץ־ישראל), וואָס דער וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי און די איינציקע פון די אויסגערעכנטע פּאַרטייען פון דעם פאַרבאַנד, וועלכע האָט געשאַפן און אויסגעהאַלטן אַ ליטעראַרישן אָרגאַן אויף עברית.

אין אַלגעמיינע שטריכן דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז די באַציאונג צו עברית צווישן די פּועלי־ציון אין חוץ־לארץ איז נישט געווען איינהייטלעך און אַזוי ווי די ערשטע קעמערלעך, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן נאָך איידער די פּאַרטיי האָט זיך פאַראייניקט אין איין קערפּערשאַפט, האָבן געהאַט מיינונגס־פאַרשידנקייטן וועגן ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און מאַרקסיזם, אַזוי האָבן זיי געהאַט מיינונגס־פאַרשידנקייטן אויך וואָס אָנבאַלאַנגט עברית. אין רוסלאַנד, וווּ דער „בונד" האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס, האָט זיך די מערהייט פון די פאַראייניגן צוגענויגט צו יידיש, אָבער עס זענען געווען אַ

געוויסע צאָל גרופּן אין ליטע, פּוילן און אַפילו אין דרום־רוסלאַנד, וועלכע האָבן באַטראַכט עברית אַלס די היסטאָרישע נאַציאָנאַלע שפּראַך.

אין דער צייט ווען אין גלות האָט מען זיך געוואַקלט און געצווייפלט, האָט די פּאַרטיי אין לאַנד געמאַכט אַ געוואַגטן חלוצישן שריט, וועמענס קאָנסעקווענצן עס האָבן זיך אַנטפּלעקט ערשט אין יאָרן אַרום: זי האָט גע־לייזט די פראַגע פאַר זיך אַליין און האָט זיך אַנטשידן פאַר עברית. דאָ איז דאָס פלאַץ אָנצוווייזן, אַז אין גלות זענען אויך געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פון אַ ליטעראַרישער טעטיקייט אויף עברית נאָך אין דער ערשטער „פרעהיס־טאָרישער" עפּאָכע, למשל: דער קוואַרטאַלניק „השחר" פון נחמן סירקין (אונטערגעשריבן: י. בן אליעזר, בערלין תרס"ג) און אויך דער אַרטיקל פון ראובן גרינבערג וועגן פּועלי־ציון אין דער מאָנאַטשריפט „הזמן" (העפט י', תרס"ו, 1925, זייט 30־49). אָבער דאָס זענען אַלץ געווען נישט מער ווי פּאַראיינזאַמטע איניציאַטיוועס. די פּרעסע און די פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור זענען אין אַלגעמיין אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף יידיש און אויף פרעמדע שפּראַכן (רוסיש, פּויליש, דייטש, ענגליש אאז"וו), אָבער די פּאַרטיי פּועלי־ציון אין לאַנד איז געווען די ערשטע אינערהאַלב פונעם וועלט־פאַרבאַנד, וואָס האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצוגעבן אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־צייטונג אויף עברית. זי האָט אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך מיט איר אַנטקעגנשטעלן זיך דעם אָנגריף פון די יידישיסטן, וועלכע האָבן זיך אין יענער צייט גע־שטאַרקט צווישן די אַרבעטער אין די גלות־לענדער. דאָס זענען געווען די טעג פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, די טעג פון דעם קעמפערישן יידישיזם, ווען עס האָבן זיך פאַרשפּרייט אויף דער יידישער גאַס דער סיימיזם, טערי־טאָריאַליזם און פאָלקיזם (די פאָלקס־פּאַרטיי). דער יידישיזם איז אויך אַריינ־געדרונגען אין די רייען פון די געטרייע צו ציון פּועלי־ציוניסטן, נישט נאָר אין רוסלאַנד און פּוילן, נאָר אויך אין אַמעריקע און די באַוועגונג פון חוץ־לאָרץ האָט אין אַלגעמיין אָנגענומען אַ צוויי־שפּראַכיקע שטעלונג.

די העברעאישע אַרבעטער־צייטונג וואָס איז פאָראויסגעגאַנגען דער „האחדות" אין לאַנד איז געווען, ווי געזאָגט דער „הפועל־הצעיר" *), וועל־כער האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין דרוק ביים אָנפאַנג פון תרס"ח. אָבער מען דאַרף געדענקען אַז די פּאַרטיי „הפועל־הצעיר" איז דעמאָלט נישט גע־ווען פאַרבונדן מיט קיין יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין די גלות־לענדער און אויך נישט מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער וועלט. די פּאַרטיי פּועלי־ציון אין לאַנד ווידער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דער

*) אויף די ערשטע נומערן איז פאַרצייכנט געוואָרן, צוליב קאָנספּיראַציע „געדרוקט אין קאַיראָ" און ערשט אָנהייבנדיק פון דעם אַכטן נומער פון שבט תרס"ט האָט די צייטונג אָנגעהויבן צו דערשיינען אָפן אין ירושלים, מיט אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג (אין דער דרוקעריי עזריאל), ווי אַ וואָכנבלאַט.

עיקר פון חברים און חברות וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין שויס פון דער באַוועגונג אין גלות און אויף דער אידעאָלאָגיע וואָס איז דאָרטן געשאַפן גע־וואָרן אין די גלות־באַדינגונגען און זיי זענען געווען פאַרבונדן אויף אַן אָר־גאַנישן אופן מיט דער וועלט־באַוועגונג. ווען זיי זענען צוגעטראָטן אַרויסצו־געבן אַן אייגענע צייטונג, איז געווען אַ מורא עס זאָלן נישט איבערגעריסן ווערן די פאַרבינדונגען מיט די חברים פון חוץ־לאָרץ, אָבער די גרינדער פון דער העברעאישער צייטונג האָבן געהאָפט אויף פאַרקערטע רעזולטאַטן, צו באַקומען אַן איינפלוס אויפן גלות און זיי האָבן דערוואַרט געהאָלפן צו ווערן דורך די חברים אין גלות, און באַזונדערס אין אַמעריקע, וועלכע זענען גע־בליבן געטריי דער העברעאישער שפּראַך. און אַט איז געקומען די קליינע פּאַרטיי פון ארץ ישראל, די יונגסטע פון אַלע, און זי האָט פעסטגעשטעלט איר פּאָזיציע אַלס קעגנערן צום עקסטרעמען יידישיזם און צו דער צוויי־שפּראַכיקייט פון אירע שוועסטער־פּאַרטייען אין גלות. דאָס איז געווען איי־נער פון די געוואָגטסטע שריט פון דער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי אויף איר וועג צו זעלבסטשטענדיקייט.

און נישט דאָס אַליין, נאָר אויך אין לאַנד האָט נאָך עברית נישט גע־שלאָגן קיין טיפע וואָרצלען. די מערהייט פון דעם ישוב האָט זיך נאָך דע־מאָלט נישט באַנוצט מיט עברית אין טעגלעכן לעבן. אַזאַ איז געווען די לאַגע נישט נאָר אין אַלטן ישוב, נאָר אויך אין די קאָלאָניעס און צווישן די אַר־בעטער און די פּיאָנערן פון עברית, וואָס האָבן אויפגעהויבן הויך איר פאָן, זענען געווען בלויז יחידים. אין דער ערשטער ליניע איז געשטאַנען, נאָך אליעזר בן יהודה, דער העברעאישער לערער, אָבער אויך זיי זענען געווען יחידים. די ערשטע געזעלשאַפטלעכע גרופּע וואָס האָט גענומען אויף זיך די פליכט צו פאַרווירקלעכן די הערשאַפט פון דער שפּראַך איז געווען די אַר־בעטערשאַפט.

ווי עס איז דערציילט געוואָרן פריער, איז סוכות תרס״ח אין יפו און נאָכדעם אין דער באַראַטונג פון ירושלים פון מאָנאַט אב תרס״ח באַשלאָסן געוואָרן באַלד נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער איבערקערעניש, אָנצוהייבן מיט דעם אַרויסגעבן פון ביכער און אויפקלערונגס־העפטן אויף עברית און צו מאַכן אַלע צוגרייטונגען אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט אויף עברית. און ווירקלעך האָבן מיר זומער תרס״ט, נאָך דער צווייטער טערקישער איבער־קערעניש, פאַרווירקלעכט דעם באַשלוס און אין געציילטע מאָנאַטן אַרום האָבן מיר באַקומען די דערלויבענישן פאַר דער צייטונג און פאַר דער דרוקעריי.

אויף דער זעקסטער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען פּסח תר״ע אין יפו, זענען געמאַכט געוואָרן די לעצטע צוגרייטונגען און עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן אַ רעדאַקציע און אַ דירעקציע. עס איז באַשלאָסן גע־וואָרן אַז די צייטונג וועט געדרוקט ווערן אין טויזנט עקזעמפּלאַרן און וועט געווידמעט ווערן דער עיקר צו אונדזערע ארץ־ישראלדיקע פּראָבלעמען, אָבער־

זי וועט זיך אויך פאַרנעמען מיטן לעבן פון אונדזער פאָלק אין גלות. די צייטונג איז געווען באַשטימט צו זיין אַ פּאָליטישער אַרבעטער־אָרגאַן, ווען אַפילו נישט קיין פּאַרטייאישער אין דעם ענגן זין פון דעם וואָרט, און עס האָבן אין איר געזאָלט באַקומען פּלאַץ אויך אַלגעמיינע סאָציאַליס־טישע פראַגן און אויך בעלעטריסטיק. זומער תר״ע (1910) האָט זיך אָנגע־הויבן די פאַרווירקלעכונג: אין אָנפאַנג איז די צייטשריפט אַרויסגעגאַנגען איין מאָל אין מאָנאַט (דריי נומערן: תמוז, אב, אלול); אויף ווייטער, אָנ־הייבנדיק פון דעם יאָר תרע״א, אין דער פאָרם פון אַ וואָכנבלאַט (דער „הפועל־הצעיר״ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וואָכנבלאַט ערשט אין יאָר תרע״ג).

אין אַ האַלבן יאָר אַרום, אויף דער זיבעטער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, פּסח תרע״א, איז אייַנגעאָרדנט געוואָרן אַ ברייטע דיסקוסיע וועגן „האחדות״ און אָט איז אַ פראַגמענט פון די ווערטער פון דעם רעפערענט:

„נישט בלויז פאַר די צוויי הונדערט חברים אונדזערע אַליין איז וויכ־טיק די זאַך — די אויפקלערונג פון אונדזערע מיינונגען און אָנשויאונגען. מיר האָבן זיך נישט געוואָלט באַגרענעצן בלויז אויף אונדזערע חברים, נאָר פאַרקערט — פאַרשפּרייטן אונדזערע געדאַנקען אויסער זיי און צו פאַרמערן אונדזערע כוחות. מיר קומען און רעדן צו דער גרויסער צאָל אַרבעטער אין ארץ־ישראל; פאַר אונדז שטייען פּראָבלעמען, וועלכע בינדן צו צו אונדז אויך די מאַסן פון אונדזערע ברידער אַרבעטער פון חוץ־לארץ, ווי: די עמי־גראַציע־פראַגע. מיר, וואָס מיר זענען די פּיאָנערן פונעם פאָלק אין זיין טעַ־ריטאָריזאַציע־פּראָצעס, די פּיאָנערן פון דעם יידישן אַרבעטער, טראָגן אויף זיך די פליכט נישט נאָר אויפצוקלערן די פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר די יידישע אַרבעטער וואָס עקזיסטירן שוין פאַקטיש אין אונדזער לאַנד, נאָר אויך יענע פראַגן פון דעם אַרבעטער וועלכער וועט קומען אַהער און זיך דאָ פאַרפעסטיקן. פאַר אונדז שטעלן זיך אַוועק די פּראָבלעמען פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן און דעם שטאָטישן, אין אַלגעמיין, אויסער די ענינים וואָס באַרירן דירעקט אונדז — די פאַרשידע־נע פּראָבלעמען פון דעם שטאָט־און לאַנד־אַרבעטער, פון אונדזער אַלגעמיי־נער אַרבעט אויפן געביט פון קולטור און פּאָליטיק. אַלע יענע נאַציאָנאַלע און קלאַסן־פּראָבלעמען זענען געבונדן און אַריינגעפּאַסט ווי רינגען אין איין קייט.

אַלע פעלקער אין דער טערקיי פירן זייער נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אָפן און זיי פּראָקלאַמירן עפנטלעך אַז זיי זענען גריכן, אַרמענער, בולגאַרן, אאַז״וו. און גלייכצייטיק זענען זיי אויך גאַנצע אָטאָמאַנער. די פליכט באַקאַנט צו מאַכן די עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק און אויפצוקלערן זיינע פאָדערונגען און פּלענער אין טערקיי, ליגט נישט נאָר אויף אונדז אַליין, נאָר אויך אויף אַלע ווירקזאַמע כוחות פון דעם אָטאָמאַנישן יידנטום. די פליכט וואָס ליגט אויף אונדז באַזונדער, איז צו פּראָקלאַמירן און אויפקלערן, אַז מיר זענען

יידישע סאָציאַליסטן און לויט מעגלעכקייט צו באַאיינפלוסן אַלע פּראָלעטאַרישע קרייזן אין טערקיי זיי זאָלן פאַרשפּרייטן אונדזער געדאַנק און אים פאַרטיידיקן. אַט־די אויפגאַבע איז רעזערווירט בלויז פאַר אונדז.

ווי אַזוי האָט די רעדאַקציע אויסגעפירט איר אויפגאַבע?

די שפּראַך פון די ציפערן איז די קלאָרסטע: אין משך פון דעם האַלבן יאָר וואָס נאָך דער באַראַטונג פון סוכות זענען דערשינען 24 נומערן פון „האחדות", צווישן זיי דריי דאָפּל־נומערן. דעם ערשטן פּלאַץ פאַרנעמען אַרטיקלען וואָס זענען געווידמעט צו די צייט־פראַגן, צו דער אויפקלערונג פון אונדזערע אָנשויאונגען און אונדזער באַציאונג צו די זעלבע. זייער צאָל דערגרייכט צו 35 און 13 פון זיי זענען געבראַכט געוואָרן אונטער אַ באַזונדערן נאָמען „על הפרק". ווייניקער פּלאַץ איז געווידמעט געוואָרן צו די פּאַרטיי־פראַגן, וועלכע באַרירן בלויז דאָס לעבן פון דער פּאַרטיי: נאָר לערך צען אַרטיקלען. אויך די צאָל פון די פּאָליטישע אַרטיקלען איז צען און כמעט אַלע פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט אַלגעמיינע אָטאָמאַנישע פראַגן. קליין אין צאָל איז די רייע פון די פּאָפּולערע אַרטיקלען, וואָס האָבן אַנטהאַלטן בלויז צוויי־דריי ענינים (איינער פון זיי אין 4 פאָרזעצונגען). אָרעם איז אויך די ספּעציאַליטעט פון בעלעטריסטיק און דעסגלייכן דער אינפאָרמאַטיווער טייל. דאָ איז דאָס פּלאַץ צו באַמערקן, אַז די רעדאַקציע האָט פאַרווירקלעכט איינעם פון די גאָר וויכטיקסטע באַשלוסן פון דער סוכות־באַראַטונג און האָט אַרויסגעגעבן אויף עברית אַ וויסנשאַפטלעך־סאָציאַליסטיש ווערק, וואָס איז גלייכצייטיק געווען פּאָפּולער, און דורך דעם האָט זי געמאַכט דעם ערשטן שריט אויף דעם געביט פון אונדזער העברעאישער ליטעראַטור *).

דורך דעם האָבן מיר געוואָלט געבן דערציאונגס־מאַטעריאַל פאַר נייע לייענער, בכדי זיי אָנצווייזן אַ וועג און זיי צו לערנען דאָס וועזן פון דער סאָציאַליסטישער לערע.

אַלע פעלערן וואָס די צייטונג האָט געהאַט, זענען זיכער בעסער באַקאַנט דער רעדאַקציע ווי אַלע יענע וואָס זענען געשטאַנען אָן אַ זייט. און זיכער זענען דאָ פעלערן וואָס די רעדאַקציע איז שולדיק אין זיי, אָבער די זעלבע געפינט פאַר נייטיק צו דערקלערן אַז דאָס פעלן פון בעלעטריסטיק אין דער צייטונג איז געווען צו פאַרדאַנקען נאָר דעם פעלן פון מאַטעריעלע מיטלען, וועלכעס האָט זיך געלאָזט פילן באַזונדערס שאַרף אין דער גאַנצער רעדאַקציאָנעלער אַרבעט. דאָס זעלבע גילט אויך פאַר דער פּאָליטישער זייט, וועלכע פאָדערט אויסבעסערונג און פאַרשענערונג.

פון דאַנען גייען מיר אַריבער צו דער פליכט פון די חברים צו שטיצן זייער צייטונג. באַזונדערס שפּירט מען די באַציאונג פון די חברים, וועלכע

*) ווערנער זאָמבאַרט: דער „סאָציאַליזם און די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אין 19טן יאָרהונדערט", אין דער איבערזעצונג פון ד. בן־גוריון.

איז ביז איצט געווען אַ גלייכגילטיקע, אין דער קאָרעספּאָנדענץ־אָפּטיילונג. די פאַרעפנטלעכטע בריוו זענען לויט זייער כאַראַקטער געווען צופעליקע. זייער צאָל (וואָסערע דריי אין יעדן נומער) איז געווען זייער קליין פאַר אַ וואָכנבלאַט. פון גרויסע שטעט מיט אַ צאָלרייכער יידישער באַפעלקערונג זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן כמעט קיין שום בריוו אין פאַרלויף פון־נעם גאַנצן יאָר!

די אַרבעטס־באַדינגונגען פון דער רעדאַקציע זענען געווען שווערע. דער גאַנצער יאָך פון דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע און אין דער צענטראַלע איז געפאַלן אויף געציילטע מענטשן. די גאַנצע שווערקייט פון דער טעכנישער אַרבעט איז געפאַלן אויף זיי און שטענדיק האָבן געפעלט די מיטלען. די רע־דאַקציע קומט זיך נישט באַקלאָגן אויף דעם פאַר די חברים, וועמענס טעג־לעכע אַרבעט אין שטאָט און אין פעלד איז זיכער אויך נישט אויסגעבעט אויף רויזן. אָבער איין זאַך שטעלט אַוועק די רעדאַקציע אַלס אָבליגאַטאָרישן באַדינג פאַרן פאָרזעצן פון איר אַרבעט: מער איבערגעגעבנקייט און אַקטיווע באַטייליקונג פון די חברים פאַר זייער צייטונג. אונדזערע חברים דאַרפן איין מאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין צי זיי האָבן גענוג ווילן און באַדערפעניש, אַז „האחדות" זאָל עקזיסטירן, אָדער נישט. אויב עס איז פאַ־ראַנען אַזאַ באַדערפעניש — דאַרף זי זיך אויסדריקן פּראַקטיש דורך מאַטע־ריעלער און ליטעראַרישער הילף.

צווישן אַנדערע כאַראַקטעריסטישע זאַכן פאַר דער אויפקלערונג פון דער לאַגע און וועלכע הייבן באַזונדערס אַרויס די נויטיקייט פון זעלבסט־שטענדיקער טעטיקייט, איז ווערט צו דערמאָנען, אַז אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט פון דער עקזיסטענץ פון אונדזער צייטונג, האָבן זיך אין איר אינגאַנצן נישט באַטייליקט אונדזערע חברים פון חוץ־לארץ. נישט איינמאָל און נישט צוויי מאָל האָט זיך די רעדאַקציע געווענדעט צו די חברים וואָס ווינען אין אויסלאַנד און האָט זיי איינגעלאַדן זיך צו באַטייליקן אין דער צייטונג. אייניקע איז צוגעזאָגט געוואָרן דער איינגעפירטער האָנאָראַר און טראָץ דעם האָט אַפילו קיין איינער פון זיי נישט געפונען פאַר ריכטיק צו קומען צו הילף דער „האחדות" און זיך צו באַטייליקן אין איר. אַזאַ גלייכ־גילטיקייט איז אומפאַרשטענדלעך. פון דעם ווערט קלאָר, אַז מיר קענען זיך נישט שטיצן אויף קיין פאַל אין דעם ענין אויף די חברים פון אויסלאַנד".

פון דעם פינאַנציעלן באַריכט איז קלאָר געוואָרן, אַז „האחדות" ווערט פאַרשפּרייט אין אַן אומגענוגנדיקער מאָס. די צאָל אַבאָנענטן אין ארץ־ישראל איז בלויז וואָסערע דריי הונדערט פופציק און אין אויסלאַנד ווייני־קער פון הונדערט (אויסער דעם איינצל־פאַרקויף). דער דעפיציט פון דער צייטונג דערגרייכט יעדן חודש צו דער סומע פון 200 פראַנק. ביז יעצט איז דער דעפיציט געדעקט געוואָרן פון די געלטער פונעם דרוקעריי־פאָנד, וועלכע זענען גרעסטנטיילס געזאַמלט געוואָרן נאָך פאַר דער גרינדונג פון

דער צייטונג און בלויז אַ קליינער טייל פון זיי אין דער צייט פון איר עקזיסטענץ.

נאָכן באַריכט זענען פאָרגעקומען לעבעדיקע דיסקוסיעס וועגן ענדערן דעם אינהאַלט און דאָס אויסזען פון דער צייטונג. נאָך די דיסקוסיעס איז אויסגעדריקט געוואָרן צוטרוי דער רעדאַקציע און עס זענען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע באַשלוסן:

„האחדות" וועט ווייטער דערשיינען אין דער זעלבער אויסערלעכער פאָרם ווי ביז איצט. עס דאַרף אויסגעברייטערט ווערן דער אינפאָרמאַטיווער טייל, אויסגעבעסערט ווערן די אָפּטיילונגען פאַר פּאָליטיק און ליטעראַטור; עס איז נויטיק אָפּצוגעבן אַ גרעסערן פּלאַץ פאַר פּאָפּולערע אַרטיקלען, בכדי צו אַנטוויקלען די מאַסן, באַזונדערס פון רעם אַלטן ישוב.

עס דאַרף איינגעפירט ווערן אַ לייכטערע און איינפאַכערע שפּראַך.

די קאָנפערענץ קלייבט אויס דריי מענטשן פאַר דער רעדאַקציע און די זעלבע מעגן צוציען נאָך חברים.

וועגן דער מאַטעריעלער פּערספּעקטיקונג פון דער צייטשריפט זענען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע באַשלוסן:

א) באַלד צו גרינדן אַ פאָנד פון טויזנט פראַנק, וועלכע זאָלן געדעקט ווערן ביז א׳ סיון.

ב) דער צענטראַל־קאָמיטעט דאַרף געפינען די נויטיקע מיטלען צו גרינדן אַ גרעסערן פאָנד פאַר דער אויסבעסערונג פון דער צייטונג.

פיר מיט אַ פערטל יאָר איז די צייטשריפט אַרויסגעגאַנגען כסדר וועכנטלעך, ביז זי איז געשלאָסן געוואָרן דורך דער טערקישער מאַכט ביים אָנפאַנג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, טבת תרע"ה. דער נומער עלף־צוועלף פון י"ג טבת תרע"ה איז געווען דער לעצטער. אינגאַנצן זענען דערשינען צוויי הונדערט פיר נומערן. די ערשטע רעדאַקציע איז געווען צונויפגעשטעלט פון פיר חברים, וועלכע האָבן כמעט אַלע געאַרבעט פרייוויליק. ביים אָנהויב פון דער אונטערנעמונג האָבן מיר זיך באַמיט אַראָפּצוברענגען און אָנצושליסן אין דער רעדאַקציע דעם חבר ב. באָראָכאָוו, אָבער צוליב פון אונדז אומאָפּהענגיקע סיבות איז די זאַך נישט צושטאַנד געקומען. די פיר חברים פון דער ערשטער רעדאַקציע זענען געווען: דער שרייבער פון די שורות, דוד בן־גוריון, רחל ינאית און יעקב זרובבל. דער דירעקטאָר איז געווען זאב אשור, וועלכער איז געווען דער ערשטער אָנצונעמען די אַטאָמאַנער בירגערשאַפט און אויף זיין נאָמען איז געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש. צווישן די איבעריקע חברים וואָס האָבן געאַרבעט אין „האחדות" אונטער דער דירעקציע פון ז. אשור, וועל איך דערמאָנען נחום אלקושין, גאָלדבערג (פון אַמעריקע) און צדקיהו הרכבי ז"ל. צווישן די דרוקאַרבעטער וועל איך דערמאָנען יוסף נחמני, שמואל ראָזענבאום און יצחק אחדותי ז"ל. אין אַ צייט אַרום האָבן זיך י. נחמני און י. אחדותי מאָביליזירט פאַר שמירה און אַרבעט אין גליל. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אח־

דותי אומגעקומען אין אַן אַרבעטס־אַקצידענט אין מרחביה. די צייטונג איז געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון דער פּאַרטיי, אין דער דרוקעריי „אחדות", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ שטיקל צייט פריער דורך דער פּאַרטיי אויף דער איניציאַטיווע פון ח' זאב אשור, וועלכער האָט זיך פיל אָפּגעגעבן מיט דעם זי צו פּאַרגרעסערן און צו פּאַרבעסערן. די מיט־גלידער פון דער רעדאַקציע און דירעקציע, אינאיינעם מיט די דרוק־אַרבעטער האָבן געאַרבעט ווי איין פאַמיליע און האָבן זיך אינאיינעם באַראַטן נישט נאָר וועגן דעם אינהאַלט און דעם אויסזען פון יעדן נומער, נאָר אויך וועגן די אַדמיניסטראַטיווע, פינאַנציעלע און טעכנישע פראַגן וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער אויסגאַבע.

בכדי זיך אָפּצוגעבן רעכענונג וועגן דעם כאַראַקטער פון דער צייט־שריפט, וועל איך ברענגען עטלעכע פראַגמענטן פון דער דערקלערונג פון דער רעדאַקציע אינעם לייט־אַרטיקל פונעם ערשטן נומער א.ג. „מגמתנו" (אונזער ציל):

„האחדות איז באַשטימט געוואָרן צו פאַרטיידיקן די ענינים פון די אַרבעטער און ברייטע פאָלקס־שיכטן אין ארץ־ישראל. זי וועט זיך באַמיען אויפצוקלערן די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען פון דעם פאָלק און דער מדינה, קלאָר צו מאַכן פאַרן פאָלק זיינע מאַטעריעלע און גייס־טיקע באַדערפעניש און צו באַלויכטן זיינע נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע ענינים.

„האחדות" וועט קעמפן פאַר דער עפנטלעכער מיינונג און דער הערשאַפט פונעם פאָלק איבער אַלע זיינע ענינים. „האחדות" וועט אַנטוויקלען, אויסברייטערן און פאַרטיפן דאָס קלאַסן־באַוווסטזיין און דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין ארץ־ישראל.

„האחדות" וועט באַלויכטן אַלע פּראָבלעמען פון אַ פעסטער וועלט־אָנשויאונג — די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע אָנשויאונג — פון דער פּאַרטיי פועלי־ציון.

„מיר ווילן שאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע צייטשריפט, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו באַלויכטן די לאַגע פונעם אַרבעטער אין אונדזער לאַנד בפרט און פון די פאָלקס־מאַסן בכלל, אויפצוקלערן זייערע וועגן און צו לייזן זייערע פּראָבלעמען פון אַ געוויסן פעסטן שטאַנדפּונקט און וועלט־אָנשויאונג. אָבער אויסער דעם וועט זיך אונדזער צייטונג נישט באַגרענעצן צו פּאַרטייאישע פראַגן און וועט זיך פאַרנעמען מיט אַלע אַלגעמיינע פראַגן, וואָס רירן אָן דאָס פאָלק און זיינע ברייטסטע קרייזן".

אין דעם אַרטיקל האָט די צייטשריפט פּראָפּאַגאַנדירט פאַר אַן אַלגע־מיינער פאַראייניקונג פון אַלע יידן פון ארץ־ישראל „אין איין אָרגאַניזאַציע, אָן פאַנאַנדערטיילונגען אויף עדות און קלאַסן", און מיט דעם איז זי געווען

דער פאַרויסגייער פונעם געדאַנק צו אָרגאַניזירן דעם ישוב אין דער ראַם פון אַ כנסת־ישראל, אַ געדאַנק וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן ערשט נאָך דער מלחמה, אונטער דער בריטישער אָקופּאַציע. דער ציוניסטישער כאַראַקטער פון דער צייטונג איז געקומען צום אויסדרוק דורך זיין לאָזונג, אַז „ארץ־ישראל איז נישט נאָר דאָס לאַנד פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך דאָס לאַנד פון אונדזער נאָענטער צוקונפט. דאָס לאַנד וועמענס אויפגאַבע עס איז אַריינצונעמען די וואַנדערער פון אונדזער פאָלק, זיי צו פאַרבינדן מיטן באָדן און זיך צו פאַרבינדן מיט זיי".

כאָטש די צאָל פון די פּאַרטיי־מיטגלידער איז געווען אַ קליינע און זייער גרעסטע מערהייט זענען געווען ערשט־אָנגעקומענע נייע מענטשן און עס זענען געווען צווישן זיי נאָר גאָר ווייניק אָטאָמאַנער, צווישן די געבויר־רענע אין לאַנד, האָט זיך די צייטשריפט נישט אָפּגעהאַלטן פון אַרויסצור־שטעלן פּאָליטישע פאָדערונגען צו דער רעגירונג: „די רעגירונג דאַרף אונ־טערשטיצן אונדזער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל און אונדזער פאַרפעס־טיקונג דאָרטן ווי פרייע בירגער פון דער גרויסער אָטאָמאַנישער מלוכה. מיר דאַרפן אויך אונטערשטרייכן אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען בנוגע אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך, זי זאָל אָנערקענט ווערן אַלס אָפיציעלע אין די עפנטלעכע אַנשטאַלטן פון אַלע יענע ערטער וווּ יידן וווינען פּראָצענטועל אין אַ גרויסער צאָל". די כוונה איז געווען צו ארץ־ישראל, אָבער די ווער־טער זענען נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף אַ מער קלאָרן אופן אויס מורא פאַר דעם פאַנאַטישן רעזשים פון די יונג־טערקן, וועלכע האָבן חושד געווען אַז אין יענער אָנצוהערעניש וועגן אויטאָנאָמיע איז פאַראַנען אַ מין אָפּווייכונג פון דער אָטאָמאַנישער סוווערעניטעט. „אונדזער אויפגאַבע איז צו העלפן דער באַפעסטיקונג פון דער יידישער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל אויף אַלע געביטן: אין עקאָנאָמישן זין — די באַפעסטיקונג פון דער שטאָטישער און דאָרפישערווירטשאַפט און זייער געזונט־מאַכונג; אין קול־טורעלן און פּאָליטישן זין — צו פאַרגרעסערן אונדזער באַדייטונג אין ארץ־ישראל... די צווייטע אויפגאַבע — די דעמאָקראַטיזירונג פון די עפנט־לעכע אַנשטאַלטן, די פאַרפעסטיקונג פון דעם פאָלקס־איינפלוס אויף אַלע עפנטלעכע אָנגעלעגנהייטן". ווייטער ווערט גערעדט אין יענעם לייט־אַרטיקל וועגן דעם הויפּט־ציל פון דעם אַרבעטער — די פאַרבעסערונג פון זיין מאַ־טעריעלער און געזעלשאַפטלעכער לאַגע און וועגן זיין שטרעבונג צו פאַר־גרעסערן די עליה און צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער אויפנאַמע פון עולים.

דעם „פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד" באַטראַכט די צייטשריפט ווי אַ נוצלעכן אינסטרומענט אין די הענט פון די אַרבעטער, וועלכער איז באַ־שטימט צו העלפן יעדער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיווע אין איר אָנפאַנג, יעדן ווערק פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וואָס צילט צו די ווירטשאַפט־לעכע אָנגעלעגנהייטן. דער אַרטיקל ווערט פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווער־טער: „אָט־אַזוי גייען מיר, מיט דער הילף פון עקאָנאָמישער, קולטורעלער און

פּאָליטישער טעטיקייט, אויף אונדזער שטעג אין ליכט פון דעם נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, וועלכער פאַרבינדט די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד מיט דער באַפרייאונג פון דער וועלט פון די קייטן פון דעם קלאַסן־דרוק און מיט דער איינפירונג פון דעם סאָציאַליסטישן רעזשים אין דער וועלט".

די נייע צייטונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג דורך די הונדערטער חברים אין שטאָט און אין דאָרף (ביז צו טויזנטער איז זייער צאָל נאָך נישט דערגאַנגען), און אויך דורך אַ קליינעם טייל פון די אינטעליגענטן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון אַט־דעם לייענער־ציבור, די אַרבעטער. אויסער די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן זיך געוויטיקט אין אַזאַ צייטשריפט, האָט דער נייער אָרגאַן געדינט אַלס וויכטיקער גורם פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און פון די אַלגעמיינע אַרבעטער־קלובן צווישן די שטאָטישע אַרבעטער, וואָס זיי האָט זי געווידמעט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. די צייטונג האָט אויך באַפרידיקט די קולטורעלע באַדערפעגישן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט אַן אַלגעמיינער פאַרייניקונג, לויט די געגנטן פון דעם לאַנד — די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אין יהודה, די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער פון גליל און צייטנווייז אויך די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער פון שומרון. צוליב די שווערע קאָמוניקאַציעס איז אין יענער צייט געווען בלויז אַ שוואַכע פאַרבינדונג צווישן דעם דרום און דעם צפון. די רייזע פון איין עקסטרעם פונעם לאַנד צום אַנדערן האָט געדויערט נישט ווייניקער פון דריי טעג און דער אויסטויש פון בריוו האָט געדויערט ווייניקסטנס אַ גאַנצע וואָך. שווער זענען אויך געווען די לאַנד־כינוסים אין די באַשריבענע באַדינגונגען. האָט די צייטונג פיל מיטגעהאָלפן צו באַזיגן די דיסטאַנצן און צו פאַרבינדן די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך מיטן צענטער. אָבער נישט נאָר צוליב דער ווייטקייט איז נויטיק געווען די פאַרייניקונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער לויט די ראַיאָנען, נאָר אויך דער עיקר צוליב די אונטערשידן אין די באַדינגונגען פון זייער לעבן און זייער אַרבעט.

די אַרבעטער פון יהודה האָבן זיך מערסטנטיילס פאַרנומען מיט פלאַנצונגען און בלויז אַ מינדערהייט פון זיי מיט אַקערבוי. דער אופן פון זייער לעבן איז געווען אָפּהענגיק פון סעזאָן־אַרבעט און דעם גרעסטן טייל פונעם יאָר האָבן זיי געליטן פון מאַנגל אין אַרבעט און אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר — פון אָנשטעקנדיקן פיבער און פון אַנדערע קראַנקייטן; פון דער קאָנקורענץ פון די ביליקע אַראַבישע אַרבעטער, פון דער עקספּלואַטאַציע פון די פּויערים „זייערע ברויט־געבערס", און פון דעם מאַנגל אין גוטער איינאָרדענונג פון זייערע וווינונגס־באַדינגונגען און זייער דערנערונג. אָבער די אַרבעטער פון גליל זענען געווען מער סטאַביל אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער, זייערע וווינונגען און זייער באַשפּייזונג זענען געווען איינפאַכערע אין דער

סביבה פון די גלילער פויערים. זיי האָבן דורכגעמאַכט אַלע עטאַפּן אין דער אַרבעט פונעם יאָר און האָבן זיך צוגעווינט צו די אַרבעטס־באַדינגונגען פון דעם יערלעכן „חרת". דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך דערוואָרבן צוליב זייער סטאַביליטעט מער דערפאַרונג און בעסערע קענטעניש אין די באַדינגונגען פון דעם לאַנד און צוליב זייער דערפאַרונג אין דער לאַנדווירטשאַפט זענען זיי געווען נישט נאָר די ערשטע צו טרוימען, נאָר אויך צו פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון דער קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע. דאָ אין גליל איז אויך פאַרווירקלעכט געוואָרן דער געדאַנק פון דער יידישער שמירה, דאָ איז אויפגעקומען דער ערשטער קערן פון „השומר" און זיין געוואַגטע טעטיקייט צו נעמען אויף זיך די שמירה און די פאַרטיידיקונג פון דעם ישוב.

„האחדות" האָט געווידמעט אירע קאָלומנעס צו אַלע לעבנס־פראַגן וואָס זענען געווען אַקטועל אין דער וועלט פונעם שטאָטישן און פון דעם לאַנד־ווירטשאַפטלעכן אַרבעטער, צו די געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען זייערע, און האָט צוגעשטעלט גייסטיקע שפּייז דעם חבר וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער סאָכע, וואָס האָט געאַרבעט מיט אַ רידל און יעט־אייזן, פאַר דעם שומר אויף זיין וואַך־פּאָסטן און אויך פאַר דעם שטאָטישן אַרבעטער פון דעם אַלטן ישוב אין די שמוציקע וואַרשטאַטן פון אַלט־ירושלים. דורך „האחדות", וועלכע איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער יוגנט, האָבן די קינדער פון דעם אַלטן ישוב, די אַרבעטער און ישיבה־בחורים, צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט דער נייער ווירקלעכקייט און נישט ווייניק פון די יוגנטלעכע פון אָט־דעם ישוב האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון דעם עלטערן־הויז און זענען אַנטלאָפן אין די קאָלאָניעס. אַ טייל פון זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער שמירה און צו דער אַרבעט און זיי האָבן פאַרנומען אין פאַרלויף פון דער צייט פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס צווישן די בויער פון דעם לאַנד און עס זענען אַפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס פאַר דער אַרבעט און פאַרטיידיקונג. צווישן אָט־די לעצטע וועל איך דערמאָנען יצחק אחדותי, פון די אַרבעטער פון דער דרוקעריי „אחדות", און יוסף בנימיני, איינער פון די ערשטע לייענער און אונטערשטיצער פון דער צייטשריפט.

באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער צייטונג, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַטייליקן אין איר, אויסער די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, אויך די בעסטע פון די ציוניסטן אין לאַנד. אין ערשטן נומער איז דערשינען דער אַרטיקל פון יהושע ברזילי א.ג. „די אפוטרופסות אונטער אַ ציוניסטישן צודעק" (מיט דער אונטערשריפט „יואב"), און אין דעם צווייטן נומער אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „וועגן ישוב" (מיט דער אונטערשריפט י. ברזילי). אויך אַ צאָל פון די יונגע שרייבערס אויסער דעם לאַגער פון דער פּאַרטיי, האָבן אויסגעשטרעקט זייער האַנט דער צייטונג. אין אַ שטיקל צייט אַרום זענען דריי פון די מיטגלידער פון דער ערשטער רעדאַקציע — רחל ינאית, דוד בן־גוריון און דער שרייבער פון אָט־די שורות — אַוועקגעפאָרן קיין טערקיי און איי־

ראָפּע זיך צו פֿאַרפּולקאָמען אין זייערע למודים; י. זרובבל איז געבליבן אין לאַנד און אויפֿן אָרט פֿון די אַוועקגעפֿאָרענע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעדאַקציע צוויי אַנדערע חברים: אַהרן ראובני און צ. כאַשין. מיטן אַריינטריט פֿון ברענערן איז באַפֿעסטיקט געוואָרן די רעדאַקציע, נישט נאָר רעדאַקציאָנעל, ווייל זי האָט זיך פֿון איצט אָן געפֿונען אין די הענט פֿון אַ דערפֿאַרענעם רעדאַקטאָר און שרייבער, נאָר אויך דורך נייע כוחות וואָס ברענער האָט פֿאַרשטאַנען אַריינצוציען אין דער אַרבעט.

אין פֿאַרלויף פֿון דער גאַנצער צייט וואָס מיר האָבן געלערנט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן מיר זיך באַטייליקט, ד. בן־גוריון און איך, אויף אַ פּערמאַנענטן אופֿן אין אונדזער צייטונג, סיי אין די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען וואָס האָבן באַשעפֿטיקט די פּאַרטיי, סיי אין די באַזונדערע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס זענען געשטאַנען אויפֿן טאָג־אָרדענונג אין דער מעטראָפּאָליע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אין אָנהויב פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס לאַנד איז געווען אונטער באַלאַגערונגס־צושטאַנד און די פֿאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד זענען כמעט אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן, זענען מיר אַריבערגעגאַנגען צו אַ „נאַטירלעכער ווירטשאַפֿט". די חברים פֿון דער רעדאַקציע אינאיינעם מיט די פֿון דער דירעקציע און פֿון דער דרוקעריי, האָבן זיך איינגעאָרדנט אין איין קאָמונע. אָנשטאָט געלט האָבן מיר אָנגענומען פֿון די אַבאָנענטן אַ באַצאָלונג „אין נאַטור־אַרטיקלען": ווייץ, האָניק, בוימאייל, גרינס, מאַראַנצן א.א.וו. דורך דעם איז דערמעגלעכט געוואָרן די דרוקעריי־אַרבעטער און די מיטגלידער פֿון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פֿאָרצוזעצן זייער אַרבעט *) ביז צו יענעם טאָג ווען עס איז געקומען איבער אונדז דער פֿאַרניכטער אין דער געשטאַלט פֿון דעם מיליטערישן קאָמאַנדיר, וועלכער האָט געשלאָסן די דרוקעריי און האָט גוזר געווען די צייטונג זאָל איינגעשטעלט ווערן און אירע רעדאַקטאָרן זאָלן פֿאַרטריבן ווערן אין גלות. אין לעצטן נומער איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַ קריטישער אַרטיקל וועגן דער טערקישער מאַכט, וועלכע האָט פֿאַרעטעריש אַרויסגעטריבן פֿון לאַנד הונדערטער יידן.

„האחדות" האָט אויפֿגעהערט צו דערשיינען. אין פֿאַרלויף פֿון די פֿינף יאָר פֿון איר עקזיסטענץ זענען דערשינען 204 נומערן, אָבער איר איינפֿלוס איז נישט איבערגעריסן געוואָרן און די געדאַנקען וואָס די ערשטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־צייטונג האָט געפּריידיקט, האָבן געפֿונען פֿאַר זיך נייע גואלים און אַ נייע פֿאָרם אין דער פֿאַרצווייגטער אַרבעטער־ליטעראַטור, וועלכע איז באַשאַפֿן געוואָרן מיטן אָנקום פֿון דער נייער אַרבעטס־איינוואַנדערונג נאָך דער מלחמה.

*) עס איז, צום ביישפּיל, כאַראַקטעריסטיש דער אַנאָנס, אין וועלכן די אַגענטן און אַבאָנענטן אויפֿן יאָר תרע"ה ווערן געבעטן צו באַצאָלן דעם אַבאָנעמענט אין מזומן אָדער אין פּראָדוקטן.

נאָך דער שליסונג פון „האחדות" און נאָכן אַרעסט און דער פּאַרטײַ־בונג אין גלות פון די חברים וואָס זענען געשטאַנען אין איר שפּיץ, האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד נישט אויפגעהערט צו זוכן נײַע וועגן צו קאָנצענטרירן דעם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. אין די באַדינגונגען פון דעם אויסנאַם־צושטאַנד וואָס האָבן געהערשט אין לאַנד, איז נישט מעגלעך געווען צו טראַכטן וועגן אַ דערלויבעניש פאַר אַ צײַטונג, אָבער די פּאַרטיי פּועלי־ציון האָט זיך נישט מיאש געווען. מיט אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען און קרבנות מצד די חברים איז זי צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן זאַמלונגען, וועל־כע זענען געווען ווי אַ פאַרזעצונג פון „האחדות". אייר תרע"ה איז אַרויס די ערשטע זאַמלונג „בין המצרים" (אונטער דער רעדאַקציע פון זרובבל) און תמוז פון דעם זעלבן יאָר איז אַרויס די צווייטע זאַמלונג. אין פאָלגנדיקן יאָר (תרע"ו) איז געמאַכט געוואָרן אַ נײַע אָנשטרענגונג, דאָס מאָל אין אויבערשטן גליל; עס איז רעדאַגירט און צוגעגרייט געוואָרן אין צפת די דריטע זאַמלונג „בין הזמנים" דורך אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר א. וואלדשטיין און דורך רחל ינאית. דער פערטער זאַמלבוך „על הסף" איז אַרויס אין ירושלים אין יאָר תרע"ח דורך רחל ינאית, אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב שטיינבערג.

פאַר דער גרינדונג פון דער צײַטשריפט, האָבן מיר אָנגעהויבן צו שאַפן אַ פּאָפּולערן ביכער־פאַרלאַג. מיר האָבן אַרויסגעגעבן העפטן אויף סאָציאַלע, פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס. דער פאַרלאַג האָט אויך ווייטער גע־אַרבעט אין די טעג פון דער צײַטונג. איך וועל דאָ אָנווייזן אויף אַ צאָל ביכער און העפטן וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פאַרלאַג „אחדות:

1) א. נאמן (אבנר): וואָס איז אַזוינס פרייהייט? (דרוקערײַ אחדות, תרס"ט);
2) ר. ינאית: פּאָליטישע שמועסן: הויז פון די פאָלקס־באַפולמעכטיק־טע (ירושלים, תרס"ט);
3) ר. ינאית: בר־כוכבא (היסטאָרישע סקיצע, ירושלים, תרס"ט);
4) ד. ווייסמאַן: דער קרעדיט און די אַרבעט פון דעם ישוב (תרע"ג);
5) אבנר: צו די פּראָבלעמען פון אונדזער אַרבעט אין לאַנד (א) די לאַגע פון די אַרבעטער און אונדזערע אויפגאַבן, ב) פּראָלעטאַרישע אָנשויאונג און נאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג) — (תרע"ג);
6) ווערנער זאָמבאַרד: דער סאָציאַליזם און די געזעלשאַפטלעכע באַ־וועגונג אין 19טן יאָרהונדערט (איבערזעצט דורך ד. בן־גוריון);
7) ד. בן־גוריון: די זעלבסטפאַרוואַלטונג אין די וואליעס.

אויסערדעם זענען דערשינען: אונטער דער רעדאַקציע פון י. ח. ברענער אַ ליטעראַרישע זאַמלונג „יפת" אַלס פּרעמיע פאַר דער צײַטונג און אַ בראָ־שור „צו די וואַלן" (קהילה־ענינים) פון רחל ינאית (ירושלים, כ"ז אלול תרס"ט) און אַנדערע. גלײַכצײַטיק האָבן מיר אַרויסגעגעבן געקליבענע אַר־

טיקלען פון אונדזער פרעסע אין באַזונדערע זאַמלונגען אויף יידיש, אונטערן נאָמען „דאָס לאַנד“ (4 זאַמלביכער), וואָס זענען באַשטימט געווען פאַר־שפּרייט צו ווערן אין חוץ־לארץ.

מיין באַזונדערע אויפגאַבע אין „האחדות“, איז געווען זיך צו באַטייליקן אין דער רעדאַקציע און צו שרייבן אַרטיקלען. אין פאַרלויף פון די ערשטע אַנדערהאַלבן יאָר (פון תמוז תר״ע ביז האַלב שבט תרע״ב) האָב איך מיך פּאַקטיש פאַרנומען, צוזאַמען מיט די איבעריקע רעדאַקציע־מיטגלידער און צייטנווייז אַליין, מיט דער רעדאַקציע און מיטן שרייבן פון די לייט־אַרטיק־לען וועגן טאָג־פראַגן (די לייט־אַרטיקלען זענען גרעסטנטיילס געבראַכט גע־וואָרן אָן דער אונטערשריפט פון דעם אויטאָר). איך פלעג מיך אויך אומ־קערן צו דער רעדאַקציע־אַרבעט אין דער צייט פון מיינע באַזוכן אין לאַנד אין די וואַקאַציע־מאָנאַטן, באַזונדערס נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה. אָבער אויך אויסער דעם, אין משך פון דער צייט וואָס איך בין געזעסן אויף דער שטודיום־באַנק אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָב איך אַפילו איין וואָך נישט פאַר־באַכלעסיקט די „האחדות“. אויסער די לייט־אַרטיקלען, האָב איך מיך פאַר־נומען אין מיינע אַרטיקלען מיט ציוניסטישע און קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעמען, ווי: די פראַגע פון עליה, די קאָלעקטיווע קאָלאָניזאַציע, דער ציוניסטישער קאָנגרעס, די גרינדונג פון אַן אַראַבישער צייטונג און אַלע פראַגן וואָס באַ־רירן דאָס לעבן פונעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד, די פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט און די באַזונדערע פראַגן פון דער באַ־וועגונג און פון דער פּאַרטיי, ווי: אויפקלערונג וועגן די אויפגאַבן פון דעם פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד און דעם אַרבעטער־ציבור אין לאַנד, וועגן די קאָנפערענצן פון פּועלי־ציון און זייערע פּראָבלעמען, וועגן די פראַגן פון אונד־זער אַרבעט אין לאַנד, וועגן די פּראָבלעמען פון דער נאַציאָנאַלער שמירה און פאַרטיידיקונג. פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָב איך געשריבן וועגן די אַלגעמיינע פּאָליטישע פּראָבלעמען אין מזרח און וועגן די באַזונדערע יידישע פּראָבלעמען אין דער נייער טערקיי, וועגן די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע פראַגן אין דער גרויסער אָטאָמאַניע און וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג צווישן די טערקן און די איבעריקע פעלקער פון רומיליע און אַנאַטאָליע. פון צייט צו צייט האָב איך מיך פאַרנומען אויך מיט קריטישע און פּאָפּולערע היסטאָרישע אַרטיקלען.

**
*

זומער תר״ע, נאָך דעם ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן די צייטונג, האָבן מיר גענומען וואַקאַציעס. אין אַ קליינער גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון מיר, רחל און נאָך דריי חברים, האָבן מיר זיך געווענדעט קיין גליל. מיר האָבן געוואַנדערט צופוס איבער באַרג און טאָל און האָבן גערוט ווו עס האָט זיך געלאָזט: אין „מדיפות“ אין די דערפער (ספּעציעלע צימערן פאַר געסט), אין די געצעלטן פון די בעדואינער און אויף יעדן פּלאַץ וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן. אין יענע טעג איז נאָך מעגלעך געווען צו געפינען אַ

געמיינזאַמע שפּראַך מיט די פעלאַכן און די קינדער פון די פאַרשידענע שבטים.

מיר זענען אַריבערגעגאַנגען דורך ענתות דעם טייך פּרת. אין „גבע״ האָבן מיר געפונען אַ נאַכטלעגער אין אַן אַראַבישן גאַסט־צימער און דורך מיכמש זענען מיר אָנגעקומען קיין בית־אל, קיין עין־סיניה (דאָס איז ישנה) און קיין כאַן לובאַן. מיטן וועג פון שכם זענען מיר אַרויפגעגאַנגען צו דער אַלטערטימלעכער שומרון און מיר האָבן באַזוכט די אויסגראָבונגען וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך צוויי אַלטערטום־פאָרשער פון אַמעריקע (פראַגמענטן פון די באַשרייבונגען פון אָט־דעם שפּאַציר האָב איך זיינערצייט פאַרעפנטלעכט אין „האחדות״. זע יאָר צוויי, נומערן ב׳, ג׳ און ד׳). פון שומרון האָבן מיר דורכגעקרייצט עין־גנים (דזשענין) און דעם עמק, וועלכער האָט דעמאָלט נאָך נישט פאַרמאָגט קיין יידישן ישוב. ווייטער זענען מיר געגאַנגען קיין חיפה און פון דאָרטן, דורך עכו און דער פאַרטיפונג פון בית־נטופה, צו די בערג פון צפת. פון דאָרטן זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען דורך אַלע קאָלאָניעס פון אויבערשטן גליל און מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין טבריה, דערגרייכנדיק ביז צום כנרת און אום־דזשוני. אויף יענעם שפּאַציר, וואָס האָט געדויערט וואָסערע פיר וואָכן, האָב איך באַקומען אומאויסמעקבאַרע איינדרוקן פון דער נאַטור פונעם לאַנד אין זיין פאַרוויסטונג און אומיטלבאַרע ידיעות וועגן די יידישע ישובים, די אַלטע און די נייע, אָנהויבנדיק פון די קאָלאָניעס פונעם באַראָן און פון דער „איקא״ און ענדיקנדיק מיט די נייע עקספּערימענטן, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן דורך אונדזערע חברים פון דער צווייטער עליה אין די נאַציאָנאַלע פאַרמען, אין כנרת און אין דעם נייעם פּונקט וואָס אין עבר־הירדן, אין אום־דזשוני.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אומגעקערט פון דעם שפּאַציר, האָט זיך פאַרזאַמלט דער פּאַרטיי־ראַט אין יפו סוכות (ט״ו־י״ז תשרי) תרע״א. פיר פּונקטן זענען געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג: א) די לאַגע פון דעם אַרבעטער און אונדזער אָרגאַניזאַציע; ב) אונדזער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַרבעט; ג) אונדזער קולטור־אַרבעט; ד) דער פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד און די ביוראָ פון פּועלי־ציון. איך האָב רעפערירט וועגן דעם ערשטן פּונקט, בן־גוריון וועגן דעם צווייטן און פערטן און זרובבל וועגן דעם דריטן. די דיסקוסיעס זענען געווען לעבהאַפטע און עס איז געקומען צום אויסדרוק אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג, סיי אין די טעאָרעטישע, סיי אין די פּראַקטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. די באַראַטונג האָט זיך אויסגעצייכנט דורך דעם, וואָס נישט קוקנדיק דערויף וואָס זי איז דער עיקר געווען אַ טעאָרעטישע, האָט זי אָפּגעגעבן אַ סך צייט פאַר די לעבנס־וויכטיקע פּראָבלעמען פון דעם אַרבעטער־ציבור און זיין שווערער ווירקלעכקייט. אויף דער באַראַטונג איז אָנגעצייכנט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פון נייע טעטיקייטן און מעשים און עס איז באַנייט און פאַרשטאַרקט געוואָרן דער גלויבן און דער ווילן צו זיין אַקטיוו. באַזונדערס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די וואַרימע באַציאונג פון די חברים צו דער נייער וואָכנשריפט „האחדות״ און צום געדאַנק פון דעם פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד.

צווישן אַנדערע זאַכן איז אויך אויסגעדריקט געוואָרן דער ווילן צו פאַר־שטאַרקן די אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין אַנגעזיכט פון די טעטי־קייטן פון קפא״י, וועלכע פלעגט שטיין צו דינסט פון דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־ציבור אין לאַנד. צו דעם צוועק איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער צענטראַלע צו פאַרופן קודם־כל די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס — אין גליל און אין יהודה.

די באַראַטונג פון די אַרבעטער פון גליל איז פאַרופן געוואָרן אין אַ האַלבן יאָר אַרום, דעם ערשטן און צווייטן טאָג פסח (ט״ו־ט״ז ניסן תרע״א) אין דעם נייעם פונקט פון עבר־הירדן, אין אום־דזשוני. צוויי פונקטן זענען דאָרטן געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג — די וואַל פון אַ פּערמאַנענטער פאַרטרעטערשאַפט פון די אַרבעטער פון גליל און דער צוגאַנג צו דער קאָאָ־פּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע און צו דער פּראָגראַם פון אָפּענהיימער. זיבעצן אויסגעקליבענע דעלעגאַטן האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג (איין דעלעגאַט אויף אַכט אַרבעטער) און אינאיינעם מיט די געסט וואָס זענען געקומען צו דער באַראַטונג האָט די צאָל פון די באַטייליקטע דערגרייכט ביז צו הונדערט מאַן. אויף דער באַראַטונג איז באַהאַנדלט געוואָרן די פּראַגע וועגן דער שאַפונג פון אַן אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער פון גליל. די באַראַטונג איז געקומען צום אויספיר אַז דער באָדן איז נאָך נישט צוגעגרייט. אָבער נעמענדיק אין באַטראַכט די פּאָזיטיווע באַציאונג צום עצם געדאַנק, איז באַשלאָסן געוואָרן דערווייל צו גרינדן אַ ביוראָ אַלס ערשטער שריט פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט אַרומנעמען אַלע לאַנדווירטשאַפט־לעכע אַרבעטער פון גליל. וועגן דעם צווייטן פונקט איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּאָזיטיווער באַשלוס און אַ פולע אונטערשטיצונג.

אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער פון יהודה, וועלכע איז פאָרגעקומען שבועות תרע״א, איז צום ערשטן מאָל אויסגעבראָכן דער גרויסער קאַמף פאַר קפא״י. אויף דער קאָנפערענץ האָבן זיך אויך באַטיי־ליקט פאַרטרעטער פון די נישט־פּאַרטייאישע קרייזן צווישן די אַרבעטער, אויסער די חברים פוןביידע פּאַרטייען. אין סך־הכל האָבן זיך באַטייליקט אין איר 27 דעלעגאַטן: פון פּתח־תקוה, לוד, חדרה, חולדה, רחובות, ראשון־לציון און כפר־סבא. אויפן טאָג־אָרדענונג זענען געשטאַנען פאָלגנדע פּראַגן: א) וועגן דער טעטיקייט און אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער פון יהודה; ב) דער פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד; ג) די באַציאונג צום פאָרשלאַג פון דער אָפּענהיימער־קאָלאָניזאַציע; ד) פאַרשידנס.

צום ערשטן פונקט איז באַשלאָסן געוואָרן אַז דער ראַט פון די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין יהודה וועט אויסקלייבן אַ צענטראַלן אַרבע־טער־קאָמיטעט, וועלכער וועט פאַרטרעטן די אַרבעטערשאַפט אין אַלע אַר־בעטס־אָנגעלעגנהייטן. דער קאָמיטעט וועט דאַרפן זאָרגן עס זאָלן אויסגע־קליבן ווערן לאָקאַלע קאָמיטעטן, וועלכע וועלן שטיין אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דעם צענטראַלן קאָמיטעט.

וועגן קפא״י און די אַרבעטער האָב איך רעפערירט (זע „האחדות" תרע״א נומער ל״ב). אַרום אָט־דעם פונקט איז אַנטשטאַנען אַ שווערער קאַמף. די דיסקוסיע האָט זיך געדרייט נישט וועגן דער עצם נויטיקייט פון דעם פאָנד, וועלכע עס האָבן אָנערקענט אַלע, און נישט וועגן זיינע צילן; די קעגנער־שאַפט צו קפא״י האָט זיך גענומען פון דעם וואָס דער פאָנד איז געגרינדעט געוואָרן דורך פועלי־ציון. אייניקע פון די דעלעגאַטן האָבן באַטראַכט יעדן געלט־קאַמפּיין אין חוץ־לארץ ווי אַ מין זאַמלונג פון נדבות, וועלכע דאַרף צוריקגעוויזן ווערן מיט ביידע הענט. אַנדערע האָבן צוגעגעבן, אַז אויב דער צוועק פון קפא״י איז צו העלפן דעם כלל פון די אַרבעטער — דאַרפן געפּאָדערט ווערן די נויטיקע מיטלען פאַר יעדן אַרבעטער אויפטו פון אַ נאַציאָנאַלן אַנשטאַלט. און אויב דער ציל איז צו העלפן דער אַרבעטער־געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל, — דאַרפן געזאַמלט ווערן פאַר דעם געלט־מיטלען נאָר ביי דער אַרבעטער־געזעלשאַפט פון דעם לאַנד, אָבער עס האָט זיך געפילט אַז דער עיקר איז געווען די קעגנערשאַפט נישט אַזוי צו דעם געדאַנק אַליין ווי צו די איניציאַטאָרן פון דעם ווערק און צו זיינע פאַרווירקלעכער — צו די פועלי־ציון.

צום סוף זענען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע באַשלוסן:

א) די קאָנפערענץ פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער פון יהודה אָנערקענט די נויטיקייט פון אַן אַרבעטער־פאָנד פאַר ארץ־ישראל צום צוועק פון באַפעסטיקן עקאָנאָמיש, געזעלשאַפטלעך און גייסטיק דעם יידישן אַר־בעטער אין ארץ־ישראל.

ב) די לייטונג פון דעם פאָנד געפינט זיך אין די הענט פון דער אַלגע־מיינער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

ג) דאָס געלט פון דעם פאָנד ווערט געזאַמלט דורך אַ זעלבסט־שטייער פון די יידישע אַרבעטער פון ארץ־ישראל.

ד) די קאָנפערענץ באַשליסט זיך צו באַטייליקן אין דעם אַרבעטער־פאָנד פאַר ארץ־ישראל, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך די פועלי־ציון און זיך באַמיען אים צוצופּאַסן צו די פּרינציפּן וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן.

מיר, די פועלי־ציון, האָבן אַפילו געזען אין דעם פונקט דריי אַ סתירה צו דעם לעצטן פונקט, וועלכער האָט אונדז מער באַפרידיקט און אונדז גע־געבן בעסערע אויסזיכטן, אָבער מיר האָבן זיך נישט צוריקגעצויגן — נעמענ־דיק אין באַטראַכט דעם לעצטן פונקט — און מיר האָבן געהאָפט, אַז אויף דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער אין לאַנד וועט נאָך זיין אַ געלעגנהייט צו ענדערן אין פאַרלויף פון דער צייט דעם דריטן פונקט. וועגן דעם ענין פון דער אָפּענהיימער־פּראָגראַם, איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּאָזיטי־ווער באַשלוס און עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער אויסגעקליבענער צענטראַלע און אויף דעם אַרבעטער־קאָמיטעט אין גליל, די פליכט צו באַ־זאָרגן עס זאָלן אויסגעקליבן ווערן צוויי אַרבעטער־פאַרטרעטער אין דער קאָמיסיע פאַר דער אָפּענהיימער־קאָלאָניזאַציע.

מיין לערן־צייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל

די דריטע וועלט־קאָנפערענץ. — דאָס ברענגען פון יידישע שיף־בויערס פון סאַלאָניקא

אין משך פון וואָסערע צוויי יאָר זענען מיר, איך און רחל, געווען לע־רערס אין דער העברעאישער גימנאַזיע פון ירושלים, וועלכע מיר האָבן גע־גרינדעט און אָפּגעהיט מיט אונדזערע אייגענע הענט, אינאיינעם מיט נאָך אַ הייפל פון איבערגעגעבענע טוערס. ווען עס האָט זיך געענדיקט דער ווינ־טער־סעזאָן פון תרע״א, האָבן מיר זיך ביידע אָפּגעזאָגט: מיר האָבן זיך געגרייט צו פאָרן שטודירן. רחל האָט זיך געפּעדערט און איז אַרויסגעפאָרן פאַר מיר, אָנפאַנג זומער פון יענעם יאָר. פריער האָט זי געמאַכט אַ קורצן באַזוך אין רוסלאַנד און דערנאָך איז זי געפאָרן קיין פראַנקרייך צו לערנען די וויסנשאַפט פון לאַנדווירטשאַפט אויף דער אוניווערזיטעט פון נאַנסי. דוד בן־גוריון איז אַרויסגעפאָרן ענדע זומער קיין סאַלאָניקא זיך צוגרייטן פאַרן דאָרטיקן יורידישן פאַקולטעט, און איך האָב מיך פאַרהאַלטן אויף אייניקע חדשים אין ירושלים, ביז שבט תרע״ב.

איך האָב מיר אָנגעהויבן צו גרייטן צו מיין רייזע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בכדי צו לערנען יוריספּרודענץ אין דער אָטאָמאַנישער אוניווערזיטעט, אָבער איך בין געווען צוגעבונדן צו דער אַרבעט פון רעדאַקטירן און שרייבן. אינ־צווישן האָט זיך דערנענטערט די דאַטע פון דעם 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל און פון דער דריטער קאָנפערענץ פון דעם וועלט־פאַרבאַנד אין ווין.

איך וועל מיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף אָט־די צוויי קאָנגרעסן. איצט האָט שוין עקזיסטירט „האחדות״ און מיר האָבן דעריבער געקענט ברענגען אויספירלעכע באַריכטן וועגן די ביידע פאַרזאַמלונגען. און אין דער ווירק־לעכקייט איז אַ גאַנצער בויגן פון „האחדות״ (דער נומער מ״ג, פון דעם אַכטן אלול תרע״א) געווידמעט געוואָרן דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין און באַזונדערע אַרטיקלען זענען געדרוקט געוואָרן אין די קומענדיקע נומערן (מיינע אַרטיקלען וועגן דעם קאָנגרעס אין באַזל זענען פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין די נומערן מ״ו, מ״ז און מ״ח). דאָס מאָל זענען אויסגעקליבן גע־וואָרן אַלס דעלעגאַטן צו די ביידע פאַרזאַמלונגען איך און בן־גוריון. אַזוי ווי אויף דעם פריערדיקן קאָנגרעס, האָב איך מיך אויך איצט געטראָפן מיט בער באָראָכאָוו און דאָרט האָבן מיר ווידער געשמועסט וועגן זיין עליה קיין ארץ־ישראל. מיר האָבן געפּאָדערט ער זאָל אַריינגיין אין דער רעדאַקציע פון

אונדזער צייטונג. באַראַכאָוו איז געוועזן גרייט עולה צו זיין, אָבער נאָר מיטן צוועק צו אַרבעטן אין דער ביוראָ פון דעם פאַרבאַנד און פון דעם אַרבעטס־ביוראָ. אמת, ער האָט צוגעזאָגט מיטצואַרבעטן אין „האחדות" און ער האָט זיין צוזאָג געהאַלטן. *)

דער ווערט פון דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָסמאָל האָבן מיר זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט באַשלוסן, נאָר מיר האָבן אויך צוגעגרייט די אינסטרומענטן און כלים פאַר זעלבסטשטענדיקער אַרבעט אין ארץ־ישראל און עס איז באַשלאָסן געוואָרן סוף־כל־סוף אויפצושטעלן דעם קפא"י און די אַרבעטס־ביוראָ פון דעם פאַרבאַנד פועלי־ציון אין לאַנד און צו גרינדן אַן אַרבעטס־אַמט אין דער נייער האַפן־שטאָט תל־אביב, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין דער צווישנצייט. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ לייטונג פאַר דער ביוראָ און עס איז באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר דער חבר דוד בלאָך, דאָס איז בלומענפעלד, וועלכער איז אַריבער קיין ארץ־ישראל און האָט איבערגענומען זיין אַמט באַלד נאָך סוכות תרע"ב (אָקטאָבער 1911).

פונעם קאָנגרעס האָב איך מיך אומגעקערט אַהיים אויף די ימים־טובים און איך האָב אָנגעהויבן מיך צו פאַרנעמען מיט די צוגרייטונגען פאַר דער רייזע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. פון דער אָפיציעלער זייט האָב איך קיין איבעריקע שוועריקייטן נישט געהאַט: אין רוסלאַנד בין איך געוועזן אַ סטודענט פון דער קיעווער אוניווערזיטעט. אויף מיין ביטע האָב איך פון דאָרטן באַקומען קאָפּיעס פון מיינע צייגענישן — אַ צייגעניש פון מאַטורא פון דער פּאָלטאַווער גימנאַזיע און אַ צייגעניש פון דעם אוניווערזיטעט — און זיי האָבן פאַר מיר געעפנט די טויערן פון דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אוניווערזיטעט. אַ צווייטער באַדינג איז געווען די אָטאָמאַנישע בירגערשאַפט. איך האָב אָט־די אָטאָמאַנישע בירגערשאַפט גערנוויליק אָנגענומען, ווייל שוין פון לאַנג איז ביי מיר רייף געוואָרן דער אַבסאָלוטער געדאַנק איבערצורייסן מיינע פאַרבינדונגען מיטן גלות אויך פאָרמעל און צו פאַרבינדן מיין שיקזאַל מיט דער מדינה, מיט וועלכער עס איז פאַרבונדן דער גורל פון מיין לאַנד. דער דריטער באַדינג איז געווען צו האָבן אַ קוועלע פון וואַנען צו שעפּן די הוצאות פאַר מיין אויסקומעניש און פאַרן שכר־לימוד. אָבער וועגן דעם האָב איך מיך נישט איבעריק געזאָרגט און איך האָב מיך פאַרלאָזט אויף דעם ווערטל „די לה לצרה בשעתה" (עס איז גענוג צו טראַכטן וועגן דער צרה

*) איך וועל ברענגען אַלס ביישפּיל די נעמען פון זיינע אַרטיקלען: „וואָס איז דער ערשטער מיי" אין נומער 29־30, „טראַדיציע און פּראָגרעס אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג" אין נומער 32, „האַלבער יובל פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג" אין די נומערן 36 און 37 פון דעם יאָר תרע"ב און „וועגן דעם פּאַרצוג פון וויסן" אין דעם ערשטן נומער פון דעם יאָר תרע"ג.

דעמאָלט ווען זי באַוויזט זיך). עס איז געווען נאָך אַ מניעה, די וויכטיקסטע פון אַלע: איך האָב נישט געקענט פאַרלאָזן דאָס לאַנד אָן צו פאַרזיכערן אַ פאַרטרעטער אין דער רעדאַקציע פון „האחדות". איך האָב מיך נישט ווייניק אָנגעפּלאָגט ביז עס האָט זיך מיך איינגעגעבן צו ווירקן אויף יוסף חיים ברענערן ז"ל ער זאָל מסכים זיין צו נעמען אויף זיך די ליטעראַרישע רעדאַקציע. דאָס איז געווען נישט קיין לייכטע דערגרייכונג, ווייל ברענער איז געווען אַ גרויסער עקשן. עס איז מיר געלונגען אים צו פאַרהאַלטן ממש אין לעצטן מאָמענט, דעמאָלט ווען ער איז געווען גרייט אָנצונעמען דעם פאַרשלאַג פון זיין פריינט, דעם שרייבער א. רייזען, צו פאָרן קיין אַמעריקע. ער איז איינגעגאַנגען צו נעמען אין אַכט מיין ביטע און די ביטע פון אונדזערע חברים און האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין ירושלים. ברענער איז אַריין אין דער רעדאַקציע פון „האחדות" סוף תשרי תרע"ב און האָט געאַרבעט אין איר ביז ראש השנה תרע"ה. מיטן אַריינטריט פון ברענערן אין דער רעדאַקציע פון „האחדות", איז פאַרזיכערט געוואָרן די עקזיסטענץ פון דער צייטונג, נאָך דעם ווי עס האָבן געפעלט די דריי מיטגלידער פון דער ערשטער רעדאַקציע. די נייע רעדאַקציע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך די חברים א. ראובני, כאַשין, י. זרובבל און י. ח. ברענער. איך אַליין האָב דעמאָלט געפילט אַז איך קען רואיק פאָרן. איך האָב מיך פאַרהאַלטן אין לאַנד נאָך וואָסערע פיר חדשים און ערשט ט"ו שבט האָב איך מיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דאָ הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין מיין לעבן, די עפּאָכע אין דער הויפּטשטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיט קליינע איבערייסן וואָסערע דריטהאַלבן יאָר, פון ענדע שבט תרע"ב ביז אָנהויב אב תרע"ד. דאָ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָב איך מיך ווידער אָוועקגעזעצט אויף דער לערןבאַנק, נאָכדעם ווי עס זענען פאַרגאַנגען זעקס יאָר זינט איך האָב איבערגעריסן מיין שטודיום אין דער קיעווער אוניווערזיטעט.

אין דער צייט פון מיין שטודירן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָב איך פיר מאָל באַזוכט דאָס לאַנד און איין מאָל בין איך געווען אין רוסלאַנד אויף דער פערטער קאָנפערענץ פון פועלי־ציון אין קראָקע און אויפן עלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין (אין חודש אב תרע"ג). אין לאַנד אַריין בין איך יעדעס מאָל געפאָרן אין דער וואַקאַציע־צייט — דאָס ערשטע מאָל בשעת די זומער־וואַקאַציעס פון יאָר תרע"ב. דאָס איז געווען אַ קורצער באַזוך. מיט מיר איז דעמאָלט געפאָרן נאָך איין חבר, אַ סטודענט פון מעדיצין, אַהרון בנימיני ז"ל, דאָס איז דער ד"ר בנימיני וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס געניטער ד"ר אין תל־אביב. נאָך די ימים־טובים האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין שטודיום. אינצווישן איז אויסגעבראָכן די באַלקאַנישע מלחמה פונעם יאָר 1912. די לימודים זענען איבערגעריסן געוואָרן, אַ טייל פון די סטודענטן האָבן זיך פרייוויליק געמעלדעט אין דער אַרמיי און

צווישן זיי אויך אונדזערע יידישע חברים פון ארץ־ישראל און פון אַנדערע־לענדער.

איך האָב מיך אומגעקערט אין לאַנד אַריין און צו דער „האחדות". צוויי חדשים האָב איך געאַרבעט אין דער רעדאַקציע און ווען עס איז באַנייט געוואָרן דאָס לערנען אין דער אוניווערזיטעט, האָב איך מיך אומגעקערט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָב מיך פלייסיק איבערגעגעבן צום שטודירן, דאָס מאָל אין משך פון וואָסערע אַנדערהאַלבן יאָר אָן אַן איבערייס. כ'האָב געענדיקט דעם צווייטן קורס און האָב אויסגעהאַלטן דעם איבערגאַנג־עקזאַמען. ענדע זומער, דעם 9טן אב תרע"ד, בין איך געפאָרן אין לאַנד אַריין אויף די וואַקאַציעס. יענעם טאָג איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו מיין שטודיום אין דער אָטאָמאַנישער הויפּטשטאָט.

יעדעס מאָל ווען איך רעד וועגן קאָנסטאַנטינאָפּאָל קען איך נישט נישט דערמאָנען דעם פאַרשטאָרבענעם יצחק נופך, דער פיאָנער אין דעם העכסטן אָטאָמאַנישן לערן־אַנשטאַלט — אַ טייערער מענטש און אַ געטרייער ציוניס־טישער שליח צו די רעגירונגס־קרייזן, כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט באַקומען אָפיציעל די קרוינונג אַלס באַפולמעכטיקטער אָדער דירעקטאָר פון אַ ביוראָ. ער האָט אונטערגעשריבן זיינע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די רוסישע ציוניסטישע צייטונגען, מיטן טערקישן נאָמען קאַרלאַנגאַג, וואָס עס באַדייט שוואַלב. און ער איז ווירקלעך געווען די ערשטע שוואַלב וואָס האָט אָנגעוויזן דעם וועג די פיאָנערן פון ציון צו לערנען יוריספּרודענץ אין דער הויפּטשטאָט פון דער מדינה, אין וועמענס הענט עס איז געלעגן דער שיקזאַל פון אונדזער פאָטערלאַנד. מיר קענען זאָגן, אַז ער איז געווען די ערשטע ציוניסטישע שוואַלב אין טערקיי. ער איז געווען דער ערשטער ציוניסט וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דער געדיכטעניש פונעם לעבן פון דעם נאָענטן אָריענט און ער האָט געשעפּט מיט פולע הויפנס פון דער אָריענטאַלישער לעבנס־אַרט און קולטור. ער איז געווען אַ וועגווייזער פאַר די טויזנטער עולים, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויף זייער וועג פון אָדעס קיין ארץ־ישראל. ער האָט זיי באַדינט מיט געטריישאַפט און האָט זיי אַרויסגעהאָלפן מיט אַן עצה און מיט אַן אָנווייזונג און ער האָט נישט געזשאַלעוועט זיין צייט און זיין מי. ספּעציעל האָט ער אָנגעוויזן דעם וועג פאַר די יונגערע כוחות וואָס זענען אָנגעקומען נאָך אים, סיי פונעם לאַנד, סיי פונעם גלות, צו לערנען אין די טערקישע שולעס. אין דער צייט וואָס די יידישע יוגנט האָט געשטראָמט אין די הונדערטער צו די אויסלענדישע אוניווערזיטעטן, צו לערנען וויסנשאַפט ביי די דייטשע און פראַנצויזישע פּראָפעסאָרן, בכדי צו באַפעסטיקן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין די קולטור־לענדער, האָט זיך געפונען איין יחיד, אָט־דער טייערער מענטש, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט דערוואָרבן העכערע בילדונג אין רוסלאַנד, וועלכער האָט נישט געמאַכט זיך פון דעם קיין ווערקצייג פון פרנסה, נאָר ער האָט זיך אומגעקערט צו דער לערן־באַנק און איז געקומען אין אַ

פרעמד לאַנד אַריין צו לערנען אין אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך, וועלכע אויך זיינע עלטערן האָבן נישט געקענט. אויס ליבע צו ציון האָט ער איבערגע־לאָזט דאָס לאַנד, ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, האָט פאַרלאָזט זיינע פריינט, האָט פאַרציכטעט אויף זיין קאַריערע און האָט אויסגעקליבן פון צווישן אַלע בילדונגס־פּאַלאַצן פון אייראָפּע דעם „דאר אלפינון" אין דער אָטאָמאַנישער הויפּטשטאָט. אָבער מיט אָט־דער טאַט זיינער האָט ער געדינט ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע ציונים, וועלכע זענען געגאַנגען אין זיינע פוס־טריט. זיין פרוי מרים האָט געשטאַרקט זיינע הענט און געמוטיקט זיין גייסט און איז פאַר אים געווען אַ געטרייע העלפערן אין זיין ציוניסטישער אַרבעט. זי איז געווען אַן אויגן־דאָקטערשע און ביידע זענען עולה געווען אין לאַנד אַריין אין די טעג פון דער מלחמה און האָבן געווידמעט זייערע כוחות צו דער ציוניסטישער אַרבעט אין דעם פאָטערלאַנד. די מינוטן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין זייער הויז האָבן מיך געמאַכט פאַרגעסן די פרעמדע סביבה און איך האָב מיך וווּדער דערזען אין דער יידישער ארץ־ישראלדיקער סביבה. נופך איז אויך געווען מיין וועגווייזער. ווען איך בין אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער מיר נישט ווייניק געהאָלפן צו געפינען אַן אָנ־שפּאַר און אַן אָנהאַלט אין אָט־דער פרעמדער שטאָט; אויסער אים האָב איך דאָרטן נישט געהאַט קיין שום באַקאַנטן. מיין אויפגאַבע איז געווען נישט קיין לייכטע. די ערשטע שוועריקייט איז געווען — די טערקישע שפּראַך. ווען איך בין אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָב איך אינגאַנצן נישט געקענט קיין טערקיש און איך האָב בלויז שווער געלייענט די אַראַביש־טער־קישע שריפט. איך האָב מיך געדאַרפט גרייטן צו עקזאַמענעס און אָט־די צוגרייטונגען האָבן ביי מיר צוגערויבט קיילעכדיקע דריי חדשים פון אָנ־געשטרענגטער אַרבעט. אָבער נאָך די דריי חדשים האָב איך געהאַט מיין באַלוינונג: מיט צופרידנקייט האָב איך דערפילט, אַז איך בין שוין גענוג צוגעגרייט און צוגעפּאַסט מיך צו שטעלן צו די שריפטלעכע און מינדלעכע עקזאַמענעס. נאָך די עקזאַמענעס בין איך אויפגענומען געוואָרן אָפיציעל אַלס רעגולערער סטודענט אין דעם יורידישן פאַקולטעט פון דער אָטאָמאַנישער „וויסנשאַפט־היים".

אַ פאַמיליע פון נאָענטע חברים האָב איך געהאַט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל — די חברים ישראל און מאַניע שוחט: מאַניע איז געווען טעטיק צוזאַמען מיט ישראלן און זי האָט זיך באַטייליקט אין אַלע געבורט־ווייען און אין אַלע וואַקסטום־שווערינקייטן פון דעם „השומר". און אָט איז ישראל געוואָרן אַ טערקישער סטודענט, וואָס איז געזעסן אויף דער לערן־באַנק אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל. ער איז געווען דאָס וואָס ער איז געווען אין לאַנד: אַ לעבעדיק שטיק פון ארץ־ישראל, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין דעם גלות פון קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל. צוליב דער ווייטקייט צווישן אונדז, האָב איך נישט געקענט זיי אָפט באַזוכן און בלויז אין יום־טובדיקע אַרבעטס־פרייע טעג פלעג איך פאָרן צו זיי אין אַ מאָטאָר־שיפל קיין האידר פשה און פאַרברענגען מיט זיי צוזאַמען

עטלעכע שעה; אין אַט די שעהן פלעגט פאַרשווינדן די ווייטקייט צווישן קאָנסטאַנטינאָפּאָל און סעדזשערא, צווישן דעם באַספּאָר און די פעלדער פון גליל, און מיר האָבן זיך געפילט ווי מיר וואָלטן זיין אין פאָטערלאַנד.

מיר האָבן נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד, באַזונדערס די פּאַרטיי־ענינים און די ענינים פון „השומר". שטענדיק האָבן מיר זיך אַריינגעטראַכט אין דעם געדאַנק וועגן „השומר" — אין דער שאַפונג פון אַ יידישן כוח אין ארץ־ישראל. מיר האָבן אָנגעהאַלטן אַ בריוו־אויסטויש און אין עטלעכע פאַלן האָבן מיר אויך געהאַט אַ פּערזענלעכן קאָנ־טאַקט, ווען עס איז געקומען צו אונדז אַ חבר פון לאַנד, אָדער מיר זענען געפאָרן אַהין אויף אַ באַזוך. ישראל האָט זיך געפליסט אויך אויפצוהאַלטן פאַרבינדונגען מיט באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן פון דער אָטאָמאַנישער רעגי־רונג און אין אַ געוויסן פאַל האָט ער געפּרוווט באַקומען די צושטימונג פון ענווער פּאַשאַ צו דער גרינדונג פון אַ יידישער מיליטערישער איינהייט אין די ראַמען פון דער אַרמיי פון די אָטאָמאַנישע פעלקער, בכדי צו באַשיצן ארץ־ישראל אין אַן עמערגענץ־מאָמענט. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז נישט געווען קיין זאַך וואָס מען האָט געקענט לייכט דערגרייכן און מיר האָבן געוואַרט אויף אַ גוטער געלעגנהייט. אין די טעג פון דער באַל־קאַנישער מלחמה (אין יאָר 1912) האָבן מיר געמאַכט אַ פּרווו אויפצושטעלן אַ גרופּע פון פרייוויליקע פון צווישן די סטודענטן פון ארץ־ישראל און גע־בוירענע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון יידישע סטודענטן פון אויסלאַנד, בכדי זיך צו באַטייליקן ווי אַ יידישער קאָלעקטיווער איינס אין דער מלחמה. די טערקן האָבן זיך באַצויגן צו דעם שריט פּאָזיטיוו און זיי האָבן אונדז אויפ־גענומען. אָט־דאָס האָט, אמת, הויפּטזעכלעך געהאַט אַ דעמאָנסטראַטיוון ווערט און האָט נישט געהאַט קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן, ווייל אינגיכן איז געקומען דער וואָפנשטילשטאַנד און די פרייוויליקע סאָלדאַטן זענען באַפרייט געוואָרן פון דעם מיליטער.

צוליב מיין באַשעפטיקט זיין מיטן שטודיום און מיט די פּרנסה־אָנגע־לעגנהייטן, איז מיר נישט פאַרבליבן קיין סך צייט מיך צו באַשעפטיקן מיט די כלל־ענינים אויפן פּלאַץ. אָבער נאָכדעם ווי מיין שטודיום איז אַוועק אויף רעגולערע רעלסן און נאָכדעם ווי איך האָב מיר אָנגעאייגנט די פרעמדע שפּראַך, האָב איך געווידמעט צייט פון מיינע אָפּרו־שעהן אויך פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. צו דעם „סטודענטן־פאַראיין" וועל איך מיך נאָך אומקערן. אין יענער צייט האָב איך נישט פאַרנאַכלעסיקט אויך די פאַרבינ־דונגען, וועלכע מיר האָבן שוין פון לאַנג געהאַט מיט די אַרבעטער־פאַראיינען, וואָס זענען אין פריערדיקע יאָרן געגרינדעט געוואָרן אין דער טערקיי, נאָך דער איבערקערעניש פון די יונג־טערקן. דאָס וויגעלע פון אָט־דער באַוועגונג איז געווען די האַנדלס־ און אינדוסטריע־שטאָט סאַלאָניקאַ, ווו עס האָט עק־זיסטירט אַן „אינטערנאַציאָנאַלע פעדעראַציע", דאָס הייסט אַן אַרבעטער־פאַך־אָרגאַניזאַציע פון יידן, טערקן און בולגאַרן.

ביים ענדע פון דער באַלקאַנישער מלחמה האָט אויפגעשפּראָצט דער געדאַנק פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון אַלע באַלקאַנישע פעלקער און לענדער: טערקיי, בולגאַריע, גריכנלאַנד, סערביע און מאָנטענעגראָ. די טרעגער פון דעם געדאַנק זענען געווען די אַרבעטער־פּאַרטייען פון יענע לענדער. מיר האָבן אונטערשטיצט אָט־די באַוועגונג און צוזאַמען האָבן אויך מיר, פּועלי־ציון, זיך באַטייליקט ווי אַן אַטאָמאַנישע פּאַרטיי אין דעם מייבונגס־אויסטויש וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון די טערקישע און באַלקאַנישע אַרבעטער־פּאַרטייען.

וואָס אָנבאַלאַנגט מיין שטודיום, וואָלט איך געווען צופרידן פון דעם וואָס איך האָב דערגרייכט מיין ציל — צו שטודירן — ווען איך וואָלט געווען געקענט פאַרנעמען מיך מיט דעם רואיק און זיך קאָנצענטרירן אויפן שטודיום, אַזוי ווי עס איז געווען מיין ווילן. אָבער אָט־דאָס איז מיר נישט געגעבן געוואָרן. עס האָט זיך פאַר מיר אָוועקגעשטעלט אַ האַרבע פראַגע — די פּראָזאַישע פראַגע: פון וואָס זאָל איך לעבן און באַצאָלן שכר־לימוד?

אין דעם טאָג ווען איך בין אַראָפּ פון דער שיף אויפן ברעג פון סטאַמבול האָב איך נישט פאַרמאָגט אין קעשענע אַפילו איין פּרוטה און איך האָב געמוזט באַלד זוכן אַ קוואַל פון פּרנסה. און דאָ זענען מיר בייגעשטאַנען י. נופך און דער רב מאַרקוס, וועלכע האָבן זיך באמת מיר צו פאַרשאַפן לעקציעס. מיט זייער הילף האָב איך באַקומען עטלעכע שעה טעגלעך צו לערנען עבריה און תנ״ך אין דער שולע „אחרידא״, אַ ספרדישע תלמוד־תורה אין דער קהילה „באַלאַט״, אויף די ברעגן פון דעם גאָלדענעם האָרן. מיין געהאַלט איז גענוג געווען אויף עסן און אַ דירה און אויף צו באַצאָלן אין ראַטעס דעם שכר־לימוד. אָבער דאָס לערנען אין דער שולע האָט ביי מיר צוגערויבט טעגלעך ווייניקסטנס דריי שעה: צוויי שעה אַרבעט און איין שעה רייזע פון סטאַמבול קיין „באַלאַט״ און צוריק. עס איז פאַרשטענדלעך אַז דאָס אַלץ האָט מיר שווער געמאַכט מיינע צוגרייטונגען צו די עקזאַמענעס.

אויסער די לעקציעס האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן קאָרעספּאָנדענצן פאַר דער רוסישער ציוניסטישער צייטונג „יעוורעיסקאַיאַ זשיזן״, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען אין אָדעס. דער האָנאָראַר האָט מיר געהאָלפן אַביסל בעסער צו באַלאַנסירן מיין שוואַכן ביודזשעט. די איבעריקע צייט מיינע האָב איך אָפּגעגעבן צום שטודירן און צום גרייטן זיך פאַר די עקזאַמענעס. איך האָב געלערנט טאָג און נאַכט ביז איך בין געווען גרייט צו די עקזאַמענעס. נאָך די זעלבע, ווען איך בין אַביסל פריי געוואָרן, האָב איך מיך ווייטער באַטייליקט פון דער ווייטנס אין אַלע טעטיקייטן פון דער פּאַרטיי אין לאַנד. מיינע פאַרבינדונגען מיט דער פּאַרטיי זענען נישט איבערגעריסן געוואָרן: כ׳האָב סטאַביל געשריבן אין „האחדות״, נאָטירלעך אָן האָנאָראַרן; צו דער ניינטער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען פסח תרע״ג, האָב איך צוגעשיקט מיינע ווערטער שריפטלעך. אין דער צייט פון מיינע צופעליקע באַזוכן האָב איך גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דעם לעבן פון דער פּאַרטיי.

אין נאָמען פון דער פּאַרטיי האָב איך מיך באַטייליקט אין די פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען מיט די אַרבעטער־פּאַרטייען אין די טערקישע שטעט, אין סאַלאָניקא און אויף די באַלקאַנען; איך בין אויסגעקליבן געוואָרן, אינאיי־נעם מיט בן־גוריון און שוחט, צו דער פערטער קאָנפערענץ פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון, וועלכע איז פאָרגעקומען זומער־צייט תרע״ג אין קראָקע. פון דאָרט זענען מיר אַלע דריי געפאָרן צום עלפטן ציוניסטישע וועלט־קאָנ־גרעס, וועלכער האָט זיך פאַרזאַמלט אין ווין. מיר זענען מיט אַ שיף גע־פאָרן ביז גאַלאַץ און פון דאָרטן מיט דער באַן קיין קראָקע. אויף דער עסט־רייכישער גרענעץ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן מצד דער עסטרייכישער פּאָליציי און עס איז אונדז באַפוילן געוואָרן צו פאָרן קיין יאַסי צו באַקומען דאָרטן אַ וויזע אין דעם עסטרייכישן קאָנסולאַט. איינער פון אונדז איז געפאָרן קיין יאַסי צו ברענגען די דערלויבענישן און די איבע־ריקע האָבן געוואַרט ביי דער גרענעץ.

דאָס קאַפּיטל וועל איך אָפּקירצן, ווייל די זאַכן זענען שוין דעטאַלירט איבערגעגעבן געוואָרן אין דער „האחדות״ (וועגן דער פערטער וועלט־קאָנ־פערענץ אין קראָקע און אירע באַשלוסן, נומערן 44־48 פון תרע״ג). אַזוי איז אויך דאָרטן איבערגעגעבן געוואָרן דער ערשטער טייל פון מיין רעפע־ראַט וואָס איך האָב געהאַלטן אויף יענער קאָנפערענץ וועגן „דער פּאָליטישער לאַגע אין דער טערקיי״. דעסגלייכן וועל איך מיך נישט אָפּשטעלן אויפן 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, וועלכן מיר האָבן פאַרלאָזט אין מיטן, ווייל אַלע דריי זענען מיר געווען געצוווּנגען שנעל זיך אומצוקערן צו די עקזאַמענעס אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בכדי נישט צו פאַרלירן אַ גאַנץ לערן־יאָר. אַ באַריכט פון דער פועלי־ציון פראַקציע אויפן 11טן קאָנגרעס איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין „האחדות״ אין די נומערן 47 און 48.

נאָך עטלעכע ווערטער וועגן מיין פּריוואַטן לעבן:

פון אָנהויב האָב איך געוווינט אין פּענסיאָן פון דזשאַלאַל־אַל־דין נעבן קורקמאַז. דאָס איז געווען אַ מוסולמאַן פון קאַווקאַז און זיין פרוי מאַניאַ איז געווען אַ קריסטלעכע פּאָליאַטשקע,ביידע פריינטלעך געשטימט פאַרן ציוניזם. מאַניאַ האָט אַפילו געקויפט שקלים און האָט זיך באַטייליקט אין די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. ביידע האָבן פאַרמאָגט רוסישע ביל־דונג, זענען געווען פאַרמישט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און צוליב דעם האָבן זיי געמוזט אויסוואַנדערן פון דאָרטן און זיך באַזעצן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָרטן האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ רוסישע צייטונג און אַ „פּירער״ איבער קאָנסטאַנטינאָפּל אויך אויף רוסיש. ווען עס איז אויסגע־בראָכן די רוסישע רעוואָלוציע האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און לויט ווי איך האָב געהערט האָט דזשאַלאַל־אַל־דין פאַרנומען אַ וויכטיק פּלאַץ נאָך דער רעוואָלוציע אין איינער פון די מוסולמענישע רעפּובליקן אין סאָ־וויעטישן קאַווקאַז. אין אַ צייט אַרום איז דער פּענסיאָן געשלאָסן געוואָרן און איך בין אַריבער אין אַ פּריוואַטער דירה און פון דאָרטן אין אַ טאָטע־

רישן פענסיאָן. דאָרט האָב איך געווינט וואָסערע צוויי יאָר, אינאיינעם מיט בן־גוריונען, נאָכדעם ווי ער איז אַריבער פון סאַלאָניקא אויפן אוניווערזי־טעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין אַ יאָר אַרום, איז געקומען צו אונדז נאָך איין חבר, יוסף סטרומסה, פון סאַלאָניקא, אויך ער אַ סטודענט פון יוריספּרודענץ. דאָס לעצטע יאָר האָבן מיר פאַרבראַכט אַלע דריי אינאיינעם אין אַ געמיינ־זאַמער „קאָמונע״, אין דעם דערמאָנטן פענסיאָן.

אויף דער אוניווערזיטעט האָבן מיר געלערנט ביי טערקישע פּראָפעסאָרן און רעליגיעזע געלערנטע. ביי די צולעצט דערמאָנטע האָבן מיר געלערנט דאָס פּריוואַטע רעכט (מדזאלאַ — אחכם עאדליה) און זיינע מעטאָדן. פון די וועלטלעכע פּראָפעסאָרן האָבן מיר געלערנט שטראָף־רעכט (באַזירט אויף דעם נאַפּאָלעאָנישן קאָדעקס), דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט, די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, די געזעצלעכע מעטאָדאָלאָגיע א.א.וו. צווישן אַלע פּראָפעסאָרן איז געווען בלויז איין ספרדישער ייד מיטן נאָמען מושון. עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז אַלע לימודים זענען געפירט געוואָרן אויף טערקיש, די איינציקע שפּראַך וואָס האָט געהערשט אויף יענער אוניווערזיטעט. די סטו־דענטישע וועלט איז געווען אַ געמיש פון פעלקער, שפּראַכן און רעליגיעס. די מאַיאָריטעט טערקן, עפּענדישע זין פון אַלע עקן טערקיי, דער עיקר פון אַנאַטאָליע און אויך פון רומיליע; אויסערדעם זענען געווען מוסולמענער פון פאַרשידענעם אָפּשטאַם: די מאַיאָריטעט אַראַבער פון סיריע, איראַק, תימן, העדזשאַס און אויך פון ארץ־ישראל, קורדן פון אַלע ווינקעלעך פון קורדיס־טאַן, אַלבאַנעזער (אויף טערקיש האָט מען זיי גערופן ארנאוטן און אויף זייער אייגענער שפּראַך סקיפּידארן). עס זענען אויך דאָרט געווען מוסול־מענער פון סלאַווישער אָפּשטאַמונג, צום ביישפּיל באָסניאַקן (מוסולמענישע סערבן) און פּומאַקן (בולגאַרישע מוסולמענער), מוסולמענישע גרוזינער (לאַזן) א.א.וו. צווישן די סטודענטן האָט מען אויך אָנגעטראָפן מוסולמענער מחוץ פון דער טערקיי: פּערסער, טאַטאַרן און טשערקעסן פון קאַווקאַז און אַפילו טאַטאַרן פון קרים און פון פוילן. צווישן די סטודענטן זענען אויך גע־ווען קריסטן פון פאַרשידענע פעלקער און אָפּשטאַמונגען: אַרמענער און גריכן, צווישן זיי גריכן און אַרמענער, וואָס האָבן גערעדט טערקיש און קריסטן פון די באַלקאַנען, פון סיריע און לבנון, אַסיריער און כאַלדעער, בקיצור — אַ דור הפלגה. און צום סוף איז געווען אַ הייפל יידן, גרעסטנטיילס ספרדים פון די שטעט פון טערקיי און די יידן פון ארץ־ישראל. עס זענען צווישן אונדז געווען יידן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און די איבעריקע טערקישע שטעט און אויך אַ פּאָר סטודענטן פון רוסלאַנד.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר זיך באַמיט צו גרינדן אַ סטודענטן־פאַראיין פון די אָטאָמאַנישע יידן. זיין כאַראַקטער איז געווען בולט ציו־ניסטיש און האָט געדינט אין משך פון דער צייט אַלס קערן פאַר דער יידי־שער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע אין די אָטאָמאַנישע אוניווערזיטעטן, אין קאָנס־טאַנטינאָפּאָל און אין ביירוט. דער סטודענטן־פאַראיין האָט געדינט ווי אַ

וויכטיקער גורם פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דעם ציוניסטישן געדאַנק צווישן דער יידישער יוגנט.

אין יענער צייט (זומער תרע״ב) האָב איך פאַרצייכנט:

„דער יידישער סטודענטן־פאַראיין״ פון טערקיי אַנטוויקלט זיך מיט ריזיקע שריט. זיין אָנהויב איז געווען קליין: מיט צוואַנציק סטודענטן האָט ער אָנגעהויבן, גרעסטנטיילס זין פון אשכנזים פון רוסלאַנד און ארץ־ישראל, און איצט (סיון תרע״ב) ציילט ער שוין מער פון פופציק פּאַקטישע מיט־גלידער אויסער געהילפס־מיטגלידער. די חברים פון דעם פאַראיין זענען איצט גרעסטנטיילס ספרדים, זין פון דער הויפּטשטאָט און פון די פּראָווינץ־שטעט, גרעסטנטיילס ספרדים, וועלכע לערנען זיך אין די העכערע שולן דאָ, און די צאָל פון די נייע חברים וואָס שליסן זיך אָן אינעם פאַראיין האַלט אין איין וואַקסן. איינער פון די וויכטיקע רעזולטאַטן פון דעם פאַראיין איז וואָס ער האָט מצליח געווען צו דערוועקן, שוין מיט זיין עקזיסטענץ, די יידישע יוגנט וואָס איז געווען ווייט פון יעדן געזעלשאַפטלעכן אינטערעס און פון יעדער איניציאַטיווע, צו זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט, זיי צו דער־נענטערן צו זייערע אשכנזישע ברידער און זיי צו דערציען פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, פאַר דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק און פאַר טעטיקייט״. (פון מיין בריוו צו „האחדות״ פון תרע״ב, נומער 33).

פון די סטודענטן, וואָס האָבן דעמאָלט געלערנט אין די הויכשולן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן צום פאַראיין, געדענק איך די נעמען פון די פאָלגנדיקע חברים, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז געקומען פון ארץ־ישראל און אַ קליינער טייל פון טערקיי און פון רוסלאַנד. פון ארץ־ישראל: גד פרומקין (דער פאָרזיצער פונעם פאַראיין), מרדכי לבנון — פון די עלטסטע תלמידי־ים, ד. בן־גוריון (סעקרעטאַר פונעם פאַראיין), יש־ראל שוחט, כרמי אייזנבערג, אשר סאַפּיר, י. אלנקווה, ח. אלישר און דער שרייבער פון אָט־די שורות. אַ יונגערער שיכט וואָס איז געקומען נאָך אונדז איז באַשטאַנען פון: משה שערטאָק, זרובבל חביב, י. שאַפּירא, שוואַרץ און אַנדערע. פון חוץ־לארץ: י. נופך — דער פּיאָנער פון די סטודענטן, האָט געענדיקט יענעם יאָר און האָט באַקומען דעם טיטל אַדוואָקאַט; דוד רמז, יחזקאל ראַבינאָוויטש, אהרן בנימיני און יצחק יצחקי פון קאַווקאַז; אזארוב, יוסף הערמאַן, שלום פרידמאַן און זאב קאָהען פון פּאָלטאַווע. איך האָב דאָ גישט אויסגערעכנט די יידישע סטודענטן וואָס זענען געקומען פון קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל, פון סאַלאָניקא און די איבעריקע טערקישע שטעט.

עס איז נישט מיין כוונה זיך דאָ אָפּצושטעלן אויף מיינע איבעריקע דערינערונגען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון די טעג פון מיין שטודירן דאָרטן. איך וועל מיך באַנוגענען בלויז צו באַצייכענען איינעם פון די וויכטיקע אויפ־טוען וואָס איז צושטאַנד געק־מען אויף מיין איניציאַטיווע, ווען איך האָב געוווינט אין יענער הויפּטשטאָט, וואָס ליגט ביי אַ ים־דורכגאַנג — אָוועק־צולייגן דעם פונדאַמענט פאַר דער ים־אַרבעט אין דעם פּאָטערלאַנד און דאָס

צו טאָן דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון אונדזער נייער ביוראָ, דער ביוראָ און דעם אַמט פֿאַר אַרבעט. מיט דער הילף פֿון אָט־דער ביוראָ, וואָס אָן איר שפּיץ איז געשטאַנען דער חבר דוד בלאָך, בין איך געפֿאָרן קיין סאַלאָניקאָ אין חודש שבט תרע״ד, מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן דאָרטן אַ גרופּע פֿון יידישע מאַטראָזן און זיי אַריבערצופֿירן אין לאַנד אַריין. אונדזער ציל איז געווען צו שאַפֿן אַ קערן פֿון יידישע ים־מענטשן אין ארץ־ישראל. מיין רייזע איז צושטאַנד געקומען מיט דער הילף פֿון מ. אוסישקין, פּאָרזיצער פֿון דעם קאָמיטעט פֿון די חובבי־ציון אין אָדעס.

אין משך פֿון די צוויי וואָכן וואָס איך בין פֿאַרבליבן אין סאַלאָניקאָ האָט זיך מיר איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן די ערשטע גרופּע: 10 ים־מענטשן, אייגנטימערס פֿון שיפֿן און אַרבעטער, און איך האָב זיי פֿאַרבונדן מיט אונדזער אַרבעטס־ביוראָ אין יפֿו. צו ערשט האָבן זיי געדאַרפֿט ליקווידירן זייערע אָנגעלעגנהייטן אין סאַלאָניקאָ און זיך צוגרייטן צו דער רייזע. די צוגרייטונגען האָבן זיך געצויגן אין משך פֿון עטלעכע חדשים און דערווייל איז אויסגעבראָכן די מלחמה. בלויז צוויי־דריי ים־מענטשן האָבן באַוויזן עולה צו זיין אין לאַנד אַריין, זיי זענען אָנגעקומען קיין יפֿו און האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דעם פּאָרט, אויף דער באַזע פֿון אַ קאָנטראַקט מיט אַראַבישע אונטערנעמער אין יפֿו, צו וועלכן עס האָט צוגעהאָלפֿן אונדזער אַרבעטס־ביוראָ. צוליב דעם אויסברוך פֿון דער וועלט־מלחמה, האָבן מיר נישט באַוויזן פֿאַרצוזעצן די אונטערנעמונג און זי איז איבערגעריסן געוואָרן אין איר אָנפֿאַנג. זאָל דאָ אַלזאָ פֿאַרצייכנט ווערן אָט־די ערשטע אָנשטרענגונג פֿון די טעג פֿון דער צווייטער עליה אויפֿן געביט פֿון יידישער ים־אַרבעט אין פּאַטערלאַנד, אַלס ערשטער פּרווו אויף אַ געביט, וועמענס ריי עס איז געקומען ערשט אין די טעג פֿון דער דריטער עליה.

איידער איך פֿאַרענדיק אָט־דאָס קאַפּיטל — נאָך עטלעכע ווערטער וועגן דער פּאַרטיי אין לאַנד אין דער צייט וואָס איך בין געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די לעצטע קאָנפֿערענץ (די זיבעטע), אין וועלכער איך האָב מיך באַטייליקט, איז פֿאָרגעקומען פּסח תרע״א. אין דער צייט פֿון דער אַכטער קאָנפֿערענץ (חדרה, פּסח תרע״ב) און דער נײַנטער קאָנפֿערענץ (יפֿו, פּסח תרע״ג), און אויך אין די טעג פֿון דער צענטער קאָנפֿערענץ (סוכות תרע״ד אין פּתח־תקוה), בין איך געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. צו דער נײַנטער קאָנפֿערענץ האָב איך צוגעשיקט, ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, מיינעם אַ רעפֿעראַט אויף דער טעמע „די לאַגע פֿון די אַרבעטער און אונדזערע אויפֿגאַבן״. דער רעפֿעראַט איז צעשיקט געוואָרן צו די מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי אין אַ באַזונדערן אָפּדרוק, אַלס ביילאַגע צו דעם צירקולאַר נר׳ 8, וועלכער איז דערשינען כ״ו אדר שני תרע״ג (און דערנאָך אין „האחדות״, נר׳ כ״ד־כ״ה תרע״ג) און דער זעלבער האָט געדינט אַלס באַזע פֿאַר די דעבאַטן אויף דער דערמאָנטער קאָנפֿערענץ. אין אַ צייט אַרום איז אַרויס אָט־דער רעפֿעראַט מיינער אין אַ ספּעציעלער בראָשור אונטערן נאָמען „צו

דער פּראָבלעם פון אונדזער אַרבעט אין לאַנד" — א) די לאַגע פון די אַר־בעטער און אונדזערע אויפגאַבן, און — ב) פּראָלעטאַרישע אָנשויאונג און נאַציאָנאַלע פּאַרטיידיקונג.

איך בין דאָ מקצר אָט־דאָס קאַפּיטל פון מיין לעבן, וועלכעס האָט גע־טראָגן אַ ספּעציעלן כאַראַקטער און האָט געדינט אַלס אַן איבערגאַנג־פּעריאָד פון דער גרינדונג פון אונדזער באַוועגונג ביז צו דער וועלט־מלחמה. אין חודש אב תרע"ד האָבן מיר זיך אומגעקערט, בן־גוריון און איך, אויף וואַ־קאַציעס אַהיים. נאָך ווען מיר זענען געווען אויפן ים איז אויסגעבראָכן די מלחמה און מיר זענען פאַרבליבן אין לאַנד ביז דעם טאָג פון אונדזער פאַר־טרייבונג דורך דזשאַמאַל פּאַשאַ.

די עמערגענץ־באַראַטונג פון דער פּאַרטיי

איך און בן־גוריון ווערן אַרעסטירט אין ירושלים און אַרויסגעשיקט קיין מצרים. — די אַרויסטרייבונג פון די יידן פון יפו און תל־אביב. — דער רעגימענט פון גאַליפּאָלי — קיין אַמעריקע

מיין וועג צוריק פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געווען פול מיט שוועריקייטן און טרעפּעניש. אונדזער שיף איז געווען אַ רוסישע און אָנגעלאָדן מיט אַ סך רייזנדע, צווישן זיי אַ מאַסע מוסולמענישע פּילגרימען פון בוכאַראַ און פון מיטל־אַזיע, וועלכע זענען געפאָרן קיין מעקאַ און מעדינאַ, און נאָך אַנדערע רייזנדע: אַראַבער, גריכן, טערקן און אויך אַ גרויסע צאָל פון יידישע עולים פון רוסלאַנד. נאָכדעם ווי מיר זענען דורכגעפאָרן דעם פּאָרט פון סמירנאַ, שבת דעם 9טן אב (ערשטן אויגוסט), איז אָנגעקומען אַ ידיעה אויף ראַדיאָ, אַז רוסלאַנד איז אַריין אין מלחמה מיט דייטשלאַנד און אַז צוויי דייטשע קריגס־שיפן, די „געבען" און די „ברעסלאַו", שווימען אַרום אין מיטללענדישן ים און עס איז דאָרטן פאַראַנען אַ געפאַר פאַר די רוסישע שיפן. באַלד איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל אויסצולעשן דאָס ליכט אויף דער שיף און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ שטרענגער מיליטערישער רעזשים. די שיף האָט אָפּגעזויגט פון איר וועג און אין משך פון דריי טעג האָבן מיר נישט געוווסט ווו מיר בלאָנקען זיך אַרום. אויפן פערטן טאָג האָט די שיף געאַנקערט אין דעם פּאָרט פון אַלעקסאַנדריע און דער קאַפּיטאַן האָט צוויסן געגעבן, אַז די שיף וועט פאַרהאַלטן ווערן אין דעם פּאָרט צוליב דעם קריג־צושטאַנד.

עס איז דורכגעגאַנגען איין טאָג און אַ צווייטער און די שיף האָט זיך נישט גערירט. אַלע רייזנדע — די טערקן, אַראַבער, בוכאַרן און מיר יידן — האָבן זיך רעבעלירט און האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן די שיף, ביז דער רוסישער קאַפּיטאַן האָט געמוזט געפינען פאַר אונדז ערטער אויף אַן אַנדער שיף, וועלכע איז געפאָרן אונטער דער פערסישער פאָן. דאָס איז געווען אַ צעפוילטע שיף, וועלכע האָט דער עיקר געדינט צו פירן פראַכט. די רייזנדע האָבן זיך צונויפגעקוועטשט אין קעלער פון דער שיף אין אַן אומבאַשרייבלעכער ענגשאַפט. דאָס פנים פון דעם קאַפּיטאַן פון יענער שיף האָט מען בכלל נישט געקענט זען. ער איז געלעגן שיכור אין משך פון אַלע טעג און אויך ווען ער האָט זיך אַמאָל אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף האָט ער

נישט געקענט אונטערשיידן די רעכטע האַנט פון דער לינקער. אויפן וועג פון אַלעקסאַנדריע קיין יפו, וועלכער געדויערט געוויינלעך נישט מער פון 36 שעה, האָבן מיר געבלאָנדזשעט און דאָס פאָרן האָט געדויערט דריי טעג מיט דריי נעכט. אינצווישן איז אויסגעגאַנגען דאָס עסן און די שיף איז געווען פול מיט יידישע עולים־פאַמיליעס, פרויען און קינדער, מוסולמענער פון בוכאַראַ, סתם אַראַבער, סטודענטן און אָפיצירן. אין דער ענגשאַפט איז אויסגעבראָכן אַ שריפה און אינסטרומענטן צום לעשן זענען נישט געווען אויף דער שיף. מיט שוועריקייטן האָבן מיר באַוויזן צו באַהערשן דאָס פייער. דאָס ביסל סוכאַרעס, וואָס מיר האָבן אויף כוח באַקומען אין דעם שיפס־לאַגער האָבן מיר צעטיילט צווישן די קינדער און זייערע מוטערס. דריי מעת־לעת האָבן מיר זיך געטראָגן איבער די כוואַליעס, און ערשט דעם 4טן טאָג האָבן מיר דערגרייכט דעם פּאָרט פון יפו. אָבער דאָ איז קלאָר געוואָרן, אַז דער באַטרונקענער קאַפּיטאַן האָט נישט געזאָרגט דערפאַר ער זאָל באַקומען די נויטיקע סערטיפיקאַטן און צוליב דעם איז אונדז פאַרבאָטן געוואָרן אַריינ־צוקומען אינעם פּאָרט פון יפו. דאָרטן האָבן מיר בלויז באַוויזן צו באַקומען ברויט־לאַבנס, וועלכע עס האָבן געבראַכט צו דער שיף די פאַרטרעטער פון דער קהילה. ס'איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אַ טעלעגראַמע קיין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל און מיר האָבן געוואָלט וואַרטן ביז עס וועט קומען אַן ענטפער, אָבער ביינאַכט האָבן די אַראַבישע אָפיצירן, גרעסטנטיילס פון סיריע, באַהערשט דעם קאַפּיטאַן און אים געצוואונגען אויפצוהייבן דעם אַנקער און צו פאָרן קיין ביירוט. אַט־דאָס האָט אונדז זייער געערגערט, מיר האָבן געפּרוווט זיך קעגנ־צושטעלן, אָבער די אַראַבישע אָפיצירן זענען געווען באַוואָפנט און זיי האָבן אונדז באַדראָט מיטן געווער. מיר האָבן געמוזט זיך אָפּזאָגן און די שיף איז געפאָרן קיין ביירוט. דאָרטן זענען מיר אַריבערגעגאַנגען אויף אַ דריטער שיף, וועלכע האָט אונדז ענדלעך געבראַכט אין דעם פּאָרט פון יפו נאָך וואָג־לענישן וואָס האָבן געדויערט וואָסערע עלף טעג. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין לאַנד, איז דאָס זעלבע געווען איינגעהילט אין דעם שאָטן פון דער מלחמה. די אַטמאָספערע איז שוין געווען פול מיט פולווער און יעדער איינער האָט דערוואַרט, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט אויך טערקיי אַריין אין דער מלחמה. די שיף מיט וועלכער מיר זענען אָנגעקומען האָט געבראַכט וואָסערע 300 נפשות, יידישע עולים פון רוסלאַנד און דאָס איז געווען די לעצטע שיף מיט עולים פאַר דער מלחמה.

אין ירושלים האָב איך שוין געטראָפן רחלען, וועלכע האָט זיך געפּע־דערט מיט עטלעכע טעג צו קומען פון פראַנקרייך, נאָכדעם ווי זי האָט דאָרטן געענדיקט איר שטודיום אין דער העכערער שולע פאַר לאַנדווירטשאַפט אין נאַנסי. כ'האָב אויך דאָרטן געטראָפן די איבעריקע חברים פון „האחדות״: זרובבלען און כאַשינען, א. ראובנין און י. ח. ברענערן. ראובני האָט זיך ערשט געהאַט אומגעקערט פון אַ שפּאַציר צופוס קיין מצרים. ער איז צוריק־געקומען קראַנק אויף דיזענטעריע און איז אינטערנירט געוואָרן אין שפּיטאָל.

מיר האָבן זיך ווידער אַריינגעוואָרפן מיט דער גאַנצער ענערגיע אין דער רעדאַקציע־טעטיקייט און אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. עפּעס איז פאָרגעקומען אין דער צייט וואָס מיר זענען ניט געווען. ע׳ס האָט זיך געפילט, אַז די פאַרבינדונג איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן: ברענער האָט געהאַלטן דערביי זיך אָפּצוטיילן פון דער גרופּע און אויך כאַשין איז געווען גרייט אַרויסצוטרעטן. ראובני איז געווען קראַנק, איז אין דער רעדאַקציע פאַרבליבן בלויז זרובבל. מיר זענען געשטאַנען פאַר אַן אויפטרייסלונג וואָס בלויז מיט שוועריקייטן האָבן מיר זיך געקענט שטאַרקן איבער איר. ברענער איז אַרויס, כאַשין האָט זיך באַטראַכט און איז פאַרבליבן און די רעדאַקציע איז צוריק אַרויף אויף איר גע־וויינטלעכן וועג. אינצווישן האָט זיך צעפלאַקערט דאָס מלחמה־פייער אין אייראָפּע און טערקיי האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט בטל צו מאַכן די „קאַפּיטולאַציעס" — די אַלטע קאָנטראַקטן פון די טעג פון דעם סולטאַן סאַלימאַן, וועלכע האָבן פאַרזיכערט די אונטערטאַנען פון אויסלענדישע מלו־כות עקסטראַטעריטאָריעלע פּריווילעגיעס. מוצאי יום־כיפור, דעם 31טן אָק־טאָבער, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פּראָקלאַמאַציע וועגן דעם און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג קעגן די „פרעמדע". קודם־כל זענען געשלאָסן געוואָרן די פרעמדע פּאָסט־הייזער און עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פּראָ־טעסטן אין ירושלים, יפו, עזה און אין אַנדערע ערטער.

אין די טעג פון סוכות תרע"ה (אין אָנהויב אָקטאָבער 1914) איז פאַרופן געוואָרן אין תל־אביב אַ פּאַרטיי־באַראַטונג, וועלכע איז געווידמעט געוואָרן דער אויפקלערונג פון דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סיטואַציע אין אָנ־געזיכט פון דער מלחמה, וואָס האָט זיך דערנענטערט.

אַלס פאָרזעצונג פון דער באַראַטונג איז אויך פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער אַרבעטס־ביוראָ און די לייטונג האָט איבערגעגעבן אַ באַריכט פון איר טעטיקייט. מיר האָבן אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן פּלענער פאַר דער עמערגענץ־צייט. באַזונדערס וויכטיק איז געווען דער באַשלוס וועגן בשותפותדיקע אַר־בעטער־קאָנטראַקטן, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט ביידע פּאַרטייען אינאיינעם מיט די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער.

ענדע תשרי האָבן מיר, איך און רחל, געמאַכט אַ לענגערן באַזוך אין גליל. דער צענטער פון אונזערע חברים האָט זיך דעמאָלט געפונען אין תל־עדש, דאָס איז תל־עדשים. דאָרטן האָבן זיך קאָנצענטרירט די בעסטע חברים פון „השומר", זיין הויפּט־קערן. איך האָב אין תל־עדש געגעבן אַ רייע קאָנ־פערענצן און אויך אין מרחביה, יבנאל און טבריה. אין תל־עדש און אין טבריה האָבן מיר אויך דורכגעפירט צוויי רעגיאָנעלע באַראַטונגען, אויף וועלכע מיר האָבן איבערגעגעבן וועגן די פאַרהאַנדלונגען אויף דער באַראַ־טונג פון תל־אביב און אירע באַשלוסן און מיר האָבן פעסטגעשטעלט די טעטיקייט פאַר די עמערגענץ־טעג וואָס האָבן זיך דערנענטערט.

מיט דער פּראָקלאַמירונג פון דער מלחמה צווישן טערקיי און רוסלאַנד (י' חשון — 30טן אָקטאָבער 1914) און מיט דעם אָנהויב פון די פיינטלעכע

אַקציעס צווישן טערקיי און ענגלאַנד, איז דאָס לאַנד אָפּגעריסן געוואָרן פון דער וועלט דורך דער זייט פונעם ים און פון מצרים, וועלכע האָט זיך געפונען אין די הענט פון דעם בריטישן מיליטער. די אָטאָמאַנישע אַרמייען האָבן געשטראָמט פון אַנאַטאָליע און סיריע צו דעם סועץ־קאַנאַל און זיי האָבן פאַרפלייצט דאָס לאַנד. אָן דער שפּיץ פון דער פערטער אַרמיי איז געשטאַנען אַכמעט דזשאַמאַל פּאַשאַ. די טערקישע חיילות האָבן געפּרוווט אַריבער־צוגיין דעם סועץ־קאַנאַל און זיי האָבן געהאַפט אויף שנעלע דערפאָלגן און האָבן שוין געהאַט באַשטימט די פייערונג לכבוד דער קרייצונג פון דעם קאַנאַל. אָבער די ידיעה וועגן דעם איז געווען אַ „פּאַרפּריטע“. דער פּרווו איז דורכגעפאַלן, דאָס טערקישע מיליטער איז פאַרהאַלטן געוואָרן, עס האָט זיך צוריקגעצויגן און האָט זיך באַפעסטיקט אויף צפון פון דעם קאַנאַל, אינערהאַלב דעם תחום פון ארץ־ישראל.

עס זענען אָנגעקומען די עמערגענץ־טעג און די לעבנס־מיטלען זענען ווייניק געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאָביליזאַציע. אַלע אונטערטאַ־נען פון די פיינטלעכע לענדער האָבן באַקומען דעם באַפעל צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די מאַיאָריטעט פון אָט־די אויסלענדישע אונטערטאַנען זענען געווען רוסישע יידן און די פאַרטרייבונגס־געפאַר האָט געשוועבט איבער זייערע קעפּ. צו אונדזער גליק איז געמאַכט געוואָרן אַ ספּעציעלע פאַרלייכטערונג פאַר די יידן, אונטערטאַנען פון די פיינטלעכע לענדער — עס איז זיי געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש צו פאַרבייטן זייער בירגערשאַפט אויף דער אָטאָמאַנישער בירגערשאַפט און צו פאַרבלייבן אין לאַנד. די אָנפירערס פונעם ישוב האָבן זיך פאַרזאַמלט אין ירושלים און האָבן געזוכט וועגן צו שטאַרקן די יידישע הערצער און זיי אָפּצוהאַלטן פון פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די פאַרטיי האָט באַ־שלאָסן אַז עס איז אַ פליכט זיך איינצובירגערן אין לאַנד און עס האָט זיך אָנגעהויבן די אָטאָמאַנישע עפּאָכע. די פאַרטיי פועלי־ציון האָט זיך ענטו־זיאַסטיש איבערגעגעבן צו אָט־דעם ווערק, אין וועלכן מיר האָבן געזען אַ וועג צו שטאַרקן די פאַרבינדונג פונעם ישוב מיט אונדזער לאַנד. מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף אין „האחדות“ און אין אַנדערע צייטונגען, אַז עס איז די פליכט פון יעדן אַרבעטער און פון יעדן יידן צו פאַרבלייבן אין פאַטערלאַנד און נישט אויסצווואַנדערן, אַלע מוזן מיר אָננעמען די אָטאָמאַ־נישע בירגערשאַפט. דער אַלגעמיינער לאָזונג איז געווען: יידן — ווערט אָטאָמאַנישע אונטערטאַנען! אַ באַזונדערע ביורא איז דערעפנט געוואָרן אין דעם אַמט פון דעם רב ראשי רב משה פראַנקאָ ז״ל פון ראָדאָס, אַ פּאַטריאַר־כאַלישער זקן פון וואָסערע אַכציק יאָר, וועלכער איז אָבער געווען פול מיט זעלבסט־באַוווסטזיין און נאַציאָנאַלן שטאָלץ און ער האָט געוווסט צו פאַר־טיידיקן זיין אייגענעם כבוד און דעם כבוד פון זיין פאָלק פאַר דער מאַכט. איך און בן־גוריון האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דער סעקרעטאַריאַט־אַרבעט און די זעלבע איז געמאַכט געוואָרן מיט פלייס. טויזנטער יידן זענען דורכגעגאַנגען דורך אָט־דער ביורא און נאָך אַנדערע ביוראָען זענען געעפנט

געוואָרן אין יפו און אויך אין אַנדערע פּלעצער. די צאָל יידן וואָס זענען גע־וואָרן אָטאָמאַנישע בירגער און זענען פאַרבליבן אין לאַנד האָט דערגרייכט וויניקסטנס צו 15.000 נפשות און זייער גרעסטער טייל איז דורכגעגאַנגען דורך אונדזערע הענט, דורך דער ביוראָ אין ירושלים.

אויף דער איניציאַטיוו פון דער צענטראַלע פון פּועלי־ציון אין לאַנד איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרופּע פון פרייוויליקע פאַר דער אָטאָמאַנישער אַרמיי, אונטערן אויסדריקלעכן באַדינג אַז זי וועט פּ אַ ר ב ל ײ ב ן אין לאַנד ווי אַ יידישע אָפּטיילונג. די טערקישע מיליטערישע לאָקאַלע קאָ־מאַנדע, מיט זכי־ביי אַן דער שפּיץ, האָט אָנגענומען יענע גרופּע, וואָס האָט געציילט וואָסערע 40 מיטגלידער, צווישן זיי אַלע מיטגלידער פון דער רע־דאַקציע פון „האחדות" — איך, י. ח. ברענער ז"ל, ד. בן־גוריון, א. ראובני, י. זרובבל, משה כרמון, נחום אלקושי און אַנדערע. אָבער אין אַ קורצער צייט נאָך דער פרייוויליקער מעלדונג, איז געקומען אַ באַפעל פון דמשק פונאַנדערצולאָזן די יידישע אָפּטיילונג. דערנאָך האָט די טערקישע רעגי־רונג אָנגעהויבן אַן אַטאַקע אויפן ציוניזם. עס זענען געקומען שווערע גזרות. עס איז אַרויס אַ באַפעל פון דעם מיליטערישן קאָמאַנדיר, אַז יעדער איינער ביי וועמען עס וועלן געפונען ווערן מאַרקעס פונעם קרן קימת אָדער הערצלס בילד וועט פאַראורטיילט ווערן צום טויט. די רעגירונג האָט געסטראַשעט צו טון מיט די יידן דאָס זעלבע וואָס מיט די אַרמענער. אַלע יידישע צייטונגען זענען געשלאָסן געוואָרן איינע נאָך דער אַנדערער.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן די מאָביליזאַציע, וועלכע איז געווען אַ פליכט פאַר אַלע טערקישע אונטערטאַנען. פאַר די נייע אָטאָמאַ־נישע בירגער איז פאַרזיכערט געוואָרן אַ באַפרייאונג אויף אָנדערהאַלבן יאָר פון דער מיליטער־פליכט, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן, אַז עס קען נישט געמאָלט זיין אין דער לאַגע פון אַ מלחמה זאָל דער ישוב בלייבן נישט באַ־וואָפנט און מיר האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ פאָלקס־פאַרטיידיקונג. אין דעם נומער י"א־י"ב פון „האחדות" (פון י"ג טבת — 30טן דעצעמ־בער) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער רוף מען זאָל זיך אָנשליסן אין יענעם רעגימענט.

מיר האָבן פאַרגעזעצט די טעטיקייט פון דער איינבירגערונג, וועמענס צענטער איז געווען אין ירושלים. בן־גוריון און איך האָבן געפירט די אַרבעט אין דעם אַמט פון דעם רב ראשי. דערוייל איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַן ענלעכע טעטיקייט אין יפו און אין חיפה.

אָבער נישט אַלע יידן האָבן באַשלאָסן צו ווערן אָטאָמאַנישע בירגער. עס זענען געווען אַ סך וואָס האָבן מורא געהאַט צו בלייבן און זיי האָבן בע־סער אויסגעקליבן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען אַוועק קיין מצרים. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט דעם אָפיציעלן טערמין, זענען זיי געכאַפּט געוואָרן דורך דער פּאָליציי און זענען געצוווּנגענערהייט אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף די שיפן. אין דער צייט פון

דער סומאַטאָכע האָט די פּאָליציי נישט „מדקדק געווען“ און האָט ציַיטנווייז אויך פאַרטריבן די מענשן וואָס לויטן געזעץ האָבן זיי געהאט דאָס רעכט צו פאַרבלייבן אין לאַנד. גאַנץ באַזונדערס דערמאָן איך מיך אָן דער גרויזאַמער פאַרטרייבונג פון די יידן פון יפו, ווען הונדערטער מענער, פרויען און קינדער זענען אַרעסטירט געוואָרן, אָפּגעפירט געוואָרן אין פּאָרט אַריין און פון דאָרטן זענען זיי אויף כוח אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף דער שיף, און אין דער מהומה זענען צוטיילט געוואָרן פרויען פון זייערע מענער און קינדער פון זייערע עלטערן (כ״ט כסלו — 17טן דצעמבער 1914). אָט־די געמיינקייט האָבן מיר נישט געקענט פאַרשווייגן. מיר האָבן געוווסט אַז מיר שטעלן אין געפאַר די עקזיסטענץ פון דער צייטונג, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן אַלץ. אין דעם נומער פון י״ג טבת (30טן דעצעמבער) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אויספירלעכע קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם גירוש־יפו און אַ פּראָטעסט קעגן אָט־דער אומגערעכטער טאַט. און די רעגירונג האָט טאַקע דאָס נישט פאַרשוויגן. י״ח טבת איז געקומען די פּאָליציי אין דער רעדאַקציע אַריין, האָט קאָנפיסקירט אַלע נומערן וואָס זי האָט געפונען (127 עקזעמפּלאַרן), האָט געשלאָסן די „האחדות“ און די דרוקעריי און האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען קעגן די רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג. אין כ״ און כ״א פון חודש טבת איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר (זאב אשור) איינגעלאַדן געוואָרן צום מיליטערישן אויספאָרשער. אין אַ קורצער צייט אַרום, כ״ה אין שבט זענען בן־גוריון און איך אַרעסטירט געוואָרן, אויסגעפאָרשט געוואָרן דורך דעם אויספאָרשער הוסייני און נאָכדעם זענען מיר פאַרהאַלטן געוואָרן אין דער פּאָליציי. דורך אָט־דער אויספאָרשונג זענען אויפגעדקעט געוואָרן אונדזערע זינד, אַז מיר שטייען אין דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון און מיר זענען פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע „השומר“. אין עטלעכע טעג אַרום זענען מיר באַפרייט געוואָרן אויף קויציע. אונדזער פּראָצעס איז געבראַכט געוואָרן פאַר דעם הויפּט־קאָמאַנדיר. דאָס איז געווען בלויז איין רינגעלע אין דער לאַנגער קייט — אין דער קייט פון פאַרפאָלגונגען אויפן ציוניזם און אויף די מענטשן פונעם ישוב. באקאנטע רעגירונגס־אָנגעשטעלטע, ווי בהא־אַלדין, האָבן באַטראַכט דעם קאַמף מיטן ציוניזם ווי זייער ספּעציעלע אויפגאַבע. פאַר אַלעמען האָט די מאַכט געוואָרפן אירע אויגן אויף פּועלי־ציון און „השומר“, זענען מיר, בן־גוריון און איך, במילא געווען די ערשטע קרבנות.

ווען מיר זענען געזעסן אין אַרעסט אין דער אַלט־שטאָט, האָבן אונדז באַזוכט די חברים פון דער פּאַרטיי און עסקנים פון דעם קאָמיטעט פאַר אָטאָמאַנישער איינבירגערונג. מיר זענען געקומען צו אַן אויסגלייך מיט די היטערס פון דער תפיסה און אַזוי ווי צווישן די אַראַבישע אָנגעשטעלטע זענען נישט געווען קיין סך קענערס פון טערקיש, האָבן זיי אונדז דערלויבט צו פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון דער צייט אין די ביוראָען און זיי צו העלפן אין דער אַרבעט. גראָד דעמאָלט האָבן אַ סך יידן, פון די נייע

אָטאָמאַנישע בירגער, זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי און עס האָבן געפּעלט איבערזעצערס. אָט־אַזוי זענען מיר געוואָרן איבערזעצערס און מיר האָבן פאַרמיטלט צווישן די יידן און די טערקישע און אַראַבישע אָנגעשטעלטע, אין דער צייט ווען מיר זענען געזעסן אַרעסטירט. יעדעס מאָל פלעגן מיר באַשטעלן טעפּלאַך קאַווע פאַר אונדז און פאַר אונדזערע „היטערס־גאַסטגע־בערס". עס זענען פאַרבונדן געוואָרן „פריינטשאַפטלעכע" באַציאונגען און מיר האָבן באַקומען די דערלויבעניש איינצולאָדן חברים און פריינט. פלעגן מיר זיצן אינאיינעם מיט אונדזערע באַזוכער אין הויף פון דער פּאָליציי, מיר פלעגן זופּן די קאַווע און שמועסן וועגן דער לאַגע, וועגן דער איינבירגערונגס־טעטיקייט און וועגן די ענינים פון הילף און רעטונג. מיט די פּאַרטיי־חברים פלעגן מיר קלאָר מאַכן די צוקונפטיקע טעטיקייט; צווישן זיי זענען געווען: רחל ינאית, זאב אשור, י. זרובבל, נחום אלקושי, א. ראובני, מ. כרמון און אַנדערע. און פון די אַלגעמיינע עסקנים — אַלבערט ענתבי.

אין יענער צייט איז מאַניאַ שוחט געזעסן אַרעסטירט אין דער פּרויען־תפיסה אין ירושלים אויפן באַפעל פון דעם באַוווסטן בהא־אַהדין. אין אַ צייט אַרום איז אויך אַרעסטירט געוואָרן י. שוחט און גאָר אינגיכן איז אַרויס אַ דעפּאָרטאַציע־באַפעל פאַר אים און פאַר מאַניאַן — אַרויסגעשיקט צו ווערן אין איינער פון די שטעט פון אַנאַטאָליע. מיר האָבן אַלזאָ פאַרופן אַ זיצונג פון דער צענטראַלע אין ירושלים, אין דעם אמדורסקי האָטעל אין דער אַלט־שטאָט. אין יענער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט נישט נאָר די אַקטיווע חברים פון דער פּאַרטיי און פון „השומר" פון ירושלים, נאָר אויך אונדזערע חברים פון יפו, תל־אביב און דעם גליל. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ היס־טאָרישע באַראַטונג, ווייל אויף דער זעלבער האָבן מיר קלאָר געמאַכט אונדזער וועג אין אויסלאַנד, אויפן פאַל ווען מיר וועלן נישט קענען אויסמיידן די דעפּאָרטאַציע. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אויב מיר וועלן אַרויסגעשיקט ווערן פונעם לאַנד — וועלן מיר אומפאַרזאַמט פאָרן קיין אַמעריקע און מיר וועלן באַלד אָנהויבן די צוגרייטונגס־טעטיקייט פאַר דער צוקונפט אינאיינעם מיט די פּאַרטיי־חברים, מיט וועלכע מיר זענען געשטאַנען אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג. אויף יענער זיצונג זענען באַצייכנט געוואָרן די צוויי הויפּט־צילן, לויט וועלכע מיר וועלן דאַרפן טעטיק זיין אין אויסלאַנד: א) אויפ־שטעלן די באַוועגונג פון החלוץ און עליה אין לאַנד אַריין פאַרן צוועק פון אַרבעט און שמירה; ב) צו פּראָפּאַגירן דעם געדאַנק פונעם יידישן לעגיאָן — וועלכער זאָל אָנטיילנעמען אין אָט־דער מלחמה, ווען עס וועט קומען די פּאַ־סיקע צייט. די שעה איז טאַקע דערווייל נאָך נישט געווען צוגעפּאַסט, אָבער מיר האָבן פאָרויסגעזען, אַז זי וועט קומען אין פאַרלויף פון דער מלחמה, פריער אָדער שפּעטער.

די אַלגעמיינע לאַגע אין לאַנד ביים אָנהויב פון דער מלחמה און דער קאַמף פונעם ישוב פאַר זיין עקזיסטענץ דעמאָלט, זענען אויספירלעך באַ־שריבן אין מיין אַרטיקל „ארץ־ישראל אין דער עמערגענץ־שעה", וועלכן איך

האָב פאַרעפנטלעכט אין „התורן", ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע (אין דעם העפט פון חשון־כסלו תרע"ו, ניו־יאָרק און אין מיינע שריפטן, באַנד ד', זייט 195).

לערך אַ וואָך פאַר פסח תרע"ה איז געקומען די צייט פון אונדזער דע־פּאָרטאַציע פונעם לאַנד. מיר זענען איינגעלאַדן געוואָרן צו דער פּאָליציי און מיר זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דעם פּאָליציסט יוסף מיטן באַפעל ער זאָל אונדז אָפּפירן קיין יפו. מיר האָבן געדונגען אַ פור אויף אונדזער חשבון און מיר זענען אַוועקגעפאָרן זאַלבעפערט — איך, בן־גוריון, דער אַראַבישער פּאָליציסט און איינער פון די חברים וואָס איז אונדז געקומען באַגלייטן. אין מקוה־ישראל האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן און אויף אונדזער ביטע האָט אונדז דער פּאָליציסט דערלויבט אַריינצוגייען אין דער פאַרם, בכדי זיך צו געזעגנען מיט אונדזערע חברים, וועלכע האָבן דאָרטן געאַרבעט.

אין יפו האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין אַ פּריוואַטן האָטעל, מיט דער הסכמה פון אונדזער באַגלייטער, און אינדערפרי האָט ער אונדז געבראַכט צו דער פּאָליציי. פון דאָרטן זענען מיר געשיקט געוואָרן צו דער געביידע „יפה־נוף", ווו עס האָט זיך זיינערצייט געפונען אַ פּרעכטיקער האָטעל, און איצטער האָבן מיר אים געפונען אויסגעליידיקט פון מענטשן, פאַרשמוציקט און אָפּגעלאָזן, ווייל דער גרעסטער טייל פון די דעפּאָרטירטע פונעם לאַנד זענען דורכגעגאַנגען דורך די רואינען פון אַט־דעם האָטעל און זיי האָבן געטאָן זייערע מענטשלעכע באַדערפענישן אין די צימערן. ביי טאָג פלעגן מיר אַרויסגיין, אין דער באַגלייטונג פון דעם פּאָליציסט, בכדי צו עסן און זיך צו זען מיט די חברים און אין אָוונט פלעגן מיר צוריקגיין צו דער געביידע „יפה־נוף" און אַ באַוואָפנטע טערקישע וואַך פלעגט אונדז אַריינפירן אינע־ווייניק, פאַרשליסן דעם טויער און היטן מיר זאָלן נישט אַנטלויפן. אין יענע טעג האָבן מיר אָפּגעהאַלטן די דעפיניטיווע זיצונגען מיטן חבר דוד בלאָך, דעם דירעקטאָר פון דער אַרבעטס־ביוראָ.

אין געציילטע טעג אַרום איז אָנגעקומען די איטאַליענישע שיף „פירענ־צע", וועלכע איז געגאַנגען קיין מצרים. די פּאָליציי האָט באַקומען אַ באַפעל אונדז אַוועקצושיקן מיט איר. איך האָב מיך געזעגנט מיט רחלען און מיט די איבעריקע חברים, וועלכע האָבן אונדז באַגלייט ביז צום פּאָרט. און די פּאָליציסטן האָבן אונדז אַרויפגעפירט אויף דער שיף.

אויפן דריטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען אין דעם פּאָרט פון אַלעקסאַנ־דריע, אין מצרים, איך, בן־גוריון און ג. לומר.

דאָרטן זענען מיר אַרעסטירט געוואָרן דורך דער מצרישער מאַכט אַלס פאַרדעכטיקע אין שפּיאָנאַזש לטובת די טערקן. קיין שום סערטיפיקאַטן האָבן מיר נישט געהאַט אין אונדזערע הענט, אויסער אַ קבלה־שיין פון דעם פּאָ־ליציי־שעף פון ירושלים, אין וועלכע עס האָט זיך געזאָגט אַז אַלע אונדזערע דאָקומענטן געפינען זיך ביי אים. עס איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז אַט־

דער שיין האָט בלויז געקענט נאָך פאַרשטאַרקן דעם פאַרדאַכט, וואָס איז געפאַלן אויף אונדז.

בשעת מיר זענען געווען אַרעסטירט אויף דער שיף אין פּאָרט פון אַלעק־סאַנדריע, האָבן מיר געפונען אַ געלעגנהייט אַרויסצושיקן אַ צעטעלע אין שטאָט אַריין, צום ה׳ יודעלעוויטש ז״ל, דעם דירעקטאָר פון „הכרמל המזרחי״. ער האָט זיך געאיילט אונדז צו העלפן און האָט אונדז באַפרייט אויף קויציע. מיר האָבן באַשלאָסן זיך נישט לענגער צו פאַרהאַלטן אין מצרים, נאָר איילנ־דיק אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע, אָבער די צוגרייטונגען פאַר דער רייזע האָבן געדויערט לערך אַ חודש צייט.

די איינצלהייטן פון דעם קאַפּיטל וועגן אונדזער אַרעסט און דעפּאָרטאַ־ציע האָבן מיר איבערגעגעבן פּינקטלעך אין אַ באַזונדערן מעמאָראַנדום, וועלכן מיר האָבן צוגעשטעלט זיינערצייט, נאָך אונדזער אָנקומען קיין אַמעריקע, דעם ריכטער לואיס בראַנדייס, בכדי ער זאָל אים איבערשיקן צום אַמעריקאַ־נישן פאַרטרעטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער מעמאָראַנדום אַנטהאַלט אַ גע־טרייע באַשרייבונג פון דעם וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט און אַזוי־ווי ער איז געשריבן געוואָרן באַלד נאָך יענע געשעענישן, מיין איך אַז עס פּאַסט זיך אים דאָ צו ברענגען אינגאַנצן, אינאיינעם מיט דעם טעקסט פון דעם מעמאָ־ראַנדום וואָס מיר האָבן געהאַט צוגעשטעלט פריער צו דזשאַמאַל פּאַשאַ אין ירושלים.

דער מעמאָראַנדום פאַר ריכטער לואיס בראַנדייס

מיר ביידע, וואָס שרייבן אונטער ביים סוף, זענען געבוירענע אין רוס־לאַנד, סטודענטן פון יוריספּרודענץ פון דער אָטאָמאַנישער אוניווערזיטעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועלכע זענען דאָרטן אָנגענומען געוואָרן נאָך אין יאָר 1912. אין דער אָטאָמאַנישער מדינה האָבן מיר זיך באַזעצט אויף שטענדיק נאָך מיט צען יאָר צוריק און מיר האָבן דאָרטן געוווינט ביז ו׳ ניסן פון יאָר תרע״ה (21טער מערץ 1915) דאָס הייסט — ביז 5 מאָנאַטן נאָכדעם ווי טערקיי איז אַריין אין דער מלחמה.

אין דער צייט פון די ספּעציעלע אויספאָרשונגען און אונטערזוכונגען, וועלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן דורכן ספּעציעלן געזעצלעכן אויספאָרשער הוסייני־ביי, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם דורך דער מיליטערי־שער מאַכט אין ירושלים, אין שייכות מיט דעם ציוניזם און די ציוניסטן אין ארץ־ישראל, זענען מיר ביידע איינגעלאַדן געוואָרן אין דער ביוראָ פון דעם אויספאָרשער דעם טאָג פון כ״ה שבט, (דעם 9טן פעברואַר 1915). אויף דער אויספאָרשונג האָבן מיר נישט געלייקנט אַז מיר זענען ציוניסטן און באַ־לאַנגען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פּועלי־ציון, וועלכע איז אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אין

זיין אויספאָרשונג האָט דער דערמאָנטער פונקציאָנאַר געוואָלט געפינען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג צווישן פועלי־ציון און דעם פאַראיין „השומר" און ער האָט אונדז אויסגעפרעגט וועגן דער עקזיסטענץ פון עפּעס אַ ספּעציעלער געהיימער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַזונדערע פּאָליטישע צילן. דערנאָך זענען מיר ביידע געווען אַרעסטירט עטלעכע טעג אין דער פּאָליציי אויפן באַפעל פון דעם געזעצלעכן אויספאָרשער, אָבער נאָכדעם ווי מיר האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט צו דער העכערער מאַכט, האָט מען דאָרטן נישט געפונען קיין גענוגנדיקן מאָטיוו פאַר אונדזער אַרעסט און מיר זענען באַפרייט געוואָרן.

דער דערמאָנטער אויספאָרשער האָט צוגעשטעלט זיין רעפּעראַט וועגן אונדזער אויספאָרשונג צום טערקישן קאָמאַנדיר פון דער פערטער אַרמיי, דעם פלאָט־אַדמיראַל דזשאַמאַל פּאַשאַ. לויט ווי מען האָט אונדז איבערגעגעבן אויף אַ נישט־אָפיציעלן וועג האָט דער אויספאָרשער באַשלאָסן אין זיין ראַפּאָרט, אַז פועלי־ציון איז אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע, וועלכע שעדיקט די אינטערעסן פון דעם אָטאָמאַנישן שטאַט, און אויף דער באַזע פון יענעם ראַפּאָרט האָט דער קאָמאַנדיר דזשאַמאַל פּאַשאַ אַרויסגעטראָגן אויף אונדזביידן זיין גזר־דין אונדז צו פאַרטרייבן פון די טערקישע גרענעצן. אָט־דער באַפעל איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם גובערנאַטאָר פון ירושלים און זיין אינהאַלט איז מער־ווייניקער געווען אַזעלכער: עס זאָלן דעפּאָרטירט ווערן פון די אָטאָמאַנישע גרענעצן י. בן־צבי און דוד בן־גוריון, וועלכער איז געווען אַ רעדנער אין דעם פאָלקס־הויז אין ירושלים, און עס דאַרפן צוגענומען ווערן ביי זיי די אוניווערזיטעט־צייגענישן וועלכע געפינען זיך אין זייערע הענט. זיי דאַרפן פאָטאָגראַפירט ווערן און זייערע פאָטאָגראַפיעס דאַרפן געשיקט ווערן אין אַלע ברעג־שטעט, בכדי זיי זאָלן נישט קענען זיך אומקערן צוריק אין די טערקישע גרענעצן.

מיר האָבן געזען אין יענער רעזאָלוציע אַ פאַרדרייאונג פונעם געזעץ און אַ פאַרלעצונג פון דער גערעכטיקייט. דער אמת איז אַז די אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער מיר געהערן און אין וועמענס שפּיץ מיר שטייען, איז נישט קיין פאַרבאָרגענע און געהיימע און די הויפּטזאַך איז — אַז די פּאַרטיי פּועלי־ציון אין אַלגעמיין און אויך מיר, וואָס שרייבן אונטער צום סוף, זענען שטענדיק געווען לאָיאַל צו די אינטערעסן פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה. דאָס איז נישט נאָר אַ פּערזענלעכע פאַרשעמונג פאַר אונדז ביידן, נאָר אויך אַ מאָראַלישע שאַנד פאַר אַלע ציוניסטן אין ארץ־ישראל און טערקיי. מיר האָבן אין דעם געזען אַ סימן, אַז די רעגירונג וואַרפט אַ פאַרדאַכט אויף אַלע ציוניסטן, טראָצדעם וואָס מיר האָבן אָנגענומען די אָטאָמאַנישע בירגערשאַפט. מיר האָבן צוגעשטעלט אַ ביטע און מיר האָבן אַריינגעשיקט דעם געפאָדערטן אַפּעלאַל לויטן געזעץ און מיר האָבן אויף דעם געהאַט די באַטרעפנדיקע באַשטעטיקונגען פון די ירושלימער אַמטן.

אָט־די אַלע זאַכן האָבן מיר אויפגעקלערט אין אַ באַזונדערן מעמאָראַנ־

דום, וועלכן מיר האָבן צוגעשטעלט צו דזשאַמאַל פּאַשאַ י״ט אדר (דעם 5טן מערץ 1915) און מיר האָבן געפּאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל זיך פירן מיט אונדז ווי מיט אָטאָמאַנישע בירגער. דעם מעמאָראַנדום, וועלכן מיר האָבן צוגעשטעלט צו דזשאַמאַל פּאַשאַ, לייגן מיר דאָ ביי אין זיין איבערזעצונג.

אויף דעם מעמאָראַנדום, וואָס מיר האָבן צוגעשטעלט צו דזשאַמאַל פּאַשאַ דורך דעם גובערנאַטאָר פון ירושלים, האָבן מיר נישט באַקומען קיין שריפטלעכן ענטפער, אָבער כ״ה אדר (דעם 11טן מערץ) ווען איינער פון אונדז (י. בן־צבי) איז געגאַנגען צו דזשאַמאַל פּאַשאַ צו בעמען אַן ענטפער אויף אונדזער מעמאָראַנדום, האָט ער זיך דורכגערעדט מיט אים וועגן דעם ענין. דזשאַמאַל פּאַשאַ האָט געזאָגט, אַז ער וואַרפט־אָפּ דעם מעמאָראַנדום און רעכנט זיך נישט מיט אים. „איר זענט פועלי־ציון, דאָס איז באַקאַנט, און אייער ציל איז מיר אויך באַקאַנט — צו גרינדן אַ יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע. אָבער אומזיסט איז אייער גאַנצע מי און איך האָב אַרויסגעגעבן אַ גזירה אַז איר מוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און איך וועל דאָס מער נישט ענ־דערן״. ווען דער וואָס האָט מיט אים גערעדט האָט אים באַמערקט, אַז מיר וועלן נאַטירלעך אויספילן זיין באַפעל צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָבער אַז אויך זייענדיק אין אויסלאַנד וועלן מיר זיך באַמיען צוריקצוקומען קיין ארץ־ישראל, האָט דזשאַמאַל פּאַשאַ געענטפערט, אַז ער ווייסט אַז עס איז אַזוי „אָבער אייערע אַלע באַמיאונגען וועלן אייך נישט העלפן, ווייל אַזוי לאַנג ווי איר וועט זיך האַלטן ביי אייערע איבערצייגונגען, איז פאַר אייך נישטאָ קיין פּלאַץ אין דעם לאַנד פּאַלעסטינע״. נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן: „מיר געבן אייך מעסאָפּאָטאַמיע, אַנאַטאָליע, אָבער איר ווילט דווקא אָט־דאָס לאַנד. זאָג איך אייך אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען״.

דאָס געשפּרעך איז פאָרגעקומען אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ, אין הויף פון דעם דייטשן מאָנאַסטיר אויף דעם באַרג פון די אָליוון (הר הזיתים), און עס זענען דערביי געווען דער גובערנאַטאָר פון ירושלים, דער אינטענדענט פון דער שטאָט, עטלעכע וויכטיקע פונקציאָנאַרן און מיליטער־לייט פון דזשאַ־מאַלס סוויטע. אויף מאָרגן איז דער באַפעל דורכגעפירט געוואָרן. לויטן באַ־פעל פון דזשאַמאַל פּאַשאַ זענען ביי אונדז צוגענומען געוואָרן די אידענטי־טעט־דאָקומענטן, די צייגענישן וועגן דער אָנגעהעריקייט צו דער סטודענטנ־שאַפט פון דער אוניווערזיטעט (בלויז איין קאָפּיע, אַ באַשטעטיקטע דורך אַן אָפיציעלן נאָטאַר, האָבן מיר באַהאַלטן צווישן אונדזערע זאַכן) און מיר זענען פאָטאָגראַפירט געוואָרן און די בילדער זענען צושיקט געוואָרן צו אַלע ברעג־שטעט פון סיריע, בכדי מיר זאָלן נישט קענען זיך אומקערן נאָך דער דע־פּאָרטאַציע.

איצט, נאָכדעם ווי מיר געפינען זיך העכער אַ יאָר צייט אין אַמעריקע און מיר האָבן געהערט אַז די פאַרפאָלגונגען אויף ציוניסטן זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן (און אַז דזשאַמאַל פּאַשאַ האָט זיך אַפילו געווענדעט צום קאימאקאם פון יפו ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן די מענטשן וואָס זענען זיינער־

צייט פאַרטריבן געוואָרן, צי עס איז כדאַי זיי צו דערלויבן זיך אומצוקערן), האָבן מיר באַשלאָסן זיך אומצוקערן אין לאַנד אַריין נאָך אין דער צייט פון דער מלחמה.

מיר זעען אין דעם אַ גרויסע פּרינציפּיעלע וויכטיקייט. אַז די צענטראַלע טערקישע מאַכט זאָל דערלויבן די ציוניסטן צוריקצוקומען אין לאַנד אַריין דווקא בשעת דער מלחמה. מיר זענען זיכער אַז עס איז דאָ אַ גרויס באַדערפעניש אין לאַנד אין מענטשן דווקא איצט און מיר גלויבן אַז מיר וועלן קענען ברענגען נוצן מיט אונדזער אַרבעט אין אונזער לאַנד אין אַט־דער שווערער צייט און מיר האָבן בדעה זיך צו ווענדן איצט צו דער צענטראַלער טערקישער מאַכט מיט אַ מעמאָראַנדום און מיט דער ביטע זי זאָל אונדז דערלויבן זיך אומצוקערן קיין ארץ־ישראל. דעריבער בעטן מיר אייך זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דער זאַך און אונדז צו העלפן זיך צו ווענדן דורך דעם געזאַנדטן פון אַמעריקע אין קאָנסטאַנטינאָפּל, צו דער דאָרטיקער רעגירונג וועגן דעם דערמאָנטן ענין.

אַ בריוו צו דזשאַמאַל פּאַשאַ

דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם גובערנאַטאָר פון ירושלים, צו דעם וויזיר פון דעם טערקישן פלאָט און קאָמאַנדיר פון דער פערטער אַרמיי, דזשאַמאַל פּאַשאַ. (איבערזעצט פון טערקיש).

צו זיין הויכקייט;

מיר האָבן געהערט, אַז לויט אייער הויכן באַפעל וועלן מיר דערווייטערט און פאַרטריבן ווערן פון טערקיי און עס וועט ביי אונדז אָוועקגערויבט ווערן דאָס רעכט פאָרצוזעצן אונדזער שטודיום אויפן יורידישן פאַקולטעט פון דער אָטאָמאַנישער אוניווערזיטעט, ווייל מיר ווערן באַשולדיקט צו זיין אָנגעהעריק צו אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז קעגנעריש צו די אינטערעסן פון דער אָטאָמאַנישער רעגירונג.

אַלע אונדזערע טאָטן און אויפטוען דאָ אין לאַנד און די געדאַנקען וואָס מיר האַלטן זיך ביי זיי, זענען אַ גענוגנדיקער באַווייז צו פאַרניינען און צונישט־צו־מאַכן אָט־די באַשולדיקונג. דעריבער פילן מיר זיך פאַרפליכטעט אויפצוקלערן, אין נאָמען פון דעם אמת און פון דער גערעכטיקייט, די פאָלגנדיקע ווערטער און מיר בעטן אייך זיך אויפמערקזאַם איינצוהערן אין די ווערטער וואָס מיר וואָגן צו ברענגען פאַר אייך.

קיינמאָל האָבן מיר נישט באַלאַנגט צו קיין שום געהיימער אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי מיר האָבן דערקלערט ביי דער אויספאָרשונג און אַזוי ווי עס איז פאַר אַלעמען באַקאַנט, — זענען מיר מיטגלידער פון פּועלי־ציון, אַזוי ווערט אָנגערופן יענער טייל פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכער פאַרטיידיקט ספּעציעל די אַרבעטער־אינטערעסן.

די אָרגאַניזאַציע פּועלי־ציון, פונקט ווי אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס,

איז נישט געהיים, און אַלע אירע אויפטוען און טאָטן ווערן דורכגעפירט עפנטלעך און פאַר די אויגן פון אַלעמען. זי פאַרפאָלגט נישט קיין שום שלעכטע צילן און כוונות, מיט וועלכע עס איז נויטיק זיך צו פאַרבאָרגן און באַהאַלטן. אין אירע טעטיקייטן איז נישט פאַראַנען קיין שום זאַך וואָס זאָל זיין קעגן די אינטערעסן פון דעם שטאַט און פון די עקזיסטירנדיקע געזעצן. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַרזאַמלען זיך, פונקט אַזוי ווי די ציוניסטישע קאָנגרעסן, איין מאָל אין צוויי יאָר, ווערן דורכגעפירט עפנטלעך און מיט דער באַטייליקונג פון פאַרטרעטער פון דער וועלט־פּרעסע.

אָט־די עפנטלעכקייט און באקאנטמאַכונג באַווייזן אויף ווי ווייט נישט ריכטיק און נישט לאָגיש עס איז די באַשולדיקונג, אַז מיר זענען מיטגלידער פון אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע. נישט ווייניקער פון דעם פעלט די באַזע פאַר דער באַשולדיקונג אין קעגנערשאַפט צו די אינטערעסן פון דעם פאָטערלאַנד. צווישן די יידן קען נישט געמאָלט זיין קיין שום פאַרטיי אָדער גרופּע, וועלכע שטעלט זיך אַנטקעגן די אינטערעסן פון דער טערקיי און גאַנץ באַזונדערס איז נישט מעגלעך אַזאַ זאַך צווישן די ציוניסטן און די פּועלי־ציון. אַלע אונדזערע טאַטן, געדאַנקען און האָפענונגען, זענען פונקט אַזוי געריכטעט צום נוצן פון די יידן אין ארץ־ישראל, ווי לטובת דער גאַנצער אָטאָמאַנישער מלוכה. עדות פאַר דעם זענען די אַלע גייסטיקע און מאַטעריעלע אוצרות, וועלכע די ציוניסטן האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד אַריין.

צוריק מיט אַכט יאָר זענען מיר געקומען אַהער פון רוסלאַנד, וועלכע איז באקאנט מיט איר באַציאונג פון געוואַלט און פאַנאַטיזם צו די יידן. מיר זענען געקומען ווי זין וואָס קערן זיך אום אין שויס פון זייער פאָטער־לאַנד, בכדי דאָרטן צו לעבן אונטערן שוץ פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה, וועמענס געפילן פון פריינטשאַפט זענען אונדז באקאנט פון דער יוגנט אָן, צוליב דער מענטשלעכער באַציאונג מיט וועלכער זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין איר געשיכטע בנוגע די יידן.

מיר זענען פאַרבונדן ניט נאָר מיט ארץ־ישראל, וועלכע איז אונדז טייער און הייליק, נאָר אויך מיט דער טערקישער מלוכה, וועלכע האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן געגעבן אַן אַזיל פאַר אונדזער פאָלק. בכדי צו לערנען די טערקישע שפּראַך און צו פאַרפולקאָמען אונדזער בילדונג, זענען מיר גע־פאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּל און מיר זענען אַריין אין דעם יורידישן פאַקול־טעט פון דער אָטאָמאַנישער אוניווערזיטעט און מיר האָבן פאַרבונדן אונדז־זער גאַנץ לעבן און אונדזער גאַנצע צוקונפט מיט דעם אָטאָמאַנישן שטאַט, מיט זיינע געזעצן און מיט זיין שפּראַך.

צוריק מיט זיבן חדשים, נאָכדעם ווי עס זענען איבערגעריסן געוואָרן די לימודים אין דער הויך־שול ביים אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה, זענען מיר געקומען אַהער און באַלד נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מאָביליזאַ־ציע האָבן מיר זיך אַליין געווענדעט צו דער צענטראַלער אָנפירונג און צו

דער מיליטערישער מאָביליזאַציע־אָפּטיילונג און מיר האָבן זיך פאַרשריבן אַלס פרייוויליקע, בכדי צו באַשיצן אָט־דאָס פּאָטערלאַנד אונדזערס אינאײנעם מיט אַלע אָטאָמאַנישע בירגער. אָבער צו אונדזער באַדויערן, איז אונדזער ביטע נישט אָנגענומען געוואָרן צוליב דעם מאָטיוו, אַז זייענדיק אָטאָמאַנישע אונטערטאַנען, האָבן מיר נישט דערפילט געוויסע באַקאַנטע פאָרמעלע דעטאַלן; אָבער מיטן בטל מאַכן פון די פּריווילעגיעס פאַר די פרעמדע מדינות און מיטן געבן אַ דערלויבעניש צו די יידן, בירגער פון פיינטלעכע מלוכות, צו באַקומען די אָטאָמאַנישע בירגערשאַפט, זענען מיר — אויסערדעם וואָס מיר האָבן געפאָדערט די בירגער־רעכט אַ לאַנגע צייט פאַר דעם — געווען פון די ערשטע וואָס האָבן געווירקט לטובת דער אָטאָמאַנישער איינבירגערונג פון טויזנטער יידן. וועגן אונדזערע באַציאונגען צו דער טערקיי און צו די אָטאָמאַנישע אינטערעסן, קענען עדות זאָגן אויך אונדזערע אַרטיקלען, וועלכע מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „האחדות“.

און אויב, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, ווערן מיר באַשולדיקט אין קעגנערשאַפט צו די אָטאָמאַנישע אינטערעסן און אין צוגעהעריקייט צו אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע — געשעט דאָס בלויז צוליב אומפאַרשטענדעניש, אָדער צוליב דעם וואָס נישט ריכטיקע אינפאָרמאַציעס האָבן דאָס פאַראורזאַכט. גאַנץ באַזונדערס ווייטיקלעך און אומגערעכט איז די פאַרשעמונג וואָס מיר פילן צוליב דער שטראָף פון דעפּאָרטאַציע, וועלכע מען וויל אַרויפלייגן אויף אונדז, ווייל דאָס באַווייזט, אַז מען באַציט זיך צו אונדז, אָטאָמאַנער לויט אונדזערע געפילן און טאַטן, ווי צו פרעמדע און מען פירט זיך מיט אונדז לויטן שטייגער פון פרעמדע. מיר גלויבן, אַז מיר האָבן דאָס רעכט באַטראַכט צו ווערן אַלס אָטאָמאַנישע בירגער און אויב איר גלויבט, אַז מיר האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט — בעטן מיר אונדז צו באַשטראָפן ווי אָטאָמאַנער און מיר זענען גרייט צו נעמען אויף זיך אייער משפט לויט דער גאַנצער שטרענגקייט פונעם געזעץ.

אונטערגעשריבן: יצחק בן־צבי — דוד בן־גוריון.

(דעם 21טן שבאט י״ט אדר תרע״ה).

***

ווען מיר זענען געקומען קיין עגיפּטן, האָבן מיר דאָרט געפונען דעם ערשטן קערן פון דעם יידישן לעגיאָן, דעם גאַליפּאָלי־לעגיאָן, מיט זשאַבאָטינסקין און טרומפּעלדאָרן אָן דער שפּיץ. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט ביידן, מיר האָבן אינאיינעם אויפגעקלערט דאָס פּראָבלעם פון דער באַטייליקונג אין דער מלחמה קעגן טערקיי. די לאַגע אין לאַנד איז נאָך נישט געווען קלאָר. עס זענען דאָרטן פאַרבליבן וואָסערע 25 טויזנט נפשות און זייער שיקזאַל איז געווען אין די הענט פון דער רעגירונג, צום גוטן ווי צום שלעכטן. ווי גע־אָגט איז די יידן געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש צו באַ־

קומען די אַטאָמאַנישע בירגערשאַפט. אין יענער צייט האָט זיך אונדז אויס־געוויזן, אַז עס איז נאָך נישט געקומען די שעה צו מאָביליזירן יידישע רע־גימענטן קעגן טערקיי. פון דער צווייטער זייט איז נישט געווען קיין שום זיכערקייט, אַז דער יידישער לעגיאָן, וואָס איז מאָביליזירט געוואָרן אין עגיפּטן, וועט געשיקט ווערן אויפן פראָנט פון ארץ־ישראל. זשאַבאָטינסקי האָט נישט צוגעגעבן קיין שום וויכטיקייט דעם פּראָבלעם פון דעם פּלאַץ פון פראָנט, אָבער מיר, די זין פון ארץ־ישראל, האָבן געהאַלטן אַז ווען עס וועט קומען די שעה, וועלן מיר זיך דאַרפן געפינען אויפן פראָנט פון ארץ־ישראל. די ענגלענדער האָבן גאָרנישט צוגעזאָגט זשאַבאָטינסקין און טרומ־פּעלדאָרן וועגן אָט־דעם ענין. און אין דער אמתן, איז דער לעגיאָן געשיקט געוואָרן נישט קיין ארץ־ישראל, נאָר קיין גאַליפּאָלי, און אונטער אָט־דעם נאָמען איז ער באַקאַנט אין דער היסטאָריע.

דער גאַליפּאָלי־לעגיאָן איז גרעסטנטיילס מאָביליזירט געוואָרן פון צווישן די אַנטלאָפענע, וועלכע האָבן פאַרלאָזט ארץ־ישראל. מיר האָבן זיך קעגנגעשטעלט צו דעם עצם פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ווען מיר זענען געקומען קיין אַמעריקע, האָבן מיר איינגעפונען אַז דער באָדן איז נאָך נישט צוגעגרייט פאַר דער אויפשטעלונג פון אונדזערע רעגימענטן. מיליאָנען פון יידן האָבן זיך קעגנגעשטעלט די אַנטאַנט־לענדער (ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד), דער עיקר צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט דער צאַרישער רוסלאַנד.

אין אַמעריקע

די גרינדונג פון „החלוץ"

איך האָב נישט די כוונה מיך לענגער אָפּצושטעלן דאָ אויפן קאַפּיטל פון מיין לעבן און אַרבעט אין אַמעריקע: דאָס איז אַ גאַנץ באַזונדערער פּרק פאַר זיך. איך וועל נאָר אין קורצן דערציילן וועגן דריי ווערק אין וועלכע מיר, בן־גוריון און איך, האָבן גענומען אַ גרויסן אַנטייל, דאָס זענען: דער „החלוץ", די אויפקלערונגס־ און אָרגאַניזאַציע־טעטיקייט און דאָס פּרייוווי־ליקע מעלדן זיך צו דעם יידישן לעגיאָן אין אַמעריקע. אונדזער הויפּט־באַשטימונג איז געווען אויפצוועקן צווישן דער יידישער אַרבעטער־געזעל־שאַפט אין אַמעריקע בכלל, און גאַנץ באַזונדערס צווישן אונדזערע חברים, אַ געאָרדנטע באַוועגונג פון עליה קיין ארץ־ישראל ווען עס וועלן געעפנט ווערן אירע טויערן. אין יענער צייט האָט קיינער אין דער וועלט נישט גע־וווסט וויפיל צייט עס וועט געדויערן די מלחמה: אַ סך האָבן געהאָפט, אַז זי וועט זיך ענדיקן אין וויניקע חדשים אַרום, אָבער אונדזער באַשלוס איז נישט געווען אָפּהענגיק פון דער צייט. מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר דאַרפן זיין גרייט. אויב די מלחמה וועט זיך ענדיקן אין גיכן — איז דאָך זיכער אַז מיר דאַרפן זיך צואיילן מיט דער אויסבילדונג פון די ערשטע עליה־אָפּטיילונגען; און אויב זי וועט זיך פאַרציען לענגער — דאַרפן מיר אויסנוצן יעדע געלעגנהייט אַוועקצולייגן אין לאַנד אַ נייעם פונדאַמענט, אַריינפירנדיק אַהין די נויטיקע עלעמענטן דורך אַנדערע קאַנאַלן, ווי למשל יידישע לעגיאָנען, וועלכע וועלן זיך עפענען אַ וועג אין לאַנד אַריין און זיירע מענטשן וועלן זיין גרייט אויף אַלץ — סיי צו מלחמה און סיי צו אַרבעט.

ערב שבועות תרע"ה (1915) זענען מיר אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. נאָכ־דעם ווי מיר האָבן דערקלערט דער צענטראַלע פון דער פּאַרטיי אונדזער פּלאַן, האָט די זעלבע באַשלאָסן אונדז צו העלפן דורכן אָרגאַניזירן צוויי טורן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. דער ארץ־ישראלדיקער קאָ־מיטעט ביי דער פּאַרטיי, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען דער חבר באַנטשעק, האָט גענומען אויף זיך די אָרגאַניזאַציע־ און פּראָפּאַגאַנדע־טע־טיקייט און מיר ביידע, דוד בן־גוריון און איך, האָבן באַשלאָסן אָפּצוגעבן פאַר אָט־דעם ענין אונדזער גאַנצע צייט — די זומער־טעג פונעם ערשטן יאָר וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין אַמעריקע.

דער נאָמען וואָס מיר האָבן געגעבן דעם נייעם עליה־ווערק איז געווען „החלוץ". אונטער אָט־דעם נאָמען זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אונדזערע

ערשטע סטאַטוטן און אונטער אָט־דעם נאָמען איז די אָרגאַניזאַציע באַקאַנט געוואָרן אויך צווישן אירע מיטגלידער. דעם סטאַטוט און די פּראָגראַם האָבן מיר אויך געשיקט קיין אייראָפּע, קיין פּוילן און רוסלאַנד, און דאָרטן איז אויפגענומען געוואָרן דער געדאַנק און ער האָט אָנגענומען ברייטערע און טיפערע פאָרמען ווי אין אַמעריקע. אָבער דער היסטאָרישער אמת דאַרף געזאָגט ווערן און דאָס איז, אַז דער געדאַנק פון „החלוץ" איז אין אָנהויב געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע דורך צוויי חברים פון ארץ־ישראל און אַז די ערשטע פּאַרטיי, וועלכע האָט אָפּגעגעבן אירע כוחות פאַר דער פאַר־ווירקלעכונג פונעם געדאַנק פון „החלוץ", איז געווען די פּאַרטיי פּועלי־ציון אין אַמעריקע.

עס איז געווען אַ באַזונדערע שוועריקייט, וועלכע איז אַרויסגעדרונגען פון דער אומקלאָרקייט פון דער פּאָליטישער לאַגע אין דער עמערגענץ־צייט. מיר האָבן זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון דער וועלט־מלחמה, פון דעם גיגאַנטישן וועלט־געראַנגל, און קיין מענטש האָט נישט געקענט נביאות זאָגן וועלכע עס וועלן זיין זיינע רעזולטאַטן: דער גורל פון דער וועלט, דער גורל פון אונדזער פאָלק און פון דעם ישוב נאָך דער מלחמה. עס איז פאַרשטענד־לעך, אַז מיר האָבן נישט געקענט זאָגן די חברים וויפל צייט עס וועלן גע־דויערן די צוגרייטונגען און אין וואָסערע באַדינגונגען זיי וועלן זיך געפינען נאָך דער מלחמה. דעריבער זענען די פּראַקטישע רעזולטאַטן פון די טעטי־קייטן פון אונדזער קערן געווען קליינינקע, אָבער מען דאַרף נישט פאַרשווייגן די מאָראַלישע רעזולטאַטן. צום ערשטן מאָל האָבן די חברים אין אַמעריקע געהערט פון אונדזער מויל די מיינונג פון אונדזערע חברים אין לאַנד, וועלכע זענען געווען באַהאַוונט אין דער לאַגע, אַז עס איז די פליכט פון דער אַמע־ריקאַנער יוגנט עולה צו זיין און זיך צו באַטייליקן אין דער אויפבוי פון ארץ־ישראל נישט נאָר מיט זייער געלט, נאָר אויך מיט זייער קערפּער; אָט־דער געדאַנק איז טיף אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון פילע און האָט געגעבן פרוכטן אין דער נאָענטער עפּאָכע.

מיר זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אונדזער אויפגאַבע איז געווען אַ שווערע און די אָרגאַניזאַציע־טעטיקייט האָט זיך אָנגעשטויסן אָן האַרבע אָפּהאַלטן, סיי פּראַקטישע און סיי פּסיכאָלאָגישע. דאָס איז געווען אַ מין שווימען קעגן דעם שטראָם אין דעם פולן באַדייט פון דעם וואָרט: דער גע־דאַנק פון זעלבסט־פאַרווירקלעכונג איז געווען פרעמד און ניי פאַר די מענטשן פון אַמעריקע — אויך פאַר דער מערהייט פון אונדזערע חברים, די מענטשן פון אונדזער באַוועגונג. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט ביז דעמאָלט אינ־גאַנצן נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז די מצווה פון עליה איז גילטיק אויך פאַר זיי און יענע וואָס האָבן שוין יאָ געטראַכט וועגן דעם — האָבן גע־חלומט וועגן אַן אינדיווידועלער עליה, יעדער איינער מיט זיין ביסל געלט אין דער האַנט, און מען האָט געמוזט ענדערן אָט־די פּסיכאָלאָגיע.

מיר האָבן צוטיילט צווישן זיך דאָס לאַנד. איך האָב באַזוכט די פּאָלגנ־

דיקע 17 שטעט: ניו־יאָרק, נואַרק (נ. ג.), פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, וואַשינג־טאָן, טשיקאַגאָ, מילוואָקי, מעדיסאָן (וויסקאָנסין), מינעאַפּאָליס, סענט־פּאָול, וויניפּעג, אומאַהו, קענזאַס־סיטי, קליוולאַנד, יונגסטאָון, קענטאָן און פּיטס־בורג. אויף בן־גוריונען איז אַרויפגעלייגט געוואָרן צו באַזוכן אַ ריי אַנדערע שטעט, למשל: ראָטשעסטער, בופאַלאָ, טאָלידאָ, דעטראָיט, האַמילטאָן, טאָ־ראָנטאָ, מאָנטרעאַל, באָסטאָן, און איר סביבה: ווּסטער, טשעלסי, לינען, מולדאָן, ספּרינגפילד, פּראָווידענס און ניו־הייווען. אויף יעדן פּלאַץ, וועלכן מיר האָבן באַזוכט, האָבן מיר געגרינדעט קעמערלעך פונעם „החלוץ" און אַלע די קעמערלעך האָבן זיך פאַרבונדן אין אַן אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע און זייע־רע מיטגלידער האָבן אויפגעהאַלטן די פאַרבינדונג פאַר אַ צוקונפטיקער טע־טיקייט. גאַר גיך האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פילבאַרע נויטווענדיקייט פון אַ פּערמאַנענטער אַרבעט — אַזאַ אַרבעט וואָס ווערט היינט אָנגערופן הכשרה; צוליב דעם זענען עטלעכע חברים אַריינגעטראָטן אין דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער פאָרם אין וואודביין (ניו־דזשערסי), און אַנדערע זענען געגאַנגען אַר־בעטן צו אַמעריקאַנער פאַרמערס.

די ערשטע פּראָגראַם פונעם „החלוץ" איז צוגעגרייט און דורכגעפירט געוואָרן דורך בן־גוריונען און מיר. זי איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צוויי קליינע העפטן אויף יידיש, וועלכע זענען גאָר אינגיכן אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף עברית און פאַרשפּרייט געוואָרן נישט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אויך אין די אייראָפּעאישע לענדער, ספּעציעל אין פּוילן, רוס־לאַנד און אין די סקאַנדינאַווישע לענדער.

דאָס ערשטע העפט אונטערן נאָמען „החלוץ", פּרינציפּן און אויפגאַבן" (ניו־יאָרק, טבת תרע"ז, אויף עברית — „על הסף", די אויסגאַבע פון פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל, תרע"ח) אַנטהאַלט צוויי אַרטיקלען, פון מיר און פון בן־גוריונען, און אויך אַ פאָרשלאָג וועגן די „יסודות החלוץ". אָט־די זאַכן זענען אויסגעברייטערט און באַאַרבעט געוואָרן און זענען אַרויסגעגעבן גע־וואָרן אין דער פאָרם פון אַ צווייטן קונטרס אונטערן טיטל „החלוץ", זיינע אויפגאַבן אין איצטיקן מאָמענט" (ניו־יאָרק, טבת תרע"ח).

איך וועל דאָ ברענגען דעם אינהאַלט פון מיין אַרטיקל „אַנטקעגן דער עליה" אין דעם ערשטן העפט:

עס געפינט זיך נישט קיין נביא צווישן אונדז, וואָס קען פאָרויסזאָגן וועגן דער צוקונפט פון דער נאָענטער פּאָליטישער לאַגע; קיינער פון אונדז ווייסט נישט וואָס עס איז פאַרבאָרגן פאַר אונדז אין די קומענדיקע טעג. עס איז מעגלעך, אַז מיר וועלן באַקומען די ברייטסטע רעכטן, מיט דער גאַראַנ־טיע פון די שטאַטן. אויב מיר וועלן זוכה זיין צו דעם, וועט דערמעגלעכט ווערן און פאַרשנעלע־ט ווערן דער פּראָצעס פון בויאונג און אין אַ קורצער צייט, אין צען אָדער פופצן יאָר אַרום, וועלן מיר קענען געבן אַ גרינטלעכע לייזונג פאַר אונדזער פּראָבלעם אין לאַנד דורך דער שאַפונג פון אַ יידישער מערהייט. עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז אָט־די גרויסע האָפענונגען וועלן

נישט מקוים ווערן, וועלן מיר אויך דעמאָלט נישט צוריקטרעטן, ווייל אונדזער אידייע איז נישט קיין זאַך פונעם מאָמענט.

ווען מיר שטייען היינט פאַר אַ קלאָרער סיטואַציע, וואָלטן מיר זיך איצט געווענדעט צו טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מיט דער אויפפאָדערונג זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן פאַר דער עליה קיין ארץ־ישראל. עס איז מעגלעך אַז אָט־דער מאָמענט וועט אינגיכן קומען. דערווייל ווענדן מיר זיך צו אונדזערע חברים און פריינט, צו אַלע יענע וואָס באַטראַכטן זיך אַליין אַלס יידן פון ארץ־ישראל אָן שום באַדינגונגען, צו זיי קומען מיר מיטן רוף אין זייער נאָמען און אין נאָמען פון אונדזערע חברים אין לאַנד: זייט גרייט צו דעם גרויסן אַרבעטס־טאָג, זייט גרייט אויף וואָס עס זאָל נישט זיין. אפשר וועט איר זוכה זיין צו זיין דער ערשטער קערן פון אַ גרויסער באַוועגונג! אפשר איז אָבער דער טאָג נאָך נישט נאָענט. איינס איז קלאָר, און דאָס זאָגן מיר אייך מיט דער פולער זיכערקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט־געפיל: דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין יונגע קרעפטן, וועלכע זאָלן זיין גרייט פאַרן גרויסן מאָמענט און פאַר דער היסטאָרישער געלעגנהייט. אויב ביי אַנדערע פעלקער שטייען אויף מיליאָנען צו באַשיצן זייער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ — וועלן ביי אונדז אויפשטיין הונדערטער און טויזנטער פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזערע נאַציאָנאַלע רעכטן. אָט־די הונדערטער און טויזנטער ווילן מיר צוגרייטן באַצייטנס, ווילן מיר אָרגאַניזירן צו זיין גרייט פאַר דער שלום־מאָביליזאַציע און פאַר דער עליה אין לאַנד אַריין ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן. זיי זענען נישט די ערשטע כוואַליע, אָבער אויך נישט די לעצטע. דורך דעם וואָס זיי וועלן פאַרזעצן די מעשים פון די ערשטע וואָס זענען געקומען פאַר זיי, די ביל״ואישע חלוצים, די אַרבעטער און שומרים — וועלן די אַמעריקאַנער חלוצים דערפילן זייער ספּעציעלע אויפגאַבע, וועלכע די ערשטע האָבן נישט געקענט פאַרווירקלעכן; מיט זייער איניציאַטיווע און מיט זייערע טאַטן וועלן זיי אויסברייטערן דאָס אַרבעטספעלד און זיי וועלן פאַרטיפן די באַזיסן פון אונדזער אויפבוי, אויף אונדזער אור־אַלטער ערד.

אָט איז דער אינהאַלט פון דער צווייטער בראָשור:

„החלוץ"

א. הקדמה

זומער פון יאָר 1915 האָט זיך אָנגעהויבן די אָרגאַניזירונג פון החלוץ אין אַמעריקע.

דער אָפּשטאַם פון דעם החלוץ־געדאַנק איז פון ארץ־ישראל. די צוויי חברים וואָס עס איז אויף זיי בגזר געוואָרן דעפּאָרטירט צו ווערן פון ארץ־ישראל אין אָנפאַנג פון דער מלחמה פאַר זייער צוגעהעריקייט צו דער פאַר־

טיי פועלי־ציון, האָבן געבראַכט מיט זיך דעם געדאַנק קיין אַמעריקע. דאָ האָט דעם געדאַנק אויפגענומען די פּאַרטיי פּועלי־ציון, וועלכע האָט געגעבן די צוויי דעפּאָרטירטע חברים די פולע מעגלעכקייט אים צו פאַרשפּרייטן צווישן די חברים פון דעם לאַנד. די איניציאַטאָרן איז דעמאָלט איינגעפאַלן צו שאַפן תיכף אַ מין קערן, אַרום וועלכן עס דאַרף געגרינדעט ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט אַ ברייטערע אָרגאַניזאַציע, דעמאָלט ווען די באַדינגונגען וועלן זיין צוגעפּאַסט פאַר דעם. אַזוי לאַנג ווי די פּאָליטישע לאַגע איז געווען אומקלאָר און די סיטואַציע פון ארץ־ישראל אין דער צוקונפט איז געווען איינגעהילט אין אַ נעפּל, איז געווען אומעגלעך אָנצוהייבן אַ גרויסע חלוצישע באַוועגונג. די גרינדער פון „החלוץ" האָבן דאָס גוט פאַרשטאַנען און האָבן נישט אויסגעקליבן דעם וועג פון ברייטער פּראָפּאַגאַנדע. אָנשטאָט דעם האָבן זיי זיך געווענדעט צו די מיטגלידער פון פועלי־ציון און צו אַלע איבעריקע פריינט פון ציון, וועלכע ווילן זיך באַטייליקן פערזענלעך אין דער אַרבעט אין ציון. עס זענען געמאַכט געוואָרן באַזוכן אין העכער צוואַנציק שטעט און אין אַלע זענען געגרינדעט געוואָרן קליינע גרופּן פון חלוצים.

אין צוויי יאָר האָט דער החלוץ זיך דערוואָרבן לערך הונדערט מיטגלי־דער פון ביידע געשלעכטער, וועלכע האָבן מער אָדער ווייניקער אויסגעפילט די פליכטן, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט און זיי זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער לייטונג. אַ טייל פון זיי האָבן זיך פאַר־נומען אין משך פון דער צייט מיט דער דערלערנונג פון דעם לאַנדווירט־שאַפטלעכן פאַך און צוליב דעם צוועק האָבן זיי געאַרבעט אין פאַרשידענע פאַרמען. אַ טייל האָבן געלערנט עברית. עס זענען געווען צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אַלע נויטיקע אָפּצאָלונגען, וואָס די סטאַטוטן האָבן געפאָדערט און עס זענען געווען אַ טייל וואָס האָבן באַצאָלט בלויז אַ חלק פון די פאַרפליכטונגען. אין סך־הכל איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער קאַסע, ביז צום ענדע פונעם יאָר 1917, די סומע פון לערך 2000 דאָלער.

די פאַרעפנטלעכונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט פיל קלאָרער געמאַכט די סיטואַציע: די רייזע קיין ארץ־ישראל איז שוין נישט מער קיין ענין אויף יאָרן שפּעטער, נאָר אפשר אויף געציילטע מאָנאַטן. די תחומים פון די אויפגאַבן פון די חלוצים ברייטערן זיך אַלץ מער אויס. מיר שטייען איצט פאַר גיגאַנטישע אַרבעטן, סיי אין די קרייזן פון דעם לאַנדווירטשאַפט־לעכן ישוב, און סיי אין די קרייזן פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער. פון איצט אָן וועלן מיר זיך נויטיקן אין אַ יידישן אַרבעטנדיקן כוח, וועלכער זאָל אויפלעבן די ערד, וואָס איז פאַרנאַכלעסיקט און פאַרלאָזן שוין זינט פיל דורות און וועלכער זאָל דעראָבערן מיט זיין אַרבעט אַלע יענע גרויסע שטרע־קעס, וואָס האָבן נישט קיין אייגנטימערס. אָבער אָט־די זאַך וועט מקוים ווערן נאָר דעמאָלט ווען מען וועט צוגרייטן די אַרבעטער באַצייטנס און ווען די אַרבעט וועט זיך באַפרייען פונעם יאָך פון פאַרשידענע אויפזעערס און פאַרמיטלערס. אונדזער אויפבוי־ווערק דאַרף זיך שטיצן פון זיין אָנפאַנג אָן

אויף נייע פּערזענלעכקייטן, אויפן יסוד פון קאָאָפּעראַציע און קאָלעקטיווער לייטונג, אַזוי אַז די אויסנוצונג פון די חברים וואָס באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט זאָל פאַרקלענערט ווערן און דערפירט ווערן ביז צו אַ מינימום און דער גאַנצער פאַרדינסט פון דער ווירטשאַפט זאָל באַלאַנגען צום אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו און צו דער געזעלשאַפט וואָס וועט גרינדן אָט־די קאָאָפּע־ראַטיוון.

אָט־די קאָאָפּעראַטיווע קבוצות וועלן זיין פון פאַרשידענע מינים, אַ שטייגער אַרטעלן פון פּועלים, דעראָבערונגס־גרופּן, קאָלאָניזאַציע־קאָאָפּעראַ־טיוון א.א.וו.

פון איצט אָן קענען מיר זיך נישט באַנוגענען מיט געציילטע הונדער־טער חלוצים — עס זענען אונדז נייטיק טויזנטער ביים אָנפאַנג־שטאַפּל. מיר טאָרן זיך ווייטער נישט באַגרענעצן אויף אינערלעכער פּראָפּאַגאַנדע — מיר מוזן צוטרעטן צו אַ ברייטערער פּראָפּאַגאַנדע.

דער החלוץ מוז, אַלזאָ, אויסגעברייטערט ווערן אין איינקלאַנג מיט זיינע נייע אויפגאַבן. מיר מוזן צוגעבן מער שטאַרקייט און קלאָרקייט דעם קאָאָפּע־ראַטיוויסטישן כאַראַקטער פון דער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

עס איז נויטיק עס זאָל אויפגעקלערט ווערן דער אונטערשיד צווישן די פאַרשידענע סאָרטן פון קבוצות און אַרבעטס־פאָרמען, וועמענס עקזיסטענץ עס איז מעגלעך פון אונדזער שטאַנדפּונקט. די פּאַראַגראַפן פון דער פּראָ־גראַם, וואָס זענען צוגעגעבן געוואָרן צו די פּרינציפּן פון „החלוץ", זענען אָנגענומען געוואָרן דורך דער לייטונג און זענען פעסטגעזעצט געוואָרן דורך דער אַנקעטע, וועלכע איז איינגעאָרדנט געוואָרן צווישן די חברים פון החלוץ.

ב. די פּרינציפּן פון „החלוץ"

די אויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל איז אַ פּראָצעס, וועלכער קען נישט אינגאַנצן פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך דער דערוואָר־בונג פון באָדן מיט געלט.

דער ווינקלשטיין פאַר דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, דער אמתער פונ־דאַמענט פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, — איז די יידישע אַרבעט. אָן דעם טרעגער פון אָט־דער אַרבעט, אָן דעם יידישן אַרבעטער, האָט נישט קיין שום נאַציאָנאַלן ווערט די גאַנצע לאַנדווירטשאַפטלעכע ווירטשאַפט און די שטאָטישע אינדוסטריע אין ארץ־ישראל: די באָדן־אייגנטימער, אָדער ווי מען רופט זיי אַמאָל אין לאַנד, די יידישע „בועזים", וועלכע באַשעפטיקן נישט־יידישע אַרבעטער, וועלן נישט פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַ יידישן לאַנד, נאָר פאַרקערט — אין אַ נייעם גלות.

די קלאָרע מיינונג, אַז דאָס יידישע ארץ־ישראל קען נישט אויפגעבויט ווערן אַנדערש ווי נאָר אויף דער באַזע פון יידישער אַרבעט, דאַרף דינען אַלס פונדאַמענט פאַר דער גאַנצער טעטיקייט אין לאַנד. די ערשטע וואָס

האָבן אָנגענומען אָט־דעם פּרינציפּ זענען געווען די אַרבעטער אַליין: אַלע אַר־בעטער אין לאַנד, אָן פּאַרטיי־אונטערשיד, און אויך די וועלט־אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון, וועלכע קעמפן פאַר אָט־דעם פּרינציפּ פון יידישער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

עס איז, נאַטירלעך, אַ שווערע זאַך צו באַאיינפלוסן פּריוואַטע מענטשן, סיי אַזעלכע וואָס האָבן שוין אינוועסטירט זייער פאַרמעגן אין לאַנד, סיי אַזעלכע וואָס גרייטן זיך דאָס צו טאָן — אַז זיי זאָלן באַשעפטיקן דווקא יידישע אַרבעטער. אָבער אַ פּילפּאַך שווערערע פּראָבלעם איז עס אויפצוועקן דעם גייסט פון טויזנטער יידן — ווען זיי זאָלן אַפילו זיין אידעאַליסטן שבאידעאַליסטן — זיי זאָלן מקריב זיין זייערע לעבנס, זייער צייט און זייער געזונטהייט פאַר אַנדערע; דאָס הייסט זיי זאָלן עולה זיין אין לאַנד אַריין און זיי זאָלן אַרבעטן אין שווערערע באַדינגונגען ווי אין אַמעריקע נאָר צוליב דעם, אַז די ארץ־ישראלדיקע פּויערים זאָלן ציען פון זיי נוצן פאַר זייערעווירטשאַפטן.

עס איז נויטיק, אַז מיר אַליין זאָלן קומען צו דער קלאָרער דערקענטע־ניש, אַז עס איז נישט די כוונה פונעם ציוניזם אויפצושטעלן אַ מדינה סתם, אָן קיינע באַדינגונגען, אָן איבעריקער מוסטער פון דעם שענדלעכן רעזשים וואָס הערשט אין די עקזיסטירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן. ציוניזם מיינט נישט אויף קיין פאַל דעם אויפבוי פון אַ מדינה, אין וועלכער די יידישע בורזשואַזיע וואָלט קענען פריי אויסנוצן אָן אָפּהאַלט דעם יידישן אַרבעטער און לאַנדווירט, פּונקט אַזוי ווי עס פירט זיך די בורזשואַזיע פון אַנדערע פעלקער פון דער וועלט מיט זייערע אַרבעטנדיקע מענטשן. ווען מיר זאָגן „ציוניזם", באַציען מיר זיך נישט בלויז צום יידישן לאַנד סתם, נאָר צו אַ „נייעם לאַנד", צו אַ שטאַט וואָס איז אויפגעבויט אויף דער באַזע פון געזעל־שאַפטלעכער גלייכקייט, אַ לאַנד וווּ דער אַרבעטער באַקומט דעם מאַקסימום וואָס פאַלט אויס אויף זיין טייל און די אויסנוצונג פון פרעמדער אַרבעט וועט פאַרקלענערט ווערן אויף וויפיל עס וועט נאָר מעגלעך זיין, אָדער זי וועט פולשטענדיק בטל ווערן.

דער באָדן דאַרף זיין דאָס פאַרמעגן פונעם גאַנצן פאָלק — אַ פּרינציפּ וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין די אוראַלטע העברעאישע שריפטן: „כי לי הארץ" (ווייל מיין איז דאָס לאַנד) און „והארץ לא תמכר לצמיתות" (און די ערד וועט נישט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק) — ויקרא כ״ה, כ״ג). מיר באַציען זיך, קודם־כל, צו דער ערד, וועלכע דאַרף פון איצט אַריבער אין רשות פונעם יידישע נאַציאָנאַל־פאָנד. דער נאַציאָנאַל־פאָנד וועט מעגן בלויז פאַר־דינגען דעם באָדן אויף אַ באַשטימטער צייט, צום ביישפּיל אויף פופציק יאָר, אָבער ער וועט נישט קענען אויף קיין פאַל אים פאַרקויפן צו אַ פּריוואַטער פּערזאָן אָדער אַ געזעלשאַפט. אָבער אויך ביים פאַרדינגען וועט דאַרפן הערשן דער פעסטער פּרינציפּ פון געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט, דאָס הייסט, אַז

דער באַדן וועט פאַרדונגען ווערן בלויז צום באַאַרבעטן און נישט מיטן צוועק פון פאַרדינען מעקלעריי.

דער בעסטער וועג אויסצומיידן מעקלעריי און פאַרמיטלונג פון באַדנס און גלייכצייטיק אַוועקצושטעלן די ווירטשאַפט אויף געזונטע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע באַזעס, איז צו גרינדן אונטערנעמערישע קאָאָפּעראַטיוועס און דעראַבערונגס־קבוצות. איצט ווען עס אַנטפּלעקט זיך אַ פּאָליטיש מעג־לעכקייט פאַר גרויסע ווידטשאַפטלעכע טאַטן, מוזן מיר איינשפּאַנען אַלע אונדזערע כוחות, בכדי אויפצושטעלן אַ מחנה פון אַרבעטער וואָס זאָלן זיין גרייט און פאַרטיק אַריבערצופירן זייערע אַפּטיילונגען, ווען דער טאָג וועט קומען, קיין ארץ־ישראל, מיטן צוועק צו אַרבעטן דאָרט.

מיר ווענדן זיך צו די וואָס ווילן אַרבעטן, טאַקע זיי פּעריזענלעך, ווי לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אָדער שומרים, ווי אינטעלעקטועלע אַרבע־טער און טעכניש־פאַכלעכע ספּעציאַליסטן אין פעלד און אין דער שטאָט. מיר שטרייכן דאָ אונטער, אַז אונדזער כוונה איז צו בויען די נייע יידישע געזעלשאַפט אויף פונדאַמענטן פון קאָאָפּעראַציע און צום דעם צוועק וועלן צוטיילט ווערן די אַרבעטער נאָך זייער אָנקומען קיין ארץ־ישראל אין פאַר־שידענע קאָאָפּעראַטיווע קבוצות. מיר וועלן באַצייכענען די פאַרשידענע סאָרטן פון אָט־די קבוצות בלויז מיט אַלגעמיינע שטריכן. ערשטנס, צייט־ווייליקע אַרבעטס־קבוצות, וועמענס אויפגאַבע עס וועט זיין צו נעמען אויף זיך אַ באַשטימטע אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין פעלד, אָדער אין דער אינדוסטריע. אָט־די קבוצות וועלן נאַטירלעך קענען פון אָנפאַנג אָן גע־גרינדעט ווערן פאַר אַרבעטן אין דער לאַנדווירטשאַפט, אָדער אין דער אינ־דוסטריע. זיי וועלן קענען אַרומנעמען אַ מער ווייניקער גרויסע צאָל פון מיטגלידער, אין איינקלאַנג מיט דעם פאַרנעם פון דער אַרבעט וואָס די קבוצה וועט נעמען אויף זיך. אַזעלכע קבוצות וועלן אין אַ סך פאַלן זיך נויטיקן אין קרעדיט, וועלכער וועט זיין אַ גאַראַנטיע, אַז די אָנגענומענע אַרבעט וועט דורכגעפירט ווערן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

צווייטנס, דעראַבערונג־קבוצות, דאָס מיינט צו זאָגן אַזעלכע גרופּן, וועמענס ציל עס וועט זיין צו דעראָבערן מיטן כוח פון זייער אַרבעט נייע פּלעצער און צו פאַרלייגן אויף זיי אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייעם ישוב. אַזאַ קבוצה וועט האָבן אַ פּערמאַנענטערן כאַראַקטער פון דער אַרבעטס־קבוצה סתם, ווייל זי דאַרף זיך נישט באַגרענעצן מיט קיין אַרבעט פון איין סאָרט, נאָר זיך באַשעפטיקן מיט אַלערליי אַרבעטן און אַרבעטן ווייניקסטנס אין משך פון איין גאַנצן יאָר. פון דער דעראָבערונג־קבוצה וועט זיך פאָדערן אַז אירע חברים זאָלן זעלבסטשטענדיק אָנפירן אַ יערלעכע ווירטשאַפט, פאַר וועלכער זיי וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך. דעסגלייכן וועלן זיי דאַרפן אויס־האַלטן אַ סך שווערערע נסיונות.

אַ דעראָבערונגס־קבוצה, וועמען עס וועט אָפּגליקן אויפצוריכטן איר אי־בערלעך לעבן, וועט זיך לייכט קענען פאַרוואַנדלען אין אַ שטענדיקער קאָלאָ־

ניזאַציע־קבוצה. אַזעלכע חברים וואָס האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט ביי זייער אַריינטריט אין דער אַרבעטס־אָדער דעראָבערונגס־קבוצה, אויך זיי וועלן קע־נען זיך קאָלאָניזירן אין אַ צייט אַרום אויף קאָאָפּעראַטיווע באַזעס. צו דעם צוועק וועלן זיי זיך באַמיען אָפּצושפּאָרן געלט פון זייער אַרבעט, אָדער עס וועלן געגרינדעט ווערן נאַציאָנאַלע אַרבעטער־פאָנדן וועלכע וועלן געבן קרע־דיט די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן.

אַלע וואָס טרעטן אַריין אַלס מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע „החלוץ״ זענען פאַרפליכטעט צו נעמען אויף זיך אירע אָרדענונגען און איר דיסציפּלין. זיי דאַרפן זיין גרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל צו יעדער צייט, ווען די אָר־גאַניזאַציע וועט עס געפינען פאַר נייטיק, אויב עס וועט נאָר בכלל זיין אַ מעגלעכקייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל איידער די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

עס איז נייטיק, אַז דער „החלוץ״ זאָל וויסן גענוי די צאָל מענטשן וואָס געפינען זיך אין זיין רשות אויף אַ ממשותדיקן אופן, אין נאָמען פון וועמען ער קען רעדן און צו וואָסער אַרבעט ער קען צוטרעטן אָן שום פאַרזאַמונג.

נאָך דעם ווי דער „החלוץ״ וועט זיין באַקאַנט מיט דער צאָל פון זיינע מיטגלידער, וועלכע וועלן ענטפערן צו יעדער צייט אויף זיין רוף „עלה נעלה״ (מיר וועלן טאָן עולה זיין) — וועט ער קענען דערפילן זיין פליכט לגבי די חברים אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרפליכטעט, צו געבן זיי די מעגלעכ־קייט באַלד נאָך זייער אָנקומען אין לאַנד אַריין צו אָנהייבן אַרבעטן. די אַר־בעט וועט איינגעאָרדנט ווערן, לויט אַלע מעגלעכקייטן, לויט קאָאָפּעראַטי־ווע פאָרמען אין קבוצות, געזעלשאַפטן און אַנדערע קאָלעקטיוויסטישע אַר־בעטס־פאָרמען.

ג. די באַשטימונג פון „החלוץ״

1) די באַשטימונג פון „החלוץ״ איז צו מאָביליזירן און אויסצובילדן די ערשטע אַרבעטס־אַרמיי פאַר ארץ־ישראל.

2) די אַרבעט אין ארץ־ישראל וועט געפירט ווערן אויף קאָאָפּעראַ־טיווע באַזעס אין דער פאָרם פון גרופּן און קיבוצים פאַר דעראָבערונג און קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע.

3) צו דעם צוועק פאַראייניקט דער „החלוץ״ אַלע יענע, וואָס האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל ביי דער ערשטער געלעגנהייט און צו פאַרבינדן זייער פּריוואַטן גורל מיט דעם גורל פון דעם לאַנד און וואָס זיי אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון קאָאָפּעראַטיוויסטישער אַרבעט אַלס דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל.

4) דער „החלוץ״ גרינדעט אַ באַזונדערע קבוצה פאַר דער אויפגאַבע פון שמירה אין ארץ־ישראל.

5) די עליה פון די חברים קיין ארץ־ישראל, ווי אויך די גאַנצע אַרבעט פון „החלוץ״, ווערט געפירט דורך זיין הויפּט־דירעקציע.

6) יעדער חבר וואָס שליסט זיך אָן צום „החלוץ", פאַרפּליכטעט זיך שריפטלעך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אין דעם ניטיקן מאָמענט און צו נעמען אויף זיך די דיסציפּלין און די אָנווייזונגען פון דער לייטונג.

ד. די געזעצגעבונג פון „החלוץ"

1) דער „החלוץ" ווערט געגרינדעט דורך דעם קאָמיטעט פאַר די ענינים פון ארץ־ישראל פון דער פאַרטיי פּועלי־ציון אין אַמעריקע.
2) אין „החלוץ" קען אויפגענומען ווערן יעדער חבר אָדער חברה, וואָס איז איינשטימיק מיט דער פּרינציפּיעלער באַשטימונג פון דער אָרגאַניזאַציע, אָן אונטערשיד וואָס שייך זייערע אָנשויאונגען בנוגע אַנדערע פראַגן, אָדער זייער פּאַרטייאישע אָנגעהעריקייט.
3) די צענטראַלע לייטונג גרינדעט אָפּטיילונגען פון דעם „החלוץ" אין פאַרשידענע שטעט.
4) עס איז דאָס רעכט פון יעדער גרופּע פעסטצושטעלן פאַר זיך לאָקאַלע תקנות.
5) יעדער מיטגליד איז פאַרפּליכטעט אַריינצוטראָגן אין דער צענטראַלער קאַסע פון „החלוץ" אַ סומע פון צוואַנציק דאָלאַר פאַר די רייזע־אויסגאַבן.
6) דער „החלוץ" גרינדעט אַ ספּעציעלן פאָנד, דעם „חלוצים־פאָנד".
7) אַ נייער מיטגליד ווערט אויפגענומען מיט דער צושטימונג פון אַ מערהייט מיטגלידער פון דער לאָקאַלער אָפּטיילונג.
8) די אָפּטיילונגען אָרדענען איין פאַר זייערע מיטגלידער: א) לעקציעס פאַר עברית און פאַר דער קענטעניש פון ארץ־ישראל; ב) קלובן פאַר גימנאַסטיק און מיליטערישע געניטונגען; ג) אויף אַלע פלעצער ווו דאָס איז מעגלעך טרעטן אַריין די מיטגלידער אין לאַנדווירטשאַפטלעכע פירמען, בכדי צו דערלערנען די ערד־אַרבעט.

און אָט זענען פראַגמענטן פון דעם טאָג־בוך פונעם „החלוץ", וואָס איך האָב געפירט אין אַמעריקע.

פראַגמענטן פון מיין טאָג־בוך אין אַמעריקע

ניו־יאָרק, י"ג תמוז תרע"ה.

עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער כינוס פון די צענטערן פון דער פאַרטיי פּועלי־ציון אין ניו־יאָרק, אויסער דעם אָפּטייל פון פּועלי־ציון ס"ד, מיטן צוועק צו גרינדן דעם „החלוץ". די רעפערענטן זענען געווען איך, ד. בן גוריון און אַלעקסאַנדער (כאשין). מיר האָבן אויפגעקלערט די פּראָגראַם און דעם סטאַטוט. נאָך די דעבאַטן האָבן זיך פאַרשריבן צען חברים — אַ העלפט פון זיי אַזעלכע וואָס זענען שוין איינמאָל געווען אין לאַנד.

דאָרט, כ״א תמוז, שבת, תרע״ה.

די ערשטע זיצונג פון די ארץ־ישראלדיקע. עס האָט גערעדט בן גוריון. עס זענען געווען דעבאַטן און עס זענען פאַרשריבן געוואָרן 4 מיטגלידער.

דאָרט, כ״ז תמוז תרע״ה.

אַ פאַרזאַמלונג פון דעם סניף פועלי־ציון ס״ד, בכדי צו גרינדן דעם „החלוץ״. אָט זענען אַלס ביישפּיל עטלעכע פראַגן וואָס זענען געשטעלט געוואָרן: א) ווי קענען מיר זיך פאָרשטעלן די דערוואַרבונג פון באָדנס ביי די אַראַבער? עס איז דאָך אומפאַרמיידלעך, אַז די אַראַבער וואָס פאַרקויפן זייער ערד זאָלן פאַראָרעמט ווערן און דעמאָלט וועט זיך אָנהייבן אַ שטאַרקע באַוועגונג קעגן אונדז. אַלס סאָציאַליסטן איז אונדז נישט דערלויבט צו קאָנקורירן מיט די אַראַבער מיט אַרבעט. ב) ווי אַזוי וועלן די יידישע אַרבעטער אין לאַנד קענען פאַרזיכערן פאַר זיך אַליין אַן עקזיסטענץ אין דער צוקונפט? די אַרבעט וועלכע זיי האָבן געטאָן ביז איצט, האָט דאָך נישט פאַרזיכערט די עקזיסטענץ פאַר זיי, בפרט פאַר די פאַמיליען־פאָטערס. ג) וועט די פּאַרטיי קענען גאַראַנטירן אַרבעט און לעבנס־מיטלען פאַר די פאַמיליען־פאָטערס? ד) בכדי ארץ־ישראל זאָל זיין יידיש, איז נייטיק די אַרבעטער זאָלן זיין יידן. און מיר האָבן דאָך געזען, אַז אין דער מאָס וואָס די יידן פאַרמערן זיך — פאַרמערן זיך די אַראַבער נאָך מער פון זיי. ווי אַזוי־זשע וועט געשאַפן ווערן אַ יידישע מאַיאָריטעט? ה) מיר ווילן צוציען מענטשן; היינט צו טאָג איז נישטאָ קיין אַרבעט און די פאַרמערונג פון די מענטשן איז איבעריק. איז עס קלאָר אַז די פאַרבעסערונג פון דער לאַגע איז אַ פאָרבאַדינג פאַר דער עליה.

אַנדערע האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט אַנפראַגעס און זיי האָבן געמאַכט פאָרשלאַגן, צום ביישפּיל וועגן אַ הילפס־קאַסע פאַר אַרבעטער, וועלכע זאָל געבן הילף, אָדער אַרבעט, אין דער צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט. צום סוף האָבן זיך פאַרשריבן אין „החלוץ״ צוויי מיטגלידער.

ניו־יאָרק, מוצ״ש, כ״ח תמוז תרע״ה.

אַ פאַרזאַמלונג פון פועלי־ציון אין דעם ברוקלינער סניף. דער פאָרזיצער איז גאָלדמאַן.

1) איינער פון די חברים שלאָגט פאָר, אַז דער „החלוץ״ זאָל זיין בלויז אַן אָפּטיילונג פון אַ פיל גרעסערער אָרגאַניזאַציע פאַר ארץ־ישראל אין אַלגעמיין. עס זענען פאַראַנען חברים וואָס ווילן עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער נישט באַלד נאָר אין אַ יאָר, אָדער צוויי אַרום. מען דאַרף זיי שענקען אויפמערקזאַמקייט און געפינען פאַר זיי אַ באַזונדערע „אויפגאַבע״ אין אַמעריקע. בכלל דאַרף די אַרבעט געמאָסטן ווערן מיט אַ פיל ברייטערן מאָסשטאַב.

2) איינער פון די חברים האָט באַמערקט, אַז פון אַמעריקע וועלן נישט גיין קיין מענטשן אין דעם „החלוץ״. מיר מוזן צוציען צום חלוציזם די מענטשן

וואָס לעבן אין ערגערע באַדינגונגען, צום ביישפּיל — די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד.

3) עס זענען פאַראַנען אין אַמעריקע חברים וואָס זענען מיט זייער האַרצן פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל און זיי ווילן עולה־זיין אַהין, אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי זוכט אַ פּראַקטישע פאַרבינדונג, למשל, צו ווערן מיט־גלידער אין דער „אחוזה״ (אַ געזעלשאַפט צו דערווערבן באָדן און אים צו באַאַרבעטן; פאַר עולים וואָס גרייטן זיך צו באַזעצן אין לאַנד מיט זייערע אייגענע מיטלען) אָדער אין „אחוה״ (אַ פאַראיין פאַר קאָלעקטיווער קאָלאָני־זאַציע, וועמענס מיטגלידער באַלאַנגען צו פּועלי־ציון) אאַז״וו. אין אַלגעמיין וועלן נישט זיין קיין קעגנער צום „החלוץ״, אָבער די צאָל פון יענע וואָס זענען גרייט עולה צו זיין ווי חלוצים איז קליין.

4) אַ סך וועלן זיין איינשטימיק צו פאָרן, אָבער זיי וועלן זיך נישט אונטערוואַרפן צו דער פעסטער דיסציפּלין, וואָס דער „החלוץ״ שטיצט זיך אויף איר.

עס האָט זיך פאַרשריבן בלויז איין חבר.

זונטיק, כ״ט תמוז תרע״ה.

די צווייטע פאַרזאַמלונג פון די ארץ־ישראלדיקע. דער חבר מ. זאָגט: אַזוי ווי דער פאַראיין „החלוץ״ ווערט אָרגאַניזירט דורך דער פּאַרטיי פּועלי־ציון, דאַרף באַשלאָסן ווערן איינס פון די ביידע: צו פאַרציכטן אויף דער ספּעציעלער דיסציפּלין פונעם „החלוץ״ (בנוגע דער עליה־צייט קיין ארץ־ישראל), אָדער אויסצוקלייבן אַ קאָמיטעט פון צווישן די חלוצים אַליין און ווען עס וועט קומען די צייט פון עליה, זאָל דער זעלבער אויך האָבן אַ דעה אין דער אָנפירונג.

איך האָב געענטפערט אויף דעם, אַז איך שטעל מיך נישט אַנטקעגן דעם פאָרשלאַג אויסצוקלייבן אַ קאָמיסיע, אָבער די זעלבע וועט בלויז קענען אויסגעקליבן ווערן נאָכדעם ווי דער פאַראיין „החלוץ״ וועט פאַקטיש עק־זיסטירן, דאָס וויל זאָגן — נאָך דעם ווי עס וועלן איינגעאָרדנט ווערן די אָפּ־טיילונגען פון „החלוץ״ אויף אַלע פּלעצער.

צום סוף האָבן זיך פאַרשריבן 2 מיטגלידער.

מאָנטיק, א׳ אב תרע״ה.

זיצונג פון דער ערשטער קבוצה פונעם „החלוץ״. די צאָל באַטייליקטע איז פופצן. די זיצונג האָט זיך אַליין דערקלערט אַלס גרינדונגס־זיצונג. עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן די פּאַראַגראַפן פונעם סטאַטוט און עס זענען גע־מאַכט געוואָרן פאַרשידענע באַמערקונגען. צווישן אַנדערע, איז אָנגענומען געוואָרן דעם באַשלוס, וועלכער פאַרפליכטעט דעם קאָמיטעט פונעם „החלוץ״ צו זאָרגן פאַר דעם, אַז די מיטגלידער זאָל געגעבן ווערן די מעגלעכקייט, ווען זיי קומען קיין ארץ־ישראל, אַריינצוטרעטן אין קבוצות אָדער איינצואָרדע־נען ספּעציעלע קבוצות פאַר זייער אַרבעט אין לאַנד. אַזוי איז אויך באַשלאָסן

געוואָרן, אַז דאָס געלט וואָס וועט אַריינקומען אין דער קאַסע אַריין, וועט נישט צוריקגעקערט ווערן צו יענע וואָס וועלן אַרויסטרעטן פון דעם „החלוץ".

פרייטיק, ה' אב תרע"ה.

אַ זיצונג פון צוויי סניפים אין ניו־יאָרק. דער פאָרזיצער איז גאָלד־שטיין. נאָך מיין רעדע האָט גערעדט גלאַדשטיין און האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דעם „החלוץ". לויט זיין מיינונג איז נישט מעגלעך צו געפינען אין אַמעריקע, באַזונדערס צווישן אונדז יידן, די נייטיקע אידעאַליסטן פאַר אַזאַ זאַך. און אויב עס וועלן עולה זיין די עטלעכע מענטשן וואָס זענען פאַראַנען — ווער וועט דעמאָלט פאַרזעצן די אַרבעט פאַר ארץ־ישראל דאָ אויפן אָרט? ער האָט מורא, אַז די עולים קיין ארץ־ישראל וועלן זיך אומקערן קיין אַמעריקע און אַזוי אַרום וועט דער „החלוץ" ברענגען בלויז שאָדן.

ר—ק (ער איז געווען צוויי יאָר אַן אַרבעטער אין ראשון־לציון) האָט זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט און האָט געזאָגט, אַז עס איז פאַרבאָטן פאַר די אַרבעטער עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. מען דאַרף פאַר דעם דערמוטיקן בלויז קאַפּיטאַליסטן. דורך דעם וועלן דאָרטן פאַרבעסערט ווערן די באַדינ־גונגען און דעמאָלט וועט מעגלעך זיין צו טראַכטן וועגן אַן עליה פון אַרבע־טער קיין ארץ ישראל.

נאָך דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך געפונען עטלעכע חברים וואָס האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן בדעה עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער צוליב פאַמיליאַרע מאָטיוון קענען זיי זיך נישט אָנשליסן אינעם „החלוץ" און נע־מען אויף זיך די דיסציפּלין און די הערשאַפט פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע.

שבת, ו' אב תרע"ה.

פאַרזאַמלונג פון דער אָפּטיילונג פון פועלי־ציון אין פילאַדעלפיע. דער פאָרזיצער איז חבר ה. פיינמאַן.

איינער פון די פאַרזאַמלטע האָט געפרעגט: צי וועלן די מיטגלידער פון „אחוה" מעגן זיך באַטייליקן אין דעם „החלוץ"? צי וועט זיי די עליה קיין ארץ־ישראל נישט פאַרפליכטן איבערצורייסן די פאַרבינדונגען מיט איר? ב. ע. האָט געפרעגט: וואָס וועלן טאָן יענע וואָס ווילן נישט פאַרבייטן זייער פאַך און איבערגיין צו לאַנדווירטשאַפט, נאָר זיי ווילן ווייטער לעבן אין לאַנד פון זייער פּראָפעסיע, למשל, פון סטאָלעריי? אַנדערע האָבן געפרעגט, אויב מען וועט זאָרגן אין ארץ־ישראל פאַר יענע וואָס וועלן קומען אַלס מיטגלידער פון „החלוץ", אָדער מען וועט זיי דאָרטן איבערלאָזן אויף זייער אייגענעם באַראָט?

איך האָב געענטפערט אויף אַלע פראַגן. איך האָב געזאָגט אַז די מיט־גלידער פון „אחוה" וועלן זיך קענען פאַרשרייבן, אָבער די פראַגע דאַרף אויפ־געקלערט ווערן אין אָט־דער אָרגאַניזאַציע, בכדי זי זאָל קומען צו הילף די עולים פון צווישן אירע מיטגלידער און זי זאָל זיי נישט אַנטקעגנשטעלן קיין אָפּהאַלטן אויף זייער וועג. שטאָטישע אַרבעטער, וועלכע ווילן פאַרזעצן זייער

אַרבעט, צום ביישפּיל: מוליערס, סטאָליאַרעס אאַז״וו, וועלן קענען געפינען אַרבעט אין זייערע פאַכן. וועגן דעם אופן פון אַרבעט אין לאַנד איז ביז איצט נאָך נישט באַשלאָסן געוואָרן, אָבער עס איז פאַראַנען אַ פאָרשלאַג איינצוּאָרדענען דאָרט קבוצות און זאָרגן דערפאַר, אַז די חברים זאָלן קריגן אַרבעט תיכּף נאָך זייער אָנקומען אין לאַנד.

עס האָבן זיך פאַרשריבן פינף מיטגלידער.

ח׳ אב, ערב תשעה באב, איז פאָרגעקומען אַ צווייטע פאַרזאַמלונג פון יענע וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אין „החלוץ״. עס איז ווידער באַהאַנדלט געוואָרן דער גרעסטער טייל פון די פראַגן, וועלכע זענען שוין פריער אַרומגערעדט געוואָרן, און ווען עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז מען האָט באַדאַרפט אונטערשרייבן דעם פאַרפליכטונגס־בויגן, האָבן זיך אַ סך אָפּגעזאָגט. אַנדערע האָבן געזאָגט אַז זיי מוזן זיך נאָך באַטראַכטן. פאַקטיש האָט אונטערגעשריבן נאָר איינער (ציזלינג).

נאָך מיטיק האָב איך באַזוכט די משפּחה ס—קי. איינער פון דער משפּחה, אַ בחור פון וואָסערע 22 יאָר מיטן נאָמען אברהם, האָט אויסגעדריקט זיין ווילן זיך אָנצושליסן אינעם „החלוץ״. בלי־ספק וועט ער אַריינטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע.

עס זענען פאַראַנען אַ סך וואָס ווילן עולה־זיין קיין ארץ־ישראל און זיי האָבן דאָס שוין דעפיניטיוו באַשלאָסן, אָבער זיי קענען נישט באַשליסן זיך אונטערצוגעבן דער דיסציפּלין פונעם „החלוץ״. איך האָב זיך אַליין געפרעגט: וועלכער איז דער בעסטער וועג צו ציען נוצן פון די חברים פון דעם סאָרט? ווייל פאַרוואָס זאָלן מיר אָנווערן אַזעלכע כּוחות? עס וואָלט זיך געפּאַסט איינצואָרדענען אַן אָפּטיילונג פון געהילף־מיטגלידער פאַרן „החלוץ״, אָבער איצט איז נאָך נישט געקומען די צייט פאַר דעם.

באַלטימאָר, מוצאי תשעה באב תרע״ה.

אַ פאַרזאַמלונג פון דער אָפּטיילונג פון פּועלי־ציון. עס האָבן זיך באַטייליקט אין איר אויך מענטשן וואָס זענען נישט קיין מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, באַזונדערס פון צווישן די אַלגעמיינע ציוניסטן. עס זענען אָנוועזנדיק געווען 216 מאַן. איך האָב פאַר זיי געהאַלטן אַ פאָרטראַג און נאָכדעם האָב איך זיי פאָרגעלייענט דעם סטאַטוט פונעם „החלוץ״. עס האָבן זיך פאַרשריבן דריי מענטשן.

באַלטימאָר, י״ב אב אין אָוונט, תרע״ה. צווייטע פאַרזאַמלונג.

נאָך מיין רעפעראַט און מיינע אויפקלערונגען זענען געשטעלט געוואָרן פאָלגנדיקע פראַגן: א) וואָס וועלן טאָן יונגע מיידלעך אין ארץ־ישראל? ווען זיי געפינען אַרבעט און וואָס פאַר אַן אַרבעט? ב) וועלן זיך קענען אָנשליסן צום „החלוץ״ יענע וואָס ווילן עולה־זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער וועלן נישט קענען עולה־זיין באַלד נאָך דער מלחמה? ג) צי וועט ווייטער אָנהאַלטן די

פאַרבינדונג צווישן די מיטגלידער פונעם „החלוץ" נאָך זייער אָנקומען קיין ארץ־ישראל, אָדער זי וועט אינגאַנצן איבערגעריסן ווערן? איין חבר האָט גע־פרעגט צי איז אונדז דערלויבט אַלס סאָציאַליסטן זיך צו פאַרנעמען מיט אַ מיליץ. אויך דאָ האָט מען מיך געפרעגט אויב די מיטגלידער פון „אחוה" וועלן קענען זיך אָנשליסן אינעם „החלוץ".

וואַשינגטאָן, דאָנערשטיק י"א אב תרע"ה.

דער פאָרזיצער איז ח' פריליכאָוו. דער רעפעראַט איז געווען וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין ארץ־ישראל. די פּראָבלעם פון „החלוץ" האָב איך באַ־רירט בלויז פאַרבייגייענדיק. די פראַגן וואָס זענען געשטעלט געוואָרן זענען געווען אַלגעמיינע, צום ביישפּיל: פון וואַנען נעמען מיר, אַז אין דער צו־קונפט וועט זיך די טערקיי באַציִען מיט מער גוטן ווילן צו דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל? וואָס איז אונדזער באַציאונג צו דעם אַראַבישן אַרבעטער? פון וואַנען נעמען מיר די מיינונג, אַז אין קיין שום אַנדערן לאַנד וועלן מיר זיך נישט קענען איינוואָרצלען אַזוי ווי אין ארץ־ישראל? איין חבר האָט גע־פרעגט: צי דאַרף נישט אונדזער פּרעסע זיין פון איצט אָן מער נייטראַל בנוגע די קריג־פירנדיקע לענדער. און אַן אַנדער חבר האָט געפרעגט: צי עס איז פאַראַנען אַ האָפענונג צו קענען אויסברייטערן אין דער נאָענטער צייט די איינרייזע־דערלויבענישן אין לאַנד אַריין. צומאָרגנס, ערב שבת, האָבן די חברים איינגעאָרדנט אַ באַנקעט לכבוד מיר. יענעם אָוונט האָב איך מיך אויס־פירלעך אָפּגעשטעלט אויפן וועג פונעם „החלוץ", איך האָב געלייענט די פּראָגראַם און האָב זי דערקלערט. דאָס מאָל זענען געשטעלט געוואָרן פראַגן טאַקע צום ענין זעלבסט. צום סוף האָבן זיך פאַרשריבן דריי חברים: שיין און זעטלאַנד און די חברה ארקין.

אָט זענען אייניקע פון די פראַגן וואָס זענען געשטעלט געוואָרן: 1) צי וועלן משפחה־מענטשן קענען זיך פאַרשרייבן אין „החלוץ"? 2 צי וועט מען שטיצן די חברים נאָך דעם ווי זיי וועלן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל? 3) צי וועט געגעבן ווערן דער נייטיקער באָדן פאַר דער אַרבעט?

סינסינעטי, זונטיק י"ד אב תרע"ה.

אַ חברים־פאַרזאַמלונג. איך האָב אויפגעקלערט דעם ענין פון „החלוץ" און די פּראָבלעמען וואָס זענען פאַרבונדן מיט אים.

אָט זענען אייניקע פון די פראַגן וואָס זענען געשטעלט געוואָרן: אַ סך האָבן זיך אומגעקערט פונעם לאַנד נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען נישט גע־ווען צוגעגרייט, נאָר דעריבער וואָס דאָס לאַנד איז נישט געווען מסוגל זיי אויפצונעמען. אויב אַזוי, וואָלט עס נישט געווען ריכטיק מיר זאָלן פריער צוגרייטן דעם באָדן ער זאָל קענען אַריינגעמען די עליה? ווי עס שיינט, וועלן אין סינסינעטי זיך געפינען מער חברים פאַרן „החלוץ" ווי אין אַנדערע פּלעצער.

מאָנטיק, ט״ו אב תרע״ה.

אַ מיטגלידער־פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס זענען געקומען וואָסערע 40 מאַן. נאָך דעם ווי איך האָב אויפגעקלערט דעם ענין פון „החלוץ״ און האָב פאַרגעלייענט דעם פּראָגראַם, איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע באַגייסטערונג צווישן די פאַרזאַמלטע. פון אָנהייב האָבן זיך פאַרשריבן 8 חברים, דערנאָך זענען צוגעקומען נאָך צוויי און אינאיינעם זענען עס געווען צען מיטגלידער.

טשיקאַגאָ, מיטוואָך י״ז אב תרע״ה.

אַ זיצונג פון די פאַרוואַלטונגען פון די סניפים. עס זענען געווען אַנ־וועזנדיק אויך אַנדערע חברים. איך האָב גערעדט וועגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל איידער איך בין פון דאָרטן אַוועק און וועגן די מאָטיוון וואָס האָבן אונדז געשטויסן צו גרינדן דעם „החלוץ״.

דער חבר ס. האָט געטענהט, אַז די קבוצות פון חלוצים האָבן נאָך נישט געהאַט קיין דערפאָלג און ער האָט געפרעגט אויב עס איז פאַראַנען אַ פּאַק־טישער פונדאַמענט פאַרן „החלוץ״ אינעם לעבן, ווייל אויף וואָס פאַר אַן אופן וועט די קבוצה פון „החלוץ״ קענען דערגרייכן אַן הלואה, אָדער אַ אונ־טערשטיצונג, דעמאָלט ווען זי האָט נישט קיין באַזע פון אייגענעם פאַרמעגן?

דער חבר כ. האָט געפרעגט: וועלן דען הונדערט מענטשן קענען לייזן די פראַגע פונעם ישוב פון ארץ־ישראל מיט זייער אָרגאַניזאַציע? זענען נישט אַפילו 300 מענטשן ווי אַ טראָפּן אין ים? און אויב עס איז אין דעם נישט פאַראַנען קיין לייזונג פון דער ישוב־פּראָבלעם, זענען מיר מחויב פאַראויס צו באַטראַכטן די רעזולטאַטן.

דער ח׳ מ. האָט געפרעגט: אויב מיר וועלן קומען ווי אַ קבוצה און אַר־בעטן ווי יחידים, וועלן מיר דאָך פאַרשלונגען ווערן, און מיט וואָס וועלן מיר אויסאיבן אַן איינפלוס אויף זיי?

איין חברה האָט באַמערקט, אַז דער געדאַנק, פון „החלוץ״ איז שוין זייער אַלט, אָבער עס איז נישט מעגלעך צו לעבן בלויז מיט אידעאַלן.

איין חבר האָט געפרעגט צי מיר זענען צוגעטראָטן אויפצושטעלן דעם „החלוץ״ מיטן וויסן און מיט דער איינשטימיקייט פון די אַלגעמיינע ציו־ניסטן.

דער חבר א.: די רוסישע חלוצים האָבן אַריינגעבראַכט אַ דעזאָרגאַניזאַ־ציע. ארץ־ישראל איז נישט באַשאַפן געוואָרן צוליב אידעאַלן, נאָר צוליב דער לייזונג פון דער יידנפראַגע דורך אַ סטיכישער עליה. עס איז נייטיק, אַז נאָך דער מלחמה זאָל זיין אַן עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל פון די מלחמה־לענדער. אָבער אין אַמעריקע טאָר מען נישט מאַכן קיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר עמיגראַציע. און נאָך האָט ער געזאָגט, אַז ער איז פאַר אַן עליה פון חלו־צים — אָבער נישט פון אַמעריקע.

איינער האָט פּראָקלאַמירט, אַז עס איז אַ זינד צו פאָדערן פון דעם אַר־בעטער ער זאָל מקריב זיין לעבן פאַר אַזאַ געדאַנק. אַן אַנדערער האָט

געטענהט: עס איז באַקאַנט פון די צייטונגען און פון די ווערטער פונעם רע־פערענט, אַז פילע אַרבעטער אין ארץ־ישראל גייען אַרום אָן באַשעפטיקונג, אויב אַזוי — צו וואָס דאַרפן מיר פאַרגרעסערן זייער צאָל? דורך דעם וועלן מיר דאָך ברענגען פאַר דעם לאַנד שלעכטס אַנשטאָט גוטס.

איך האָב געענטפערט אויף אָט־די אַלע פראַגן. גאַנץ באַזונדערס האָב איך באַקעמפט די שעדלעכע מיינונג אַז ארץ־ישראל וועט אויפגעבויט ווערן דורך „אונדזערע אומגליקלעכע ברידער, וועלכע האָבן נישט קיין פלאַץ פאַר זיך אין מזרח־אייראָפּע".

דאַנערשטיק, י"ח אב תרע"ה.

איך האָב רעפערירט וועגן דעם „החלוץ". דאָס מאָל זענען געשטעלט געוואָרן ווייניקער פראַגן, גרעסטנטיילס זאַכלעכע. איין חבר האָט באַמערקט, אַז דער פּאַראַגראַף וועגן דעם חלוצים־פאָנד נייטיקט זיך אין אַן אויסבעסע־רונג. דאָס איז נישט קיין הילפס־קאַסע פאַר די וואָס האָבן נישט, נאָר אַ קאַסע פאַר רייזע־אויסגאַבן.

צוויי חברים האָבן געפרעגט, צי מען וועט אומקערן דאָס געלט צו יענע וואָס וועלן פאַרלאָזן דעם „החלוץ". מ'האָט באַמערקט, אַז די חברים וואָס וועלן נישט אַריין אין „החלוץ", וועלן נעמען אויף זיך צו שטיצן די עולים מאָראַליש און מאַטעריעל.

צום סוף האָבן זיך פאַרשריבן 11 חברים.

מאָנטיק, כ"ב אב תרע"ה.

אַ פאַרזאַמלונג פון די חברים וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אין „החלוץ". עס האָבן זיך פאַרשריבן און אָנגענומען דעם סטאַטוט 10 מיטגלידער, צווישן זיי איין חברה. ס. איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס אויסערן־סעקרעטאַר (רע־פרעזענטאַנט), מ. אַלס אינערן־סעקרעטאַר און י. ה. אַלס קאַסירין.

כ'האָב פאַר זיי געלייענט און דערקלערט יעדן פאַראַגראַף באַזונדער. פילע פון די פאַרשריבענע זענען פאַמיליען־מענטשן.

מילאָווקי, דאָנערשטיק כ"ה אב תרע"ה.

אַן אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פאַר דעם „החלוץ". איך האָב רעפערירט וועגן די אונטערשיידן פון דער אויפפאַסונג פון דעם ציוניזם דורך אונדז און דורך די אַלגעמיינע ציוניסטן, וועגן דעם ווערט פון דער יידישער אַרבעט אַלס פאַקטאָר אינעם אויפבוי פון ארץ־ישראל און וועגן דעם אָרגאַ־ניזאַציע־גאַנג פון „החלוץ".

דערנאָך איז דערעפנט געוואָרן אַ דעבאַטע.

איינער האָט געטענהט, אַז שטענדיק נעמען מיר פריער אָן די טאַט, איי־דער מיר הערן אויס גוט אין וואָס זי באַשטייט. מיר שטייען פאַר אַ שרעק־לעכער עמיגראַציע פון רוסלאַנד און אַנשטאָט זיך צו באַנוצן מיט דער זעל־בער און זי אָפּצולענקען קיין ארץ־ישראל, קומט בן צבי און וויל אויסוואָרצ־

לעָן פון דאַנען 500 מענטשן און זיי אַריבערפירן קיין ארץ־ישראל. איז עס דען נישט בעסער, אַז די חברים אין אַמעריקע זאָלן זיך צוגרייטן און זאָלן עולה־זיין אויף אַ מער צוועקמעסיקן אופן, דאָס הייסט — מיט אַ בינטל באַנק־נאָטן אין קעשענע?

איין חבר, משה סטרעלצין (ער איז געפאַלן אין דער פאַרטיידיקונג פון תל־אביב אין יאָר תרפ״א), האָט דערציילט אַז אין קאַליפאָרניע איז געגרינ־דעט געוואָרן אַ יידישע סטודענטישע אָרגאַניזאַציע פון אַזעלכע וואָס לער־נען לאַנדווירטשאַפט, בכדי זיי זאָלן גרייט און אויסגעבילדעט זיין פאַר דער אַרבעט אין ארץ־ישראל. זיי האָבן אַ געהיימע „אָרדענונג״. זיי איבן זיך אויך איין אין מיליטערישע געניטונגען. זייער צוועק איז צו זיין צוגעגרייט פאַר דער אַרבעט אין ארץ־ישראל. זיי האָפן מצליח צו זיין, ווייל קאַליפאָרניע האָט אַן ענלעכן קלימאַט און נאַטור ווי ארץ־ישראל.

אַן אַנדערער חבר האָט באַמערקט: די עמיגראַציע פון רוסלאַנד וועט ברענגען טויזנטער נייע מענטשן און ווער ווייסט צי עס וועט סטייען אַרבעט פאַר זיי אַלעמען.

איך האָב געענטפערט אויף די ווערטער פון די צווייפלער און האָב זיי געזאָגט: קודם דאַרפט איר פאַרשטיין דעם הויפט־געדאַנק פון דעם ציוניזם, אַז דער עיקר איז נישט צו ברענגען הילף די יידן פון רוסלאַנד, אָדער די יידן פון ארץ־ישראל צו מאַכן אַ לעבן, נאָר אויסצוטרעטן אַ וועג פאַר דער צו־קונפט פון דעם פאָלק. מיר זענען מחויב צו שאַפן אַן אַרמיי, וואָס זאָל זיין גרייט עולה צו זיין די ערשטע, ווען דאָס וועט נייטיק זיין. ביים סוף פון דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך פאַרשריבן 5 מיטגלידער.

פרייטיק, כ״ו אב תרע״ה.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען די ערשטע חלוצים־זיצונג. צו די פריערדיקע פינף חברים זענען צוגעקומען נאָך דריי, אַזוי אַז די צאָל חלוצים אין מי־לוואָקי האָט דערגרייכט ביז 8. מיר האָבן געלייענט דעם סטאַטוט און איך האָב דערקלערט זיין אינהאַלט.

צום פינפטן פאַראַגראַף האָבן די חברים באַמערקט, אַז אין מאָמענט פון אַרויספאָרן זאָלן איינגעאָרדנט ווערן לאָקאַלע קבוצות אויף אַלע פלעצער, וועלכע וועלן פאַרבלייבן אויך אין ארץ־ישראל אַלס גאַנצע איינהייטן און צו אָט־די קבוצות וועלן זיך קענען אָנשליסן אויך חברים פון אַזעלכע ערטער, ווו עס עקזיסטירט נישט קיין אָפּטיילונג פון „החלוץ״.

מעדיסאָן, וויסקאָנסין, מוצאי־שבת, כ״ז אב תרע״ה.

אויפן באַנקעט וואָס עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ פּריוואַטן הויז, האָב איך רעפערירט וועגן „החלוץ״. די מיטגלידער פון דעם פאַראיין אין מעדיסאָן זענען נישט קיין פּועלי־ציון, נאָר ציוני־סטן, וועלכע האָבן זיך צופּעליק אָנגעשלאָסן צו אונדזער פּאַרטיי. צווישן די חברים איז פאַראַנען איינער,

וו־ס, וועלכער וויל אָרגאַניזירן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער פון די פאַרמען אין איין פאַראיין, אויף דער באַזע פון זייערע פאַך־אינטערעסן; אין דעם פאַראיין, וואָס וועט אויפגעשטעלט ווערן, וועט אפשר מעגלעך זיין צו געפינען אַ גוטן מאַטעריאַל פאַר ארץ־ישראל.

אין „החלוץ" האָט זיך נישט פאַרשריבן קיינער. אפשר וועלן אַריינ־טרעטן צוויי מיטגלידער (וו—ס און דער חבר וואָס אַרבעט מיט אים אויף דער פאַרם).

מינעאפאָליס, דינסטיק, ל׳ אב תרע"ה.

עס איז געווען אַ פאַרזאַמלונג פונעם סניף, אויף וועלכער איך האָב רעפערירט וועגן דעם „החלוץ" לויט מיין שטייגער. נאָך דעם דעפעראַט איז געווען אַ דעבאַטע און עס זענען געשטעלט געוואָרן פראַגן.

דער חבר פּ. (ער איז געווען אַן אַרבעטער אין ארץ־ישראל צוריק מיט עטלעכע יאָר, דאַכט זיך אין זכרון־יעקב, איצט האָט ער חתונה געהאַט און עס איז אים שווער אַוועקצופאָרן פון דאַנען), האָט באַמערקט אַז מען דאַרף מאַכן פּראָפּאַגאַנדע נישט אין אַמעריקע, נאָר אין רוסלאַנד. אויך אַנדערע האָבן גערעדט אין דעם זעלבן גייסט. איינער האָט באַמערקט אַז אין אומאַהו זענען פאַראַנען אַ סך, וועלכע האָבן געפּרוווט פאָרן קיין ארץ־ישראל אין פאַרגאַנגענעם יאָר און מען האָט זיי נישט דערלויבט אַריינצוקומען.

אייניקע האָבן געשטעלט אומפּרוכטבאַרע פראַגן: פון וואַנען נעמען מיר די זיכערקייט, אַז אין אַ געוויסער צייט אַרום וועט מען נישט אַרויפליייגן אין ארץ־ישראל אַזעלכע שטייערן, וועלכע מען וועט נישט קענען אַריבערטראָגן? אָדער: צי וועלן נישט קומען אַנדערע, אויסער אונדז יידן, און זיי וועלן ווערן אַ מערהייט און מיר וועלן פאַרבלייבן אַ מינאָריטעט?

איך האָב געענטפערט אויף די פאַרשידענע פראַגן, אָבער איך צווייפל שטאַרק צי עס וועלן זיך דאָ געפינען חלוצים. עס פעלט דאָ די פּאַסנדיקע מענטשלעכע באַזע פאַר דעם.

סענט־פּאָול, מיטוואָך, א׳ אלול תרע"ה.

עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דעם סניף פּועלי־ציון מיט דער אָנ־וועזנהייט פון מענטשן, וועלכע באַלאַנגען נישט צו דער פּאַרטיי. נאָך מיין רעפעראַט, ווי געוויינלעך וועגן דעם מהות פון „החלוץ", און נאָך דעם ווי איך האָב אויפגעקלערט די פּאַראַגראַפן פונעם סטאַטוט, האָבן זיך אָנגעהויבן די דעבאַטן, וועלכע זענען דאָס מאָל געווען גענוג אינטערעסאַנט.

דער חבר ל. האָט געפרעגט: וועלכער וועט זיין דער וועג פון דער איינ־אָרדענונג פון די חלוצים נאָך דעם ווי זיי וועלן אָנקומען קיין ארץ־ישראל?

איינער פון אָנוועזנדיקע (נישט קיין פּועלי־ציון) האָט געפרעגט צי וועט נישט דער „החלוץ" זיין אונטערגעוואָרפן נאָך זיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל צו דער לייטונג פון פּועלי־ציון? און פאַרוואָס האָט מען זיך נישט פאַרשטענ־דיקט מיט די איבעריקע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, צום ביישפּיל מיט

הפועל־הצעיר און מיט די ציוניסטן, וועגן דער גרינדונג פון „החלוץ"? איין חבר, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון „אחוזה", האָט געפרעגט ווי אַזוי ער וואָלט געקענט זיך באַטייליקן אין „החלוץ".

אַן אַנדערער חבר האָט געפרעגט, צי עס וועלן קענען מיטקומען מענטשן, וועלכע זענען נישט צוגעפּאַסט פאַר ערד־אַרבעט?

כ'האָב געענטפערט אויף די פראַגן, ספּעציעל אויף יענער ווי אַזוי מיר זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אָן דער דערלויבעניש פון די ציוניסטן און פון דעם הפועל־הצעיר. איך האָב באַטאָנט די אומפּאַרטייאישקייט פונעם „החלוץ". איין חבר, וואָס האָט געוואָלט אַריינטרעטן, אָבער ער האָט געמוזט פאַרבלייבן דאָ ביז צום ענדע פונעם יאָר, האָב איך צוגעזאָגט אויפצוהייבן אָט־די פראַגע אין אַלגעמיין. איך האָב אים געראָטן דערווייל אונטערצו־שרייבן דעם בויגן מיט דער ביטע און צו מאַכן אין אַ באַזונדערער באַמער־קונג זיין רעזערוואַציע. איך רעכן צו גרינדן אַ צווייטע קבוצה פון „החלוץ" פון אַזעלכע מענטשן וואָס זענען נישט גרייט צו פאָרן באַלד, אָבער זיי זענען פעסט אַנטשלאָסן עולה צו זיין אין אַ געוויסער צייט אַרום. אויב זיי זענען נאָך נישט געקומען צו אַזאַ באַשלוס, איז נישטאָ וואָס צו רעדן וועגן זייער אַריינטריט אין „החלוץ".

דאָנערשטיק, נאָך דעם רעפעראַט, איז געווען אַ זיצונג פון די חלוצים. פאָרזיצער איז געווען דער חבר זר. 7 מענטשן האָבן אונטערגעשריבן די בי־טע־בויגנס און איך האָב זיי געשיקט קיין ניו־יאָרק. עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן אַ סעקרעטאַר און אַ קאַסיר.

וויניפּעג, קאַנאַדע, מאָנטיק, ו' אלול תרע"ה.

אין דעם זאַל פון דער תלמוד־תורה האָבן זיך פאַרזאַמלט חברים און נישט־חברים. איך האָב אויספירלעך רעפערירט וועגן דעם „החלוץ". עס זע־נען געשטעלט געוואָרן פאַרשידענע פראַגן. די ציוניסטן, למשל, האָבן גע־פרעגט: איז טאַקע כדאי זיך צו פאַרנעמען מיט איינציקע מענטשן? עס איז דאָך געקומען די שעה פאַר אַ גרויסער באַוועגונג, פאַר אַן עליה פון הונדער־טער טויזנטער, און אויב מיר רופן אַרויס אַ באַוועגונג פון יחידים, פאַרקלע־נערן מיר דאָך דורך דעם דעם ווערט פון דער גרויסער באַוועגונג.

איך האָב געזאָגט, אַז אָט־די השגות פליסן אַרויס פון דער אומקענטע־ניש פון דער לאַגע, אָדער פון דעם נישט רעכענען זיך מיט דער זעלבער. מיר נייטיקן זיך טאַקע אין מענטשן, אָבער עס איז אַ טעות צו דענקען, אַז עס איז פאַראַנען אַ פּלאַץ פאַר אַ סטיכישער איינוואַנדערונג פון צענדליקער טויזנטער. פריער דאַרפן מיר צוגרייטן דעם באָדן פאַר דעם.

דינסטיק און מיטוואָך אין אָוונט זענען געווען ספּעציעלע זיצונגען פון „החלוץ" און עס האָבן זיך פאַרשריבן בלויז 3 מיטגלידער.

קאַליפאָרניאַ.

עס איז דאָ אַ גרופּע יוגנטלעכע וואָס גרייטן זיך קודם־כל זיך צו פאַר־

פולקאָמענען אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין קאַליפאָרניע. זיי וועלן פאַר דעם צוועק אָפּגעבן די צייט ביז צום סוף פון דער מלחמה און ווען זיי וועלן קומען קיין ארץ־ישראל קענענדיק די וויסנשאַפט פון פלאַנטאַציעס, וועלן זיי אַליין פון דעם האָבן נוצן און מצליח זיין אין זייער פאַך. זיי ווילן דעריבער נישט פאָרן באַלד, נאָר אין אַ יאָר אָדער אנדערהאלבן יאָר אַרום, פון דעם מאָמענט אָן ווען זיי וועלן אָנהייבן אַרבעטן אין קאַליפאָרניע. זיי זענען וואָסערע אַכט מענטשן און זיי ווילן איך זאָל זיי העלפן באַקומען נאָך מער חברים. איך האָב זיי געראָטן זיי זאָלן אַריינטרעטן אין „החלוץ" ווי אַ באַזונדערע גרופּע און איך האָב מיט זיי אויסגענומען צוויי באַדינגונגען: זיי זאָלן אָנהייבן תיכף אַריינצוברענגען אין דער קאַסע זייערע אָפּצאָלונגען פאַר די רייזע־אויסגאַבן און זיי זאָלן אונטערשרייבן אַ פאַרפליכטונג. טעאָרעטיש האָבן זיי מסכים געווען, אָבער זיי וועלן דאָס טאָן נאָך דעם וואָס זיין וועלן אָנהייבן צו אַרבעטן אין קאַליפאָרניע.

אומאהוא (נעבראַסקאַ), מוצאי שבת, י"א אלול תרע"ה.

עס איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון „החלוץ". דער פאַראיין איז נאָך יונג און איז נאָך נישט דערגאַנגען צו געזעלשאַפטלעכער רייפקייט. איינער האָט באַמערקט, אַז צוריק מיט עטלעכע יאָר איז פאָרגעלייגט געוואָרן אַן ענלעכער פאָרשלאַג, דהיינו: אַז יעדער איינער זאָל זיך פאַרפליכטן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אין צען יאָר אַרום און ער האָט מיט ערנסטקייט געפרעגט וואָס איז דער אונטערשיד צווישן דעם „החלוץ" און דעם דערמאָנטן באַשלוס?

איין חבר האָט מורא געהאַט טאָמער וועלן זיין זייער אַ סך וואָס וועלן אַריינטרעטן אין „החלוץ" אין אַמעריקע און עס וועט נישט סטייען קיין אַרבעט פאַר זיי אַלעמען. דער סוף איז געווען, נאַטירלעך, אַז קיינער פון זיי האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן. עס האָט זיך בלויז פאַרשריבן איין אַלגעמיינער־ציוניסט מיטן נאָמען ווּלסון און ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק.

קענזאַס־סיטי, מאָנטיק, י"ג אלול תרע"ה.

עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערונג אין דער תלמוד־תורה. איך האָב געבעטן דאָס וואָרט און האָב רעפערירט וועגן דעם „החלוץ" און זיין ווערט. צומאָרגנס איז געווען אַ באַזונדערע פאַרזאַמלונג פאַרן „החלוץ". עס איז דאָ אַ היפּשע צאָל פון יונגע חברים, וועלכע אינטערעסירן זיך מיטן „החלוץ" און ווילן זיך אַנשליסן אין דעם זעלבן. איינער פון זיי, אַ פאַמיליען־מאַן (מיט אַ פרוי און דריי קינדערלעך), וויל זיך פאַרשרייבן נישט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן וואָס איך האָב אים דערקלערט. דערווייל האָט זיך פאַרשריבן זיין ברודער. צווישן די אָנגעשלאָסענע איז געווען איינער, וועלכער איז געווען אַ חבר פון פועלי־ציון אין ארץ־ישראל. די צאָל פון די פאַרשריבענע איז 7 און עס איז מעגלעך, אַז זי וועט זיך נאָך פאַרגרע־

סערן. אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין צייט איינצוּאָרדענען אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין. איך האָב ביי זיי איבערגעלאָזט די ביטע־פאָרמולאַרן, בכדי זיי זאָלן אַליין אונטערשרייבן און אויסקלייבן אַ פאַרוואַלטונג.

סענט לואיס.

אין יענער שטאָט אַריין בין איך פאַרוואָרפן געוואָרן בלויז צופעליק, ביינאַכט, מיטוואָך ט״ו אלול. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב נישט געקענט איינאָרדענען קיין פאַרזאַמלונג. אויף יעדן פאַל האָב איך מיך צונויפגערעדט מיט צוויי חברים, פון וועלכע איינער איז געווען וואָסערע אנדערהאַלבן יאָר אין לאַנד און דער צווייטער איז געווען פריער דער סעקרעטאַר פון דעם פאַראיין.

קליוולאַנד, פרייטיק י״ז אלול תרע״ה.

עס איז געווען אַן ערשטע פאַרזאַמלונג אין דעם אַרבעטער־הויז. עס זענען געקומען דער גרעסטער טייל פון די חברים און אויך עטלעכע נישט־חברים. צו מיין באַדוירן האָבן די חברים נישט געמאַכט קיין פראָפּאַגאַנדע פאַר דער פאַרזאַמלונג און די צאָל פון די באַטייליקטע איז נישט געווען אי־בעריק גרויס. אויך דער אינטערעס פון די חברים פאַר דער ממשותדיקער אַרבעט אין ארץ־ישראל איז נישט גרויס, כאָטש אין אָט־דער שטאָט זענען פאַראַן עטלעכע חברים, וועלכע האָבן פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין ארץ־ישראל, ווי קונין און יוסף בנימיני. מוצאי־שבת, י״ח אלול, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ באַגרענעצטע פאַרזאַמלונג. אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג האָב איך גערעדט אין אַלגעמיין וועגן דעם ווערט פון ארץ־ישראל. אויף דער צווייטער פאַרזאַמלונג האָב איך באַרירט די פּראַקטישע זייט, האָב מיך אָפּגעשטעלט אויף דער אַרבעטער־לאַגע און אויפן ווערט פון „החלוץ״ פאַר דער פאַרזעצונג פון דער אַרבעט אין לאַנד.

צום סוף האָט זיך פאַרשריבן בלויז איין מיטגליד מיטן נאָמען גאָלדין. עס איז מעגלעך אַז עס וועלן זיך פאַרשרייבן נאָך איינער, אָדער צוויי.

יונגסטאָן, זונטיק, י״ט אלול תרע״ה.

דריי אַזייגער נאָכמיטאָג איז איינגעאָרדנט געוואָרן די ערשטע חברים־פאַרזאַמלונג אין יונגסטאָן אין דער סינאַגאָגע (אין אַ באַזונדערן צימער). עס איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר מיין רעפעראַט און דעריבער זענען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג נאָר אויסשליסלעך חברים. אויסערדעם זענען פילע פון די חברים געווען פאַרנומען און די צאָל פון די פאַרזאַמלטע איז געווען קלענער פון דער צאָל חברים אין דער שטאָט (פופציק). איך האָב רעפערירט וועגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל און וועגן דעם ווערט פון „החלוץ״. וועגן די איינצלהייטן פון דער אָרגאַניזאַציע האָב איך גערעדט אויף אַ צווייטער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען כ׳ אלול. די צאָל פון די געקומענע איז דאָס מאָל געווען נאָך קלענער ווי דאָס ערשטע

מאָל. איך האָב גערעדט וועגן די מאָטיוון פון „החלוץ" אין יענעם מאָמענט און וועגן זיינע באַזעס. עס האָבן זיך פאַרשריבן צוויי מיטגלידער און נאָך איינער האָט צוגעזאָגט זיך אָנצושליסן.

אָט זענען אייניקע פון די פראַגן, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן אויף דער צווייטער פאַרזאַמלונג: מיט וואָס וועט ארץ ישראל קענען פאַרבעסערן די לאַגע פונעם אַרבעטער? צי קען מען האָפן, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניזאַציע, וועט זיך אויך אַנטוויקלען די אינדוסטריע אין לאַנד? וואָס באַדאַרף האָבן דאָס לאַנד אין דער ערשטער רייע: קאַפּיטאַל אָדער אַרבעט? ווו איז אונדזער זיכערקייט, אַז איידער די יידן וועלן זיך אָנהייבן צו באַזעצן, וועלן זיך נישט פעדערן פאַר אונדז די פרעמדע?

קענטאָן, דינסטיק כ"א אלול תרע"ה.

עס איז פאָרגעקומען די איינציקע פאַרזאַמלונג ביי די פּועלי־ציון. עס זענען געווען דעבאַטן, אָבער קיין וויכטיקע פראַגן זענען נישט געשטעלט געוואָרן און אויך קיין רעזולטאַטן זענען נישט געווען: אין „החלוץ" האָט זיך קיינער נישט פאַרשריבן. איינער פון די חברים האָט געזען אַ ווידערשפּרוך צווישן דער וויכטיקייט פון דעם מאָמענט, וועלכער פאָדערט אַן אַרבעט אין אַ גרויסן אַלגעמיינעם מאַסשטאַב, און צווישן דעם „החלוץ", וועמענס ציל עס איז בלויז אַ באַגרענעצטער.

פּיטסבורג, דאָנערשטיק כ"ג אלול תרע"ה.

איך האָב רעפערירט וועגן דער לאַגע אין לאַנד און וועגן „החלוץ". עס זענען געשטעלט געוואָרן פראַגן: וועגן די באַציאונגען צווישן „החלוץ" און „אחוה"? צי איז די אויפגאַבע פון „החלוץ" גרעסער פון דער אויפגאַבע פון „אחוה"? וואָס וועלן טאָן די אַרבעטער אָן קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זענען דאָך נישט עולה? די איבעריקע האָבן געבעטן פּראַקטישע אויפקלערונגען. צווישן די חברים פון פּיטסבורג איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל פון אינטעליגענטע, פאַרשטאַנדיקע און גוטע מענטשן.

אויסער דער אָרגאַניזירונג פון „החלוץ", האָב איך מיך דער עיקר פאַרנומען מיט ליטעראַרישער און אידעאָלאָגישער אַרבעט, וועלכע איז אינגאַנצן געווען געווידמעט פאַר די ענינים פון ארץ־ישראל — אויסער דער געזעלשאַפטלעכער און פאַרטייאישער אַרבעט. איך האָב מיך רעגלמעסיק באַטייליקט אין „התורן" (אונטער דער רעדאַקציע פון י. ד. בערקאָוויטש), אין וועלכן איך האָב פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי פון אַרטיקלען וועגן ארץ־ישראל אין דער עמערגענץ־צייט, וועגן דעם לאַנד און זיין קאָלאָניזאַציע און וועגן געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג. דערביי האָב איך מיר געשטעלט אַלס ציל צו פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונג צווישן די חברים און ארץ־ישראל דורך דעם וואָס עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דעם אַ באַזונדערע אָפּטיילונג אין די צייטונגען פון דער פאַרטיי, אין דעם „יידישער קעמפער" און אין דעם ספּעציעלן פאַרטיי־

ביולעטין, וועלכער איז רעגלמעסיק געדרוקט געוואָרן. דאָס לאַנד איז געווען שטאַרק אָפּגעשלאָסן און קיינער איז נישט אַריין און נישט אַרויסגעפאָרן.

די קאָרעספּאָנדענץ איז דורכגעגאַנגען אַ שטרענגע צענזור אין לאַנד און עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ פאַרבאָט אויף די „פיינטלעכע שפראַכן" און צווישן אַנדערע, אויך אויף עברית. דעריבער בין איך געווען געצוווּנגען מיך צו באַנוצן מיט דייטש, מיט יידיש געשריבן מיט לאַטיינישע אותיות און אויך מיט טערקיש; אַזוי האָבן אויך געטאָן אַנדערע חברים פון ארץ־ישראל.

די בריוו פון די חברים, און גאַנץ באַזונדערס די אָפטע בריוו פון רחלן, וועלכע האָט דעמאָלט געאַרבעט אין דער צענטראַלע פון דער פּאַרטיי און האָט קאָנצענטרירט אין אירע הענט די ענינים פון דעם „השומר" אין לאַנד, זענען פאַר מיר געווען אַ גייסטיקע דערקוויקונג און האָבן געשטאַרקט מיין שטימונג אין גלות, געבנדיק מיר אַ מעגלעכקייט צו באַגלייטן די חברים אויף זייער שווערן וועג, צו פאַרשטיין זייערע געפילן און האַפענונגען אין די יאָרן פון עמערגענץ און הונגער, אין דער עפּאָכע פון די גזירות פון דזשאַמאַל פּאַשאַ אויפן ציוניזם, פון די זוכונגען פון שפּיאָנען און פון די פּאַרוויסטונגען, וועלכע די טערקן האָבן פּאַראורזאַכט אין די רייען פון „השומר" און פון די נאָענטע מענטשן פון דעם זעלבן. רחל האָט מצליח געווען איבערצושיקן אירע בריוו דורך אלערליי קאַנאַלן, דורך אַלע אָפּטיילונגען פונעם גהינום פון דער טערקישער און דייטשער צענזור, דורך דער פאַרמיטלונג פון איטאַליע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און שטאָקהאָלם, אין אַלע מעגלעכע שפראַכן, טערקיש איינגעשלאָסן. אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט נאָך אין ירושלים פאַר דער רייזע, האָבן מיר פאַרשטאַנען איינס דאָס אַנדערע דורך לייכטע אָנדייטונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אָרגאַניזירונג פון יידישע לעגיאָנען און איך האָב געוווּסט אַז פאַר מיינע חברים דאָרט אין לאַנד איז גענוג אַ לייכטער ווונק פון מיין זייט, בכדי צו פאַרשטיין אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם „החלוץ" וועגן דער אָרגאַניזירונג פון לעגיאָנען אאַז"וו, לויט די ווערטער וואָס מיר האָבן אַרומגערעדט פאַר מיין אַרויספאָרן פונעם לאַנד. אויף אַ באַזונדערער זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין האָטעל אַמדורסקי אין דער אַלט־שטאָט פון ירושלים האָבן מיר אָנגעוואָרפן אַ טעטיקייטס־פּלאַן אויפן פאַל, אויב אַ טייל פון אונדז וועט פאַרטריבן ווערן פונעם לאַנד. עס איז אויסדריקלעך גערעדט געוואָרן וועגן דער אָרגאַניזירונג פון „החלוץ" און דער אויפשטעלונג פון יידישע לעגיאָנען.

אויסער די בריוו פון רחלן, בין איך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן לייטער פון קפּא"י, דעם חבר דוד בלאָך, און מיט די מיטגלידער פון מיין פאַמיליע, מיטן מיין ברודער א. ראובני (אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון „האחדות"), מיט מיין שוועסטער שולמית און מיין שוואָגער יצחק קלוגאי. דעמאָלט אַן אָפיציר פון דער טערקישער אַרמיי אין לאַנד, און אויסער דעם מיט ישראל שוחט, וועלכער איז דעפּאָרטירט געוואָרן צוזאַמען מיט מאַניען

קיין סיוואַש, און פון די בריוו האָב איך בעיקר געשעפּט די אינפאָרמאַציע, וועלכע איז פאַר מיר געווען אויך זייער וויכטיק פאַר דער ארץ־ישראלדיקער אָפּטיילונג אינעם „קעמפּער", „ביולעטין", „יידישער קאָנגרעס" און „התורן".

איך האָב מיך אויך באַשעפטיקט מיט מער גרינטלעכער ליטעראַרישער אַרבעט: מיט דער רעדאַקציע פון „יזכור" (ערשטע אויפלאַגע), וועלכע איז דערשינען אין יידיש דורך דער פּאַרטיי, און אויך מיטן שרייבן פון צוויי בראָשורן: איינע וועגן קפּא"י און די צווייטע וועגן „ארץ־ישראל און איר קאָלאָניזאַציע". אָבער דעם גרעסטן טייל פון מיין צייט האָב איך געווידמעט אין דער פּאַרטיי דעם „פּאַלעסטינער קאָמיטעט", ביי דער זעלבער, וועלכער האָט זיך דעמאָלט באַשעפטיקט מיטן זאַמלען געלט־מיטלען פאַר קפּא"י, און מיר ביידע, איך און בן גוריון, האָבן אַריינגעבראַכט מיט אונדזער אָנקומען אַ נייעם אינהאַלט אין זיין טעטיקייט: די צוגרייטונג פון מענטשן־מאַטעריאַל פאַר ארץ־ישראל — די אָרגאַניזירונג פון „החלוץ". דורך אונדזער טעטיקייט אין אַט־דעם קאָמיטעט איז אונדז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו פאַרשטאַרקן די הילף פאַר דער גאַנצער אַרבעט פון אונדזער אַרבעטס־ביוראָ אין לאַנד אין דער צייט פון דער מלחמה. צווישן אַנדערע זאַכן, האָב איך גאַנץ באַזונדערס געזאָרגט פאַרן גורל פון די מיטגלידער פונעם „השומר", וואָס אויף זיי האָט זיך אויסגעגאָסן דער גאַנצער צאָרן פון דזשאַמאַל פּאַשאַ.

דאָס לעצטע יאָר האָב איך געווידמעט דעם בוך „ארץ ישראל" אויף יידיש, וואָס איך האָב פאַרפאַסט אינאיינעם מיט בן גוריונען — דאָס איז דאָס ערשטע אומפאַסנדיקע בוך וועגן דער היסטאָרישער געאָגראַפיע פונעם פאָטערלאַנד פון אַ יידישן שטאַנדפּונקט. צוליב דעם צוועק האָב איך פאַרבראַכט מאָנאַטן אין די ביבליאָטעקן פון וואַשינגטאָן און ניו־יאָרק. אונדזער כוונה איז געווען אַרויסצוגעבן דאָס בוך אויף העברעאיש; אַלע פּרעלימינאַרע באַמערקונגען און אומקאָרעגירטע כתב־ידן זענען געשריבן געוואָרן אויף העברעאיש, אָבער צו אונדזער באַדויערן האָבן מיר אין יענער צייט נישט באַוויזן צו קריגן אַ העברעאישן פאַרלאַג, אָדער אַ ציוניסטישע אינסטיטוציע, וועלכע זאָלן זיין וויליק צו אינוועסטירן די נייטיקע געלטער צו דעם צוועק. צום סוף איז געפונען געוואָרן אַ דערלייזער: דער ארץ־ישראל־קאָמיטעט ביי דער צענטראַלע פון דער פּאַרטיי פועלי־ציון. אַט־דער קאָמיטעט איז געווען דער איינציקער אַנשטאַלט וואָס האָט געוווּסט אָפּצושאַצן דעם ווערט פון דעם בוך און זיינע מיטגלידער האָבן אַריינגעלייגט אַ סך פלייס, בכדי צו קריגן די מיטלען פאַר זיין אַרויסגעבן.

אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו געבן דעם יידישן לייענער אַ גרינטלעכע קענטעניש וועגן דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט און וועגן דער לאַגע פונעם לאַנד אין אונדזער צייט; וועגן דער אָרגאַנישער פאַקטישער פאַרבינדונג, וועלכע האָט עקזיסטירט אין פאַרלויף פון אַלע דורות צווישן אַט־דעם פאָלק, וואָס האָט פאַרלוירן זיין פאָטערלאַנד און צווישן אַט־דעם לאַנד

וואָס האָט פאַרלוירן זיין פאָלק. עס איז אויך נייטיק געווען אַ ריכטיקע אויס־טייטשונג פון דער געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל און איר נאַטור, ווי אויך וועגן די געזעלשאַפטלעכע און לעגאַלע אָרדענונגען, וועגן דעם עקאָנאָמישן שטאַנד פון דער באַפעלקערונג פונעם לאַנד, וועגן דער פאַרנאַכלעסיקונג פון אַט־דעם היסטאָרישן לאַנד דורך די פרעמדע רעגירונגען אין אַלע פאַרגאַנגענע דורות און וועגן די אָנשטרענגונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי דורות פאַר זיין אויפלעבונג און אויפקום דורך זיינע זין, וואָס קערן זיך אויפסניי צוריק צו אים נאָך אַ פאַרלענגערטער אָפּזונדערונג אין משך פון 1300 יאָר.

וואָסערע אנדערהאַלבן יאָר האָבן מיר אַריינגעלייגט אין דער צוגרייטונג פון דעם בוך „ארץ ישראל" און מיר האָבן באַוויזן עס צו פאַרענדיקן, אָדער גענויער, צו פאַרענדיקן זיין עיקרדיקן ערשטן טייל. נאָך זיין דערשיינען האָט דאָס בוך געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דעם יידיש לייענענדיקן פובּ־ליקום און עס האָט זוכה געווען צו האָבן די גרויסע צירקולאַציע פון 4.000 עקזעמפּלאַרן, וועלכע עס האָבן דערגרייכט בלויז ווייניק ביכער. אין משך פון אַ קורצער צייט איז דאָס בוך אויסגעשעפּט געוואָרן אויפן ביכער־מאַרק.

אין פאַרלויף פון די דריי יאָר פון מיין גלות, האָב איך מיך באַקענט פון דער נאָענט מיט אונדזער יידנטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיט זיין פריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, און איך האָב אויך אַ סך געלערנט וועגן דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דער אַטלאַנטישער רעפּובליק.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע

די אַנטוויקלונג פון פועלי־ציון. — איינפלוס פון דער מלחמה אויף דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע. — די יידישע קאָנגרעס־באַוועגונג.

בכדי צו פאַרשטיין די לאַגע פון די יידישע אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן ביים אָנהייב פון דעם ערשטן וועלט־קריג, באַדאַרף מען געדענקען צוויי גרונט־פאַקטן, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דעם אַמעריקאַנער יידנטום בכלל און אויף דעם דאָרטיקן יידישן אַרבעטער בפרט: ערשטנס: אויב דער עקאָנאָמישער פּראָצעס האָט צעטרייסלט די פּאָזיציעס פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין מזרח־אייראָפּע און האָט צום שלוס פאַראורזאַכט אַן איינשרומפּונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג דאָרטן — האָבן אין אַמעריקע געווירקט די אָביעקטיווע באַדינגונגען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: הונדערטער טויזנטער יידן וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין פאַרלויף פון די 35 יאָר זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע, זענען אויפגענומען געוואָרן אין וואַרשטאַטן און פאַבריקן און זיי האָבן אויסגעמאַכט אַ וויכטיקן שיכט פון דעם אַרבעטער־קלאַס צווישן דעם יידישן ישוב. צווייטנס: די פאַרניכטונג פון די אַלטע צענטערן האָט אַרויפגעלייגט אַ דאָפּלטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף די עמיגראַנטן, אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיך אַליין און פאַר זייער צוקונפט אין דער נייער וועלט און אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן שיקזאַל פון זייערע משפּחה־מיטגלידער און קרובים, וועלכע זענען פאַרבליבן אין דער אַלטער וועלט און וואָס האָבן גרעסטנטיילס געלעבט מיט דער האָפענונג זיך אַרויסצובאַקומען פון יענעם יאָמער־טאָל און צו עמיגרירן אין נייע לענדער.

דורך דער מאַסן־אַריינדרינגונג אין האַנטווערק און אינדוסטריע איז צוגעגרייט געוואָרן אַ נייער הינטערגרונט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. און ווירקלעך, דער אָנפאַנג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג צווישן די אַמעריקאַנער יידן שטעקט נאָך אין סוף פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אָבער איר אַנטוויקלונג און פאַרפעסטיקונג זענען פאָרגעקומען אין איצטיקן יאָרהונדערט. אין אַלגעמיין איז דער כאַראַקטער און די אייגנשאַפט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע אינגאַנצן פאַרשידן פונעם כאַראַקטער און דער אייגנ־

שאַפּט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. אין רוסלאַנד פאַר דער רעוואָלוציע איז די אַרבעטער־באַוועגונג געווען געשלאָסן און איינגעצוימט אין ענגע און באַגרענעצטע תחומים. אין קעגנטייל איז זי געווען רייך מיט איר אידעאָלאָגיע און זי האָט זיך געשטיצט אויף אַ טיפער אינערלעכער דערקענטעניש. דער הויפּט־פונדאַמענט פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען פאָלקסטימלעכע קולטור־אַרבעט און סאָציאַלע בילדונג. דער צווייטער אַזוי כאַראַקטעריסטישער פונדאַמענט פאַר דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, און אויך פאַר דער יידישער באַוועגונג ספּעציעל, איז געווען די רעוואָלוציאָנערישקייט און דער גייסט פון אויפשטאַנד. דאָס איז נישט געווען בלויז קיין סאָציאַלער אויפשטאַנד, נאָר הויפּטזעכלעך און קודם־כל אַ פּאָליטישער אויפשטאַנד, געצילט קעגן דער צאַרישער הערשאַפט און קעגן די פאָרמען פון דעם רעזשים, אויף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט די עקאָנאָמישע אָרדענונג. יעדער שריט און טריט אין לעבן פונעם אַרבעטער איז געווען פאַרבונדן מיט „מרידה“, ווייל מצד דער רעגירונג איז געלעגן אַ פאַרבאָט אויף אַלץ: אויף יעדן שטרייק, אויף יעדן פּרווו פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע, אויף יעדער סאָציאַלער פּראָפּאַגאַנדע און ביכער־אויסגאַבע — אַלץ איז געווען פאַרבאָטן און יעדע טעטיקייט איז געווען פאַרבונדן מיט אַ געפאַר און מיט אַ דערוואַרטונג פון שטראָף. דעריבער איז די אַרבעטער־באַוועגונג אינגאַנצן געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שאַרפן איבערקערערישן גייסט, אַ גייסט פון אויפשטאַנד קעגן דער מאַכט, קעגן דער אָרדענונג און קעגן אירע אַנשטאַלטן און קעגן דער הערשנדיקער פילאָזאָפיע. אַן אַקטיווער אַרבעטער איז געווען געצוווּנגען נישט נאָר זיך פאַרטיפן אין זיין סאָציאַלער דערקענטעניש, נאָר אויך צו זיין אַ מוטיקער רעוואָלוציאָנער אין זיין לעבן און אָט־די אַלע אייגנשאַפטן, וועלכע מיר האָבן אויסגערעכנט פאַר דער רוסישער באַוועגונג, זענען געווען באַזונדערס קענטיק אינערהאַלב דער יידישער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

נישט אַזוי איז געווען אין אַמעריקע. די מערהייט פון יידן האָבן דאָ געלעבט, אין דער צייט וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט, פון זייער מי און אַרבעט. די מערהייט פון די אַרבעטער האָט זיך פאַראייניקט אין פּראָפעסיאָנעלע און הילפס־פאַראיינען פון אַלערליי סאָרטן, פונקט אַזוי ווי זייערע אַרבעטס־חברים צווישן די איבעריקע אייגוווינערס און בירגער פונעם לאַנד. גאַנץ באַזונדערס האָט זיך אַנטוויקלט די פאָרם פון דער באַקאַנטער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע מיט איר ענגלישן נאָמען „טרייד־יוניאָניזם“. אָרגאַניזאַציעס פון דעם מין האָבן געשלאָגן וואָרצלען, האָבן זיך אויסגעשפּרייט און האָבן דערגרייכט אַזעלכע געוואַלטיקע צאָלן פון מיטגלידער, צו וועלכע מען איז נישט צוגעוווינט געווען אין אייראָפּע. פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועמענס מערהייט פון מיטגלידער זענען געווען יידן, האָבן געציילט צענדליקער טויזנטער און האָבן דערגרייכט אַפילו צו הונדערט טויזנט מיטגלידער. אַזוי זענען אויך געגרינדעט געוואָרן פאַראיינען פאַר קעגנזייטיקער

הילף, צום ביישפיל, פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן און אָרדנס, וואָס האָבן געציילט צענדליקער טויזנטער חברים, און אויך פינאַנציעלע אונטערנעמונ־גען, צום ביישפיל, לייַ־קאַסעס, באַנקן, קאָאָפּעראַטיוון פאַר קאָנסום און אַ ברייט־פאַרשפּרייטע פּרעסע. אָט־די אַלע זאַכן זענען אויפגעבויט געוואָרן אַדאַנק די אָנשטרענגונגען פון אַרבעטס־מענטשן. שטרייקן פון צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער זענען געווען אַן אָפטע דערשיינונג אויך אין די פּראָווינץ־שטעט און אין ניו־יאָרק פלעגן צייטנווייז אויסברעכן גענעראַל־שטרייקן, וואָס האָבן אַרומגענומען צוויי הונדערט טויזנט מאַן צווישן די נאָדל־אַרבעטער. די באַזונדערע צייטונג פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן („דער פאָרווערטס") איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין צוויי הונדערט טויזנט עקזעמ־פּלאַרן און האָט זיך געפונען אין אַן אייגענער געביידע פון עלף שטאָק. צו אַזאַ אומפאַנג האָט נישט דערגרייכט די אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער יידי־שער גאַס קיינמאָל. יאָ, אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז געווען עפּעס פון אַ גאַנץ נייער יידישער שאַפונג. עס איז נישט געווען בלויז אַ קוואַנטיטאַטיווער וווּקס. דער ייד האָט געשאַפן אין דער נייער וועלט נייע שאַפונגס־געביטן. דער יידישער אַרבעטער האָט דעראָבערט פאַר זיך אַליין אַלע צווייגן פון דער נאָדל־אינדוסטריע און האָט זיך דערוואָרבן וויכ־טיקע פּאָזיציעס אויך אין אַנדערע אינדוסטריעס: אין בוי, אין דער פּראָ־דוקציע פון לעבנס־מיטלען פאַר מענטשן, אין טראַנספּאָרט און אַזוי"ווי. אין זיין שטענדיקער און שטאַרקער מלחמה איז ער געשטיגן פון דעם נידעריקסטן שטאַפּל, פון די „שוויץ־שעפּער" ווו ער האָט זיך געשטיקט, צו די מאָדערנסטע פּראָדוקציע־מעטאָדן, ער האָט אויסגעבעסערט זיינע לעבנס־באַדינגונגען; האָט פאַרקירצט די אַרבעטס־שעהן, פאַרבעסערט די געזונטהייטס־באַדינגונגען, האָט געהויבן דעם אַרבעטס־לוין און געצוווּנגען די אַרבעטס־געבער זיך צו רעכע־נען מיטן אַרבעטער ווי מיט אַ באַזונדערער געזעלשאַפטלעכער קערפּערשאַפט.

אָבער נישט נאָר אויפן עקאָנאָמישן געביט האָט עס אָפּגעגליקט דעם יידישן אַרבעטער צו דערהייבן זיין שטאַנד. עס איז נישט אַריבער קיין סך צייט ביז דער יידישער אַרבעטער אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און לאָזן הערן זיין מיינונג אין די כלל־אינ־טערעסן, און שפּעטער האָט ער אויך מצליח געווען צו פאַרנעמען אויף דעם געביט וויכטיקע פּאָזיציעס.

אָבער פאַר דער אויסברייטערונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט מען געמוזט באַצאָלן מיט דעם אָנווערן פון איר כאַראַק־טער. אָט־די באַוועגונג האָט נישט יענעם רעוואָלוציאָנערן גייסט און יענע דערקענטעניש־באַזע וואָס האָבן אויסגעצייכנט די אַרבעטער־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע. דער גייסט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערישקייט איז ווייט פון די פאַראיינען, אַפילו דעמאָלט ווען זיי פייערן דעם ערשטן מאַי. אויך די גענעראַל־שטרייקן אין אַמעריקע זענען נישט פאַרבונדן מיט קיין פּאָ־ליטיש־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. גרעסטנטיילס זענען זיי נישט מער ווי

בלויז עקאָנאָמישע, אָן אַ צומישונג פון פאַרבאָטענער פּאָליטיק. אַ לעבעדיקער עדות פאַר דעם איז די „אַמעריקען פעדערעישאָן אָף לייבור", וועלכע שטייט מיט ביידע פיס אויף דער באַזע פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג און זי האָט נישט באַטראַכט אַלס איר אויפגאַבע צו פלעגן צווישן די אַמעריקאַנער אַרבעטער דעם גייסט פון אויפשטאַנד קעגן אָט־דער אָרדענונג. יענע פאַראייִנען האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך זיך נישט פאַרנומען מיטן לערנען פונעם מאַרקסיזם און מיט דער פאַרטיפונג פונעם קלאַסן־באַוווסטזיין. די אינטעליגענץ (די וואָס באַלאַנגען צו די פרייע פּראָפעסיעס) פאַרנעמט דאָ נישט יענע פּאָזיציע וואָס זי האָט פאַרנומען אין רוסלאַנד. זי דערפילט דאָ נישט די אויפגאַבע פון יענעם אידעאַליסטישן וועגווייזער, וועלכער ווידמעט זיינע קרעפטן לטובת דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, לויט דער טראַדיציע פון די נאַראָדניקעס. און דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג; פון איין זייט איז די אינטעליגענץ, לויט די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון איר לעבן, פיל נענטער צום אַרבעטער ווי אין מזרח־אייראָפּע. דער געהאַלט פונעם ספּעציאַליזירטן אַרבעטער איז נישט קלענער, און אָפטמאָל אויך העכער, פונעם געהאַלט פון די פרייע פּראָפעסיאָנאַלן און אין איינקלאַנג מיט דעם איז כמעט נישטאָ קיין אונטערשיד אינעם לעבן פון אָט־די צוויי גרופּן. אָט־די נאַטירלעכע נאָענטקייט וואָלט געדאַרפט פירן צו אַן אינערלעכער סאָלידאַריטעט, אָבער טראָצדעם געפינען מיר נישט צווישן דער אינטעליגענץ אין אַמעריקע יענעם טיפּ פון פאָלקסטימלעכן קעמפער און אידעאַליסט, וועלכער איז געווען אַן אָפטע דערשיינונג אין רוסלאַנד פאַר דער רעוואָלוציע. די אינטעליגענץ איז אינגאַנצן איבערגעגעבן צו אירע ענגע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן און די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג געווינט פאַר זיך באַצאָלטע עסקנים־סעקרעטאַרן, רעדנערס און פּרעלעגענטן, וואַנדערנדיקע דעלעגאַטן, אָרדענערס, סטאַטיסטיקער און בוכהאַלטערס, פּונקט אַזוי ווי זי שאַפט זיך איין אַדוואָקאַטן, מעדיצינער, לערערס, פעלדשערס, אַפּטייקערס אאַז"וו. די אַלע זענען מענטשן וואָס לעבן פון זייער אַרבעט, דאָס הייסט, אָנגעשטעלטע פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אַרבעטן בכדי „צו מאַכן אַ לעבן". עס זענען טאַקע פאַראַנען פירערס און עסקנים, וואָס זענען אַן אויסנאַם פון אָט־דעם כלל, אָבער אין אַלגעמיין איז די לאַגע אַזאַ ווי איך האָב זי געשילדערט: אָט־די אָנגעשטעלטע זעען זייער אויפגאַבע אין דער באַפרידיקונג פון די באַדערפענישן פונעם אַרבעטער בנוגע זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע און קולטורעלע ענינים און מיט דעם באַנוגענען זיי זיך. אַלץ ווערט געמאַכט אויף דער באַזע פון פּראַקטיק און קאָמערץ און עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר יענעם אידעאַליסטישן „גלאַנץ", וועלכער האָט באַשיינט די שטרעבונג צו בילדונג אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. די צוויי סימנים: די רעוואָלוציאָנערישקייט און די אידעאָלאָגישע פאַרטיפונג, געפינען מיר ספּעציעל אין דער קליינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע פּראָפּאַגירט קלאַסן־דערקענטעניש פון די רעדנער־טריבונעס אויף די גאַסן־עקן און אין

די זאַלן, ווי אויך פון די קאָלומנעס פון די צייטונגען. אָט־די פּראָפּאַגאַנדע שטויסט זיך אָן, אין דער אמתן, זייער אָפּט אין די גזרות פון דער לאָקאַלער אַדמיניסטראַציע און זי ווערט באַשטראָפט מיט געלט־שטראָפן און מיט אַרעסט, אָבער געוויינטלעך פירן די סאָציאַליסטן זייער פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר זייערע קאַנדידאַטן און פאַר זייערע פאָדערונגען מיט פולשטענדיקער פרייהייט, פּונקט אַזוי ווי די איבעריקע פּאַרטייען, און אָט־די פּראָפּאַגאַנדע איז נישט פאַרבונדן מיט קיין גרויסע קרבנות.

אָט־אַזוי איז אויך צוגענומען געוואָרן ביי דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איר שאַרפסטע באַווירצונג — דער רעוואָלוציאָנערער גייסט און די אידעאָלאָגיע, און די באַוועגונג איז געוואָרן מער אויבערפלעכלעך און מעכאַניש. דער סאָציאַליזם און די רעוואָלוציאָנערע שטרעבונג, אויף וויפל עס איז נאָר פאַרבלייבן פון זיי אָן איבערבלייבעניש אין דער אַמעריקאַנער באַוועגונג, ווענדן זיך במילא צו דער פאַרגאַנגענהייט, צום „פאָטערלאַנד" פון וואַנען זיי זענען געקומען און פון דער ווייטנס ברענגען זיי זייער גייסטיק און מאָראַליש ברויט: פון דער רוסישער רעוואָלוציע, פונעם דייטשן סאָציאַליזם און אַזוי ווייטער און פון זיי שפייזן זיי זיך. די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע (ריכטיקער, די פעדעראַציע וואָס באַנוצט זיך מיט יידיש, ווייל אירע מיטגלידער האָבן זיך נאָך נישט אַנגליזירט אין אַ גענוגנדיקער מאָס) איז שטענדיק געווען ווי אַ מין קאָלאָניע פון דעם רוסישן בונד. די עמיגראַנטן וואָס האָבן נישט געקענט באַפרידיקן זייער הונגער צו מעשים דורך ממשותדיקע טעטיקייטן, האָבן יוצא געווען מיט דעם וואָס זיי האָבן אונטערשטיצט יענע וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט „מצוות מעשיות", מיט פּאַקטישע רעוואָלוציאָנערע טאָטן, אונטערשטיצנדיק מיט געלט די מענטשן פונעם בונד, די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די אַנאַרכיסטן פון יענער זייט ים, מיט אַנדערע ווערטער — צאָלנדיק אויסלייזגעלט פאַר זייער נשמה. און נישט נאָר פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן זיי געצאָלט אַ שטייער, נאָר אויך פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון די לאָקאַלע גוים. אַזוי שטיצט דער „פאָרווערטס" פּערמאַנענט די ענגלישע סאָציאַליסטישע פּרעסע און דורך דעם איז ער מכפר אויף זיינע „חטאים" — אויף דער סאָציאַליסטישער בלאָסקייט. אָבער עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אָט־די אויסלייזונג איז נישט בכוח צו זעטיקן די אמתע באַדערפעניש פון מעשים און די סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעטן זענען יעדעס מאָל שוואַכער און בלייכער געוואָרן. מיט דעם לאָזט זיך דערקלערן די אויסטערלישע דערשיינונג וואָס די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אין אַמעריקע האָט קיינמאָל נישט געהאַט מער פון פינף טויזנט מיטגלידער, כאָטש יאָר־יערלעך זענען געקומען אַהין טויזנטער יידן, געוועזענע סאָציאַליסטן אין אייראָפּע.

אָבער די מער נעגאַטיווע זייט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ, איז געווען איר נע־

גאַטיווע באַציאונג צום נאַציאָנאַליזם. עס האָט זיך געשטאַרקט די נייגונג צו אַסימילאַציע און צו נאַציאָנאַלער פאַרלייקענונג און עס איז געווען אַ ציני־שע באַציאונג צום ציוניזם און צו יעדער גרויסער און טייערער דערשיינונג ביי אונדזער פאָלק. דאָס איז געווען די פרוכט פונעם בונדישן איינפלוס און פון די אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן אינערהאַלב דער אייראָפּעאישער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. אין „פאָרווערטס“ האָט עקזיסטירט אַ שטרענגע צענ־זור פאַר יעדן אָנערקענונגס־וואָרט פאַרן ציוניזם.

אַן ענלעכע דערשיינונג, ווי מיר האָבן זי געזען אין אַמעריקאַנער סאָ־ציאַליזם, געפינען מיר אויך ביי דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג צווישן די אַמע־ריקאַנער יידן. די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט אַ קאַמף פאַר מענטשלעכע עקזיסטענץ־רעכט, פאַר נאַ־ציאָנאַלער און פאַר מענטשלעכער אָנערקענונג — אַ קאַמף וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט קרבנות — האָט אַנטוויקלט און פאַרמערט אין אירע טרעגער שטאַרקייט און רעוואָלוציאָנערישקייט. זי האָט זיך בעיקר געשטיצט אויף פאָלקסטימלעכקייט און אויף דער שטרעבונג צו אַליין־טעטיקייט. אָבער נישט אַזוי איז עס אין אַמעריקע. דאָ זענען נישט געווען קיין שום פרינציפּיעלע אויסערלעכע אָפּהאַלטן און עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז עס איז אויך נישט געווען קיין שום אויסערלעכע געפאַר פאַר נאַציאָנאַלער און ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אָבער גלייכצייטיק איז דאָ נישט געווען אין דער צייט, צו וועלכער מיר באַציען זיך, קיין געפיל פון אינערלעכער פאַרבינדונג צווישן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און צווישן די רעאַלע פאָדערונגען פון די אַמערי־קאַנער יידן. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן צווישן די ערשטע עמיגראַנטן צוליב פילאַנטראָפּישע מאָטיוון און אָט־די פילאַנטראָפּישע פאָרם האָט אָנגענומען נישט נאָר די פאָדערונג פון רעכט פאַר די רוסישע און רו־מענישע יידן, נאָר אויך די חיבת־ציון און דער פּאָליטישער ציוניזם. בלויז אין אויסנאַם־פאַלן האָט מען זיך דערהויבן איבער אָט־דעם געפיל און מען האָט אויך געטרוימט וועגן עליה און וועגן פערזענלעכער אָנשליסונג אין די רייען פון די פּאַקטישע בויערס פונעם לאַנד. מיט דעם איז דער אַמעריקאַ־נער ציוניזם געווען ענלעך צום ציוניזם אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, וועל־כער איז קיינמאָל נישט געווען עפּעס מער ווי הילף און שטיצע פאַר די „אומ־גליקלעכע ברידער“ פון מזרח־אייראָפּע. די אַמעריקאַנער ציוניסטן האָבן פאַר זיך אַליין נישט געפילט קיין באַדערפעניש אין ציוניזם און אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן, איז געווען אויסשליסלעך לטובת זייערע ברידער אין מזרח — „יוראָפּ“. יענע אומגליקלעכע ברידער־יידן ליידן, זאָל מען זיי נישט העלפן זיך צו ראַטעווען און צו באַפרייען פון דער רשעות? און אויב עס איז מעג־לעך זיי זאָלן עולה־זיין קיין ארץ־ישראל, איז דאָך אַוודאי גוט, און עס איז כדאי צו געבן נדבות פאַר דעם, און איינצואָרדענען פאַרזאַמלונגען און קאַמ־פּיינען (קאָלעקשאָנס בלע״ז) און אויך צו קויפן אַקציעס פון דער יידישער באַנק. און אויב איינער פון די יידן האָט זיך שוין געלאָזט מיטרייסן מיטן

אידעאַליזם — האָט ער געקויפט אַן „אחוזה", אָדער אַ „ווילה", אין איינער פון די קאָלאָניעס אין גליל אָדער יהודה.

מיט אַזעלכע אַנשויאונגען האָט מען זיך אָנגעטראָפן אין אַמעריקע אין דער ערשטער צייט און ביז איצט זענען זיי נאָך נישט פאַרשוווּנדן, אין דער צייט וועגן וועלכער מיר רעדן, פון צווישן געוויסע קרייזן פון די בירגערלעכע ציוניסטן. מיט דעם איז אַמעריקע ענלעך, ווי געזאָגט, צו די לענדער פון מערב־אייראָפּע. אָבער עס איז געווען אַן אונטערשיד: אין מערב־אייראָפּע האָבן נישט עקזיסטירט יענע אַרבעטנדיקע מאַסן וואָס שטעלן צוזאַמען דעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע זענען אין אַמעריקע יאָ פאַראַנען. דער גרעסטער טייל יידן אין אַמעריקע זענען דאָך געווען „אונדזעריקע", אַרבעטס־מענטשן, און ערשט מיט געציילטע יאָרן צוריק זענען זיי געהאַט געקומען נישט פון בערלין און נישט פון פּאַריז, נאָר פון די פּוילישע, ליטווישע, אוקראַאינישע, רומענישע און גאַליצישע געבענטשטע שטעט.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין אַט־דער פאָרם האָט זיך דער ציוניזם נישט געקענט עפענען אַ וועג צו די הערצער פון די פאָלקס־מאַסן. אין אויסלאַנד — אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן — זענען די אַמעריקאַנער ציוניסטן דערשינען איינמאָל אַ יאָר אָדער איינמאָל אין צוויי יאָר און דאָרטן זענען זיי פאַרשלונגען געוואָרן צווישן די „זייאָניסטן" און די „יאַהודים" פון די איבעריקע מערב־לענדער. און אין דער היים האָט זיך די באַוועגונג באַגרענעצט אויף אַן ענגן קרייז פון מערב־יידן, וועלכע האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ מין ספּאָרט און זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט געבן געלט־הילף פון צייט צו צייט פאַרן ציוניזם און פאַר די „קאָלאָניסטן". אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך עטוואָס פאַרבעסערט די לאַגע.

די ענדערונג איז געקומען אין די רייען פון פועלי־ציון. די ערשטע פועלי־ציון האָבן אַן צעגערונג אויפגענומען די צוויי גרונט־געדאַנקען: דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און דעם געדאַנק פון דער סאָציאַלער באַפריי־אונג, אָבער נישט זיי האָבן געזען און נישט זיי האָבן געזוכט אַ ספּעציעלן וועג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע אידעאַלן, אויסער יענע וועגן וואָס זענען געווען אָנגענומען צווישן די בירגערלעכע ציוניסטן, פון איין זייט, און צווישן די סאָציאַליסטן, פון דער אַנדערער זייט. אין דער ערשטער צייט זענען אַלזאָ אָנגענומען געוואָרן אַט־די צוויי געזעלשאַפטלעכע געדאַנקען אַזוי ווי זיי זענען געווען און זיי זענען איינגעשלאָסן געוואָרן ביידע אין דער באַלטימאָר־פּראָגראַם, נישט מורא האָבנדיק פאַר „שטענז", אָדער פאַר צו־זאַמענשטויסן און ווידערשטאַנדן צווישן זיי. אַט־אַזוי האָבן זיך די פועלי־ציון געפלייסט אַריינצובריינגען אין זייער אַרבעטס־פּראָגראַם די פאַרשפּריי־טונג פונעם שקל און פון די אַקציעס פון דער קאָלאָניאַל־באַנק, די אונטער־שטיצונג פאַרן „בצלאל" און די באַטייליקונג אין די טעטיקייטן פונעם קרן קימת פאַר דער אויסלייזונג פון דעם באָדן, אײנאײנעם מיט דער טעטיקייט פאַר דעם אַרבעטער־פאָנד. פון דער צווייטער זייט האָבן די פועלי־ציון אין

דער לאָקאַלער פּאָליטיק געשטיצט די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן צום אַמע־ריקאַנער קאָנגרעס, צו די לאָקאַלע ראַטן און צו די מוניציפּאַליטעטן, נישט שטעלנדיק קיין באַדינגונגען און נישט פרעגנדיק זיי וואָס פאַר אַ באַציאונג זיי האָבן צו דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם און צו דער פאָדערונג פון ארץ־ישראל. עס איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז אָט־די מעכאַנישע מזיגה, וועלכער עס האָט אויסגעפּעלט אַז אָרגאַנישער צוזאַמענבונד, האָט נישט געקענט זיך גוט איינגעבן. אָבער די זאַך האָט זיך געענדערט אין פּ א ר ל ו י ף פ ו ן ד ע ר צ י י ט.

די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון האָבן זיך נישט אויף לאַנג צופרידנגע־שטעלט מיט אָט־דער פּרימיטיווער מזיגה. זיי האָבן אָנגעהויבן אַ פּאַקטישע אַרבעט און זיי זענען געווען די ערשטע צו זוכן אַ פּראַקטיש אַרבעטס־פעלד פאַר זיך. זיי האָבן זיך באַמיט — און האָבן עס געפונען. זייער אויפגאַבע איז קודם־כל געווען אָפּצורייניקן די לופט אויף דער יידישער גאַס און די נישט ריינע לופט האָט זיך באמת געננויטיקט אין אַ רייניקונג: פון איין זייט איז דער אַסימילאַציע־גיפט טיף אַריינגעדרונגען אינעם פלייש פון דער מאַ־סע; די סאָציאַליסטישע פּרעסע, לויטן שטייגער פון דעם „פאָרווערטס", האָט אָנגעגריפן יעדן געדאַנק, וועלכער האָט אַרויפגעשטעלט אויף זיין פאַן דעם נאַציאָנאַליזם. די אַמעריקאַנער מענטשן געדענקען נאָך יענע צייט, ווען עס איז געלעגן אַ שטרענגער חרם אויף דעם באַגריף „ציוניזם" און אויף אַלץ וואָס שטאַמט פון דעם זעלבן. לויט מען האָט מיר דערציילט האָט, נאָך דעם ווי עס זענען אויסגעבראָכן די פּאָגראָמען אין קישינעוו און די אַמעריקאַנער יידן האָבן אויסגערופן אַ נאַציאָנאַלן טרויער און האָבן איינגעאָרדנט אַ פּראָ־טעסט־מאַניפעסטאַציע אין אָנדענק פון די געפאַלענע אין די פּאָגראָמען, זיך יענע צייטונג אָוועקגעשטעלט אָן אַ זייט און האָט זיך נישט געוואָלט באַ־טייליקן אין דעם פאָלקס־טרויער צוליב „קאָסמאָפּאָליטישע" מאָטיוון כביכול. אָט־דער מיאוסער שטריך, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער יידי־שער עפנטלעכקייט מיט אָפענער אָפּזונדערונג, איז געווען דער אָנהייב פון דעם דורכפאַל פון דער אַסימילאַציע. צוביסלעך זענען איבערגעריסן געוואָרן די שטריק פון דער אַבסאָלוטער הערשאַפט פון „גלית הפלישתי" אויף דער יידישער גאַס. ביים ענדע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער עטוואָס געענדערט דעם טאָן, ווייל ער איז דערצו געצוווּנגען געוואָרן דורך די שטאַרקע פאָדערונגען פון דעם לעבן. אָבער וויפל מי האָט עס געקאָסט אָט־דער זיג! עס איז נישט לייכט צו פאַרשטיין עס פאַר איינעם וואָס איז נישט באַהאַוונט אין דער אַמעריקאַנער סביבה.

דער קריג, וועלכן עס האָבן דערקלערט די פּועלי־ציון דער אַסימילאַציע אין אַמעריקע און וועלכן זיי האָבן געפירט מיט מוט און פלייס, נישט קוקנ־דיק אויף די באַגרענעצטע כוחות זייערע, האָט צום סוף געבראַכט צוגעפּאַסטע פּרוכטן. לאַנגזאַם האָט זיך דער פּאַרטיי איינגעגעבן צו מאַכן אַריינדרינגען אין דער אַרבעטער־געזעלשאַפט די צוויי לאָזונגען, וועלכע זי האָט אויסגע־

קריצט אויף איר פאָן: „אויב איך וועל מיר אַליין נישט העלפן — טאָ ווער וועט עס טאָן" און „אינגיכן וועסטו זיך דערוואָרבן דיין פרייהייט" — אין דעם באַוווסטזיין פון די ברייטסטע רייען פון דעם אַרבעטער־קלאַס — און דורך דעם צוצוגרייטן די הערצער אויפצונעמען דעם ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישן געדאַנק אין זיין גאַנצקייט.

דער קאַמף איז געגאַנגען אויף צוויי פראָנטן: פון איין זייט האָט מען געקעמפט מיט דער אָפענער אַסימילאַציע פון אונדזערע קאָסמאָפאָליטן און פון דער צווייטער זייט האָט מען פאַרטיידיקט מיט דער גאַנצער ענערגיע די דעמאָקראַטישע אינטערעסן פון דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. פון דאַנען נעמט זיך זייער קאַמף קעגן דער „באַלעבאַטישער" באַציאונג פון די פירערס פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע צו די פאָלקס־מאַסן פון דער „איסט סייד". און אויב נישט קוקנדיק אויף זייער קליינער צאָל האָבן די פועלי־ציון — נאָך דער שפּאַלטונג צוליב אוגאַנדאָ איז זייער צאָל נישט איבערגעשטיגן די דריי־פיר הונדערט מיטגלידער — באַוויזן איינצונעמען די הערצער פון די אַרבעטער און צום סוף זיך אַוועק־צושטעלן אָן דער שפּיץ פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, ווייניקסטנס אי־בערהאַלב דעם אַרבעטער־קלאַס, איז דאָס אויסשליסלעך צו פאַרדאַנקען דער איבערגעגעבנקייט, דער פלייסיקייט און דער אַרבעטס־פעאיקייט וואָס אָט־די גרופּע האָט אַנטוויקלט צווישן זיך אין משך פון אַ לאַנגער צייט מיט עקשנות און אויסדויער. אין גאַנג פון אָט־דעם פּראָצעס האָבן זיך אויך די פועלי־ציון אַליין געענדערט. דער סאָציאַליזם און דער ציוניזם, וואָס זענען אין אָנפאַנג געווען פאַרבונדן בלויז דורך אַ „פּערזאָנאַלער אוניע" האָבן זיך צוביסלעך צונויפגעשלאָסן און זענען געוואָרן איינס. זיי זענען שוין מער נישט געווען קיין צוויי אָפּגעזונדערטע וועלטן און זיי האָבן זיך צונויפגעגע־שמאָלצן אין איין צענטראַלן און אומפאַסנדיקן געדאַנק, דעם געדאַנק פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, וועלכער פאַראייניקט די טעטיקייט אויף אַלע גע־ביטן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און וועלכער וואַרפט זיין ליכט פון אַ העכערן שטאַנדפּונקט אויף אַלע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע פאָדערונ־גען פון דעם יידישן אַרבעטער, אַוועקשטעלנדיק פאַר אים אַ תכליתדיקן ציל און פאַרבינדנדיק זיין טאָג־טעגלעכע לעבנס־מלחמה מיט אָט־דעם ציל. בלויז דורך די באַמיאונגען און דורך דעם אינערלעכן קאַמף האָט דער ציו־ניסטיש־סאָציאַליסטישער געדאַנק דערגרייכט ביז צו דער קולמינאַציע פון זיין אַנטוויקלונג, ביז ער האָט געקענט פּראָקלאַמירן אַז דער יידישער אַר־בעטער האָט נישט קיין אַנדערן אמתן סאָציאַליזם, ווי יענעם, וועלכער לייזט צוזאַמען מיט דער קלאַסן־פראַגע אויך אונדזער נאַציאָנאַל פּראָבלעם; און מיר האָבן נישט קיין אַנדערן ציוניזם, נאָר דעם וואָס פירט צו דער געזעל־שאַפטלעכער באַפרייאונג דורך אונדזער זעלבסט־אַרבעט אויף פאַרבעסערטע געזעלשאַפטלעכע פונדאַמענטן.

אָט־די דערקענטעניש איז געקומען נישט אָן דעם איינפלוס פון דער

באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע און אין ארץ־ישראל. די עו־שטע האָט באַאײנ־פלוסט טעאָרעטיש און די צווייטע מיט איר לעבעדיקן ביישפּיל. דער יידי־שער אַרבעטער און שומר אין ארץ־ישראל זענען געשטאַנען פאַר די פּועלי־ציון אין אַמעריקע ווי אַ לעבעדיקער מוסטער און זיי האָבן געוועקט דאָס גע־פיל און דעם געדאַנק און זיי האָבן געשטאַרקט די דערקענטעניש, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז נישט געקומען בלויז פאַר די רוסישע און גאַלי־ציאַנער יידן, נאָר אויך פאַר זיי: פאַר דעם קערפּער און דער נשמה פון דעם יידישן אַרבעטער אין אַמעריקע. די קבוצות און די קאָאָפּעראַטיוון און די אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָבן באַלויכטן פאַר זיי מיט אַ צויבערדיקן ליכט דעם וועג צו די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שטרעבונגען.

עס איז אַנשטאַנען דער געדאַנק פון דעם „החלוץ" און דער הכשרה — די צוגרייטונג פאַר דער עליה פון יידישער יוגנט פון אַמעריקע מיטן צוועק צו אַרבעטן, צו פאַרשטאַרקן די מחנה פון די אַרבעטער און צוצוגרייטן דעם באָדן צום אויפבוי פונעם לאַנד אין גייסט פון אַרבעט און סאָציאַלער גלייכ־קייט. און אַפילו ווען די מלחמה האָט זיך נאָך נישט געענדיקט און די צייט פאַר דער עליה איז געווען נאָך אומבאַקאַנט און פאַרבאָרגן, איז די אָרגאַני־זאַציע־ און צוגרייטונגס־אַרבעט נישט אָפּגעלייגט געוואָרן, בכדי צו זיין גרייט פאַר עליה ווען די צייט וועט קומען באַלד נאָך דער ענדע פון דער מלחמה.

די מלחמה־יאָרן זענען פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמע־ריקע אויך געווען איבערגאַנגס־יאָרן פון פּאַסיוויטעט צו מער טעטיקייט, פון אַסימילאַציע צום נאַציאָנאַליזם. אין אָנפאַנג האָט אויפגעוואַכט די הילף־באַוועגונג פאַר די ליידנדיקע יידן אין די מלחמה־לענדער. די יידישע מאַסן אין אַמעריקע האָבן אויסגעשטרעקט זייער ברידערלעכע האַנט צו הילף זייערע ברידער פון יענער זייט ים און די קאָסמאָפּאָליטן האָבן דאָס מאָל געמוזט ענטפערן אמן צו דער אַלגעמיין יידישער הילפס־טעטיקייט; און נישט נאָר דאָס, נאָר זיי האָבן זיך אויך באַמיט צו פאַרנעמען פּלעצער אין דער אָנפי־רונג פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע; זיי האָבן אויך גענומען אויף זיך צו שטרייטן מיט די „גרויזאַמע ציוניסטן", וועלכע פירן אַרויס דאָס גאַנצע געלט אין „זייער" ארץ־ישראל, אַנשטאָט צו העלפן דעם כלל ישראל וואָס הונגערט אין רוסלאַנד און פּוילן. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס קאַ־פּיטל פון די קאָנגרעסן, דעם נאַציאָנאַלן און פּראַלעטאַרישן. צום ערשטן מאָל נאָך אַ געשיכטע פון דרייסיק יאָר, האָבן דערפילט די פירערס און סאַט־ראַפּן פון דער אַסימילאַציע, אַז זייער טראָן שאָקלט זיך און פאַלט אום אונ־טער זיי. די הויפּט־אָנפירערס פון די אַסימילאַנטן האָבן זיך טאַקע באַטייליקט אין דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער (ניו־יאָרק, אלול תרע"ה — 1915), אָבער זיי האָבן עס געטאָן געצוווּנגענערהייט, און דאָרטן איז קלאָר געוואָרן אַז ווען עס פאַראייניקן זיך די אַלע עלעמענטן צווישן די אַרבעטער, בלייבט מער נישט קיין פּלאַץ פאַר נאַציאָנאַלער פאַרלייקענונג

צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. עס זענען צעטרייסלט געוואָרן די „סדרי בראשית" (די אוראַלטע אָרדענונגען). אויך די אַסימילאַנטן צווישן די אַר־בעטער־פּירערס האָבן אויף יענער קאָנפערענץ גערעדט וועגן אַ נאַציאָנאַלער יידישער סטרייק־דעמאָנסטראַציע פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט. אין דערווירק־לעכקייט זענען אָט־די פירערס נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן איבער נאַכט אין נאַציאָנאַליסטן. עס האָבן זיך געפונען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן גע־פּרוווט אַביסל צו פאַרטושן די ארץ־ישראלדיקע פאָדערונג, באַשטימענדיק דעם פּלאַץ פון ארץ־ישראל צווישן גאַליציע און רומעניע, בכדי מען זאָל די זעלבע קענען פאַרשלינגען אומבאַמערקטערהייט, אָבער אָט־די שלעכטע טראַכ־טונג האָט זיי זיך נישט איינגעגעבן, און די פאָדערונג פון ארץ־ישראל איז אָנגענומען געוואָרן אויף יענער קאָנפערענץ אַלס ספּעציעלע פאָדערונג און דורך דעם איז אַרויסגעהויבן געוואָרן איר באַזונדערער פּלאַץ. הינטער יענער קאָנפערענץ זענען געשטאַנען, ווי עס האָבן עס אָנערקענט די אַסימילאַנטן אַליין, וואָסערע פינף הונדערט טויזנט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע, אַן ערשטע אין איר אַרט, דורך וועלכער דער יידישער אַרבעטער אין אַמעריקע האָט אַנטפּלעקט זיין נאַציאָ־נאַלן כאַראַקטער, אָן מורא און אָן פּחדנות.

די פירערס פון די אַסימילאַנטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אינעם קאָמיטעט און זענען נישט געווען איבעריק צופרידן פון דער פאַראייניקונג, האָבן ווייטער געלייגט שטרויכלונגען און שווערע אָפּהאַלטן אויפן וועג פון דער פאַרווירקלעכונג פון די נאַציאָנאַלע פּאָסטולאַטן וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ און די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן, די פּועלי־ציון און זייערע פאַרבינדעטע, זענען דעריבער געווען געצוווּנגען צוליב דעם זיך אָפּצוטיילן און אַרויסצוטרעטן פון דעם פאַראייניקטן קאָמיטעט. אָבער נאָך זייער אַרויסטריט האָבן זיי ווייטער אָנגעפירט זייער אַרבעט, זיי האָבן גערופן אַ צווייטע קאָנפערענץ פון אַרבעטער („סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קאָנפערענץ", ווינטער פון יאָר תרע"ז), וואָס אויף איר איז אָנגענומעז גע־וואָרן פולשטענדיק די פאָדערונג פאַר ארץ־ישראל. נאָך דעם אַלעמען איז גע־קומען דער אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל (זומער תרע"ח), מיט זיינע באַשלוסן אין נאָמען פון אַ פערטל מיליאָן יידישע אַרבעטער. אויף דעם יידישן קאָנגרעס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די אַסימילאַנטן פון ביידע עקסטרע־מען, די יאַהודים פון איין זייט און די „געגנאָסן" (אַזוי ווערן אָנגערופן די קאָסמאָפּאָליטישע אַסימילאַטאָרן פונעם פּראָלעטאַרישן לאַגער) פון דער צווייטער זייט. אָבער אויך דאָס האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן. נישט קוקנדיק אויפן חרם וואָס זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויפן יידישן קאָנגרעס, נישט קוקנ־דיק אויף דער פּראָפּאַגאַנדע וואָס זיי האָבן געמאַכט קעגן אים, זענען צענד־ליקער און הונדערטער טויזנטער אַרבעטער געגאַנגען צו די שטים־קאַסטנס און צום סוף האָבן אויך די לידערס אַליין געמוזט אָוועקלייגן זייער געווער און זיך אונטערגעבן דעם יידישן קאָנגרעס. אָט־די אַלע זיגן פון דעם נאַציאָ־

באַלן געדאַנק זענען דערגרייכט געוואָרן נישט אָן דער פעסטער טעטיקייט פון די פועלי־ציון און זייערע פאַרבינדעטע.

די דערפאָלגן פון דעם פועלי־ציוניזם אין אַמעריקע ווערן קלאָר נישט בלויז דורך אויסערלעכע מאָטיוון. דער געדאַנק פון זעלבסט־הילף האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון הילף דורך אונטערשטיצונג און אין דעם מאָמענט ווען די פועלי־ציון האָבן פּראָקלאַמירט די שאַפונג פון אַ פאָנד פון פערציק טויזנט דאָלאַר, האָבן זיי אָנגעהויבן מיט אַ זעלבסט־באַשטייערונג, פאַר וועלכער זיי אַליין האָבן זיך פריער פאַרפליכטעט.

ווי עס איז דערקלערט געוואָרן אויבן, זענען די פועלי־ציון אין פאַרלויף פון דער צייט געוואָרן ציוניסטן און סאָציאַליסטן צוזאַמען און איין אידייע האָט נישט געמינערט די אַנדערע אַפילו אויף קיין האָר. אין דער נייער עפּאָכע האָבן די פועלי־ציון זיך פאַרנומען צו שאַפן אין אַמעריקע אַ פּאַרייניקטן פראָנט פון דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם. אָט־אַזוי זענען דערשינען אונדזערע חברים אין אַמעריקע אַלס סאָציאַליסטן אין דער ציוניסטישער אַרבעט, אַוועקשטעלנדיק אַ קלאָרע ארץ־ישראלדיקע אַרבעטס־פּראָגראַם. זייער ערשטע אַקציע איז געווען צו זאַמלען אונטערשריפטן פאַר אַן אַלגעמיינער פּעטיציע לטובת דער פאָדערונג פאַר ארץ־ישראל. אינאיינעם מיט דעם האָבן זיי געזאַמלט אונטערשריפטן ביי אַלע יענע מענטשן וואָס האָבן געוואָלט און געשטרעבט צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניזם אויף יסודות פון געזעלשאַפטלעכער גלייכקייט און דעמאָקראַטיע אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון דער אַרבעט. יעדע אונטערשריפט פון דעם מין האָט פאַרפליכטעט דעם אונטערשרייבער צו אַן אָפּצאָל פון 25 סענט, דער פּרייז פון דעם פועלי־ציוניסטישן שקל. אינאיינעם מיט דעם איז צוגעגרייט געוואָרן אַ דעטאַלירטער פראַגע־בויגן פאַר אַלע יענע וואָס האָבן געוואָלט עולה זיין קיין ארץ־ישראל און די עולים האָבן אָנגעהויבן זיך איינצואָרדענען, מיט דער הילף פון דער פּאַרטיי, אין קבוצות לויט זייערע פאַכן.

פון דער צווייטער זייט זענען די פועלי־ציון דערשינען אינעם שטאַטלעכן לעבן אַלס יידישע סאָציאַליסטן. זיי, וואָס האָבן זייגערצייט געשטיצט אַ סאָציאַליסטישן דעלעגאַט צום אַמעריקאַנער קאָנגרעס, נישט שטעלנדיק אים קיין שום באַזונדערן באַדינג, האָבן פון אים איצט געפאָדערט אויפקלערונגען וועגן זיין באַציאונג צום ציוניזם און זיין פאַרווירקלעכונג און אויב זיי האָבן געפונען זיינע אויפקלערונגען פאַר נישט פּאַסיק און גענוגנדיק, זענען זיי קעגן אים אַרויס אָפן און עס האָט זיך זיי אָפּט איינגעגעבן אים צו מאַכן פאַרלירן.

די וואַכזאַמקייט און רעוואָלוציאָנערישקייט פון דער פּאַרטיי פועלי־ציון אין אַמעריקע זענען באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק דורך דער באַוועגונג פאַר ן יידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. דער קאָנגרעס איז שוין געהאַט דערגאַנגען ביז צום ראַנד פון אַן אָפּגרונט. די אַסימילאַטאָרישע יאַהודים און די גענאָסן זענען געווען קעגן

אים און אויך די ציוניסטן האָבן זיך צוריקגעצויגן, לויט עפּעס אַ באַפעל פון אויבן, און זיי האָבן אים געוואָלט אָפּשטופּן אין דער אומענדלעכקייט אַריין אויס מורא טאָמער וועט דער נייער און וויכטיקער אַנשטאַלט פאַרנעמען אין זיין האַנט די גאַנצע מאַכט אין דער פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניזם און די גאַנצע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט פולשטענדיק איבעריק ווערן.

נאָך פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, זענען געווען אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד אייניקע דעקלאַראַציעס וועלכע זענען געווען פאַר די רעכטן פונעם פאָלק ישראל אויף זיין לאַנד. אויף דער באַקאַנטער אַרבעטער־קאָנפערענץ וואָס איז פאָרגעקומען אין מינעאַפּאָליס (זומער פון יאָר תרע״ז — 1917), איז דערשינען דער מיטגליד פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, ד״ר נחמן סירקין ז״ל, מיט אַ פאָדערונג אויף ארץ־ישראל פאַר די יידן. אָט־די פאָדערונג איז אָנגענומען געוואָרן און ד״ר סירקין אינאיינעם מיט ש. גאָמפּערסן, דעם גרינדער און מנהיג פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן זיך פּרעזענטירט פאַר דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וודראָ ווילסאָן, און זיי האָבן צוגעשטעלט צו אים אָט־די פאָדערונג שריפטלעך. דאָס איז געשען נאָך זומער פון יאָר תרע״ז — לערך אַ האַלב יאָר פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אַ צווייטן מאָל איז אָנגענומען געוואָרן אונדזער פאָדערונג דורך די פאַרטרעטער פון די ענגלישע אַרבעטער, אויך נאָך פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אַ דריטן מאָל איז אָנגענומען געוואָרן אונדזער פאָדערונג אויף דער קאָנפערענץ פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטס־פעדעראַציע (אַמעריקען פעדערייששאַן אָף לייבאָר) ביים סוף פונעם ווינטער תרע״ח (1918) אין דער שטאָט בופאַלאָ.

די פּועלי־ציון זענען געווען די ערשטע איינצואָרדענען ברייט־פאַרנעמיקע פּראָטעסטן, מיט צענדליקער טויזנטער באַטייליקטע, אין אַלע עקן פונעם לאַנד און אָנצופאַנגען יענע אַקציעס פאַר ארץ־ישראל, וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט — די אָרגאַניזאַציע פון „החלוץ״, די איינבאַרופונג פון דעם אַרבעטער־קאָנגרעס, די פאַרשפּרייטונג פון די פּועלי־ציוניסטישע שקלים און די פאַרשרייבונג פון יידן פאַר דער עליה קיין ארץ־ישראל. זיי זענען אויך געווען די ערשטע צו איינאָרדענען דעם יידישן לעגיאָן אין אַמעריקע און צו געבן די מערהייט פון די אַקטיווע פרייוויליקע. עס איז שווער איבערצוטרייבן אין דער אָפּשאַצונג פון אָט־דער רעגיסטראַציע. דער מענטש וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן אויף דעם פראַגע־בויגן פון עליה, איז געווען גע־גליכן צו איינעם וואָס האָט אונטערגעשריבן אַ מאָראַלישע פאַרפליכטונג פערזענלעך עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. פון דעם מאָמענט אָן האָט ער זיך געדאַרפט רעכענען אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן מיט אָט־דער דעקלאַראַציע און ווען ער האָט באַדאַרפט אָננעמען אַ שטעלע, דינגען אַ דירה, קויפן מעבל, אָדער זיך פאַרבינדן מיט משפחה־באַנדן, האָט זיך יענע פאַרפליכטונג נישט אָפּגעטאָן פון פאַר זיינע אויגן.

וויכטיקער פון דעם איז נאָטירלעך געווען די פּריוויליקע אָנמעלדונג אינעם לעגיאָן. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די אַמעריקאַנער יידן זענען געווען געצוווּנגען דורכן געזעץ זיך צו מאָביליזירן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און עס איז געווען פאַרבאָטן פאַר די אַמעריקאַנער בירגער (אָדער אויך פאַר די האַלבע בירגער, אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט די ערשטע פּאַפּירן) זיך צו מעלדן פּרייוויליק אין אַן אַנדערן מיליטער; אַ סך פון די ציוניסטן האָבן טאַקע מורא געהאַט זיך צו מעלדן אין פּאַלעסטינער מיליטער, טאָמער וועלן זיי אָנווערן זייערע בירגער־רעכטן. די צאָל פון די יידן וואָס האָבן זיך געמעלדעט פּרייוויליק און זענען מאָביליזירט געוואָרן אונטער דער אַמעריקאַנער פאָן איז דערגאַנגען ביז צו הונדערט טויזנט מאַן, און פון יענע וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אין יידישן לעגיאָן איז די צאָל געווען פינף טויזנט און פון זיי זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין וואָסערע צוויי טויזנט פינף הונדערט און דער רעשט זענען אומגעקערט געוואָרן פונעם וועג צוליב דעם וואָפן־שטילשטאַנד, וועלכער איז אינצווישן פאָרגעקומען. אין אָט־די באַדינגונגען האָבן די פּרייוויליקע באַוויזן, אַז די אַמעריקאַנער יידן האָבן אָנגע־הויבן אויפצונעמען דעם ציוניסטישן געדאַנק נישט ווי אַ פילאַנטראָפּישע באַוועגונג, ווי אַ הילף פאַר אומגליקלעכע ברידער וואָס ליידן אין מזרח־איראָפּע, נאָר ווי אַ געזונטע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, און אַז פון איצט אָן איז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום גרייט זיך צו באַטייליקן אין אָט־דער באַ־וועגונג נישט נאָר דורך געלט־זאַמלונגען, נאָר אויך דורך דער צושטעלונג פון אַ שאַפנדיקן און קעמפנדיקן מענטשן־מאַטעריאַל. אָט־די מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן צו זען אין ארץ־ישראל דאָס לאַנד פון זייער צוקונפט, פּונקט אַזוי ווי עס האָבן עס געזען די אַרבעטס־חלוצים, וועלכע זענען עולה געווען פון רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע און תימן.

און אָט־דער געדאַנק, ווען אַפשטאַם איז פון מזרח און ער איז נאָך בלויז מיט פינף יאָר צוריק געווען אין אַמעריקע אייגן בלויז פאַר אַ רעדו־צירטער גרופּע, האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אינעם באַוווּסטזיין פון הונ־דערטער טויזנטער אַרבעטער. דער ערשטער אַרבעטער־קאָנגרעס (זומער פון תרע״ח) איז געווען דעמאָנסטראַטיוו. מיר זענען געווען זיכער, אַז דער צווייטער, קומענדיקער אַרבעטער־קאָנגרעס ביים סוף פון דער וועלט־מל־חמה, וועט מוזן זיין אַ פּראַקטישער. ער וועט דאַרפן שאַפן די פּאַקטישע כוחות און אינסטרומענטן, וועלכע וועלן העלפן צו פאַרווירקלעכן אונדזער געזעלשאַפטלעכע פּראָגראַם אין ארץ־ישראל, די אַרבעטער־באַנק און די אַי־בעריקע גרויסע אַנשטאַלטן וואָס זענען נויטיק פאַר אונדזער זעלבסטשטענ־דיקער אַרבעט אין לאַנד. די אַרבעטער־געזעלשאַפט פונעם לאַנד און פונעם אויסלאַנד וועט זיי גרינדן און זי וועט זיי נעמען אין אירע הענט אַריין, בכדי זיי אונטערצוּוואַרפן די אַרבעטס־אינטערעסן אין ארץ־ישראל.

און אויף דעם האָבן מיר געוואַרט ביים ענדע פון דער מלחמה נישט נאָר אינעם לאַנד, נאָר אויך די צענדליקער טויזנטער פון אונדזערע אַרבע־

טער־ברידער אין די ווינקעלעך פון צפון און פון מערב און אונדזערע חברים ביי די טייכן דניעפּר און וואָלגאַ און פון אַלע איבעריקע לענדער האָבן אויף דעם געוואָרט. ווייל כמעט אומעטום איז צייטיק געאָרן דער באַוווסטזיין, אַז עס איז שוין געקומען די שעה פאַר דער זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט פון דעם שעפערישן קלאַס פונעם פאָלק, וועלכער טראָגט אויף זיך דעם יאָך פון דער אַרבעט און די צוקונפט פון זיין פאָלק. און עס איז נישט פאַראַנען קיין זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט אָן זעלבסטשטענדיקע אַרבעטס־אַנשטאַלטן, אָן ערנסטע אַפּאַראַטן, וועלכע געפינען זיך אין באַזיץ פון דער אַרבעטער־געזעלשאַפט.

די באַוועגונג פון פריוויליקער מאָביליזאַציע אין די יידישע לעגיאָנען אין אַמעריקע

אין אָנהויב פונעם יאָר תרע״ח זענען פאָרגעקומען צוויי וויכטיקע געשעענישן וואָס האָבן געענדערט דעם גייסטיקן מצב: פון איין זייט די באַלפור־דעקלאַראַציע און פון דער צווייטער זייט דער אַריינטריט פון אַמעריקע אין דער מלחמה. אָט־די צוויי זאַכן האָבן געגעבן אַ שטאַרקן שטויס פאָרויס דער פאַרשפרייטונג פון דעם ציוניסטישן און נאַציאָנאַלן געדאַנק צווישן די אַמעריקאַנער יידן. פון איין זייט, האָט דער יידישער אַרבעטער אָנגעהויבן זיך צו זאַמלען אַרום דעם יידישן געדאַנק; עס זענען געגרינדעט געוואָרן „נאַציאָנאַלע״ אַרבעטער־קאָנפערענצן, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט נישט נאָר דאָס הייפל אַרבעטער, וואָס האָבן געשוואָרן טרייהייט דעם ציוניזם און דער פועלי־ציון, נאָר אויך פראָפעסיאָנעלע, פּאָליטישע און קאָאָפעראַטיווע קעגנזייטיקע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געשטאַנען אַלע יאָרן אין דער זייט פונעם ציוניזם און איצט איז ביי זיי פאָרגעקומען אַ געוואַלדיגע ענדערונג און זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו נויגן צום געדאַנק פון דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן דער געדאַנק וועגן אַן אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַמעריקאַנער יידן, וועגן דער אָרגאַניזירונג פון אַ יידישן אַמעריקאַנער קאָנגרעס. אַ באַזונדערע צייטונג האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין נאָמען פונעם פאַראייניקטן יידישן קאָמיטעט אונטערן נאָמען „דער יידישער קאָנגרעס״. אויפן פראָנט פונעם יידישן קאָנגרעס האָבן מיטגעווירקט אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי ב. סירקין, ח. זשיטלאָווסקי, ב. באָראָכאָוו (פאַר זיין פאַרלאָזן אַמעריקע), יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי איש הורוויץ, פּ. רוטענבערג און נאָך אַנדערע ערשט־ראַנגיקע פערזענלעכקייטן. אין אַלע יענע אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען, סיי אין די אַלגעמיין־יידישע, ווי אויך אין די ספּעציעל אַרבעטאָרערישע, האָבן די פועלי־ציון פאַרנומען אַ פּלאַץ אָן דער שפּיץ און די באַטייליקונג פון אונדז, די דעפּאָרטירטע פון ארץ־ישראל, איז געווען די אַקטיווסטע און איינפלוסרייכסטע.

גאָר אינגיכן האָבן דערגרייכט צו אונדז ידיעות אויך וועגן דעם אָנפאַנג פון דער דעראָבערונג פונעם לאַנד דורך די ענגלענדער, גאַנץ באַזונדערס וועגן דעם איינגעמען פון ירושלים. די גייסטיקע דערוואַכונג אין דער יידישער געזעלשאַפט איז געווען אַ מעכטיקע. עס האָט זיך אָנגעהויבן די פריוויליקע מאָביליזאַציע פאַר די יידישע לעגיאָנען. טויזנטער יידישע

יוגנטלעכע האָבן זיך געאײלט צו פאַרשרײבן און די עליה אין לאַנד אַרײַן אין דעם כאַקי־מונדיר איז געװאָרן אַ פּאָפּולערער לאָזונג אינערהאַלב פון דער געזעלשאַפט. עס איז װערט דאָ אונטערצושטרײַכן, אַז די פרײַװיליקע מאָבי־ליזאַציע אין אַמעריקע איז נישט געשטאַנען אין אַ דירעקטער פאַרבינדונג מיט דעם לעגיאָן װאָס זשאַבאָטינסקי האָט מאָביליזירט אין ענגלאַנד און אויך נישט מיט דעם פרײַװיליקן לעגיאָן אינעם לאַנד גופא, װאָס בײדע זענען אויפגעקומען אויך בערך אין יענער צײַט.

נאָך בײַם אָנהײב פון דער מלחמה איז געקומען פּנחס רוטענבערג פון איטאַליע קײן אַמעריקע. ער איז געװען אײנער פון יענע יחידים, װאָס האָבן פאַרלאָזט די אַסימילאַציע און זענען דערגאַנגען צום נאַציאָנאַליזם אויף אַ זײער אָריגינעלן װעג. ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אויף רוסיש אַ בראָשור װעגן דעם ציוניזם. ער איז געקומען צו דעם געדאַנק פון דער אויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק אין זײַן לאַנד דורך דער װירקלעכקײט, מיט זײַן אײ־גענעם כוח, נישט באַדאַרפנדיק אַפילו אָנקומען צו די ביכער פון פּינסקער, אָדער הערצל. אײן קאַפּיטל פון זײַן בראָשור איז געװען געװידמעט דער פּראָבלעם פונעם יידישן לעגיאָן, אָבער די אַרויסגעבער האָבן אַרויסגעלאָזן יענץ קאַפּיטל צוליב טאַקטישע מאָטיװן. אָט־די בראָשור איז אויך אין אַ צײַט אַרום דערשינען אויף העברעאיש.

עס זענען דעמאָלט געװען צװישן די יידן זײער אַ סך קעגנער פונעם געדאַנק װעגן דעם לעגיאָן. דער הויפּט־מאָטיװ איז געװען װאָס ענגלאַנד איז פאַרבונדן מיט דער צאַרישער רוסלאַנד און דער ענגלישער זיג װעט אויך זײַן דער זיג פון דער רוסישער רעגירונג, װעלכע קען זיך אויסשפּרײטן אי־בער דעם גאַנצן נאָענטן מזרח. בלויז יחידי סגולה זענען געװען פאַר אונד־זער באַטײליקונג אַלס יידן אין אָט־דער מלחמה אויף דער זײַט פון ענגלאַנד. צװישן יענע װעל איך דערמאָנען בער באָראָכאָװ, ד״ר נחמן סירקין, ד״ר חיים זשיטלאָװסקי, פּראָפ. נחום סלושטש, קריטשמאַר־יזרעאלי. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען װאָסערע צװײ יאָר פאַר דער גרינדונג פון די לעגיאָנען. באַזונדערס מוז איך דאָ אַקצענטירן די ראָל פון דער פּאַרטײ פּועלי־ציון, װעלכע איז געװען די ערשטע אויפצונעמען רוטענבערגן און זײַן געדאַנק און אים צו אונטערשטיצן געזעלשאַפטלעך און מאָראַליש. עס איז טאַקע נאָך נישט מעגלעך געװען צו רעדן אָפן, אָבער די פּאַרטײ האָט שוין אײַנגע־אָרדנט די אינערלעכע אָנקעטע צװישן אירע מיטגלידער: װאָס װעלן מיר טאָן אין פאַל עס װעט זײַן אַ נויטװענדיקײט אין אַ יידישן לעגיאָן? — און דער אָפּרוף איז געװען אַ פּאָזיטיװער. פון דעמאָלט אָן איז די פּאַרטײ גע־שטאַנען אויף דער װאַך און װען עס איז אָנגעקומען די ריכטיקע שעה, האָבן אַרײַנגעשטראָמט הונדערטער חברים אין די רײען פון די פרײַװיליקע פאַרן לעגיאָן.

נאָך דער אויפלײזונג פון דעם גאַליפּאָלי־לעגיאָן (אָנטרײבערס פון מויל־

אייזלען) האָבן זיך די חברים אָנהענגער פונעם יידישן לעגיאָן נישט מיאש געווען און נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דער באַזעצונג פון ירושלים דורך די ענגלענדער, איז די פראַגע געלייזט געוואָרן פון זיך אַליין: דער לעגיאָן איז אויפגעשטעלט געוואָרן און ער האָט עקזיסטירט. אין צענטער פונעם אויפטו פונעם אַמעריקאַנער לעגיאָן זענען געשטאַנען אונדזערע חברים פון ארץ־ישראל, וואָס זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, און די מיטגלידער פון „החלוץ" וואָס מיר, בן־גוריון און איך, האָבן געגרינדעט ווי עס איז אויבן דערציילט געוואָרן; צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַ סך מיטגלידער און נאָענטשטייענדיקע פון דער פּאַרטיי. ווי עס איז אויבן איבערגעגעבן געוואָרן, האָבן די מיטגלידער פון „החלוץ" געשטרעבט עולה צו זיין אין לאַנד אַריין אונטער אַלע באַדינגונגען. די צאָל פון די אָרגאַניזירטע חברים אין „החלוץ" האָט באַטראָפן וואָסערע הונדערט פופציק מאַן, אויסער די חברות, וועלכע זענען צו יענער צייט נישט אָנגענומען געוואָרן אַלס פרייוויליקע אינעם מיליטער. דער לעבעדיקער גייסט פון דער גאַנצער פרייוויליקער מאָביליזאַציע־באַוועגונג אין אַמעריקע איז געווען די פּאַרטיי פּועלי־ציון. אירע בעסטע חברים זענען אַריינגעטראָטן אין דעם לעגיאָן און צווישן זיי אַ צאָל פון יענע וואָס זענען געשטאַנען אָן דער שפּיץ: זאב (וועלוול) שוואַרץ, דער חבר אברונין, פנחס גינגאָלד און נאָך. פון די ארץ־ישראלדיקע חברים זענען געווען העכער הונדערט מאַן.

די כוואַליע פון דער פרייוויליקער מאָביליזאַציע האָט געמאַכט אַן ענדע צו דער אָרגאַניזירונג פון „החלוץ", אָבער עס באַדאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז די ערשטע פון די טויזנטער פרייוויליקע זענען געווען די הונדערט פופציק חברים פונעם אַמעריקאַנער „החלוץ" און נאָך צענדליקער פון די פּאַרטיי־בענע פון ארץ־ישראל, וואָס זענען געווען אין אַמעריקע.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די פרייוויליקע מאָביליזאַציע אין אַמעריקע האָבן מיר געוווסט, אַז אין ענגלאַנד איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער לעגיאָן, אָבער מיר האָבן נישט געהאַט מיט אים קיין נאָענטן קאָנטאַקט, ווייל די פּאָסט־פאַרבינדונג צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד איז געווען זייער שוואַך צוליב דער דייטשער ים־בלאָקאַדע. דער אַמעריקאַנער לעגיאָן איז געבוירן געוואָרן איידער די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה אַריין און אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען צו קומען אין קאָנטאַקט מיט זשאַבאָטינסקין, וועלכער האָט מאָביליזירט אין יענער צייט דעם יידישן לעגיאָן אין ענגלאַנד, האָבן זיך נישט איינגעגעבן. וואָס אָנבאַלאַנגט ארץ־ישראל, איז ביי אונדז נישט געווען אַפילו קיין שאָטן פון אַ צווייפל אַז דאָרטן איז פאַראַנען אַ באַוועגונג פון פרייוויליקער מאָביליזאַציע, ווייל מיר האָבן גוט געקענט די שטעלונג און די אָנשויאונג פון אונדזערע חברים אין אָט־דער פראַגע. מיר זענען געווען זיכער אין דעם, אַפילו ווען עס דערגרייכן נישט צו אונדז קיין ידיעות. פּאַקטיש האָב איך מיך

אַנגעשטויסן דורך אַנוונקן אין די בריוו פון רחל און דורך אַפּגעריסענע ווערטער אין דער פּרעסע פון די נייטראַלע לענדער (שטאָקהאָלם און אַזוי ווייטער), אַז אין דער ווירקלעכקייט פּיקן זיך אויס יידישע לעגיאָנען אויך אינעם לאַנד.

פון קאַנאַדע, זענען מיר, די פרייוויליקע, אַריבערגעפירט געוואָרן גרופּעסווייז אויף שיפן קיין ענגלאַנד.

צוליב אונדזער אָפּגעריסנקייט אין אַמעריקע, זענען מיר געווען געצוווּנגען פעסטצושטעלן די נאָרמען לויט אונדזער אייגענער מיינונג. דער מאָביליזאַציע־קאָמיטעט, אין וועלכן מיר האָבן זיך באַטייליקט, איז געקומען צו דער ענגלישער רעגירונג, דורך דער פאַרמיטלונג פון דער ניו־יאָרקער גענעראַלשטאַב, מיטן פאַרשלאַג פון פיר באַדינגונגען: א) עס זאָל בלייבן עקזיסטירן אַ יידישע איינהייט, וואָס זאָל נישט צעשפּרייט ווערן צווישן אַנדערע רעגימענטן; ב) די מאָביליזאַציע זאָל געמאַכט ווערן דווקא פאַר דעם פראָנט אין ארץ־ישראל; ג) עברית דאַרף זיין די קאָמאַנדאָ־שפּראַך; ד) עס דאַרפן זיין יידישע אָפּצייכענונגען, צום ביישפּיל אַ פאָן, אָפּצייכענונגען אויף די היטלען, אַרבל א.א.וו.

דאָס מאָל איז געווען די לאַגע אַנדערש ווי דעמאָלט ווען עס איז מאָביליזירט געוואָרן דער גאַליפּאָלי־לעגיאָן. ענגלאַנד האָט זיך שוין געפונען דאָס פערטע יאָר אין קריג און איצט האָט זי זיך געגרייט צו פאַרעפנטלעכן די דעקלאַראַציע וועגן דער גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים. אונדזערע באַדינגונגען זענען אָנגענומען געוואָרן און מיר האָבן באַלד אָנגעהויבן אונדזער טעטיקייט, נישט קוקנדיק אויף די אונטערגראָבונגס־פּרוון פון די קעגנער. די ערשטע גרופּן פון פרייוויליקע האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער עפנטלעכקייט. זיי זענען געשיקט געוואָרן דורך דער בריטישער גענעראַלשטאַב קיין קאַנאַדע. מיר האָבן געעפנט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פרייוויליקער אָנמעלדונג. לויט אַ שאַצונג האָבן זיך פאַרשריבן אין אַמעריקע אין דער מאָביליזאַציע־תקופה לערך זעקס טויזנט פינף הונדערט מאַן. מיר האָבן געקענט מאָביליזירן אַ סך מער, ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג וואָלט נישט געווען פאַרבאָטן אירע בירגער זיך צו באַטייליקן אין נישט־אַמעריקאַנער רעגימענטן. עס זענען אונדז געבליבן, אַלזאָ, בלויז יענע וואָס האָבן זיך נאָך נישט איינגעבירגערט, אָבער פילע אין אַמעריקע געבוירענע יוגנטלעכע האָבן פאַרציכטעט אויף זייער בירגערשאַפט, בכדי זיך צו באַטייליקן אינעם יידישן לעגיאָן. צווישן די פרייוויליקע זענען געווען פאַרשידענע מענטשן, אַזעלכע מיט הויכער בילדונג און אויך איינפאַכע פאָלקסמענטשן. אין אַלגעמיין איז די קוואַליטעט פון די פרייוויליקע געווען צופרידנשטעלנדיק. אַ סך זענען געווען דערצויגן אין יידישן נאַציאָנאַלן גייסט, אָבער עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט געקענט אַפילו די צורה פון אַ יידישן אות און זיי האָבן קיינמאָל נישט געהערט וועגן ארץ־

ישראל. אָבער דאָס האָבן אַלע געוווסט: „מיר גייען קעמפן פאַר אונדזער לאַנד".

אויף מאָרגן נאָך שבועות, ח' סיון תרע"ח, בין איך אַוועקגעפאָרן פון ניו־יאָרק קיין סאַן דזשאָן און פון דאָרטן אין דעם געניטונגס־לאַגער אין ווינדזאָר, אין קאַנאַדע.

אין קאַנאַדע האָבן מיר באַקומען די ערשטע מיליטערישע געניטונגען אין ווינדזאָר און אין דער פעסטונג פון האַליפאַקס, און פון דאָרטן זענען מיר אַריבערגעפירט געוואָרן גרופּעסווייז אויף שיפן קיין ענגלאַנד. דער וועג איז געווען פול מיט געפאַרן צוליב די פיינטלעכע אונטערוואַסער־שיפן, וועלכע האָבן געלאָקערט אויף די אַליאירטע שיפן און האָבן יעדן טאָג דער־טרונקען פון זיי. די קליינע טראַנספאָרטן פון קאַנאַדע האָבן באַגלייט קריגס־שיפן און פון ענגלאַנד פלעגן אַרויסגיין אַנטקעגן זיי אַנדערע קריגס־שיפן. דאָס מזל האָט אונדז צוגעשפּילט און מיט די שיפן וואָס האָבן געפירט אונד־זערע פרייוויליקע האָט זיך נישט געטראָפן קיין אומגליק.

אין ענגלאַנד האָט אונדז איבעראַשט די באַציאונג פון די יידן צו די לעגיאָנען. דאָרט איז די מאָביליזאַציע געווען אַ פליכט און אויף די פריי־וויליקע פון אַמעריקע האָט מען געקוקט ווי אויף משוגעים. אַ סך פון די יידן וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן אין ענגלאַנד האָבן נישט געוואָלט דינען אין מיליטער און זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון אָנצוטאָן דעם אוניפאָרם, טאָמער וועט מען אויף זיי אַרויפצווינגען די מיליטערישע דיסציפּלין און זיי וועלן זיך מער נישט קענען באַפרייען. און אָט — זענען אָנגעקומען יידן פון אַמעריקע, וועלכע זענען נישט געווען פאַרפליכטעט צו דינען אין מילי־טער און זיי האָבן זיך פרייוויליק געמעלדעט דערצו. אָט־די זאַך האָט זיי שטאַרק פאַרוווּנדערט. אַ גרויסע דיסקוסיע האָט זיך דעמאָלט געפירט צווישן אונדז און צווישן די ענגלישע יידן. דאָס אָנקומען פון די אַמעריקאַנער פרייוויליקע, און די ארץ־ישראלדיקע צווישן זיי (ביז מיט זומער 1918 זענען אָנגעקומען פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל וואָסערע 2000 פרייוויליקע), האָט באַאיינפלוסט צום גוטן די יידישע עפנטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד. דער אונטערשיד צווישן די יידישע לעגיאָנען, דעם אַמעריקאַנער און דעם ענג־לישן, האָט זיך גענומען פון דעם וואָס דער ערשטער איז געווען אַ רעזולטאַט פון פרייוויליקייט און דער צווייטער פון פליכט־מאָביליזאַציע. די מערהייט פון די מאָביליזירטע אין ענגלאַנד זענען געווען צוריקגעשטאַנען אין זייער אַנטוויקלונג אין פאַרגלייך מיט די אַמעריקאַנער פרייוויליקע. די גרעסטע מערהייט פון זיי האָט נישט ספּעציעל אינטערעסירט דעם ארץ־ישראל־פראָנט און זיי האָבן זיך באַמיט אָפּצולייגן זייער אַרויספאָר. ווען מיר זענען ענד־לעך געצוווּנגען געוואָרן זיך אַ ריר צו טאָן, האָבן פילע פון די ענגלישע מאָביליזירטע זיך געטרייסט מיט דעם וואָס דער עגיפּטישער פראָנט איז ווייניקער געפערלעך פון דעי פראַנצויזישן. אָבער פון מיליטערישן שטאַנד־פּונקט האָבן זיך די יידישע זעלנער פון ענגלאַנד בעסער אויסגעצייכנט פון

די אַמעריקאַנער. זייענדיק אונטערוועגס, האָבן מיר איינגעאָרדנט אַן אַנ־קעטע צווישן די אַמעריקאַנער וועגן דעם וואָס עס האָט בדעה זיך צו באַזעצן אין לאַנד. וואָסערע 70 פּראָצענט פון זיי האָבן געענטפערט פּאָזיטיוו און מען דאַרף באַשולדיקן דעם קאָמיטעט פון דעפּוטאַטן (ועד הצירים, וועלכער איז געווען פריער פון דער לייטונג פון דער יידישער אַגענץ), אַז ער האָט נישט געוווסט אָפּצושאַצן ווי עס געהער צו זיין די שטרעבונג פון די אַמע־ריקאַנער צו פאַרבלייבן אין לאַנד. דער סוף איז געווען, אַז דריי פערטל פון זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרענדיקט זייער דינסט, צוליב מאַנגל אין זאָרג און אויפמערקזאַמקייט פאַר זייער איינאָרדענונג אין לאַנד.

איך וועל נישט פאַרגעסן די נאַכט פון מוצאי תשעה־באב, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דעם לאַגער אין אייגבוקלאַנד. די באַגייסטערונג איז געווען געוואַלדיק; מיר האָבן אַנגעצונדן שטורקאַצן, מיר האָבן געזונגען, מיר האָבן געטאַנצט יענע גאַנצע נאַכט און האָבן אַפילו נישט געפּרוווט שלאָפן. פאַר־טאָג זענען די יידישע לעגיאָנען אַרויס פון ענגלאַנד דורך דאָוור קיין שער־בורג. אויף אונדזער דורכמאַרש אין פראַנקרייך, האָבן די פראַנצויזן נישט פאַרשטאַנען ווער עס זענען אָט־די זעלנער און וואָס באַדייטן אָט־די בלוי־ווייסע פענער? די יידישע שפּראַך איז פאַר זיי געווען פאַרדעכטיק. איינע פון די שיפן — די מיט וועלכער איך בין געפאָרן — האָט געפירט פון טאַ־רענטאָ (איטאַליע) קיין ארץ־ישראל וואָסערע צוויי טויזנט יידן, באַוואָפנטע מיט ביקסן און גרייטע צום קאַמף פאַר זייער פאָטערלאַנד. איין נאַטירלעך געפיל איז אויפגעשטיגן אין די הערצער פון די יידישע זעלנער: „בצאתי ממצרים" (ווען איך בין אַרויס פון עגיפּטן). דעמאָלט האָבן מיר נאָך נישט געוווסט קיין איינצלהייטן וועגן דער מאָביליזאַציע אין לאַנד. ערשט אין עגיפּטן האָט אונדז דערגרייכט אַ שמועה וועגן דעם ארץ־ישראלדיקן לעגאָן, וועלכער האָט געלאַגערט נאָענט פון אונדז — אין חלמיה. אונדז, די אַמע־ריקאַנער און ענגלענדער, האָט מען איינקוואַרטירט אין תל־אל — כביר. דער אויסערלעכער אונטערשיד צווישן דעם אַמעריקאַנער לעגיאָן און צווישן דעם ארץ־ישראלדיקן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויף די אַרבל פון אונדזערע מאַנטלען זענען געווען אויסגענייט רויטע מגן־דודס און אויף די אַרבל פון די ארץ־ישראלדיגע — בלויע.

אין מאָנאַט אב זענען מיר געקומען, מיר אַמעריקאַנער, קיין תל־אל־כביר; ווייצמאַן איז דעמאָלט געווען אין מצרים. די העלפט פון ארץ־ישראל איז שוין געווען אין די הענט פון די ענגלענדער. אין דער גרעסטער געהיי־מעניש האָט מען אונדז דערציילט, אַז סוכות וועט איינגעאָרדנט ווערן די גרויסע אָפּענסיווע אויף די טערקן. וועלן מיר זיך באַטייליקן אין איר? — דאָס איז געווען אַן ערן־פראַגע. מיר האָבן געשיקט דעלעגאַציעס צום מילי־טערישן קאָמאַנדאַנט מיט דער ביטע אונדז צו באַטייליקן אין אָט־דער אַק־

ציע. אָבער דער הויפּט־קאָמאַנדאַנט פון דעם ענגלישן מיליטער האָט געהאַט אַן אַנדערע באַציאונג, אָדער אַן אַנדערן חשבון. בלויז הונדערט מענטשן פון צווישן די מיליטערישע וועטעראַנען, וועלכע זענען אויסגעקליבן געוואָרן צווישן די אַמעריקאַנער און ענגלישע יידן, זענען געשיקט געוואָרן אויפן פראָנט און זיי האָבן זוכה געווען זיך צו באַטייליקן אין דער שלאַכט פון חשוון תרע״ט. נאָכדעם זענען אויך אַריבערגעפירט געוואָרן די איבעריקע לעגיאָנען אין לאַנד אַריין.

די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע פֿונעם ישוב

די שטרעבונג פֿון דער פֿאַראייניקונג פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. — די קאָנפֿערענץ פֿון פּועלי־ציון און די גרינדונג פֿון „אחדות העבודה“

אַלס פּועל־יוצא פֿון דער פֿאָלקסטימלעכער באַוועגונג פֿון דער פֿרייוויליקער מיליטערישער מאָביליזאַציע איז פֿאָרגעקומען אַ טיפֿע זעלישע אויפֿטרייסלונג אין די הערצער פֿון די מענטשן פֿונעם ישוב, וועלכע האָט צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר דער דורכפֿירונג פֿון צוויי שטרעבונגען, וועלכע עס האָבן געהאַט די מענטשן פֿון דער צווייטער עליה שוין פֿון לאַנג, אָבער אָן דערפֿאָלג. איצט זענען די זעלבע דערגאַנגען ביז צום שטאַפּל פֿון דער פֿאַרווירקלעכונג אין לעבן: א) די אָרגאַניזירונג פֿון דעם ישוב אַלס איין נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפֿט; ב) די אָרגאַניזירונג פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס אין איין געזעלשאַפֿטלעכער איינהייט.

דער געדאַנק וועגן דער פֿאַראייניקונג פֿון דעם גאַנצן ישוב אין איין אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע איז שוין רייף געוואָרן זינט אַ לענגערער צייט. דער ערשטער פּרוּוו איז זיינערצייט געמאַכט געוואָרן דורכן פֿאַרשטאָרבענעם מ. אוסישקין, נאָך אין די טעג פֿון הערצלען, אין דער צייט פֿון דעם ציוניסטישן אוגאַנדאַ־קאָנגרעס, דווקא צוליב דער קעגנערשאַפֿט פֿון אוסישקינען צום אוגאַנדיזם.

אין זכרון יעקב האָט זיך פֿאַרזאַמלט דער ערשטער כּינוס פֿון דעם ישוב זומער תרס״ג (1903) און אין דער זעלבער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרן די לערער־אָרגאַניזאַציע, דער ערשטער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין אין לאַנד. אָבער די אָרגאַניזאַציע פֿון דעם ישוב האָט נישט אויסגעהאַלטן לאַנג. צוליב מאָטיוון אויף וועלכע עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן, איז זי פֿאַרדאַרט געוואָרן אַזוי גיך ווי זי איז אויפֿגעקומען און בלויז די לערער־אָרגאַניזאַציע האָט געפֿונען פֿאַר זיך אַ פֿרוכפּערדיקן באָדן און זי האָט דעראָבערט איר פּלאַץ ביז צום היינטיקן טאָג. פֿון דעמאָלט אָן איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום ממשותדיקער פּרוּוו, אונטער דעם אָטאָמאַנישן רעזשים, אויפֿצולעבן די אָרגאַניזאַציע פֿונעם ישוב פֿון לאַנד, ביז צו די טעג פֿון דער בריטישער אָקופּאַציע. נאָך דער באַפֿרייאונג פֿון ירושלים דורך דעם בריטישן מיליטער, חנוכה תרע״ח, איז געגרינדעט געוואָרן דורך די בעסטע

עסקנים פֿונעם ישוב אַן איניציאַטיוו־קאָמיטעט,ביים אָנפאַנג פֿון יאַנואַר 1918. אָט־ דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו פֿאַרופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון פֿאַרטרעטער פֿונעם ישוב, וועלכע איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען צוגרייטונגס־פֿאַרזאַמלונג און דער זעלבער איז איבערגעגעבן געוואָרן צוצוגרייטן די אויפֿשטעלונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿונעם ישוב אויף דער באַזע פֿון אַלגעמיינע וואַלן. פֿון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער קאָמיטעט פֿונעם ישוב, אין וועלכן עס האָבן פֿאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ צווישן די איבעריקע קלאַסן, אויך די פֿאַר־טרעטער פֿון די אַרבעטער, דאָס הייסט די פֿאַרטרעטער פֿון ביידע פּאַרטייען וואָס האָבן עקזיסטירט אין יענער עפּאָכע: פּועלי־ציון און הפּועל־הצעיר. אויך די באַזונדערע אַקטיוויטעט פֿון דער אַרבעטער־געזעלשאַפֿט פֿאַר דער פֿריי־וויליקער מעלדונג אין מיליטער האָט אַרויסגעהויבן די געזעלשאַפֿטלעכע וואָג פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד, ווי עס איז ביז דעמאָלט קיין מאָל נישט אַרויסגעהויבן געוואָרן. און עס איז נישט קיין צופֿאַל וואָס די אָרגאַניזירונג פֿון דעם יידישן ישוב אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן דווקא אין דער עמער־גענץ־צייט, אין די טעג פֿון מאָביליזאַציע פֿאַר דער אַרמיי און דער גרינדונג פֿון דעם יידישן לעגיאָן. עס איז דאָ אַ אינערלעכער צוזאַמענבונד צווישן ביידע דערשיינונגען: צווישן דער אָרגאַניזירונג פֿון אַ יידישן מיליטערישן כוח צו באַטייליקן זיך אין דער שלאַכט, פּלייצע ביי פּלייצע מיט די איבע־ריקע אַליאירטע פֿעלקער, און צווישן דער גרינדונג פֿון קעמערלעך פֿאַר דער אינערלעכער זעלבסט־הערשאַפֿט אין בירגערלעכן לעבן. איין באַשטימונג און איין צוועק איז געשטאַנען פֿאַר די אויגן פֿונעם ישוב — צו דערשיינען ווי איין פֿאָלק, וועלכעס שטרעבט זיך נאַציאָנאַל צו באַפֿרייען פֿון די שקלאַפֿן־קייטן און פֿון דער דערנידעריקונג, ווי אַ פֿאָלק וועלכעס שטרעבט צו זעלבסט־שטענדיקייט און עס איז גרייט צו פֿאַרגיסן זיין בלוט פֿאַר דער זעלבער.

די צוגרייטונגס־פֿאַרזאַמלונג האָט אויסגעקליבן אַ צייטווייליקן קאָמי־טעט, בכדי ער זאָל אויסאַרבעטן אַ רעגלאַמענט פֿאַר דער גרינדונגס־פֿאַר־זאַמלונג. די צווייטע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג האָט זיך פֿאַרזאַמלט אין יולי 1918 און נאָך דער באַפֿרייאונג פֿונעם גליל איז פֿאַרופֿן געוואָרן די דריטע פֿאַרזאַמלונג, ט״ו טבת תרע״ט, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט 114 דעלעגאַטן פֿון אַלע פּונקטן פֿונעם לאַנד און אין איר זענען געווען פֿאַר־טראָטן צום ערשטן מאָל אויך די רעפּרעזענטאַנטן פֿון די יידישע לעגיאָנען, בן־גוריון און איך.

עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דער ענין פֿון דער אַלגעמיינער אָר־גאַניזאַציע פֿונעם ישוב האָט פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין די לאַגערן און אינעם לעבן פֿון דעם ארץ־ישראלדיקן לעגיאָן — פֿון די פּאַקטישע ביר־גער פֿון דעם ישוב. דאָס איז געווען איינע פֿון די וויכטיקע טעמעס, וועלכע האָט געגעבן אַן אינהאַלט אויך דעם לעבן פֿון דער סאָלדאַטן־געזעלשאַפֿט פֿון די פֿרייוויליקע פֿון אויסלאַנד, וועלכע האָבן באַטראַכט זיך אַליין אַלס

מעגלעכע בירגער און שותפים צום ישוב, אַזוי ווי זיי האָבן געשטרעבט זיך אַנצושליסן אין דעם זעלבן נאָך זייער באַפרייאונג פונעם מיליטער.

אַ נישט ווייניקער וויכטיק אָרט האָט פאַרנומען דאָס פּראָבלעם פון דער פאַראייניקונג און צונויפשליסונג פון דער אַרבעטער־גזעלשאַפט, צו וועל־כער עס האָבן זיך גערעכנט, אָדער צו וועלכער עס זענען געווען נאָענט, דער גרעסטער טייל פון די סאָלדאַטן פון די יידישע לעגיאָנען.

דאָס קאַפּיטל פון די יידישע לעגיאָנען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרנעמט אַ באַזונדערן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון אונדזערע טעג און איך באַריר דאָס זעלבע אין אַט־דעם בוך פון מיינע מעמואַרן בלויז פאַרבייגייענ־דיק. דעריבער וועל איך זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונדז אויפן וועג אין לאַנד אַריין, אין תל־אל־כביר און חלמיה אין מצרים און בשעת די ערשטע שריט אין לאַנד, אין סאַראָפאַנד, רפיח, אל־אריש און אין חיפה. איך וועל נישט באַרירן דאָס געראַנגל, וואָס איז גע־פירט געוואָרן דורך די בעסטע פון אונדזערע חברים פונעם ארץ־ישראלדיקן לעגיאָן מיט דער מיליטערישער מאַכט צוליב דעם ציוניסטישן אינהאַלט און דער נאַציאָנאַלער פאָרם פונעם לעגיאָן און אויפן אינערלעכן פּראָנט וועל איך אויך נישט באַרירן דעם קאַמף מיט די ציוניסטישע אַנשטאַלטן וועגן די רעכט פון די סאָלדאַטן פון די לעגיאָנען וואָס זענען געקומען מחוץ־לארץ (היינט וואָלט מען זיי אָנגערופן ג״ל — מאָביליזירטע פון חוץ־לארץ) צו פאַרבלייבן אין לאַנד און זיך איינצושליסן אינעם ישוב. איך וועל מיך אויך נישט אָפּשטעלן אויפן דראַמאַטישן קאַפּיטל, וועלכעס איז פאַרגעקומען אין רפיח, ווען דער גאַנצער לעגיאָן האָט געשטרייקט קעגן דעם באַפעל עס זאָל אָוועקגעשיקט ווערן אַ טייל פון אונדז קיין עגיפּטן און ציפּערן, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ באַרעכטיקטן חשש, אַז הינטער דעם פּרוּוו באַהאַלט זיך אויס די פּיינטלעכע אָפּזיכט צו דערווייטערן אונדזערע לעגיאָנען פונעם לאַנד.

אין דעם מדבר פון עגיפּטן האָבן מיר זיך געטראָפן און דאָרטן איז געשאַפן געוואָרן, ביי דער געלעגנהייט פון אַט־די טרעפונגען, דער הינטער־גרונט פאַר דער פאַראייניקונג פון די אַרבעטער פון ארץ־ישראל — די „אחדות העבודה״. די פּאַרטיי־אונטערשידן זענען פאַרווישט געוואָרן און זענען בטל געוואָרן אינעם לעגיאָן. מיר האָבן געפילט, אַז די לעגיאָנען קו־מען נישט נאָר איינצונעמען דאָס לאַנד, נאָר אויך די אַרבעט אין דעם זעלבן.

זינט דעם אָנפאַנג פון דער צווייטער עליה — דער אַרבעטנדיקער עליה — האָט געשוועבט אינעם אַרבעטער־לאַגער דער געדאַנק וועגן דער פאַראיי־ניקונג און צונויפשליסונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד אין איין ראַמען. עס איז אַ פאַקט, אַז אַט־דער געדאַנק, וועלכער איז געבוירן געוואָרן נאָך ביים אָנהויב פון דער צווייטער עליה און ער האָט נישט געהאַט קיין מזל אין די פרידנס־טעג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז רייף געוואָרן און פאַרווירקלעכט געוואָרן דווקא אין די מיליטערישע לאַגערן. דאָ, אין די מיליטערישע לאַגערן פון עגיפּטן און דעם ווייטן נגב, האָבן זיך צוזאַמענגע־

טראָפן די אַרבעטער פון ארץ־ישראל פון די פאַרשידענע ריכטונגען אין מי־ליטערישע אוניפאָרמען, צווישן זיי אַלע אָנפירערס פון פועלי־ציון, כמעט אַלע ותיקים פון „השומר" און אַ טייל פון די מנהיגים פון די אומפּאַרטיי־אישע אַרבעטער און אויך פון די מענטשן פון הפּועל־הצעיר. דאָ האָבן זיך געטראָפן אין איין געצעלט, אין איין אָפּטיילונג, די פירערס און די מענטשן פון דער שורה. אין מדבר איז אויך געפונען געוואָרן אַ בעסער׳ע שטימונג צו מאַכן אַ חשבון הנפש און די הערצער האָבן זיך געעפנט. יעדנפאַלס איז עס אַ פאַקט, אַז אויב זיי זענען אַריינגעטראָטן אינעם לעגיאָן צעטיילטע, יעדער איינער מיט זיין פאָן, זענען זיי פון דאָרטן אַרויס מער פאַראייניקטע.

אין די זאַמדן פון תל־אל־כביר און חלמיה האָבן זיך געטראָפן די פריי־וויליקע פון ארץ־ישראל מיט די יידישע פרייוויליקע פון די אַמעריקאַנער און ענגלישע לעגיאָנען. דאָ איז צייטיק געוואָרן דער געדאַנק, אַז מען קען מער נישט אָפּלייגן די פאַרווירקלעכונג פון דער צוזאַמענשליסונג און אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן אַז עס איז געקומען די פּאַסיקע צייט פאַר דעם. די כוונה איז פון אָנהויב געווען צו אַ פולשטענדיקער פאַראייניקונג פון אַלע ריכטונגען אין די ראַמען פון איין אָרגאַניזאַציע און פּאַרטיי. אָבער אַט־דער געדאַנק איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן פולשטענדיק און דאָס וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן, איז נישט דערגרייכט געוואָרן אויף איין מאָל. נאָכדעם ווי מיר זענען אַריבער קיין ארץ־ישראל און מיר זענען איינקוואַר־טירט געוואָרן אין סאַראַפענד און רפיח און עס איז אונדז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט זיך צונויפצוטרעפן מיט חברים פון אויסער דעם מיליטער — איז קלאָר געוואָרן אַז עס וועט נישט מעגלעך זיין צו פאַרווירקלעכן אַ פולשטענדיקע פאַראייניקונג. מיר האָבן באַשלאָסן זי דורכצופירן אין צוויי עטאַפּן. צוערשט איז געגרינדעט געוואָרן די פולע פאַראייניקונג פון דער פּאַר־טיי פועלי־ציון מיט די אומפּאַרטייאישע און מיט אַ טייל פון הפּועל־הצעיר און ערשט אין אַ יאָר אַרום איז געקומען דער צווייטער שטאַפּל — די גרינ־דונג פון דער הסתדרות.

***

איך וועל איבערהיפּן אַלע איבעריקע זאַכן און וועל דערציילן וועגן דער דרייצנטער קאָנפערענץ פון די פועלי־ציון, אויף וועלכער די פּאַרטיי איז געשפּאָלטן געוואָרן, ווייל עס איז געשאַפן געוואָרן די אחדות־העבודה אין איינציקע טעג אַרום נאָך דעם.

פאַרצייכענענדיג די וויכטיקסטע זאַכן אין אַט־דעם קאַפּיטל, באַהעלף איך מיך מיט די פּראָטאָקאָלן פון דער דרייצנטער קאָנפערענץ, וועלכע זענען צום גליק אויפגעהיט געוואָרן אינעם אַרבעטס־אַרכיוו.

דאָס איז געווען דער לעצטער אַקט פון דער פּאַרטיי פועלי־ציון — די שליסונגס־קאָנפערענץ פון דער זעלבער.

אין דעם אינהאַלט פון דעם ערשטן זאַמלבוך פון „אחדות העבודה" (יפו

תרע״ט), האָט באַדאַרפט אַריינקומען אויך דאָס קאַפּיטל „די דרייצנטע קאָנ־פערענץ פון פּועלי־ציון״, אָבער „צוליב נישט פאַרויסגעזעענע סיבות״, ווי עס האָט צוויסן געטאָן די רעדאַקציע, איז מען געצוווּנגען געוואָרן אויסצולאָזן פון דעם זאַמלבוך דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון, דעם אַרטיקל פון בן־גוריון „דער נאַציאָנאַלער רעזשים פון די יידן אין ארץ־ישראל״ און דעם אַרטיקל פון בן־צבי „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין חוץ־לארץ״. די רעדאַקציע האָט צוגעזאָגט צו געבן דאָס אַלץ אין די קומענדיקע זאַמל־ביכער, אָבער זי האָט נישט געהאַלטן אָט־דעם צוזאָג. אין „האדמה״, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין מאָנאַטלעך דורך דער „אחדות־העבודה״ אונטער דער רעדאַקציע פון י. ח. ברענער, איז אַפילו יאָ גע־דרוקט געוואָרן מיין אַרטיקל „פון די ראַנדן פון מערב״, אַן איבערבליק איבער דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע אין דער עמערגענץ־תקופה (אין באַנד א׳, זייט 110) אָבער די פּראָטאָקאָלן זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן און זיי ווערן אָפּגעהיט אין דעם אַרבעטס־אַרכיוו.

איינציקאַרטיק איז געווען אָט־די קאָנפערענץ, וועלכע איז זיך צוזאַמענ־געקומען פרייטיק, כ״א אדר תרע״ט, און זי האָט זיך געצויגן ביז מאָנטיק, כ״ד אדר און ווייטער. איינציקאַרטיק מיט איר צונויפשטעל און צוועק. 57 דעלעגאַטן האָבן זיך אין איר באַטייליקט (אויסער געסט), אַ העלפט פון זיי סאָלדאַטן אין אוניפאָרמען פון די דריי יידישע לעגיאָנען וואָס האָבן געלאַ־גערט אין לאַנד: דער לעגיאָן ל״ט, מ׳ און מ״ב פון די קעניגלעכע שיסערס, וועלכע זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון ארץ־ישראלדיקע פרייוויליקע פון איין זייט, און פון אַמעריקאַנער פרייוויליקע, פון דער צווייטער, און פון פאַרטרעטער פון דעם לעגיאָן ל״ח, גרעסטנטיילס צונויפגעשטעלט פון ענג־לישע יידן.

צווישן די מענטשן פונעם אַמעריקאַנער לעגיאָן האָבן זיך אַרויסגעהויבן צוויי קערנער: א) ארץ־ישראלדיקע חברים, וואָס זענען ביים אָנהויב פון דער מלחמה פאַרטריבן געוואָרן פון דעם לאַנד, אָדער סטודענטן, געבוירענע אין לאַנד, וועלכע האָבן געלערנט אין די אוניווערזיטעטן, צום ביישפּיל אסף גור (גראַזאָווסקי) און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך איצט אומגעקערט אינאיינעם אַלס פרייוויליקע, און ב) די מיטגלידער פון „החלוץ״. די צאָל חברים אין דעם ארץ־ישראלדיקן קערן האָט איבערגעשטיגן די הונדערט, און אויך פון „החלוץ״ האָבן זיך פרייוויליק געמעלדעט לערך הונדערט, און אָט־די חברים זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן געענטפערט אויף אונדזער רוף זיך צו מאָביליזירן אין דעם ישראל־לעגיאָן צו קעמפן פאַרן פאָטערלאַנד און צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך טויזנטער. די חברים פון ארץ־ישראל און פון „החלוץ״ זענען באַזונדערס אַקטיוו געווען אין יעדער געזעלשאַפטלעכער און עפנטלעכער איניציאַטיווע אין דעם לאַגער; זיי זענען עס אויך געווען די

וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן צו דער קאָנפערענץ; צווישן זיי זענען אויסגעקליבן געוואָרן עטלעכע דעלעגאַטן און אַנדערע פון זיי זענען געקומען ווי געסט צו דער דרייצנטער קאָנפערענץ. די צאָל פון די אַמעריקאַנער פרייוויליקע האָט דעמאָלט דערגרייכט ביז לערך 2.000 *) און אַ העלפט פון זיי זענען געווען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון, וועלכע איז געווען זייער אַנזעעוודיק אין דער מאָביליזאַציע. זי איז געווען די ערשטע, אויב נישט די איינציקע, וועלכע איז דערשינען אָפן אונטער איר אויפגעהויבענער פאָן, מיט אירע מנהיגים אָן דער שפּיץ. און ווירקלעך זענען געווען צווישן די ערשטע פרייוויליקע אין אַמעריקע צענטראַלע פיגורן, ווי גרשון אברונין, וועלוול שוואַרץ, פּנחס גינגאָלד, צבי רוזן, מתתיהו קרעמער, אליעזר מר־חיים,ביידע גאָלדמאַנס און צענדליקער און הונדערטער אַנדערע חברים פון דער ריי און אויך אַזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון סניפים און האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי. **) זיי האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט פּראָפּאַגאַנדע דורך ווערטער, נאָר זיי האָבן געוויזן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע מיט זייער מאָביליזאַציע.

די צאָל פון די חברים — מיטגלידער פון דער פּאַרטיי פון אַלע אויסלענדישע לעגיאָנען — איז געווען לערך טויזנט מאַן ***). אויך צווישן די סאָלדאַטן פון דעם לעגיאָן ל״ח ****) זענען געווען מיטגלידער פון פּועלי־ציון, אָבער זייער צאָל איז געווען אַ קליינע. אַזוי דאַרפן דערמאָנט ווערן אויך די קליינע אָפּטיילונגען פון אַרגענטינע, וואָס אויך דאָרטן האָבן די חברים פון פּועלי־ציון געשפּילט אַן אנטשיידנדיקע ראָל און אויך צווישן זיי זענען

*) דערנאָך זענען צוגעקומען נאָך וואָסערע 3.000 מאַן, אָבער אין צווישן האָט זיך אָנגעהויבן דער וואָפנשטילשטאַנד און דעריבער זענען איבערגעריסן געוואָרן די מיליטער־טראַנספּאָרטן און פיל פון די לעצטע זענען אינגאַנצן נישט אָנגעקומען אין לאַנד אַריין.

**) איך בעט פאַראויס אַנטשולדיקונג ביי אַלע חברים, וועלכע איך האָב נישט דערמאָנט ביים נאָמען, ווייל איך האָב נישט ביים האַנט קיין פאַרצייכענונגען. איך באַנוגן מיך מיט די נעמען פון עטלעכע פון זיי, מיט וועלכע איך האָב מיך צוזאַמענגעטראָפן ביים מיליטער אין איין מחיצה.

***) איך וועל דערמאָנען צווישן די זעלנער פון אונדזערע לעגיאָנען די בעסטע אָפיצירן: קאַפּיטאַן דזשייקאָבס און קאַפּיטאַן לוי, וועלכע האָבן ביידע פאַרלאָרן זייערע לעבנס אין דעם באַקאַנטן אויפרייס פון דעם האָטעל „דוד המלך״, ווי אויך עדווין סעמועל און דער מאַיאָר דזשעימס ראָטשליד. צווישן די קאָראַנעלן דערמאָן איך: אליעזר מאַרגאָלין, פרעד סעמועל, פּאַטערסאָן און סקאָט. צווישן די נישט־ענגלענדער דאַרף דערמאָנט ווערן זאב זשאַבאָטינסקי און אויך דער סאָלדאַט ספּערלינג, צווישן אַנדערע — אַלע היינט שוין געשטאָרבן. זכרונם לברכה.

****) זשאַבאָטינסקי האָב ליב געהאַט זיי אָנצורופן אין שפּאַס מיטן צונאָמען „מיינע שניידערלעך״.

אויסגעקליבן געוואָרן דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ. אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז די אויגן פון אַלע סאָלדאַטן זענען געווען געווענדעט צו דער קאָנפערענץ פון פועלי־ציון און צו דער קאָנפערענץ פון אחדות־העבודה, וועלכע האָט זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען נאָך דער זעלבער. זיי האָבן דערוואַרט אַ וואָרט פון אויסלייזונג וואָס זאָל קומען פון דאָרט און אויך עס זאָל זיך עפענען אַ וועג פאַר דער לייזונג פון זייער פערזענלעכן פּראָבלעם. טויזנטער סאָלדאַטן פון צווישן די פרייוויליקע האָבן געגאַרט און געהאָפט צו פאַרבינדן זייער צוקונפט און זייער שיקזאַל מיטן גורל פון ארץ־ישראל.

עס איז איבעריק צו זאָגן וואָס אַט־די קאָנפערענץ איז געווען פאַר די ארץ־ישראלדיקע פרייוויליקע, וועלכע האָבן געציילט וואָסערע טויזנט מאַן, דער גרעסטער טייל פון זיי אַרבעטער און אַ מינאָריטעט פון פויערשע זין און סטודענטן פון די שולן פון יענע טיילן פונעם לאַנד, וואָס זענען איינגענומען געוואָרן דורך די ענגלענדער, און צו זיי דאַרף מען נאָך צוגעבן אַ צאָל פון „טערקישע יידן" פון דער טערקישער אַרמיי, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און זענען באַפרייט געוואָרן אונטערן באַדינג זיך אָנצושליסן אָן די לעגיאָנען. אַלע האָבן אַרויסגעקוקט אויף די רעזולטאַטן פון די קאָנפערענצן פון פועלי־ציון און פון אחדות־העבודה.

די קאָנפערענץ איז דערעפנט געוואָרן דורך דעם חבר דוד בלאָך (אפרים בלומענפעלד), וועלכער האָט געגעבן אַן איבערבליק וועגן דער סיטואַציע פון דער פּאַרטיי אין לאַנד און פון דער באַוועגונג איז אויסלאַנד. נאָך אים האָב איך גערעדט אין נאָמען פון די לעגיאָנען און האָב מיך אָפּגעשטעלט אין מיינע ווערטער אויף דער ראָל פון אַט־דער קאָנפערענץ, וועלכע דאַרף דינען פאַר אַן איבערגאַנג פון אַ פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע צו אַן אָרגאַניזאַציע פון דעם גאַנצן קלאַס (זע די הוספה צו דעם קאַפּיטל). נאָך מיין וואָרט זענען פאָרגעקומען די וואַלן פון אַ פּרעזידיום, אַלס וועמענס מיטגלידער עס זענען באַשטימט געוואָרן די פאָלגנדיקע דריי: י. בן־צבי, ד. בן־גוריון און יזרעאלי — אַלע פון צווישן די פרייוויליקע פונעם אַמעריקאַנער לעגיאָן. עס איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַ סעקרעטאַריאַט און קאָמיסיעס פאַר רעזאָלוציעס און מאַנדאַטן.

ביים אָנהויב פון דער צווייטער זיצונג האָט א. בלומענפעלד אָפּגעגעבן אַ פולן באַריכט וועגן די טעטיקייטן פון דער צענטראַלע אין לאַנד אין פאַרלויף פון די פערטהאַלבן מאָנאַטן זינט דער ענגלישער באַזעצונג. נאָך אים האָט צוגעגעבן ד. בן־גוריון אַ באַריכט וועגן די געשעענישן אין די לעגיאָנען צו פאַרזיכערן די צוגרייטונג פון זייערע מיטגלידער פאַר דער לאַנדווירטשאַפט און די הכנות פאַר זייער קאָלאָניזאַציע נאָך דער באַפרייאונג, ווי אויך אַן אויפקלערונג וועגן די ענינים פונעם „השומר". דער חבר האמפעל האָט איבערגעגעבן אַ פינאַנציעלן באַריכט און דער חבר האַרצפעלד — אַ באַריכט פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע.

די דריטע זיצונג איז דערעפנט געוואָרן מיטן רעפעראַט פון ד. בן־

גוריון וועגן דער פאַראייניקונגס־פּראָבלעם, אין וועלכן ער האָט געמאַכט אַן אַלגעמיינעם אַנאַליז פון דער פּאָליטישער סיטואַציע און האָט אָנגעצייכנט דעם וועג פאַר דער פאַראייניקונג.

דער פאָרשלאַג פאַר דער פאַראייניקונג און די פּראָגראַם פאַר דער נייער פּאַרטיי איז פּאַקטיש פאָרגעבראַכט געוואָרן דורך אונדז ביידע, וואָס מיר האָבן רעפּרעזענטירט אויך פאָרמעל די פּאַרטיי פּועלי־ציון אין דער איני־ציאַטיוו־קאָמיסיע. נאָכדעם זענען געקומען אויספּירלעכע דעבאַטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן וואָסערע צוויי טעג, און עס האָבן זיך באַטייליקט אין זיי אַ סך רעדנער. *)

אין די דעבאַטן האָבן זיך די רעדנער צעטיילט אויף צוויי צדדים, פאַר און קעגן, אָבער צום סוף איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק אַ פּרינצי־פּיעלער באַשלוס פאַר דער גרינדונג פון אַן אַרבעטער־פאַראייניקונג, אַלס איינציקע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, לויטן פאָרשלאַג וואָס עס האָט געבראַכט די רעזאָלוציע־קאָמיסיע, וועלכע איז געווען צוזאַמענגעשטעלט דורך די חברים רחל ינאית, שיין, כרמון, שמיט און י. בן־צבי.

וועגן דער פראַגע פון די לעגיאָנען **) האָט איינגעלייטעט דער חבר יעקב פּרוזשאַנסקי (היינט יעקב אחוה, אַ מיטגליד פון גבעת השלושה). אויפן טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען די פראַגע וועגן דער באַפרייאונג און דער גרינדונג פון אַ פּערמאַנענטן מיליטערישן גאַרניזאָן אין דער פאָרם פון יידי־שע איינהייטן. עס האָבן גערעדט אליהו גאָלאָמב, אברונין, גינגאָלד, קישע־

---

*) אָט־זענען די נעמען פון די חברים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעבאַטע פון אָט־דער שלוס־קאָנפערענץ: סמיט (פון אַמעריקע); חלדי, פון די אַקטיוויסטן פון דער פּאַרטיי אין לאַנד, וועלכער האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה עמיגרירט קיין רוסלאַנד און איז פאַרשלונגען געוואָרן דורך דער יעווסעקציע; שווייצער (ראשון לציון); יזרעאלי (אירזשאבסקי); מענטשעס, פונעם לעגיאָן, אַ פרייוויליקער פון אַרגענטינע; משה סלושטש (כרמון); ד״ר וואלדשטיין (געשטאָרבן ב׳ סיון תרצ״ב); אלקנה (אילת־השחר); ווילדאווסקי (פאראייניקטע שטאַטן); אליהו צפּרוני (אילת־השחר — געשטאָרבן ז׳ כסלו תש״ד); יוסף בן־ימיני (איז געפאַלן ביי דער פאַרטיידיקונג פון אביחיל); קרעמער (טאָראָנטאָ ־ קאַנאַדע); קויש (האָט פאַרלאָזט די פּאַרטיי, געפינט זיך איצט אין אַמעריקע); פעלדמאַן; אברהם האַרצ־פעלד; נטע גאָלדבערג (הרפז); מייזל; קאַנדעל (פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איצט אין ירו־שלים); ד״ר מעטמאַן־כהן (געשטאָרבן י״ז אדר תרצ״ט); גאָלדמאַן (פון די פאַראייניקטע שטאַטן); שיין (פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איצט געפינט ער זיך אין לאַנד); וויניק; קראַל, ד״ר י. נאָרמאַן (פון די פאַראייניקטע שטאַטן); ג. אברונים ז״ל (פון די פאַראייניקטע שטאַטן).

**) אין יענעם מאָמענט האָבן געציילט די דריי לעגיאָנען: דער ל״ח, דער ל״ט און דאָפּלטער לעגיאָן מ׳, וואָסערע 4.000 זעלנער, פון זיי צוויי טויזנט פון אַמעריקע, טויזנט פון ענגלאַנד און טויזנט פון ארץ־ישראל.

נאָווער, ד״ר גאלסמאַן, קרעמער, זשיטאָמירסקי, נאָרמאַן, צפרוני, מענטשעס, ד״ר וואַלדשטיין, חלדי, מעטמאַן־כהן, רחל ינאית, ד. בן־גוריון, י. בן־צבי, צבי לוביאַניקער, ישראלי. עס האָט רעזומירט ד. בן־גוריון.

פון אָט־דער שלוס־קאָנפערענץ זענען מיר תיכף אַריבערגעגאַנגען צו דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון אחדות־העבודה אין פתח־תקוה (כ״ו־כ״ט אדר תרע״ט), וועלכע האָט געעפנט אַ נייע פרשה אין דער געשיכטע פון אונדזער באַוועגונג אין לאַנד. אָט־די קאָנפערענץ האָט רעדאַגירט אירע אידעאָלאָגישע פרינציפּן און האָט פעסטגעשטעלט די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזעס פון דער נייער פּאַרטיי, וועמענס ציל עס איז געווען די קלאַסן־פּאַראייניקונג. און ווירקלעך איז מיט דער גרינדונג פון אחדות העבודה געשאַפן געוואָרן דער ערשטער באַזיס, דער פּאָר־שטאָפל, צו דערפּאַראייניקונג פון דעם גאַנצן קלאַס אין איין איינציקער אָרגאַניזאַציע. אָבער עס האָבן נאָך געדויערט נאָענט צו צוויי יאָר די אינערלעכע ראַנגלענישן, ביז מיר האָבן זיך גע־שטאַרקט איבער די זעלבע און די הסתדרות־העובדים הכללית (די אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע) איז געוואָרן אַ פאַקט, חנוכה תרפ״א (1920).

פון דאַנען הייבט זיך שוין אָן אַ נייער קאַפּיטל אין אונדזער באַוועגונג, די עפּאָכע פון דער דריטער עליה.

הוספות

וויכטיקע דאַטן

— די עליה פון דער זעלבסטשוץ־גרופּע, גרעסטנטיילס חברים פון פּועלי־ציון — חנוכה תרס״ד.
— די עליה אין לאַנד אַריין פון גראָדנע פון די ברידער ישראל און אליעזר שוחט — אדר תרס״ד.
— מיין ערשטע רייזע קיין ארץ־ישראל — תמוז־אלול תרס״ד (1904).
— ערשטער אַרבעטער־כנוס אין פּתח־תקוה אין דעם באַראַק פון יחזקאל כאַנקין — אלול תרס״ה (אויגוסט 1905).
— די עליה פון די ערשטע חלוצים פון פּלאָנסק — תרס״ה־תרס״ו.
— גרינדונג פון „הפועל־הצעיר״ — תשרי תרס״ו.
— גרינדונג פון די ערשטע קעמערלעך פון פּועלי־ציון אין ראשון לציון און אין גליל און דער ערשטער כנוס פון פּועלי־ציון אין לאַנד — אָנהויב תרס״ו — ענדע 1905.
— ראַיאָן־צוזאַמענפאָר פון די פּאַלעסטינער פּועלי־ציון אינעם קרייז פּאָל־טאַוואַ — רוסלאַנד, נאָוועמבער 1905.
— כנוס פון די פּועלי־ציון אין ראשון־לציון — חשון תרס״ו (נאָוו. 1905).
— גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין רוסלאַנד (פּאָלטאַווע) — י״ד אדר תרס״ו (1906).
— די עליה פון 30־35 מיטגלידער פון דעם זעלבסטשוץ אין ראָסטאָוו. — ענדע ווינטער 1906.
— די ערשטע־מאַי־פייערונג אין ארץ־ישראל (אין ירושלים און ראשון־לציון, מיט דער באַטייליקונג פון 50 חברים) — ו׳ אדר תרס״ו.
— שטרייק אין דער פאַבריק פון שטיין — 27סטן יולי 1906.
— פאַרגעקומען אַ הויז־זוכונג ביי מיינע עלטערן אין פּאָלטאַווע און זיי זע־נען אַרעסטירט געוואָרן — 27סטן יולי 1906.
— ד. בן־גוריון איז געקומען פון פּלאָנסק — אלול תרס״ו.
— דער כינוס אין יפו, אויף וועלכן עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן די אי־דעאָלאָגישע באַזעס (די פּלאַטפאָרם) פון די פּועלי־ציון — העלפט פון תשרי תרס״ז (1906).
— די פּראָגראַם פון רמלה — י״ח־כ׳ תשרי תרס״ז (1906).
— דער צווייטער כינוס אין יפו פאַר דער אויסאַרבעטונג פון דער פּראָגראַם (פון וועלכן עס איז נישט געבליבן קיין פּראָטאָקאָל) — י״ט־כ״ב טבת תרס״ז.

—דער שטרייק אין די ווייַנקעלערן פון ראשון־לציון — ווינטער תרס״ז.
—מיין פאַרלאָזן רוסלאַנד, בכדי עולה צו זיין אין לאַנד אַריין. — ט״ו אדר תרס״ז.
—עס איז אין ווין רעדאַגירט געוואָרן דער ערשטער מעמאָראַנדום צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דורך ש. קאַפּלאַנסקין מיט מיין באַטייליקונג — ענדע אדר תרס״ז.
—מיין עליה זיך צו באַזעצן אין לאַנד. איך בין אָנגעקומען קיין יפו. — ט״ו ניסן תרס״ז.
—די צווייטע קאָנפערענץ פון דער פאַרטיי פועלי־ציון אין ארץ־ישראל (אין „אָנפאַנג״ איז זי אָנגערופן געוואָרן „צוזאַמענפאָר״ און אין „פאָרווערטס״ — „אַלגעמיינע פאַרטיי־פאַרזאַמלונג״ — ה״־ז״ אין סיון תרס״ז (20 ביז 21 מאַי 1907).
—עס הויבט אָן צו דערשיינען ׳דער אָנפאַנג״ — תמוז־אלול תרס״ז.
—דערעפענונג פון דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון אין די טעג פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג — דינסטיק, י״ אלול תרס״ז (אויגוסט 1907).
—דערעפענונג פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג — מיטוואָך י״א אלול (14טן אויגוסט 1907).
—דעלעגאַטן־קאָנפערענץ אין יפו (אָט־די וויכטיקע קאָנפערענץ איז פאַרצייכנט געוואָרן אין „דער אָנפאַנג״ אונטערן נאָמען „דריטער פאַרטייטאָג״ און אויף אַן אַנדערן פלאַץ אַלס „צווייטע דעלעגאַטן־קאָנפערענץ״) צו מאַכן אַן אונטערצי פון דער וועלט־קאָנפערענץ און פונעם קאָנגרעס כ״ תשרי תרס״ח (28סטן סעפּטעמבער 1907).
—פאַרטיי־באַראַטונג אין יפו — ט״ו שבט (18טן יאַנואַר 1908).
—די גרינדונג פון ב״ג (בר־גיורא — דער קערן פון „השומר״) — כ״א־כ״ב תשרי תרס״ח. (29סטן ביז 30סטן סעפּטעמבער 1907).
—דער איבערפאַל פון די אַראַבער אויף די יידן אין יפו — י״ד אדר 1908.
—די צווייטע באַראַטונג פון פועלי־ציון אין ראשון־לציון — כ״־כ״א ניסן פון 1908.
—רחל ינאית איז אָנגעקומען אין לאַנד אַריין — ל״ג בעומר תרס״ח.
—די איבערקערעניש פון די יונג־טערקן און די פּראָקלאַמירונג פון דער קאָנסטיטוציע — כ״ד תמוז תרס״ח (5טן אויגוסט 1908).
—דער אָנפאַנג פון דער באַוועגונג אַנצונעמען די אָטאָמאַנישע בירגערשאַפט צווישן די פועלי־ציון אין ירושלים — זומער 1908.
—באַזונדערע באַראַטונג פון די פועלי־ציון אין ירושלים פאַר דער אויפקלערונג פון דער פּאָליטישער סיטואַציע נאָך דער איבערקערעניש — י״־י״ב אב תרס״ח (7טן ביז 9טן אויגוסט 1908).
—עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ביכער־פאַרלאַג „אחדות״.

—פינפטע קאָנפערענץ פון פועלי־ציון אין יפו — סוכות תרס״ט (10־טן אָק־טאָבער 1908).
—גענעראַל־שטרייק פון די דרוק־אַרבעטער אין ירושלים — חשון תרס״ט.
—ראַיאָן־באַראַטונג פון פועלי־ציון אין סעדזשערא (די פּראָטאָקאָלן ווערן אָפּגעהיט ביי מיר און אין דעם אַרבעטס־אַרכיוו — פסח תרס״ט.
—באַראַטונג פון דעם „השומר" אין מסחה, אויף וועלכער עס איז אָנגענו־מען געוואָרן די פּראָגראַם פונעם „השומר" — חול המועד פסח תרס״ט.
—דער מאָרד פון י. קאָרנגאָלד און ש. מלמד אין סעדזשערא — כ״א ניסן תרס״ט.
—דאָס אַראָפּוואַרפן פון דעם סולטאַן אַבדול האַמיד פון זיין טראָן — כ״ו ניסן תרס״ט (27טן אַפּריל 1909).
—דער ביכער־פאַרלאַג „אחדות" האָט אָנגעהויבן צו זיין טעטיק — זומער תרס״ט.
—די גרינדונג פון שיל״ה („שובה ישראל לארץ האבות") דורך יהושע און שושנה בוכמיל — תרס״ט (1908 - 1909).
—די פּאַרטיי־באַראַטונג אין ירושלים, אויף וועלכער עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער פּלאַן פאַר דער אַלגעמיינער פּאָליטישער אַקטיוויטעט אין דעם נייעם קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים — י״ג־ט״ו תמוז (2טן ביז 4טן יולי 1909).
—מיין רייזע איבער די טערקישע שטעט און די אָנקניפּונג פון באַציאונגען מיט די אָטאָמאַנישע אַרבעטער אין אַלגעמיין און מיט די יידישע אַר־בעטער ספּעציעל — האַלב אלול תרס״ט — סוף תשרי תרס״ע.
—די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פון די פועלי־ציון אין קראָקע, אויף וועל־כער עס איז געגרינדעט געוואָרן דער פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד (קפא״י — „קופת פועלי ארץ־ישראל") — דעצעמבער 1909.
—דער ניינטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין האַמבורג — י״ח טבת תר״ע (26סטן ביז 30סטן דעצעמבער 1909).
—מיין באַזוך אין בולגאַריע — מיטן יאַנואַר 1910.
—די זעקסטע קאָנפערענץ אין יפו, אויף וועלכער עס איז רעדאַגירט געוואָרן די פּראָגראַם וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דרוק — י״ד־ט״ו ניסן תר״ע.
—די דערשיינונג פונעם ערשטן נומער פון דער צייטונג „האחדות" — תמוז תר״ע (יולי 1910).
—פּאַרטיי־באַראַטונג אין יפו — ט״ו־י״ז תשרי תרע״א.
—דער מאָרד פון יחזקאל ניסאַנאָוו (אויפן וועג צווישן שרונה און בית־וגן) כ״ה שבט תרע״א.
—די זיבעטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין חיפה — י״ח־כ״ ניסן תרע״א, מיטן אַפּריל 1911.
—די פּאַרטיי־באַראַטונג אין אום־דזשוני — ט״ו ביז ט״ז ניסן תרע״א.

—די קאָנפערענץ פון די אַרבעטער אין יהודה (דעבאַטע וועגן קפא״י) — שבועות תרע״א.
—די דריטע וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון — ה״ ביז ט״ אב תרע״א.
—דער צענטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל — ט״ו ביז כ״א אב תרע״א (9טן ביז 15טן אויגוסט 1911).
—י. ח. ברענער איז אַריינגעטראָטן אין דער רעדאַקציע פון „האחדות״ — תשרי תרע״ב.
—מיין רייזע קיין קאָנסטאַנטינאָפּל צו שטודירן — ט״ז שבט תרע״ב.
—די אַכטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין חדרה — פּסח תרע״ב (אַפּריל 1912).
—מיין באַזוך אין לאַנד — סוף זומער תרע״ב און ווינטער תרע״ג.
—ראַיאָן־קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי אין יהודה — ד״ אלול תרע״ב (13טן אויגוסט 1912).
—קאָנפערענץ פון „השומר״ אין רחובות — אלול תרע״ב.
—דערעפענונג פון דער אַרבעטס־ביוראָ און קפא״י־אַמט אין יפו — ענדע תשרי תרע״ג (אָקטאָבער 1912).
—געמיינזאַמער מיינונגס־אויסטויש צווישן דער באַלקאַנישער פעדעראַציע און די פועלי־ציון פון ארץ־ישראל וועגן דער פאַרמיידונג פון אַ מלחמה אין דער צוקונפט — חשון תרע״ג.
—ניינטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין יפו — י״ח ניסן תרע״ג (ענדע אַפּריל 1913).
—די פערטע וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון אין קראָקע — כ״ב אב תרע״ג (25סטן אויגוסט 1913).
—דער עלפטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין ווין — ל׳ אב ביז ז׳ אלול תרע״ג (2טן ביז 9טן סעפּטעמבער 1913).
—די צענטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין פּתח־תקוה, סוכות תרע״ד (16טן אָקטאָבער 1913).
—מיין באַזוך אין סאַלאָניקאַ, בכדי צו מאָביליזירן יידישע ים־לייט און פישערס פאַר ארץ־ישראל — שבט תרע״ד (1914).
—אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — ט״ אב (אויגוסט תרע״ד).
—טערקיי טרעט אַריין אין דער מלחמה — יום־כפור תרע״ה.
—פּאַרטיי־באַראַטונג אין פּתח־תקוה (עס שיינט, לויטן מעמאָראַנדום פון קפא״י, אַז זי איז אויך באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען „עלפטע קאָנפערענץ״. די פּראָטאָקאָלן פון דער זעלבער ווערן אָפּגעהיט אינעם אַרבעטס־אַרכיוו) — סוכות תרע״ה (5טן אָקטאָבער 1914).
—דער אַרעסט פון מאַניאַ שוחט — י״ח כסלו תרע״ה 6טן דעצעמבער 1914).
—די פאַרטרייבונג פון די יידן, בירגער פון די פיינטלעכע לענדער, פונעם לאַנד — כ״ט כסלו תרע״ה (17טן דעצעמבער 1914).
—דער אַרעסט פון יהושע כאַנקין און ישראל שוחט — ג״ טבת תרע״ה (18טן יאַנואַר 1915).

—ס'איז דערשינען דער לעצטער נומער פון „האחדות", וועלכע איז געשלאָסן געוואָרן דורך דעם אָטאָמאַנישן מיליטערישן קאָמאַנדאַנט. — י"ג טבת תרע"ה (27סטן דעצעמבער 1914).
—מיין אַרעסט אין ירושלים — כ"ה שבט תרע"ה.
—אונדזער אַרעסט דורך דער פּאָליציי אין יפו — ה" ניסן תרע"ה.
—איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע — ה" סיון תרע"ה.
—חברים־באַראַטונג אין לאַנד. — י" שבט תרע"ו (1916).
—די פאַרזאַמלונג פון „השומר" אין תל־עדשים, אויף וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן וועגן אַקטיוויזם — זומער 1916.
—די עלפטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין מרחביה (פּראָטאָקאָלן אָפּגעהיט אין אַרבעטס־אַרכיוו) — ראש השנה תרע"ז (1916).
—די צוועלפטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין מרחביה (פּראָטאָקאָלן אָפּגעהיט אין אַרבעטס־אַרכיוו) — ערב ראש השנה תרע"ח (1917).
—באַלפור־דעקלאַראַציע — צווייטער נאָוועמבער 1917.
—די גרינדונג פונעם יידישן לעגיאָן אין אַמעריקע — ווינטער 1917־1918.
—באַראַטונג פון די פּאַרטיי־חברים פון ראשון־לציון, רחובות, נס־ציונה, באר־יעקב, פּתח־תקוה און יפו — באַריכט וועגן דער פרייוויליקער מאָבי־ליזאַציע — ה" אדר תרע"ח (1918).
—איך פאָר אַוועק מיטן יידישן לעגיאָן קיין קאַנאַדע — ח" סיון תרע"ח.
—פון ענגלאַנד קיין ארץ־ישראל מיט דעם יידישן לעגיאָן — העלפט אב תרע"ח.
—אין תל־אל־כביר — סוף אב ביז סוף תשרי תרע"ט.
—פּאַרטיי־באַראַטונג אין מחנים; אַ סכסוך מיט „השומר" (פּראָטאָקאָלן אָפּ־געהיט אין אַרבעטס־אַרכיוו) — ערב ראש השנה תרע"ט (1918).
—פּאַרטיי־באַראַטונג אין יהודה — ראש השנה תרע"ט.
—מיר קומען אָן אין לאַנד אַריין מיט די יידישע לעגיאָנען — ענדע תשרי תרע"ט.
—ערשטע פּאַרטיי־באַראַטונג, נאָך דער באַפרייאונג פון גליל, אין יפו (די וואַל פון אַ קאָמיטעט פאַר דער אויפקלערונג פונעם סכסוך מיט דעם „השומר" (פּראָטאָקאָלן אָפּגעהיט אינעם אַרבעטס־אַרכיוו). — כ"ו ביז ל" חשון תרע"ט.
—ערשטע פּאַרטיי־באַראַטונג נאָך אונדזער צוריקקומען מיטן לעגיאָן, אין וועלכער איך האָב מיך באַטייליקט אינאיינעם מיט בן־גוריונען (פּראָ־טאָקאָל אָפּגעהיט אין אַרבעטס־אַרכיוו) — כסלו תרע"ט (1919).
—צוגרייטונגס־פאַרזאַמלונג פון דעם ועד־הלאומי (נאַציאָנאַלער קאָמיטעט) מיט דער באַטייליקונג פון די פאַרטרעטער פון די לעגיאָנען — ט"ו טבת תרע"ט.
—די דרייצנטע קאָנפערענץ — די שלום־קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון — כ"א־כ"ג אדר תרע"ט.

—גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „אחדות־העבודה" אין פתח־תקוה — כ"ו ביז ל" אדר תרע"ט.

—שליסונגס־קאָנפערענץ פונעם „השומר" אין תל־עדשים — שבועות תרע"ט.

—די וועלט־קאָנפערענץ אין ווין און די באַנייאונג פונעם פאַרבאַנד פועלי־ציון אַלס ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע וועלט־פאַראייניקונג — אלול תר"פ־תשרי תרפ"א.

—גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות אין חיפה — כסלו תרפ"א.

—די איינבאַרופונג פון דער ערשטער דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג (אסיפת הנבחרים) — כ"ה תשרי תרפ"א (1920).

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

פאַרלאַג
פּועלי ציון־התאחדות

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה

אין צוגרייטונג:

11. בנימין וועסט — ציוניזם אונטער די סאָוויעטן
12. זלמן שזר — ליכט פון פערזענלעכקייטן
13. צבי ראָזענשטיין — די געשיכטע פון דער ישראלדיקער ארבע־טער־באַוועגונג
14. חיים גרינבערג — עסייען

Este libro se terminó de imprimir el día 4 de setiembre de 1956, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN, S. R. L. - Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires - Repúbl. Argentina.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
"Mapai", Israel

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por

Poale Sion Hitajdut

Departamento

EDICIONES "KIUM"

ITZJAK BEN-ZVI

CON LA SEGUNDA "ALIA"

(MEMORIAS)

BUENOS AIRES
1956